STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05704

SOVETN-FARBAND

Moissaye J. Olgin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. אָלגין

סאָוועטן - פאַרבאַנד

★

אַרויסגעגעבן פון דער
„מאָרגן־פרייהייט"
ניו יאָרק, 1944

THE SOVIET UNION

by M. J. Olgin

Copyright, 1944, by
The Morning Freiheit

209

PRINTED IN THE U.S.A.

אינהאַלט

זייט

פאָרוואָרט פון פ. גאָוויק — 5

די סאָוועטישע מלוכה:

עס וועט קומען אַ צייט — 13

ווער איז באַלעבאָס אין אַ רוסישער פאַבריק? — 17

די בויער — 23

דער קריג געגן צייט — 26

דער רוסישער פויער — 31

סאָוועטישער פּאַטריאָטיזם — 34

וואָס איז די פונקציע פון אַ מלוכה? — 39

בילדער און איינדרוקן:

פעטראָגראַד איז פוסט — 45

אַ גאַס אין מאָסקווע — 50

וואָס דערציילט אַ מאָסקווער גאַס? — 55

מאָסקווע, דאָס האַרץ פון רוסלאַנד — 61

דער ערשטער מאַי אין מאָסקווע — 65

מאָסקווער בילדלעך — 71

מאָסקווע וואַקסט — 75

מאָסקווער „סטראַי" — 81

דער 7טער נאָוועמבער אין מאָסקווע — 83

אין די זאַלן פון די צאַרן — 95

פרייד — 99

לענין און לעניניזם:

„לענין איז געשטאָרבן" — 107

ביים לענין-מאַוזאָלעי — 112

לענין, דער אידעאַל פון אַ רעוואָלוציאָנער — 116

די ראָל פון אַ רוסישן קאָמוניסט — 121

אַן ענטפער די קריטיקער — 124

זייט

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי — 127

דער קאָמסאָמאָל — 130

וואָס ווילן די מענשעוויקעס? — 133

פרעגט אים . . . — 139

אַבראַמאָוויטש'עס ערע — 142

וואָס עס לערנען אונז די רוסישע באָלשעוויקעס — 147

צו די וואַקלדיגע פריינט — 157

באַפרייטע אידן:

אין אַ סאָוועטישער אידישער קאָלאָניע — 163

אידן און ניט-אידן אין סאָוועטן-פאַרבאַנד — 169

דער איד איז אויפגעריכט געוואָרן — 174

ווער בויט די אידישע אויטאָנאָמע געגנט? — 179

נאַציאָנאַלע באַפרייאונג — 183

סאָוועטישע קולטור:

סאָוועטישע אינטעליגענץ — 191

די שרייבער און זייערע לייענער — 197

„אינזשענערן פון דער מענטשלעכער נשמה" — 203

שרייבער און פליער — 210

דער שרייבער און דאָס פאָלק — 215

אַרבעטער לערנען זיך צו ווערן שרייבער — 220

מענטשן:

אַ קינדערשער אינטערנאַציאָנאַל — 227

גרישקע פּיאָנער — 235

דער יונגער אַלטער — 241

מען לערנט — 247

באַגעגענישן — 252

באַפרייטע פרויען — 260

ליבע צווישן גלייכע — 268

קינדער אין מאָסקווער פּאַרק — 278

פאָרוואָרט

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָט וויצע־פּרעזידענט הענרי וואָלאַס געזאָגט אין זיין באַרימטער רעדע וועגן דעם „יאָרהונדערט פון דעם פאָלקס־מענטשן", איז געווען די דירעקטע פאָרזעצונג פון אַ ריי עפּאָכע־מאַכנדיגע אָנשטרענגונ־גען פון דעם פאָלקס־מענטשן פאַר אַ בעסער לעבן. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָט ער געזאָגט, פירט צוריק צו די רעוואָלוציעס אין אייראָפּע אין 1848, צו דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, צו דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע פון 1776.

אויפקלערן די באַדייטונג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע פאַר דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג איז אויף אַזאַ שטייגער אין אַ גרויסער מאָס אַן אַמעריקאַנער אויפגאַבע. דאָס איז, נאָכמער, אַן אַמעריקאַנער אויפגאַבע צוליב דעם, וואָס פון דעם בונד פון אַמעריקע און סאָוועטן־פאַרבאַנד הענגט אָפּ דער גורל פון ביידע לענדער, דער גורל פון דער מענטשהייט.

ווייניג אַמעריקאַנער האָבן אַזוי אויפגעקלערט די באַדייטונג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע פאַר אַמעריקע, פאַר די אַמעריקאַנער אידן, ווי דאָס האָט געטאָן ח. אַלגין. ווייניג מענטשן האָבן אַזוי באַקענט אַמעריקע מיטן לעבן, מיטן אינהאַלט, מיטן קאָליר, מיטן פּולס, מיטן גאַנצן עצם פון דער סאָוועטישער מלוכה.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געווען אַלגין׳ס געבורט־לאַנד, דאָס לאַנד פון זיינע יוגנט־יאָרן און פון די ערשטע גרויסע שטורמישע קאַמפן, אין וועלכע ער האָט זיך באַטייליגט. אַמעריקע איז געווען דאָס לאַנד, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן פאַר זיין היימלאַנד און וואו ער האָט פאַרבראַכט דעם גרעסערן טייל פון זיין לעבן אַלס פּירער און לערער. ער האָט ביידע לענדער אינטים געקענט און געליבט. איז ער געווען דער פאַסנדיגער „פאַרמיטלער" צווישן די צוויי לענדער.

אין 1920 האָט אָלגין ארויסגעגעבן אין ענגליש זיין בוך: „די נשמה פון דער רוסישער רעוואָלוציע". דאָ איז דער עיקר דערציילט געוואָרן וועגן דער רעוואָלוציע פון 1905. אין 1921, ווען ער איז צוריקגעקומען קיין אמעריקע פון זיין ערשטן וויזיט אין דער דעמאָלט יונגער אַרבעטער־רעפּובליק, האָט ער אָנגעשריבן אַ סעריע אַרטיקלען אין „פאָרווערטס", וואָס האָבן אנטפּלעקט דאָס אינעווייניגסטע, די נשמה, פון דער נייער סאָוועטישער אָרדענונג.

וועגן וואָס האָט אָלגין געשריבן אין דער דאָזיגער ערשטער סעריע סאָוועטישע אַרטיקלען זיינע? ווי עס זעען אויס די גאַסן אין פּעטראָגראַד, מאָסקווע, ניזשני־נאָוואָגאָראָד (גאָרקי), סאַרמאָווא. וואָס עס טוט זיך אויף די באַנען און „ווי עס פירט זיך אַ סאָציאַליסטישע פאַבריק". וואָס מען עסט און ווי מען טוט זיך אָן. וואָס ס'איז געוואָרן פון דער אינטעליגענץ און ווי אזוי אַרבעטער שטודירן. „ווי די סאָוועטן זיינען אָרגאַניזירט אין רוסלאַנד". „וואָס די רעוואָלוציע האָט אויפגעטאָן". ווי עס קוקט אויס די רויטע אַרמיי. ווי די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אָרגאַניזירט און „די פליכטן פון אַ רוסישן קאָמוניסט". „וואָס ווילן די מענשעוויקעס אין רוסלאַנד". אַן ענטפער די קריטיקער. „ווי אזוי די סאָוועטישע ווירטשאַפט ווערט געפירט". „ווי די רוסישע אינדוסטריע איז אָרגאַניזירט". די שטימונג צווישן די פּויערים. „דער נייער רוסישער פּויער". בילדער און צייכענונגען. טיפּן, באַגעגענישן און נאָך און נאָך — אַ סעריע, וואָס האָט זיך געצויגן אין „פאָרווערטס" אַן ערך דריי חדשים.

דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אָלגינ'ען — פאַר זיין פּאַרנעם, פאַר זיין ברייטן אינטערעס, פאַר זיין אַרבעטזאַמקייט, פאַר זיין וויסן, פאַר זיין מענטשלעכן צוגאַנג, פאַר זיין ליבע צו דער נייער מאַכט אין געוועזענעם רוסלאַנד. אָט אַזוי האָט ער אויפגעקלערט, געשילדערט, אַנאַליזירט, פּאָלעמיזירט, געמאָלן — ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן — אין זיין אומאויפהערלעכן קאַמף פאַרן אמת וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אָלגין איז געווען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אין 1920־1921, 1924, 1931, 1934. ער איז אין משך פון אַ סך יאָרן געווען דער קאָרעספּאָנדענט פון דער מאָסקווער „פּראַוודאַ" אין ניו יאָרק (זיין לעצטע קעיבל פון ניו יאָרק איז דערשינען דעם 21טן נאָוועמבער, 1939, איין טאָג פאַר זיין טויט). אין די אַלע יאָרן, צווישן 1921 און 1939 — ביז זיין לעצטער רעדע וועגן דער נאַציאָנאַלער און אידישער פראַגע, אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן, דעם 13טן נאָוועמבער, 1939 (געדרוקט אין דער „מאָרגן־פרייהייט" מיט צוויי טעג

שפּעטער), האָט אַלגין פאַרעפנטלעכט אין דער „מאָרגן־פרייהייט", „דעילי וואָירקער", „ניו מעסעס" און אַנדערע אויסגאַבן ממש אָן אַ צאָל אַפּשאַצונגען, איינדרוקן, טעאָרעטישע אָפּהאַנדלונגען, בעלעטריסטישע שילדערונגען, פּאָ־לעמיק, בילדער, לירישע שאַפונגען וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד. עס איז שווער געווען אָפּצוקלייבן נאָר די אַרטיקלען, וואָס זיינען אַריין אין דעם בוך. אָבער פון די אַרטיקלען — און זיי זיינען היפּש אין צאָל — באַקומט זיך אַ בילד פון דער סאָוועטישער מלוכה און אירע מענטשן, שוועריגקייטן, דערגרייכונגען — פון 1917 ביז פאַר דער איצטיגער מלחמה. איר זעט דעם וועג, וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דורכגעגאַנגען אין משך פון דער צייט.

די מייסטע אַרטיקלען וואָס גייען אַריין אין דעם בוך האָבן, פאַרשטייט זיך, געהאַט צו טאָן מיט מאָמענט־פראַגן. אין אַ ריי פאַלן איז אויסגעקומען צו געבן פון די אַרטיקלען דאָס סאַמע עיקר'דיגע, אויסלאָזן שטעלן, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט פאַרטייטשונגען און טענות, וועלכע זיינען שוין מער ניט מאָסגעבנדיג. אָבער אָט די אַלע אַרטיקלען פון דעם בוך גיבן אַ מוסטער פון דער ראָל פון אַלגין דעם אויפקלערער בנוגע דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. און אַלע צוזאַמען גיבן זיי איבער די געשיכטע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, פון דער צייט פון בירגער־קריג ביז דעם דריטן פינף־יאָר פּלאַן.

פון אַלגינ'ס „פּעטראָגראַד איז פּוסט", געדרוקט אין „פאָרווערטס" אין 1921 (דאַטירט אין דעם בוך: 1920, ווען אַלגין איז געווען אין פּעטראָגראַד, אין אויגוסט) ביז זיין שילדערונג פון לענינגראַד אין 1934, ליגט דער מהלך פון דער אַנטוויקלונג פון לענינ'ס שטאָט אין משך פון די פערצן יאָר. אין דער צווישן־צייט פון זיין „גאַס אין מאָסקווע" אין 1920 ביז די מאָסקווער גאַסן, וואָס ער האָט באַשריבן אויף די ווייטערדיגע באַזוכן זיינע אין דער סאָוועטישער הויפּט־שטאָט, ליגן יאָרן פון בוי און דערגרייכונג.

איר זעט פון די אַרטיקלען אין דעם בוך ווי עס אַרבעט אַ סאָוועטישע פאַבריק; ווי אַזוי אַ סאָוועט איז אָרגאַניזירט; ווי אַזוי דער פּויער באַנעמט די סאָוועטן־מאַכט; וואָס פאַר אַ ראָל די סאָוועטישע טרעיד־יוניאָן שפּילט; ווי די אינטעליגענץ האָט געהאַנדלט באַלד נאָך דער רעוואָלוציע און ווי זי איז ניי־געבאָרן געוואָרן אין די 30־ער יאָרן. איר באַקענט זיך מיטן מעכאַניזם פון דער סאָוועטישער מלוכה און איר דערזעט דעם סאָוועטישן מענטשן — אין די יאָרן באַלד נאָך דעם בירגער־קריג, בשעת דעם ערשטן פינף־יאָר פּלאַן, און שפּעטער, ווען „לעבן איז געוואָרן בעסער, לעבן איז געוואָרן פרייִלעכער". און איר זעט דאָס סאָוועטישע לאַנד בשעת סכנה, ווען אַלגין האָט מיט האַרץ גערעדט „צו די וואַקלדיגע פריינט".

אלגין האָט זיך געשלאָגן פאַרן סאָוועטן־פאַרבאַנד. א מוסטער זיינע די ארטיקלען: „וואָס ווילן די מענשעוויקעס", „אבראַמאָוויטש'עס ערע" און די אנדערע פאַלעמישע ארטיקלען (אין דער אָפּטיילונג: „לענין און לעניניזם"). אויף דעם ארטיקל „וואָס ווילן די מענשעוויקעס", פון דער „פאָרווערטס"־סעריע, איז נויטיג עטוואָס זיך אָפּצושטעלן. בעת ער האָט געשריבן די ארטיקלען אין „פאָרווערטס" איז אלגין נאָך ניט געווען קיין קאָמוניסט, אָבער ער איז שוין פעסט געשטאַנען פאַר די באָלשעוויקעס, פאַר דער סאָוועטן־מאַכט. ווען ער האָט זיך אין מאָסקווע געטראָפן מיט זיין אמאָליגן חבר ר. אבראַמאָוויטש, האָט ער מיט אים געהאַט פריינטלעכע דיס־קוסיעס. אָבער פון דעם ארטיקל „אבראַמאָוויטש'עס ערע", געשריבן אין דער „פרייהייט" אין 1925, און פון די ווייטערדיגע אנטוויקלונגען איז צו זען ווי אזוי אבראַמאָוויטש האָט אָפּגענאַרט אלגין'ען פערזענלעך, און ווי אזוי די מענשעוויקעס בכלל האָבן געזוכט אָפּצונאַרן די סאָוועטן־מאַכט אין 1920 און 1921. מיטן ארטיקל „אבראַמאָוויטש'עס ערע" שטרייכט אלגין אונטער, אז ער האָט געהאַט א טעות, ווען ער האָט געשריבן אין „פאָר־ווערטס" אין 1921, אז צווישן די „לינקע" מענשעוויקעס און די באָלשע־וויקעס איז געווען ניט מער ווי א פסיכאָלאָגישער אונטערשייד. דער אונטער־שייד, ווי אלגין ווייזט אָן, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די „לינקע" מענשע־וויקעס, בשעת זיי זיינען געווען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָבן געזוכט אָפּצוואַרן די סאָוועטן־מאַכט, — וועלכע האָט זיך ניט געלאָזט אָפּנאַרן, ווי דאָס איז צו זען שוין פון אלגינ'ס שילדערונגען אין דעם „פאָרווערטס"־ארטיקל.

די ארטיקלען וועגן די מענשעוויקעס און אבראַמאָוויטש'ן ווערן אין דעם בוך געבראַכט סיי ווי מוסטערן פון אלגינ'ס לאַנג־יאָריגן קאַמף געגן די שונאים פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און סיי צוליב דעם, וואָס דער „פער־מאַנענטער" אנטי־סאָוועטישער פאַרלוימדער, אבראַמאָוויטש, האָט אין זיינע דערינערונגען, וועלכע ער האָט פאַרעפנטלעכט ניט לאַנג צוריק, „פאַר־אייביגט" די פערזענלעכע פאַרלוימדונג אויף אלגינ'ען, מיט דער האַפענונג, אז דער עולם האָט פאַרגעסן וואָס אלגין האָט געשריבן וועגן אים אין „פאָר־ווערטס" אין 1921, ווען אבראַמאָוויטש האָט זיך נאָך געהאַט פאַרשטעלט פאַר א סאָוועטישן מענטשן, און אין 1925, ווען ער איז געקומען אהער אויף אן אנטי־סאָוועטישן פראָפּאַגאַנדע־טור.

אלגין האָט זיך געשלאָגן פאַרן סאָוועטן־פאַרבאַנד, פון 1921 אָן. דער בירגער־קריג איז נאָך ניט געווען פאַרענדיגט, אָבער אלגין האָט שוין דעמאָלט געזען פאַר זיך א לאַנד, וואָס האָט זיך פאַרנומען בויען דעם סאָציאַליזם.

אין די טעג פון דעם שווערן חיינט האָט ער געזען דעם ליכטיגן מאָרגן. „עס וועט קומען אַ צייט", האָט ער געשריבן אין 1925, לאַנג פאַרן ערשטן פינף־יאָר־פּלאַן. אַלגין האָט אַריינגעקוקט אין דער צוקונפט. זיינע שילדערונגען וועגן דער רויטער אַרמיי, מיט אַ סך יאָרן צוריק, העלפן אונז דערגיין די אינערלעכע קראַפט פון דער דאָזיגער אַרמיי איצט. ער האָט געזוכט צו דערגיין דאָס אינערלעכע און ער האָט באַוויזן איבערצוגעבן, וואָס ער האָט געזען און געפילט, אין פאַרשיידענע פאָרמען. זייט ביי זייט מיט זיינע טעאָרעטישע אַרטיקלען וועגן דער סאָוועטישער מלוכה, וועגן לעניניזם, געפינען מיר אין דעם בוך שאַפונגען, וואָס זיינען פול מיט פּאַטאָס, ליריזם, מיט ווייטאָג (זע זיין אַרטיקל „לענין איז געשטאָרבן"). מיר געפינען דאָ שאַפונגען, וואָס גיבן איבער דעם אימפּעט פון סטאַכאַנאָוויזם; וואָס וויקלען פאַנאַנדער די מאָלערישע לאַנדשאַפטן פון קאַווקאַז, קרים, קיעוושטשינע; וואָס שטעקן אָן מיט דער פרייד פון בויען, — פרייד און אָפּטימיזם איבער אַלץ. אַלגין איז געווען אַן אָפּטימיסט!

די לעצטע אַרבעט, וואָס מען האָט געפונען ביי אַלגינ'ען אויפן שרייב־טיש, אין זיין הויז, דעם פרימאָרגן ווען ער איז געשטאָרבן (22טן נאָוועמבער, 1939), איז געווען אַן אַנוואָרף פאַר אַן אַרטיקל וועגן דער סאָוועטישער אידישער ליטעראַטור, וואָס ער האָט מיט אַן אָוונט פריער געהאַט צוגעגרייט. אַלגין האָט געשריבן אַ סך אויף ליטעראַרישע טעמעס,—אידישע, סאָוועטישע, אַמעריקאַנישע. צו זיי וועט דער קאָמיטעט, וואָס גיט אַרויס אַלגינ'ס ביכער *), זיך דאַרפן אומקערן ברייטער, מיט אַ זאַמלונג פון אַלגינ'ס אַרבעטן איבער קולטור־פראַגן, זיינע ליטעראַריש־קריטישע אָפּהאַנדלונגען. אין דעם איצטיגן באַנד גייען אַריין נאָר עטלעכע פון זיינע קאָרעספּאָנדענצן וועגן דעם צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרייבער אין 1934 און אַ פּאָר פאָרטרעטן פון קולטור־טוער, אינטעליגענטן, כדי עס זאָל דאָ וויפיל ניט אָפּגעשפּיגלט ווערן די סאָוועטישע קולטור.

דער עיקר ברענגען די עטלעכע הונדערט זייטן פון דעם בוך מוסטערן פון אַלגינ'ס אויפקלער־אַרבעט וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד,—אַן אַרבעט, וועלכע איז ערשט איצט באַזונדערס וויכטיג, כדי די שותפות און די פריינטשאַפט צווישן אַמעריקע און סאָוועטן־פאַרבאַנד זאָל זיין וואָס שטאַרקער. די זאַמלונג פון אַלגינ'ס שאַפונגען, אין דעם בוך, איז אַ ביישטייער צום דערקענען דאָס סאָוועטישע לאַנד.

---

*) דער קאָמיטעט האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן אַלגינ'ס צוויי ביכער— „1905", און „אַמעריקע".

ש. מיכאָעלס און איציק פעפער, ווען זיי האָבן געלייגט אַ קראַנץ אויפן קבר פון מ. אָלגין, האָבן זיי דערקלערט: ער איז געווען דער אומאָפיציעלער אַמבאַסאַדאָר פון סאָוועטן־פאַרבאַנד אין אַמעריקע און פון אַמעריקע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד (אַלס ניו יאָרקער קאָרעספּאָנדענט פון דער „פּראַוודאַ" און אָפטער באַזוכער אין סאָוועטישן לאַנד). אין די צייטן פון מאַנגל און קעלט, באַלד נאָכן בירגער־קריג, — האָבן די סאָוועטישע שלוחים דערקלערט, — האָט אָלגין, זיצנדיג אין אַ גראָבן מאַנטל איבער אַ שיסעלע קאַשע, געזען דאָס שיינע לעבן וואָס וועט קומען, די שפע פון די סאָציאַליסטישע קאָלעקטיוון, די פּראָדוקציע פון די סאָציאַליסטישע פאַבריקן־גיגאַנטן. ער האָט געזען — מיט זיין מאַרקסיסטיש־לעניניסטיש אויג, מיט זיין אָפּטימיזם, מיט זיין גלויבן אין די כוחות פון פאָלק און אין דער אומאויסשעפּלעכער קראַפט פון דער סאָוועטן־סיסטעם.

באַוואָפנט דערמיט, קאָנען מיר בעסער זען היינט דאָס נייע לעבן, וואָס די סאָוועטישע פעלקער וועלן אויסבויען מאָרגן אויף די ערטער, דורך וועלכע ס'האָט זיך דורכגעטראָגן דער ברוינער הייזשעריק; ווערן מיר אָנגעפילט מיט דער זיכערקייט, אַז אויף די חורבות, וואָס דער נאַצי־מערדער האָט געלאָזט הינטער זיך, וועט אויפבליען אַ נייער, סאָציאַליסטישער, בנין. „עס וועט קומען אַ צייט", האָט אָלגין געשריבן אין 1925, — און זי האָט אין אַ באַדייטנדיגער מאָס שוין געהאַט באַוויזן צו קומען. „עס וועט קומען אַ צייט."

פּ. נאָוויק

ניו יאָרק, נאָוועמבער, 1943.

די סאָוועטישע מלוכה

עס וועט קומען אַ צייט...

.1925

עס וועט קומען אַ צייט און די איינוואוינער פון די סאָוועט־רעפּובליקן וועלן זיין באַפרייט פון דער זאָרג פון לעבן, וואָרים זיי וועלן אויסאַרבעטן הונדערט און טויזנט מאָל אַזויפיל, ווי מ'אַרבעט איצט. גיך, גלאַט און מעכטיג וועלן אַרבעטן די פאַרשיידנאַרטיגע קונציגסטע מאַשינען. רייך, ברייט און לעבעדיג וועט די ערד אַרויסגעבן אירע נאָרהאַפטיגסטע פּרוכט. שפּילעוודיג־לייכט וועט דער מענטש נעמען פון דער לופט, פון דער ערד און פונעם וואַסער אַזעלכע שטאָפן, וואָס האָבן זיך נאָך ניט געטרוימט די היינטיגע אַנטדעקער. דער מענטש וועט באַהערשן אַלע כוחות פון דער נאַטור. דער מענטש וועט זיי צווינגען אַלעמאָל בעסער צו אַרבעטן פאַר זיינע באַדערפעענישן, זיין וואוילטאָג און לוקסוס. דער מענטש וועט פאַרבייטן אַלטע טעכנישע מעטאָדן אויף אַלעמאָל נייערע, וואָס פאָדערן ווייניגער מי און שאַפן בעסערע פּראָדוקטן, ווי ער פאַרבייט איצט אַן אַלטן בעזים אויף אַ שפּאָגל־נייעם וואַקיום־אַפּאַראַט, אָדער ווי ער זאָגט זיך אָפּ פון אַ פאַרצייטיגן ברונעם צוליבן נייעם וואַסער־לייטונג סיסטעם.

עס וועט קומען אַ צייט — און די מאַשינען מיט די אַפּאַראַטן מיט די טראַנספּאָרט־מיטלען, מיט די פאַרקער־איינריכטונגען, וואָס קריכן איצט אַזוי שטאַרק אין די אויגן און באַשאַפן דעם ווילדן וויר־וואַר פון דעם מאָדערנעם אינדוסטריאַליזם, וועלן שוין אין די סאָוועט־רעפּובליקן ניט פאַרנעמען דעם אויבנאָן. שטעט וועלן עקזיסטירן ניט כדי ס'זאָלן דאָרט רויכן פאַבריקן, נאָר כדי ס'זאָלן דאָרט וואוינען באַפרייטע געזונטע מענטשן. דערפאַר וועלן עקזיסטירן ניט כדי מ'זאָל אין זיי זאַמלען מיסט צו באַמיסטיגן די פעלדער, נאָר כדי דער מענטש זאָל דאָרט לעבן אין ענגער נאָענטקייט מיט דער נאַטור. פאַבריק־אַרבעט און פעלד־אַרבעט וועלן שוין ניט פאַרנעמען די וויכטיגסטע צייט פונעם מענטשלעכן לעבן, נאָר דער מענטש וועט זיי אָפּגעבן אַ קליינעם טייל פון זיין טאָג. פאַררוקט אָן אַ זייט, פאַרשטעלט פון מענטשלעכן אויג, דערוווייטערט פון מענטשלעכן וואוין־אָרט וועלן שטיין די פאַבריקן, זאַוואָדן, גרובן און אַנדערע פּראָדוקציע־פּלעצער. ווי מען האַלט איצט אַ בהמה אין אַ שטאַל, ווייט פונעם הויז, אַזוי וועט די מענטשהייט האַלטן אירע פּראָדוקציע־מיטלען אָפּגעטיילט פון איר וואוינונג, און ווי מען

גייט איצט מעלקן די בהמה א קורצע ווײַלע יעדן טאָג, אַזוי וועט דער מענטש גיין מעלקן זיינע מאשינען, ד. ה., ארבעטן אין זיינע פאבריקן און אויף זיינע פעלדער, כדי צו באַקומען אַלצדינג, וואָס ער דאַרף, און מער.

עס וועט קומען א צייט — און אין די סאָוועט־רעפּובליקן וועט פאַר־שווינדן דער אונטערשייד צווישן ארבעטער און פּויער, שטאָט און דאָרף. דאָס דאָרף וועט פּראָדוצירן פּונקט מיט אַזויפיל מאָדערנע טעכנישע וויסנ־שאַפטלעכע אויסבעסערונגען, ווי עס פּראָדוצירט די שטאָט. דאָס דאָרפישע פעלד וועט זיין פּונקט אזא פּלאַץ פאַר אינטענסיווער מאַסן־פּראָדוקציע פון נויטיגע מאַטעריאַלן, ווי עס איז איצט די פאַבריק. דער ארבעטער און דער פּויער וועלן ביידע זיין גלייכע קאָלעקטיוויסטן: דער ארבעטער אין דער אינ־דוסטריע, דער פּויער אין דער ערד־ארבעט וועלן ארבעטן בשותפות און פאַנאַנדערטיילן די פּראָדוקטן בשותפות און אזוי ארום אָפּשאַפן די לעצטע פעסטונגען פון פּריוואַט־אייגנטום, — דאָס פּויערשע קלעפּן צו „זיין" שטיקל ערד. פריי וועט זיין דער אויסטויש פון מענטשן צווישן שטאָט און דאָרף. איין גייסט וועט באַהערשן סיי די שטאָטישע און סיי די דאָרפישע מענטשן. פאַרגעסן וועלן ביסלעכווייז ווערן די צעטיילונגען אויף ארבעטער־קלאַס און פּויערים־קלאַס; פאַרגעסן וועט ווערן די צעגלידערונג פון מענטשן אויף גרופּן, קלאַסן און פּאַרטייען לויט די עקאָנאָמישע אינטערעסן, — וואָרים אַלצאיינע וועלן זיין די עקאָנאָמישע אינטערעסן און פאַרשמאָלצן וועלן אַלע ווערן אין איין גרויסער פרייער פּראָדוצירנדיגער געזעלשאַפט.

עס וועט קומען א צייט — און די מענטשן פון די סאָוועט־רעפּובליקן וועלן אָפּגעבן זייערע בעסטע יאָרן און זייער ברענענדיגסטן אינטערעס דער גייסטיגער ארבעט. אין דער טיפעניש פון דעם מענטשנ'ס נאַטור וועלן זיי אַנטדעקן אַזוינע קוואַלן פון גייסט, וואָס מ'האָט זיי נאָך גאָר ניט באַרירט. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע וועט דער מענטש ווערן דאָס ציל און ניט א מיטל צום ציל. אַלע קענטענישן, אַלע דערפאַרונגען, אַלע נאַטור־מיטלען, אַלע קולטור־אוצרות וועלן אָנגעווענדט ווערן צו פּראָדוצירן מענטש־לעכע מענטשן, פרייע, געזונטע, שעפערישע, מונטערע מענטשן, וואָס זייער ציל אין לעבן איז אויפהויבן די מענטשהייט אויף א העכערער און העכערער מדרגה. דער נייער פרייער מענטש וועט דערפירן די וויסנשאַפט צו ווייטע, קיינמאָל ניט געאַנטע האָריזאָנטן. דער נייער מענטש וועט פּראָדוצירן געדאַנקען — טיף און שיין און בליציג און געפליגלט, וואָס פון זייער הויך וועלן די ביז־אַהעריגע מענטשלעכע געדאַנקען אויסזען קינדיש. דער נייער מענטש וועט אַנטוויקלען אזא וועלט פון געפילן, אַזא גאַמע פון עמפּינדונגען,

אזא הארמאָניע פון איבערלעבונגען, וואָס אנטקעגן זיי וועלן די היינטיגע נשמה־באוועגונגען אויסקוקן פרימיטיוו און טעמפיג. דער נייער מענטש וועט זיך ערשט אויסלערנען וועלן, זוכן, פאָרשן, שטרעבן, קעמפן, דערגרייכן — מיט אזא אימפעט, מיט אזא פייער, מיט אזא שוואונג און אזא געוואלדיגן פאַרנעם, וואָס קיין שטרויכלונג וועט ניט קענען שטערן זיין וועג. דער נייער מענטש וועט זיך ערשט אויסלערנען לעבן — ברייט, פאַרביג, הייס, טיף, גאַנץ, ווי ער האָט קיינמאָל ניט געלעבט.

דער נייער מענטש וועט זיין א שאַפער פון הויכע און שיינע גייסטיגע פּראָדוקטן — א שאַפער, ניט פאַרשפּאַרט אין די פיר איילן פון זיין אייגענעם איך, נאָר א בשותפות׳דיגער, א טייל פון א קאָלעקטיוו, א פאַרבונדענער מיט אַלע זיינע מיט־מענטשן אין איין גרויסן פיבער פון שאַפן, אין איין מעכטיגער פרייד פון שטרעבונג צו נאָך ניט־דערגרייכטע וועלטן. דער מענטש וועט ניט זיין פריי פון קאַמף. ער וועט ניט ווערן ווייך, ער וועט ניט שלאָפן אויף רויזן, ווי פרעכטיג דער רויזן־רייכטום זאָל ניט זיין. דער מענטש וועט קעמפן מיט זיינע חברים פאַר אידייען, פאַר באַגריפן, פאַר גייסטיגע ריכטונגען, פאַר קולטור־אונטערנעמונגען. דער קאַמף וועט זיין אפשר היציגער און אפשר אויפטרייסלענדיגער ווי היינט. אָבער דאָס וועט זיין א מענטשלעכער קאַמף פאַר מענטשלעכע זאַכן, וואו אי זיגער און אי באַזיגטע געהערן צו איין משפחה און וואו דער קאַמף מאַכט אַלעמען נאָך נעענטער און נאָך פיינער.

עס וועט קומען א צייט — און די יוגנט פון די סאָוועט־רעפּובליקן וועט קוקן אויף די לייכטע, חנ׳עוודיגע און טעכניש־ און קינסטלעריש־פּולקאָמענע בנינים און וועט פרעגן: איז דען מעגלעך, אז מענטשן האָבן אמאָל געלעבט אין פינצטערע קעלערס? זי וועט קוקן אויף די ליכטיגע פעלדער, אויף די גערדיכטע וועלדער, אויף די ימים פון ברויט־פלאַנצן, וואָס קריכן פון דער פעטער ערד מיט א מורא׳דיגן אימפּעט — און זי וועט זיך וואונדערן: איז דען מעגלעך, אז מענטשן האָבן אמאָל מלחמה געהאַלטן און בלוט פאַרגאָסן, ווייל ס׳האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, אז עס איז ניטאָ גענוג פּלאַץ פאַר אַלעמען אויף דער ערד? די יונגע קרעפטיגע זאָרלאָזע מענטשן וועלן הערן דאָס געזאַנג פון קינדער און באַאָבאַכטן זייער שפּיל, וואָס איז האַלב שפּיל און האַלב ערנסטע ארבעט, און זיי וועלן טראַכטן: ווי האָט דאָס געקענט זיין, אז קליינע קינדער זאָלן ארבעטן אין פאַרפעסטעטע לעכער אָדער גאָר אין פוילע אונטערערדישע היילן אין די צאַרטסטע יאָרן פון זייער לעבן? די נייע מענטשן וועלן זיך לייכט איבערטראָגן פון איין געגנט אין אַן אנדערער,

פון איין שפראך־געביט אין א צווייטן, — און זיי וועלן פרעגן: ווי האט דאס געקענט זיין, אז מענטשן זאלן זיך האסן, זאלן מורא האבן איינער פארן צווייטן, זאלן האבן א נשמה פול מיט פארדאכט, א קאפ פול מיט ביטערקייט, פאראכטונג, נקמה־געדאנקען, טונקעלע דערוואַרטונגען פון עפעס שרעק־לעכעס, וואס לויערט אויף אלע זייטן? די נייע מענטשן וועלן לייענען און הערן וועגן די אלע זאכן, ווי מיר לייענען און הערן וועגן די האריגע מאלפעס, אונדזערע עלטער־זיידעס, וואס האבן געלעבט אין די ווילדע וועלדער. און ווי מיר פארשטייען נים די נשמות פון די מאלפע־מענטשן, אזוי וועלן יענע נייע נים פארשטיין די נשמה פון אונז היינטיגע, שקלאפן פון קאפיטאליס־טישער ארדענונג.

עס וועט קומען א צייט —

דאס וועט אלצדינג אויסגעבויט ווערן אויף דעם אקטאבער־פונדאמענט. דאס איז אלץ געווארן מעגלעך צוליב אקטאבער.

די אקטאבער־איבערקערעניש איז א פייערדיגער מעסער, וואס האט צע־שניטן די געשיכטע אויף צווייען: דער פעריאד ביזן 25טן אקטאבער און דער פעריאד נאכדעם.

די אקטאבער־איבערקערעניש איז דער פרילינג־שטורעם פון דער גע־שיכטע: זי האט אראפגעשווענקט דאס אייז און דעם זשאווער פון א זעקסט־חלק וועלט און אנגעזעטיגט די ערד מיט כוחות פאר נייער בליאונג.

די אקטאבער־איבערקערעניש איז דער טרומייט־רוף פון תחית־המתים אין דער געשיכטע: ער הילכט פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער און וועקט די אפגעשטארבענע און הויבט די געבראכענע און זאמלט די צופרידענע און זאגט זיי אן: ס'איז שוין טאג.

ווער איז באַלעבאָס אין אַ רוסישער פאַבריק?

.1924

אַ פאַבריק, יעדע פאַבריק, מאַכט ניט אויס וועלכע. די פאַבריקן פון רוסלאַנד זיינען אַלע אָרגאַניזירט אויפן זעלביגן אופן.

קיין באַלעבאָס איז ניטאָ. דער אַמאָליגער באַלעבאָס פאַרקויפט צייטונגען אין ריגע אָדער בערלין, אָדער קאָנסטאַנטינאָפּאָל. טאָמער האָט אים דערעסן אָפּריכטן גלות, איז ער איצט אַן אָנגעשטעלטער, — אַ שרייבער, אַ בוכהאַלטער, — אין דער פאַבריק וואו ער האָט אַמאָל געקנאַקט.

ווער זשע איז דער אויבערהאַר אין אַ פאַבריק? דער טראָסט. אז מען זאָגט „טראַסט" אין אַמעריקע, מיינט מען אַ קאָמבינאַציע פון קאַפּיטאַליסטן, וואָס זוכן צו קאָנטראָלירן דעם מאַרק. ווען מען זאָגט „טראָסט" אין סאָוועט־רוסלאַנד, מיינט מען אַ קאָמבינאַציע פון עטלעכע פאַבריקן, וואָס פּראָדוצירן די זעלביגע זאַך, וואָס געפינען זיך ניט ווייט איינע פון דער צווייטער און שטייען אונטער איין פאַרוואַלטונג. אַ קאָמבינאַציע פון עטלעכע טעקסטיל־פאַבריקן אין איוואַנאָווא־וואָזנעסענסק איז אַ טראָסט. אַ קאָמבינאַציע פון עטלעכע צוקער־פאַבריקן אין אוקראַינע איז אַ טראָסט. די פאַבריקן פון איין טראָסט זיינען ווי איין אונטערנעמונג: מען קויפט איין רוי־מאַטעריאַלן פאַר אַלע צוזאַמען; מען קויפט איין מאַשינען און געצייגן פאַר אַלע צוזאַמען; מען פאַרקויפט די סחורות פון אַלע פאַבריקן צוזאַמען; מען טיילט זיך מיט אַרבעטער, טעכניקער, אינזשענערן.

ווער טוט דאָס אַלץ? די פאַרוואַלטונג פון טראָסט. די פאַרוואַלטונג באַשטייט פון עטלעכע מיטגלידער מיט אַ פּרעזידענט. די פאַרוואַלטונג און דער פּרעזידענט ווערן באַשטימט פונעם העכסטן ראַט פון פאָלקס־ווירטשאַפט (ווישי סאָוויעט נאַראָדנאָווא כאָזיאַיסטווא, אָדער אָפּגעקירצט: ווע־עס־ען־כאַ), וואָס איז אַ טייל פון דער רעגירונג. די רעגירונג ווערט אויסגעקליבן אויפן אַלגעמיינעם צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן.

הייסט עס אַזוי: די אַרבעטער און פּויערים פונעם לאַנד שטעלן צונויף די סאָוועטן — דאָרפישע, שטאָטישע, גובערניאַלע. די סאָוועטן שיקן דעלעגאַטן אויפן אַלרוסישן (אַלפאַרבאַנדישן) צוזאַמענפאָר, וואָס קומט פאָר דורכשניטלעך איינמאָל אין יאָר. דער צוזאַמענפאָר קלייבט אויס די העכערע קערפּערשאַפטן, וואָס רעגירן איבער רוסלאַנד: מערסטנס אַרבעטער און רעוואָלוציאָנערע פּויערים. איינע פון אָט די קערפּערשאַפטן איז דער ראַט

פון פאָלקס־ווירטשאַפט. דער דאָזיגער ראַט פאַרוואַלטעט איבער אַלע אַזוי־גערופענע טראַסטן און בכלל איבערן גאַנצן עקאָנאָמישן לעבן. דער ראַט באַשטימט די פאַרוואַלטונג פון יעדן טראַסט באַזונדער.

דער טראַסט איז ניט קיין קאַפּיטאַליסטישע, נאָר אַ פּראָלעטאַרישע אונטערנעמונג: די פאַרוואַלטונג איז ניט אויסן קיין פּראָפיטן: אַזוינס איז ניטאָ אין דעם לאַנד פון די סאָוועטן. די פאַרוואַלטונג איז אויסן, אַז די פּראָדוקציע זאָל וואַקסן, כדי די אַרבעטער זאָל זיך לעבן אַלעמאָל בעסער. אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט איז איינס ניט פאַרבונדן מיטן צווייטן: די פּראָדוקציע קען טאָקע וואַקסן, אָבער די לאַגע פון די אַרבעטער קען ווערן ערגער. אין דער סאָוועט־רעפּובליק איז אַן אַנדער לאַגע: וואָס מער די רוסישע אַרבעטער וועלן פּראָדוצירן, אַלץ מער וועלן זיי באַקומען אין דער פאָרמע פון לוין פאַר דער אַרבעט. הייסט עס, אַז צווישן דעם טראַסט און די אַרבעטער איז ניטאָ קיין געגנזאַץ פון אינטערעסן און אַזוי ווי דער טראַסט איז אַ פאַרטרעטער פון דער רעגירונג, אַן אָרגאַן פון דער מלוכה, איז שוין קלאָר, אַז צווישן דער מלוכה און די אַרבעטער איז ניטאָ קיין געגנזאַץ פון אינטערעסן. די מלוכה וויל האָבן מער פּראָדוקטן: קוילן און אייזן און שטאָל און טעקסטילן און מאַשינען און כעמישע מאַטעריאַלן, ניט כדי איבערצוגעבן די אַלע רייכטימער אין הענט פון עטלעכע געלט־זעק, נאָר כדי, ערשטנס, פאַנאַנדערטיילן אַ גרויסן טייל צווישן די אַרבעטער, וואָס האָבן דאָס אַלץ באַשאַפן; צווייטנס, פאַרגרעסערן די פאַבריקן און פאַרבעסערן דעם טראַנספּאָרט, כדי מען זאָל קענען מער און לייכטער פּראָדוצירן; דריטנס, אויסבייטן אַ טייל אויף אויסלענדישע סחורות, וואָס מען קען זיך אָן זיי ניט באַגיין סיי אין דער פּראָדוקציע, סיי אין טעגלעכן פאַרברויך; פערטנס, אויסהאַלטן די אינסטיטוציעס פון דער מלוכה און קולטור־אַנשטאַלטן, וואָס זיינען נויטיג פאַר די ברייטע האַרעפּאַשנע מאַסן. דער טראַסט איז דער איינגעגלעבער „באַלעבאָס" פון דער פאַבריק, ווייל ער זאָגט די דעה וויפיל און וואָס מען זאָל פּראָדוצירן. ער זוכט צו פאַרבעסערן די פּראָדוקציע, צו אינסטאַלירן נייע מאַשינען, צו פאַרשפּרייטן נייע מעטאָדן פון אַרבעט, אָבער לויט זיין סאָציאַלן צוזאַמענשטעל און לויט זיין כאַראַקטער איז אָט דער „באַלעבאָס" אַ סך מער פּראָלעטאַריש און האָט מער אין זינען די אינטערעסן פון די אַרבעטער איידער אַפילו די אַזוי־גערופענע פּראָגרעסיווע יוניאָנס אין די פאַראייניגטע שטאַטן. דער טראַסט איז אַ דינער פונעם אַרבעטער־קלאַס.

אין יעדער פאַבריק איז דאָ אַ באַזונדער דירעקטאָר, וואָס דער טראַסט האָט אים באַשטימט. דער דירעקטאָר איז אַן אַרבעטער, מיט אַ גוטן רעקאָרד

אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. צוריק מיט דריי־פיר יאָר האָט מען געקענט געפינען אין די סאָוועט־פאַבריקן אַ סך אַזוי־גערופענע דירעקטאָרן־ספּעציאַליסטן („ספּעצן”), ד. ה. אינזשענערן, וואָס האָבן נאָך געדינט אונטערן אַלטן רעזשים. די רעגירונג האָט זיי געלאָזט פאַרוואַלטן (אונטער דער אויפזיכט פון קאָמוניסטן), ווייל די אַרבעטער זיינען נאָך דעמאָלט געווען רוי, אָן דערפאַרונג. איצט האָבן זיך אומעטום אויסגעאַרבעט אייגענע, פּראָלעטאַרישע רויטע דירעקטאָרן. דער רויטער דירעקטאָר איז געוויינלעך אַן אַרבעטער פון דער זעלביגער פאַבריק — איינער וואָס האָט דאָרטן געאַרבעט אפשר צען און אפשר פופצן יאָר און וואָס קען דעם פאַבריק־אַפּאַראַט ווי זיינע צען פינגער. אַז ער גייט איבער דער פאַבריק זעט ער מאַסן אַלטע חברים, וואָס ער האָט מיט זיי צוזאַמען געסטרייקט, צוזאַמען געזעסן אין טורמע, צוזאַמען דורכגעמאַכט די רעוואָלוציע פון אָקטאָבער.

דער רויטער דירעקטאָר איז דער נאָענטסטער „באַלעבאָס” איבער די אַרבעטער פון דער פאַבריק. ער דאַרף זען, אַז די אַרבעט זאָל גיין שנעל און גוט און אַז די פאַבריק זאָל פּראָגרעסירן. אונטערן דירעקטאָר געפינט זיך אַ שטאַב פון געלערנטע אינזשענערן, וואָס גיבן אַכטונג אויף דער טעכנישער זייט פון דער פּראָדוקציע. די אינזשענערן האָבן קיין רעכט ניט זיך ווענדן צו די אַרבעטער מיט באַפעלן: אַלצדינג ווערט געטאָן דורכן רויטן דירעקטאָר. אין יעדער אָפּטיילונג פון דער פאַבריק איז דאָ אַן אינסטרוקטאָר, וואָס ווייזט אָן ווי צו טאָן די אַרבעט. די אינסטרוקטאָרן זיינען אויך אונטערן רשות פונעם דירעקטאָר. דער דירעקטאָר האָט אַ קאָנטאָר מיט קלויערקס, בוכהאַלטער, קאָרעספּאָנדענטן, סטענאָגראַפיסטן און אַנדערע אָנגעשטעלטע. דער דירעקטאָר פאַרבינדט די פאַבריק מיטן גאַנצן עקאָנאָמישן אַפּאַראַט פון דער מלוכה.

דער רויטער דירעקטאָר איז אָבער ניט דער איינציגער און אַפילו ניט דער וויכטיגסטער באַלעבאָס פון דער פאַבריק. ס'איז דאָ נאָך אַ באַלעבאָס מיט גאָר אַ גרויסער דעה: דאָס איז דער פאָרזיצער פונעם פאַבריק־קאָמיטעט.

די סאָוועט־אָרדענונג פאַרלאַנגט, אַז די אַרבעטער זאָלן זיין פאַרטראָטן אויף אַלערליי אופנים. דער רויטער דירעקטאָר איז אויך אַ פאַרטרעטער פון די אַרבעטער, אָבער ער פאַרטרעט זיי אומדירעקט — דורך העכערע אַנשטאַלטן פון דער פּראָלעטאַריש־פויערשער רעגירונג. די סאָוועט־אָרדענונג פאַרלאַנגט, אַז די אַרבעטער זאָלן זיין פאַרטראָטן דירעקט, דורך זייערע ספּעציעלע אויסדערוווילטע. אַזאַ דירעקטער פאַרטרעטער איז דער פאַבריק־קאָמיטעט, אין קורצן — פאַבקאָם.

אלע וואָך קומען זיך צוזאַמען די ארבעטער פון דער פאַבריק, — אלע ארבעטער, סיי קאָמוניסטן, סיי ניט־קאָמוניסטן, — און באַטראַכטן אי אָרטיגע, אי אַלגעמיינע פראַגן. דאָס איז די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג. אויף דער פאַרזאַמלונג האָט יעדער איינער אַ רעכט צו רעדן און אויסצודריקן זיינע פאָדערונגען און פאַרלאַנגען. די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג איז ניט קיין פאָרשטעטערין פון די ארבעטער, זי איז — די גאַנצע ארבעטערשאַפט פון אַ געוויסער פאַבריק. די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג קלייבט אויס אויף אַ האַלב יאָר אַ קאָמיטעט פון עטלעכע מענטשן, וואָס זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פאַרזאַמלונג און וואָס זי קען זיי יעדן טאָג צוריקרופן און אויסקלייבן נייע. דאָס איז דער פאַבריק־קאָמיטעט. דער פאַבריק־קאָמיטעט קלייבט אויס אַ פּאָרזיצער און עטלעכע קאָמיסיעס. דער פּאָרזיצער איז דער שטענדיגער פאָרטרעטער פון די ארבעטער. ער פירט די זיצונגען פונעם פאַבריק־קאָמיטעט, וואָס קומען פאָר אַלע וואָך. ער איז אויך אַ מיטגליד פון די וויכטיגסטע קאָמיסיעס.

וואו נעמט דער פּאָרזיצער זיין מאַכט? ער נעמט זי פון די ארבעטער, וואָס האָבן אים געקליבן. דאָס איז איינס. דאָס איז אָבער ניט גענוג. דער פּאָרזיצער פונעם פאַבקאָם האָט אַ סך מער מאַכט, ווי עס קענען אים געבן די ארבעטער פון איין פאַבריק. דער פּאָרזיצער האָט הינטער זיך דעם גאַנצן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין (יוניאָן) פון זיין אינדוסטריע. ער פאָרטרעט דעם פּראָפפאַראיין און רעדט אין זיין נאָמען.

ווי אַזוי ווערט אָרגאַניזירט דער פּראָפפאַראיין? אָט אַזוי: די פאַבקאָמען פון אַלע פאַבריקן פון דער זעלבער אינדוסטריע אין אַ געוויסער שטאָט קומען זיך צוזאַמען אויף אַ קאָנפערענץ און קלייבן אויס דעם אָרטיגן קאָמיטעט (דזשאָינט באָארד) פון דער דאָזיגער אינדוסטריע. למשל, אַלע מעטאַל־פאַבריקן פון מאָסקווע שיקן פאָרטרעטער פון זייערע פאַבקאָמען אויף אַ קאָנפערענץ, וואו עס ווערט אויסגעקליבן דער מאָסקווער קאָמיטעט פון מעטאַליסטן. איין מאָל אין יאָר ווערט אָפּגעהאַלטן אַן אַלגעמיינער צוזאַמענפאָר פון דער גאַנצער אינדוסטריע, וואו עס ווערט אויסגעקליבן דער צענטראַל־קאָמיטעט (דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד) פונעם פּראָפפאַראיין. דער אָרטיגער קאָמיטעט איז אונטערוואָרפן דעם צענטראַל־קאָמיטעט. דער אָרטיגער פאַבקאָם איז אונטערוואָרפן דעם אָרטיגן קאָמיטעט. דער פּאָרזיצער פונעם פאַבקאָם רעדט, הייסט עס, ניט נאָר אינעם נאָמען פון די ארבעטער, וואָס ארבעטן אין זיין פאַבריק, נאָר ער קומט מיט דעם כוח פונעם גאַנצן פּראָפפאַראיין.

אויב עמיצער וועט פרעגן, ווי אזוי שליסן זיך די ארבעטער אן אינעם פראפפאראיין, איז דער ענטפער: טאקע דורכן פאבקאם. דער פאבקאם זאמלט אפצאלונגען (דיוס) פון אלע ארבעטער, וואס ווילן זיין מיטגלידער פונעם פראפפאראיין. די מיטגלידערשאפט איז פרייוויליג. די ארבעטער טראגן אליין אריין דעם אפצאל. די ארבעטער פארשטייען דעם ווערט פון דעם פראפפאראיין. די צאל ארגאניזירטע אין די פארשיידענע אינדוסטריען איז פון 92 ביז 98 פראצענט. דער פאבקאם איז, הייסט עס, א צווייענדיגע זאך: אי א דירעקטער פארטרעטער פון די ארבעטער פון דער פאבריק, אי דער פונדאמענט, דער נוקלעאוס (יאטשעיקע) פון דעם פראפפאראיין.

ווען דער פארזיצער פונעם פאבקאם באגעגנט זיך מיטן רויטן דירעקטאר, באקומט זיך, אז דער דירעקטאר פארטרעט די מלוכה און דער פארזיצער פונעם פאבקאם פארטרעט דעם פראפפאראיין.

דער פאבקאם מיט זיין פארזיצער האבן די דעה איבער דער גאנצער אינעווייניגסטער ארדענונג פון דער פאבריק. דער פאבקאם באשטימט וויפיל יעדער ארבעטער זאל באקומען פון דעם לוין־פלאן (סקעיל או ווע־דזשעס), וואס איז אויסגעארבעט געווארן פאר דער אינדוסטריע. דער פאבקאם צאלט אוים דעם לוין. דער פאבקאם באשטימט, אין וועלכער אפטיילונג יעדער ארבעטער זאל זיין באשעפטיגט. דער פאבקאם בארגט דעם ארבעטער געלט אין א נויט. דער פאבקאם זארגט, אז די פאבריק זאל זיין ריין און היגיעניש. דער פאבקאם באזארגט די ארבעטער מיט ארבעט־קליידער און שיך. דער פאבקאם באשטימט, אז אין אפטיילונגען מיט שווערער און שעדלעכער ארבעט זאל געארבעט ווערן נאר זיבן אדער זעקס שעה אנשטאט אכט. דער פאבקאם באזארגט די ארבעטער מיט וואוינונגען, אויף וויפיל דאס איז מעגלעך ביי דער איצטיגער ענגשאפט. דער פאבקאם שיקט די ארבעטער אויף קאניקול (וואקאציע) — געוויינלעך א חודש אין יאר. דער פאבקאם האלט אן א דאקטאר און א צאן־דאקטאר און א פעלדשער אין פאבריק. דער פאבקאם ארגאניזירט דעם פאבריק־קאאפעראטיוו—שפייז־געשעפט, בעקעריי, רעסטאראן. דער פאבקאם האלט אן פארבינדונגען מיט א דארף, וואס שטייט, אזוי צו זאגן, אונטער זיין ברידערלעכער קולטורעלער אויפזיכט. און דער עיקר — דער פאבקאם פירט אן די גאנצע קולטורעלע, דערציערישע, קינסטלערישע און ספארט־ארבעט פון דער פאבריק, וואס דאס איז אליין א גאנצע וועלט מיט פראדוקטיווער בוי־ארבעט.

דער פאבקאם ארבעט אי אלס גאנצע קערפערשאפט, אי דורך קאמיסיעס. דער פארזיצער פונעם פאבקאם און די וויכטיגסטע מיטגלידער פון די קא־

מיסיעס ווערן באפרייט פון פאבריק־ארבעט. זייער לוין ווערט זיי געצאָלט לויט דעם סקעיל, וואָס מען באקומט אין זייער אָפּטיילונג. זייער ארבעט אין פאבריק־קאָמיטעט פארנעמט אָבער א סך מער, ווי אכט שעה אין טאָג.

איז אז דער ארבעטער דארף עפּעס, צו ווענדט ער זיך ? קודם כל צום פאָרזיצער פונעם פאבקאָם. זעצט זיך דער פאָרזיצער אין זיין צימער לעבן קאָנטאָר — און עס גייען צו אים ארבעטער איינצעלנע און אין גרופּעס. דער טענה'ט, אז מ'האָט אים ניט געגעבן קיין פּאסיגן פּלאץ אין דער פאבריק: ער טויג זיך פאר בעסערער ארבעט. אן אנדערער פרעגט, אפשר קאָן מען אנשטעלן זיינעם א פריינט, אן ארבעטלאָזן מיטגליד פונעם פאראיין. א דריטער בעט מען זאָל זען געפינען א שול פאר זיין קינד: אין דער נאָענטער שול איז צו ענג. א פערטער מוז אוועק פון דער פאבריק אויף דריי טעג צוליב פאמיליע־זאכן. א פינפטער פאָדערט טראמוויי־בילעטן פאר דער ספּאָרט־גרופּע, וואָס פאָרט אויפן אנדערן עק שטאָט צו האָבן א „מאטש” (קאָנקורענץ־קאמף) מיט א גרופּע פון אן אנדער פאבריק. א זעקסטער דארף האָבן פופציג רובל טאקע באלד, ס'ברענט אונטער אים די ערד. א זיבעטער וויל דערמאָנען, אז דאָס הויז וואו ער וואוינט דארף ווערן רעמאָנטירט, און אזוי ווייטער.

טאָ, ווער איז דער „באלעבאָס” פון דער פאבריק ? אויבן־אויף הייסט עס: צוויי פארטרעטער — דער רויטער דירעקטאָר און דער פאָרזיצער פונעם פאבקאָם. אין אמת'ן איז דער ריכטיגער באלעבאָס — דער קאָלעקטיווער ווילן פונעם ארבעטער־קלאַס.

:: :: ::

ווער באשטימט דעם לוין־פּלאן (סקעיל און ווערדזשעס) ? דאָס ווערט געטאָן אויף א ספּעציעלער באראטונג פונעם טראָסט מיטן פּראָפפאראיין. די ביידע דינגען זיך און קומען צו אן אויסגלייך. אויב זיי קענען זיך ניט איינינגן, איז דאָ א גאנצע רייע פּשרה־אנשטאלטן (ארביטרעישאָן קאמערן), וואָס גלייבן זיי אויס. די זאך קען דערגיין ביז די העכסטע רעגירונג־אנשטאלטן. איז דער פּלאן שוין אָנגענומען, ווערט ער אָנגעווענדט צו יעדער פאבריק און צו יעדן ארבעטער דורכן אָרטיגן פאבקאָם, וועלכער האָט אין דעם פּרט די גאנצע דעה. דער רויטער דירעקטאָר טאָר זיך דאָ שוין ניט מישן.

דער גאנצער אפּאראט פון אויבן ביז אראָפּ איז פּראָלעטאריש. די ארבעטער ווייסן: ס'איז זייערס, ס'איז זיי אליין. דעריבער פילן זיי זיך אזוי פריי און אזוי היימיש.

די בויער

.1929

„מיר בויען סאָציאַליזם!"

צוריק מיט אַ פערטל יאָרהונדערט האָט עס אויסגעזען פּאַרוויקלט אין נעבל. צוריק מיט צוועלף יאָר איז דאָס געווען אַ פּראָגראַם פון געוואַגטע רעוואָלוציאָנערן. היינט איז דאָס אַ ווירקלעכקייט, וואָס לעבט פאַר אונזערע אויגן. איבער אַ זעקסטל פון דער ערד הויבט זיך אַלץ העכער דער סאָציאַ־ליסטישער בנין. מיליאָנען און מיליאָנען אין שטאָט און אין דאָרף האָבן געמאַכט סאָציאַליזם פאַר זייער טאָג־טעגלעכער אַרבעט.

„מיר בויען סאָציאַליזם."

טאַקע ווייל אַט־די טאַט האָט זיך געצייטיגט אין אַ משך פון צוועלף לאַנגע יאָר; און ווייל די אַרבעט האָט פון אָנפאַנג ניט געלויכטן מיט רעגנבויגן־פאַרבן, נאָר זי האָט אויסגעזען ווי די פּראַצע פון לאַטען אַ צע־בראָכענעם אַלטן בנין, און ווייל דער אָנשטרענג איז געווען אַזוי ביטער און די נויט אַזוי שווער, האָבן מיר אַלע, פריינט און חברים פון די סאָוועטישע אַרבעטער, ניט באַמערקט, ווי ס'איז געקומען דער וואונדער. עס איז פונקט ווי מיר וואָלטן זיך פּלוצלונג אויפגעכאַפּט אין אַ נייער וועלט, וואו דאָס אוממעגלעכע איז מעגלעך, וואו האָפענונג און דערגרייכונג, וואו וואונדער שיינען אין יעדן ווינקל און אַ צויבער־שטעקל איז יעדערנ'ס וואָפן.

דאָס צויבער־שטעקל איז די קאָמוניסטישע פּראָגראַם, און דער צויבערער איז דער טיטאַנישער אַרבעטער־קלאַס.

:: :: ::

ס'איז אַ ווערק פון טיטאַנען.

נעמען דאָס ריזיגע, צעווירענע, צעפּאָרענע, פיל־שפּראַכיגע לאַנד, מיט די בלאָטיגע ניט־געפּלאַסטערטע וועגן, מיט די טייכלעך אָן בריקן, מיט מיליאָנען שטרויענע דעכער, מיט אַ לעבן, וואָס פליסט פּאַמעלעך, ווי פוילע ריטשקעס איבער פּלאַכע פעלדער, מיט די מענטשן, וואָס זייער מערצאָל איז אויסגעוואַקסן אונטערן צאַרישן קאַנטשיק; נעמען די פּויערים פון די היל־צערנע כאַטעס, מיט די שווערע טריט און לאַנגזאַמע מוחות, מיט די שטומפּיגע סאָכעס און אויסגעדייווערטע פערדלעך, מיט די אַרבעט־מעטאָדן, וואָס זיינען אַלט מתושלח'ס יאָרן און מיט דער אומוויסנהייט, וואָס ליגט ווי אַ בליי אויפן לעבן — נעמען אַט־דאָס לאַנד און זאָגן: „מיר'ן דעריאָגן און איבעריאָגן די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות", נעמען און אַוועק־שטעלן אַ פּראָגראַם פון פאַרגרעסערן די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע אויף מער ווי פיר מאָל אַזוי פיל און די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע אויף

סקאפע אַנדערטהאלבן מאָל אזוי פיל — נעמען און מאכן פון די שטעט מאָדערנע פאבריק־צענטערן אויף א געוואַלדיגן מאסשטאב און פון די דערפער — קאָלעקטיווע אגריקולטור־פאבריקן פון א טיפ, וואָס די וועלט האָט ביז אהער ניט געזען, — דאָס איז אַן ארבעט פון טיטאַנען; דאָס האָט נאָר געקענט וואַגן און דורכפירן א באַפרייטער ארבעטער־קלאַס.

:: :: ::

בויען, בויען, בויען...

עלעקטרישע סטאַנציעס רודערן אויף די פאַרשלאָפענע וועלדער ביים ברעג פונעם טייך מיט א ריטמישן קלאַפּן שטראָמען ענערגיע גיסן זיך איבער דראָטן, ווארפן בליציג ליכט אין די קויטיגע באַטעס, שפאַנען זיך איין אין מאָטאָרן, רודערן, הודזשען, וועקן; שמעלץ־אויוונס שיסן צום הימל רויט־שווארצע זײַלן פון פלאַם; טראַקטאָרס שניידן טיף די שווארצע ערד און פילן די לופט מיט אַן אומרואיג־אימפעטדיגן אָטעם; הויך אריבער די אַלטע צערקווען און העכער פון די אָפּגעלעבטע פאַלאַצן הויבן זיך שטאָלץ אין דער לופטן נייע וואוינונגען פאַר מענטשן, נייע קלובן, אוניווערזיטעטן, פאַבריקן, סקלאַדן, מוזייען, דענקמעלער, עלעוועיטאָרס, וואָקזאַלן, ראַדיאָ־סטאַנציעס, לאַבאָראַטאָריעס, טעכניקומס, קונסט־גאַלערייען. טיף אין דער ערד ברומט און קלאַפּט, ווי א לעבעדיג הארץ, די פיבערדיגע ארבעט. איבער דער לענג און ברייט פון אַלט־רוסלאַנד פליען לופט־שיפן, לויפן צוגן, יאָגן ראַדיאָ־כוואַליעס, כאָרכלען און זשומען קראַפט־וואַגנס און אויטאָמאָבילן, זאָגן אַז, אַז אַלט־רוסלאַנד איז אויף אייביג פאַרשוואונדן, אַז עמיצער א גרויסער האָט אויפגעהויבן אַלט־רוסלאַנד און זי מעכטיג א ריס געטאָן — ארויף, אין א נייער וועלט, אנטקעגן קאָלאָסאַלע וואונדער.

:: :: ::

ס'איז מלחמה. ס'איז די סאָציאַלע רעוואָלוציע אין א נייער העכערער פאַזע.

1917. מלחמה געגן קערענסקי־צערעטעלי־מיליוקאָוו: מלחמה געגן דער פריציש־קאַפּיטאַליסטישער קאָאַליציע אונטער דער פירערשאַפט פון קליינ־בירגערלעכע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און מענשעוויקעס. לאָזונג: „די גאַנצע מאכט — די סאָוועטן!”

אָקטאָבער. באוואָפנטער אויפשטאַנד געגן דער מאכט פון די עקס־פלואַטאַטאָרס; גאַסן־קאַמפן אין פעטראָגראַד און מאָסקווע; רויט־גוואַרדייער. און ארבעטער־מאַסן ברעכן דעם אַלטן מלוכה־אַפּאַראַט. לאָזונג: „פרידן, לאַנד, ברויט!”

1918—1921. בירגער־קריג: קאָלטשאַק — דעניקין — יודעניטש — קראַסנאָוו — פּעטליורא — ווראנגעל — פילסודסקי — יאַפּאַנעזער. הונגער — טיפוס — קעלט — בלאָקאַדע — רואינירטע ווירטשאַפט — אָפּגעשטעלטע פאַבריקן — „טויט"־שאַכטן — שמוץ — לייז. אין אַ לעבן־און־טויט־קאָנוואולסיע וואַרפט זיך די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור צו דערהאַלטן די נייע אָרדענונג ביים לעבן. לאָזונג: „אַלע פאַרן פראָנט!"

1922—1928. מען קומט צו זיך. מען פאַרלאַטעט די ריסן. מען פאַרשטאָפּט די ערגסטע לעכער. מען שאַבט פון זיך אראָפּ די קאָרע פון בלאָטע. מען גלייכט זיך אויס. מען קוקט זיך אַרום. מען שאַפט אַ פּלאַן. מען האַלט מלחמה געגן אייגענער אָפּגעשטאַנענקייט, אומקונציגקייט, אומקענטעניש. לאָזונג: „דעריאָגן דעם פאַר־מלחמה'דיגן צושטאַנד."

1928—1933. פינף־יאָריגער פּלאַן. ריזן־פאַרנעם. ריזיגע דרייסטקייט. גיגאַנטישע מלחמה געגן דאָרפישער אָפּגעשטאַנענקייט, פויערשן ניט־גלויבן, אַלגעמיינער נאַכלעסיגקייט, אינדיווידואַליסטישע אינסטינקטן; מלחמה געגן דער גאַטור צו דעראָבערן אירע סודות; מלחמה געגן זיך אַליין — געגן דעם אַלטן „אָדם" אין זיך, געגן ירושות פון שקלאַפישע דורות; מלחמה געגן דעם נעפּמאַן און קולאַק, וואָס זעען פאַר די אויגן זייער צווייטן חורבן; מלחמה געגן זייערע פריינט, קרובים און אַרויסהעלפער אין אַלע אימפעריאַליסטישע לענדער; מלחמה געגן אומגלויבן, אומזיכערהייט אָפּהענגיקייט אין די אייגענע, קאָמוניסטישע רייען; מלחמה געגן ביוראָקראַטיזם, דעספּאָטיזם, דעפּיטיזם. מלחמה אויף אַלע פראָנטן; מלחמה געגן אומ־ציילינגע שונאים; מלחמה מיט דעם גאַנצן פייער, מיט דער גאַנצער מסירת־נפש, מיט דעם גאַנצן אויפברויז פון נשמה. אָבער — מלחמה אויף אַ נייער אויבערפלאַך און מיט נייע, אומבאַגרעניצטע מיטלען. לאָזונג: „דעריאָגן און אַריבעריאָגן די פאָרטגעשריטענע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות."

:: :: ::

„מיר בויען סאָציאַליזם."

אַזוי פיל דורכגעלעבט — און נאָר צוועלף יאָר. אַזוי פיל דערגרייכט אין אַזאַ קורצן שפּאַן צייט.

און דאָס איז ערשט דער אָנהויב.

הויך איבער אַ זעקסטל פון דער ערד הויבט זיך דער סאָציאַליסטישער בנין. געזונט און מונטער זיינען די בויער. קלאָר און מוטיג זייער פּלאַן. פעסט און אַלע קונציגער זייערע הענט. אומבאַצווינגבאַר זייער ווילן.

דער קריג געגן צייט

.1931

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האַלט מלחמה. ער קעמפט איצט אויס די גרעסטע שלאַכט אין דער געשיכטע. צוריק מיט צען יאָר האָט ער אָקאָרשט אָנגעהויבן אָפּכאַפּן דעם אָטעם נאָכן לאַנגן בירגער־קריג, וואָס די אַרבעטער און פּויערים האָבן אויסגעקעמפט אונטער קאָמוניסטישער פירערשאַפט. די מעשׂים פון דער רויטער אַרמיי פון יענע אייזערנע יאָרן זיינען מיט רויטע צייכנס פאַרשריבן אינעם זכרון פונעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט. אָבער יענע מעשׂים זיינען געווען קליין אַנטקעגן דער שלאַכט, וואָס די אַרבעטער און פּויערים פירן היינט אויפן רויטן אַרבעט־פראָנט אונטערן פינף־יאָר־פּלאַן.

דער קריג פירט זיך איצט ניט געגן באַוואָפנטע קרעפטן (כאָטש מען לאָזט קיינמאָל ניט אַרויס פונעם אויגן די סכנה פון אַ מיליטערישן אָנפאַל), נאָר געגן דער פינצטערער ירושה אינעם לעבן פונעם לאַנד און אין דער פּסיכיק פון זיינע פעלקער. דער קריג פירט זיך געגן עקאָנאָמישער אָפּגעשטאַנענקייט, טעכנישער הילפלאָזיגקייט, יאָרהונדערט־אַלטן דלות, אומוויסנקייט, שמוץ. דער קריג פירט זיך פאַר אַ העכערער, מאָדערנער און אַלגעמיין־פאַרשפּרייטער טעכניק, פאַר אַ גרינטלעכער מעכאַניזאַציע פון דער גאַנצער אינדוסטריע, פאַר אַ דורכאויסיגער אינדוסטריאַליזאַציע פון אַגריקולטור, פאַר אַ קאָלעקטיוויזאַציע פון דער אַרבעט און פונעם גאַנצן לעבן, פאַר אַ געוואַלדיג־הויכן לעבנס־סטאַנדאַרד פון די מאַסן און פאַר אַ נייער, רייכער, מעכטיגער פּראָלעטאַרישער מאַסן־קולטור. ס'איז אַ קריג געגן צייט — אַ יאָגעניש צו דערגרייכן וואָס מער, צו פאַרענדיגן אַ גרעסערן טייל פונעם אויפבוי, איידער די וועלף, וואָס שטשירען מיט די ציין אויפן לאַנד פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, וועלן זיך איינגן אויף אַן אָנפאַל.

ס'איז אַ קריג, וואו דער קעמפער ענדערט ניט נאָר דאָס פּנים פון זיין לאַנד, נאָר אויך זיין אייגענע נאַטור, וואו ער ווערט ביסלעכוויי דער נייער מענטש אין דער נייער סאָציאַליסטישער אָרדענונג. אין אָט דעם קריג איז די שלאָג־בריגאַדע — דער וואַנגאַרד.

אויבן־אויף איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן שלאָגלער און אַנדערע פּראָלעטאַריער. די אייגענע קליידער. אייגענע מאַנירן. די אייגענע וואוינונג. אָפּט די אייגענע בילדונג. פיזיש איז דער שלאָגלער ניט שטאַרקער ווי זיינע שכנים. אָבער זיין ווילן איז שטאַרקער. זיין מוט איז אומבאַצווינגלעך. ער

פילט דעם רוף פון זיין צייט, ער לעבט מיט דעם פולס פון זיין סאציאליסטישן פאטערלאנד. ער ווארפט זיך אין שלאכט צו געווינען דעם גרויסן היסטארישן קריג. ער שטייט אין פראנט, אין דער ערשטער ריי. ער איז דארט מיטן לעצטן טראפן בלוט, מיטן גאנצן אימפעט פון זיין ווילן.

זעט ווי ער ארבעט. א גרויסער זאוואד האלט זיך אין בויען. א גיגאנט פון אייזן און שטאל־שמעלצערייען וועט זיך דערהויבן איבער דעם אומעטיגן, ווייניג־באזעצטן לאנד. מ׳האט שוין פארענדיגט גראבן דעם פונדאמענט. מ׳דארף אנפילן די ריזיגע גריבער מיט א מאסע קאנקריט. אבער עפעס איז געשען. ערגעץ איז א דורכבריס. די ארבעט שטייט. הונדערטער אבעטער האבן ניט וואס צו טאן. צייט, טייערע מינוטן און שטונדן, גייען לאיבוד. אט דא באווייזט זיך די שלאגלער־בריגאדע. הייסע יונגען, פול מיט גבורה, פול מיט שטורעם, ווארפן זיך אויפן געשעדיגטן פראנט. מען וועט ניט רוען; מען וועט ניט שלאפן; מען וועט פאריכטן. מען וועט זוכן; מען וועט ארבעטן ניט נאר מיטן גוף, נאר מיט קענטעניש, מיט א שארפן אויג, מיט א טעכנישער באוואפענונג. מען וועט דערגרייכן. מען וועט גובר זיין דעם „שמאלן פלאץ”. די ארבעט וועט אוועק. דער זאוואד וועט זיך עפענען אין צייט.

א מאשין־פאבריק. מען פראדוצירט קאמבאינס אויף אראפצונעמען די תבואה. מען האט זיך אויסגעלערנט די ארבעט ערשט צוריק מיט קורצע חדשים. מען האט גובר געווען א טעכניק, וואס האט אין אויסלאנד זיך אנטוויקלט אין א משך פון צענדליגער יארן. שונאים האבן געקוקט און געקנייטשט מיט די פלייצעס. פריינט האבן געציטערט: ווער ווייסט? היימישע אינזשענער־שלאגלער האבן וואכן און חדשים געהארעוועט איבער דער אויפגאבע. ענדלעך! ס׳איז דא! מיר פראדוצירן קאמבאינס! מיר האבן שוין צען, צוואנציג, פופציג מאשינען. אבער עפעס האט זיך פארטשעפעט. עפעס פעלט. די פראדוקציע פאלט גראד ערב שניט, ווען אויף יעדער מאשין ווארטן פעלדער, ווארטן קאלכאזן, ווארט די גאנצע רעפובליק. דא באווייזט זיך ווידער די שלאגלער־בריגאדע. מען אונטערזוכט. מען רעווידירט. מען טאפט איבער יעדע דעטאל אין פאבריק. מען גלייכט אויס. מ׳האט געפונען דעם לאך. ס׳וועט איצט ווידער אוועק ווי געשמירט.

באראבאנעס! באראבאנעס! דאכט זיך אזא קלייניגקייט: א גרויסע הילצערנע קיילעכדיגע שפול, אויף וועלכער מען וויקלט אן דעם עלעקטרישן דראט אין זאוואד. אבער אז ס׳איז ניטא קיין באראבאנעס, קען מען ניט וויקלען, און אז מען וויקלט ניט, ארבעט ניט דער דראט-זאוואד. וואס איז

געשען? ס׳פעלט געהילץ. ס׳הייסט, האלץ איז דא גענוג אין מאסקווער געגנט, נאר ס׳פעלן וואגאנעס. אונזער זאוואד האט מען פארטיילט מיט געהילץ. וואס זאל מען טאן? זאגט א גרופע קאמסאמאלצעס: „לאמיר פרואוון, אפשר וועלן מיר קריגן באראבאנעס אין אנדערע זאוואדן.“ פאלט די נאכט איבער מאסקווע. שווימט די נאכט אין בלומען־ריחות איבער פארקן און בולווארן. שטעכן יונגען די נאכט מיט דעם שפיציגן ליכט פון זייער טראס. פארן זיי פון עק שטאט צו עק שטאט, זוכן, לאדן, פירן. איינדערפרי — א בארג מיט באראבאנעס. געראטעוועט די לאגע. שטייען יאטן און ווישן זיך דעם שוויים און שמייכלען יונג און מונטער. „ביינאכט זיינען דען אפן די פאבריקן?“ — פרעג איך. לאכט חבר פעוזנער: „איר האט פארגעסן, אז מיר האבן די „נעפערעריוווקא“ (כסדר׳דיגע ארבעט). און ווידער האבן מיר דאך פריער געקלונגען אומעטום.“ יאטן זינגען. און אזוי, מיט געזאנג, לאזן זיי זיך אין זאוואד — אנהויבן די ערשטע סמענע.

אין קאלכאז איז די שלאג־בריגאדע אומעטום געווען דער פיאנער. די פויערים האבן לכתחילה ניט געגלויבט, אז מען קען ארבעטן אויף א נייעם שטייגער. טייל האבן זיך אויסגעלאכט. טייל האבן זיך מורא געהאט צוצורירן צו די נייע מאשינען. די פויערים האבן געארבעט מיט די מעטאדן פון צוריק מיט הונדערט יאר. מ׳האט זיך פארלאזט אויפן „טאמער“ און „אפשר“. מ׳האט ניט געוואוסט פון פינקטלעכקייט, פון מעטאד. דא האט די שלאג־בריגאדע אויפגעטאן וואונדער. זי האט אי ארגאניזירט, אי אליין געארבעט, אי געלערנט, אי באגייסטערט. זי האט פאר אלצדינג געהאט א פלאן. זי האט יעדן געשטעלט אויפן ריכטיגן פלאץ. זי האט אונטערגעאיילט אי זיך, אי יענעם, ווען ס׳איז ניט געווען קיין צייט. זי האט איינגעפירט די חבר׳שע ראציאנאליזאציע, וואס ברענגט גרעסערע רעזולטאטן ביי ווייניגער ארבעט. זי איז געווארן דער רוקן־ביין פון דער קאלעקטיווער לאנדווירטשאפט. זי האט געזיגט — און איר זיג איז די גרעסטע דערגרייכונג פונעם סאציאליסטישן אויפבוי.

לויט איר נאטור איז די שלאג־בריגאדע — א קינד פון דער פאבריק, פון ארבעט ארום דער מאשין. זי האט אין זיך דעם ריטם און אימפעט פון א פאבריק. אבער אט דעם ריטם און אט דעם אימפעט ברענגט זי אריין אומעטום, וואו נאר זי לייגט־צו א האנט. אט דעם אינדוסטריעלן אופן ברענגט זי אריין אין דארף. אפילו די שולן פארוואנדלט זי אין צעכן מיט ריטמישער געמיינשאפטלעכער ארבעט.

איך בין געווען אויף א „צונויפפלי“ פון סטודענטן און פראפעסארן

פון דעם „אינסטיטוט צו מעכאניזירן און עלעקטריפיצירן די אגריקולטור".
א יונגער אינסטיטוט, קוים א יאָר אלט. סטודענטן האָט מען ארייננענומען
פונעם העכסטן סאָרט: מערסטנס ארבעטער, און מערסטנס אזוינע, וואָס
האָבן שוין געהאט דערפארונג אין דער פּראקטיק אלס טוער. צווישן די
סטודענטן קען מען געפינען געוועזענע פאבריק־דירעקטאָרן, אויפזעער, אינ־
סטרוקטאָרן, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע שטעלעס, כדי צו גיין
לערנען. אָט די סטודענטן האָבן באשלאָסן מאכן פון זייער אינסטיטוט א
מוסטער־שול. מ'האָט דערקלערט דעם גאנצן אינסטיטוט פאר א שלאָגלער
— פון אויבן ביז אונטן. נו, האָט מען דאָס געלערנט! נו, האָט מען זיך
דאָס ארויפגעוואָרפן אויף די טעאָרעטישע און פּראקטישע פּראָבלעמען! נו,
האָט מען דאָס קאָנטראָלירט איינער דעם אנדערנס לערנען, כדי צו האלטן
הויך דעם אלגעמיינעם סטאנדארד! נו, האָט מען איינגעפירט א סאָצגעוועט
צווישן איין גרופּע און דער צווייטער, צווישן איין בריגאדע און דער צוויי־
טער! ווער מיר סטודענטן, וואָס מיר חדר־אינגלעך, וואָס זיצן אויף בענק
און הערן די חכמות פון „אלוויסנדיגע" פּראָפעסאָרן. די פּראָפעסאָרן זיינען
גאָר פארוואנדלט געוואָרן אין ראטגעבער, „קאָנסולטאנטן", וואָס באטייליגן
זיך מיט די סטודענטן אין געמיינזאמער ארבעט. אייניגע האָבן זיך אליין
אויך דערקלערט פאר שלאָגלער. די ארבעט איז אוועק אין לאבאראטאָריעס,
עקספּערימענטאלע סטאנציעס, מאשין־שעפער, פי־שטאלן, פעלדער און
וועלדער. פונעם אינסטיטוט האָט מען כסדר געשיקט שלאָג־בריגאדעס אין
קאָלכאָזן און פאבריקן, עלעקטרישע סטאנציעס, כעמישע זאוואָדן — צו
העלפן אין דער ארבעט.

„ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין לובערעצקער זאוואָד", מעלדעט א
בריגאדע פון פינף, „האָט מען אונז אוועקגעשטעלט אין אָפּטייל 52 — די
קוזניע. די שאָפּ־ביוראָקראטן, דערזעענדיג אונז, האָבן גענומען גיסן קראָקאָ־
דיל־טרערן. „וואָס האָט מען אייך אהער געשיקט זיך פּלאָנטערן פאר די
פיס? וואָס קענט איר אויפטאָן אין 15 טעג?" אָבער מיר האָבן געענטפערט
אויף דעם כי־כיקען דערמיט, וואָס מיר האָבן דעם ערשטן טאָג אויסגעארבעט
אָנדערטהאלבן מאָל מער ווי די נאָרמע און דעם צווייטן טאָג פּונקט צוויי
מאָל אזוי פיל. אין די 13 טעג האָבן מיר קיינמאָל ניט ארויסגעגעבן ווייניגער
ווי די דאָפּלטע נאָרמע און מיר האָבן געוויזן די אָרטיגע ארבעטער, ווי אזוי
צו פארבעסערן די ארבעט. מיר האָבן זיך אויך באטייליגט געזעלשאפטלעך:
געהאָלפן אין דער קאמפּאניע פאר דער הלוואה פונעם דריטן אנטשיידנדיגן
יאָר און מיטגעארבעט מיט אנדערע סטודענטן."

דער צונויפפלי האָט אונטערגעפירט אַ סך־הכל פון דער אַרבעט. דערפאָלג אין לערנען — פון 97 ביז 98 פּראָצענט; אַרבעט־דיסציפּלין — פון 98 ביז 99 פּראָצענט; כּסדר׳דיגער אָנטייל אין דער פּראָדוקציע; אַקטיווער אָנטייל אין דער פאַרזייר און שנייד־קאַמפּאַניע אין דאָרף; רעאָרגאַניזאַציע פונעם אינסטיטוט אויף דער ליניע פון שאַרפערע אויפגאַבן און פּראָגראַמען. דאָס אַלעס פאַרבונדן מיט אַן אָנגעשטרענגטער טעאָרעטישער אַרבעט אין די נאַטור־וויסנשאַפטן און מיט אַ גאַנץ ברייטער פּראָגראַם פון סאָציאַל־פּאָליטישע לימודים.

אַ שלאָגלער־אינסטיטוט האָט באַטראַכט אַ יאָר אַרבעט. דער גאַנצער צונויפפלי איז געווען דורכגעציטערט מיט ענערגיע, אָנגעפילט מיט אַן אַט־מאָספערע פון הייסער באַוואוסטזיניגער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט און באַוואָפנט מיט אייזערנעם ווילן. ווען אַט די „סטודענטן" וועלן זיך איצט פאַנאַנדערפאָרן אויף זייערע „וואַקאַציעס", אַרבעטן פּראַקטיש אין די סאָווכאָזן און קאָלכאָזן, וועט ניט זיין אַזאַ שווערקייט, וואָס זיי וועלן ניט קענען באַזיגן.

„העלדן פון אַרבעט" רופט מען דאָ די שלאָגלער. אַזוינע העלדן קען באַשאַפן נאָר אַ יונגער קלאַס, וואָס איז געוואָרן דער באַלעבאָס פון זיין אייגענעם גורל און וואָס בויט זיין אייגענע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג. ס׳איז אַ קלאַס פול מיט קראַפט — און אָט די קראַפט, אָט דער שאַפונגס־דראַנג, אָט די פעיִקייט צו בייקומען שוועריקייטן, אָט דער געוואַלדיגער אָפּטימיזם איז באַזונדערס קאָנצענטרירט אין דעם שלאָגלער. ער איז ניט שטענדיג אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (די איינגערע זיינען כּמעט אַלע מיטגלידער), אָבער ער איז שטענדיג אַ באָלשעוויק, אַ מענטש וואָס לעבט מיט די צילן פון זיין קלאַס, אַ מענטש וואָס איז פעסט איבערצייגט, אַז ס׳איז ניטאָ קיין שטרויכלונג, וואָס די אַרבעטער קענען ניט באַזיגן.

דער רוסישער פּויער

1932.

דער רוסישער פּויער! וויפיל צענדליגער יאָרן האָט זיך מיט אים פאַרנומען דער רוסלענדישער געזעלשאַפטלעכער געדאַנק! וויפיל טעאָריעס מען האָט אַרום אים אויסגעשפּונען! וויפיל נביאות געזאָגט!

וועגן פּויער האָבן געשמועסט די רעוואָלוציאָנערן אין אַ משך פון הונדערט יאָר. וואָס איז אַזוינס דער פּויער? בעלעטריסטן און פּאָעטן האָבן אים גערופן: „דער ספינקס". עקאָנאָמיסטן און סאָציאָלאָגן האָבן געפּרואווט טרעפן דעם סוד פון אָט־דעם ספינקס. און יעדער איינער האָט געטראָפן אויף אַ באַזונדערן אופן. די סלאַוויאַנאָפילן האָבן זיך געשטיצט אויף דער „באַזונדערקייט" פון דעם רוסישן פּויער אין זייער באַגרינדונג פאַר צאַריסטישער הערשאַפט. די נאַראָדניקעס האָבן זיך געשטיצט אויף דער זעלביגער „באַזונדערקייט" אין זייער פּראָבע צו דערוועקן אַ רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד. די נאַראָדניקעס האָבן געהאַלטן, אַז די פּויערים זיינען געבאָרענע סאָציאַליסטן, וואָס זיינען שוין גרייט פאַר אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג, אויב נאָר מען וועט אַראָפּנעמען פון זייערע העלזער דעם מאָנאַרכישן יאָך. פון די נאַראָדניקעס איז די זעלביגע „טעאָריע", אַ ביסל אַ פאַרענדערטע, איבערגעגאַנגען צו די נעאָ־נאַראָדניקעס, די „סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן". דער פּויער איז אַ סאָציאַליסט, האָט מען געזאָגט, ווייל אַ טייל פון דער ערד ווערט גערעכנט פאַר קהל'שע אייגנטום און ווערט איבערגעטיילט צווישן די פּויערים־פאַמיליעס לויט דער ענדערונג פון דער צאָל מענטשן אין דאָרף (געמיינדע). דער פּויער, האָט מען געזאָגט, איז שוין דערמיט אַ סאָציאַליסט, וואָס דער פונדאַמענטאַלסטער פּראָדוציר־מיטל, די ערד, איז ביי אים פאַרגעזעלשאַפטלעכט. ערשט די מאַרקסיסטן האָבן אַריינגעטראָגן אַ דיסאָנאַנס אין אָט־דעם כאָר פון לויב־געזאַנגען פאַרן פּויער. די מאַרקסיסטן האָבן אָנגעוויזן, אַז דער פּויער איז נישט קיין געבאָרענער סאָציאַליסט, נאָר אַ קליינבירגער, וואָס ווערט עקספּלואַטירט דורכן פּריץ. פון די מאַרקסיסטן איז לענין געווען דער שאַרפסטער פאָרשער פון דער פּויערים־פּראַגע. לענין האָט אָנגעוויזן, אַז דאָס פּויערטום גופא איז צעטיילט אויף קלאַסן, אַז די רייכע פּויערים עקספּלואַטירן די מיטעלע און אָרימע, ד. ה., אַז אין דאָרף גופא האָט אַריינגעדרונגען דער קאַפּיטאַליזם און אַז דאָרט איז מעגלעך אַ קלאַסנקאַמף ניט נאָר געגן פּריץ, נאָר אויך געגן די דאָרפישע באַלעגופן. לענינ'ס אונטערזוכונגען האָבן געמאַכט אַ גוואַלדיגן רושם אין דער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט און אין דעם רעוואָלוציאָנערן דענקען. אָבער ווען עס

איז געקומען צו דער אנווענדונג פון דער טעאריע צו דער פראקטיק, האט זיך ארויסגעוויזן דער גרויסער אונטערשייד צווישן די באלשעוויקעס און די מענשעוויקעס. די מענשעוויקעס האבן געהאלטן, אז דאס פויערטום, זייענדיג א בורזשואזער קלאס, וועט נישט שטיצן די רעוואלוציע, אז דאס פויערטום איז א רעאקציאנערע קראפט. טראצקי, א דורכגעגעסענער מיט מענשעוויזם, האט געהאלטן, אז אויב דער פויער וועט טיילוויז העלפן אין דער רעוואלוציע, וועט ער זיך אפקערעווען פון דעם ארבעטער־קלאס אויפן צווייטן טאג נאכן זיג. נאר די באלשעוויקעס האבן אנגעוויזן, אז דער פויער, ד. ה. די מאסע ארימע און מיטעלע פויערים, קען זיין א שותף צו דעם ארבעטער־קלאס סיי דורך דער רעוואלוציע, סיי שפעטער. די ארימע און מיטעלע פויערים, האט געזאגט לענין, געפינען זיך אין א טאפלטער לאגע: פון איין זייט שטרעבן זיי איינצוהאלטן זייער פריוואט־אייגנטום און דעריבער זיינען זיי בורזשואזיש; פון דער אנדערער זייט זיינען זיי געגן דעם פריוואט־אייגנטום פון די פריצים און דערמיט זיינען זיי רעוואלוציאנער. די פויערים, האבן געזאגט די באלשעוויקעס, וועלן זיך לאזן פירן פונעם ארבעטער־קלאס אלס זיינע שותפים און העלפער, ווייל דאס איז אין זייערע אינטערעסן.

ווען ס'איז געקומען די אקטאבער־רעוואלוציע, האבן די מענשעוויקעס אנגעהויבן לייגן זייערע האפענונגען אויפן פויער. ס'איז א פויעריש לאנד, האבן זיי געזאגט, און אין אזא לאנד קען מען נישט איינפירן קיין סאציאליזם. די סאציאליסטן־רעוואלוציאנערן האבן זיך א לאז געטאן אגיטירן צווישן פויערטום נעגן די סאוועטן. טראצקי, ארויסגייענדיק פון דעם זעלביגן שטאנדפונקט, ווי די מענשעוויקעס, האט זיך דערשראקן פאר דעם פויער און גענומען טענה'ן, אז מען דארף קאלעקטיוויזירן דאס דארף — מיט געוואלט. וואס האבן געזאגט די באלשעוויקעס? לענין האט אנגעוויזן, ערשטנס, אז דאס פויערטום איז א שותף צו דער רעוואלוציע; צווייטנס, אז די אינטערעסן פון דעם פויערטום גופא צווינגען עס איבערצוגיין צו קאלעקטיווער לאנד־ווירטשאפט, ווייל נאר אזוי וועט דער פויער זיך קענען ראטעווען פון ארעמקייט און נויט. „דאס לעבן גופא", האט לענין געזאגט נאך אין סוף פון 1919, „שטעלט פאר די הארעפאשנע פויערים די פראגע וועגן איבערגיין צו געזעלשאפטלעכער ערד־באארבעטונג, ווי צום איינציגן מיטל אויפצובויען די קולטור, וואס איז רואינירט און צעשטערט געווארן דורכן קריג, ווי צום איינציגן מיטל ארויסצוגיין פון דער פינצטערניש, דער־שלאגנקייט און שפלות, אויף וועלכע דער קאפיטאליזם האט פאראורטיילט די גאנצע מאסע פון דער דארפישער באפעלקערונג." ווי דארף מען דאס

טאָן ? אויף דערויף האָבן אויך די באָלשעוויקעס געהאַט אַ קלאָרן ענטפער. „מיר ווייסן", האָט לענין געזאָגט, „אַז אין די ברייטע מאַסן פון דעם פּויער־טוב האָט זיך דערוועקט דער באַוואוסטזיין און אַז ס'איז דאָ אין דעם פּויערטום גופא, אין דער מערהייט פון די האָרעפּאַשנע פּויערים, אַ שטרעבונג איינצושטעלן אַ געזעלשאַפטלעכע באַאַרבעטונג פון דער ערד." אָבער, האָט ער געזאָגט, „איבערבויען די מיליאָנען צעוואָרפענע און צעשטויבטע איינצעלנע פּויערשע באַלעבאַטישקייטן דורך אַ שנעלן מיטל, דורך וועלכע ניט איז באַפעלן, דורך איינווירקונג פון דרויסן, פון דער זייט, וואָלט געווען אַן אומזיניגער געדאַנק. מיר גיבן זיך אָפּ אַ קלאָרן חשבון, אַז איינווירקן אויף די מיליאָנען קליינע פּויערשע באַלעבאַטישקייטן קען מען נאָר לאַנגזאַם, פאַרזיכטיג, נאָר דורך אַ געלונגענעם פּראַקטישן ביישפּיל... נאָר ווען די פּראַקטיק, די דערפאַרונג, וואָס איז נאָענט צום פּויער, וועט באַווייזן, אַז דער איבערגאַנג צו שותפות'דיגער לאַנד־ווירטשאַפט איז נויטיג און מעגלעך, נאָר דעמאָלט וועלן מיר האָבן דאָס רעכט צו זאָגן, אַז אין אַזאַ ריזיגן פּויערשן לאַנד, ווי רוסלאַנד, איז געמאַכט געוואָרן אַן ערנסטער טריט אויפן וועג פון סאָציאַליסטישער לאַנדווירטשאַפט." באַווייזן אָבער די נויטווענדיגקייט פון איבערגאַנג צו שותפות'דיגער לאַנד־ווירטשאַפט האָט געהייסן באַווייזן, אַז אין קאָמונעס, אין קאָלעקטיווע באַלעבאַטישקייטן, אין אַרטיקלען פּראָדוצירט מען בעסער און מער. און דאָס ווידער איז מעגלעך נאָר דורך איינפירן בעסערע לאַנד־ווירטשאַפטלעכע געצייג, דורך איינפירן מאַשינען, דורך איינפירן בעסער זאָמען און בעסערע מעטאָדן פון אַרבעט.

נאָך באַלד נאָכן אָנהויב פון דער רעוואָלוציע זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן קאָמונעס, ד. ה. קאָלעקטיווע פּויערשע באַלעבאַטישקייטן. די ערשטע יאָרן האָבן זיי געפירט אַ קלאָגעדיג לעבן. עס האָט אויסגעפעלט פּראַקטיק ; עס האָבן אויסגעפעלט מיטלען ; עס איז געווען אַ נייע זאַך, וואָס האָט זיך באַדאַרפט לאַנגזאַם אַנטוויקלען. די מלוכה, פון איר זייט, האָט נישט געהאַט גענוג לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען און גענוג ספּעציאַליסטן צו באַזאָרגן די ברייטע פּויערשע מאַסע מיט דעם ממשות'דיגן, וואָס וואָלט מעגלעך געמאַכט איבערצובויען די לאַנדווירטשאַפט אויף קאָלעקטיווע יסודות. ערשט מיט דעם אָרגאַניזירן פון דעם 5־יאָר־פּלאַן, ערשט אָנהויבנדיג פון דעם יאָר 1929, ווערן די קאָלעקטיווע באַלעבאַטישקייטן — קאָלכאָזן — אַ מאַסן־דערשיינונג.

(פראַגמענט)

סאָוועטישער פּאַטריאָטיזם

1934.

דאָס סאָוועטישע לעבן איז אָנגעזאָפּט מיט פרייד.

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד קער זיך אַלצדינג אָן מיט די מאַסן. אַלצדינג איז זייערס. די רעוואָלוציע — זייערע. די אַרמיי — זייערע. דאָס לאַנד — זייערע. דער אויפבוי — זייערער, — פאַר זייער לעבן, פאַר זייער אייגענער צוקונפט. יעדער האָרעפּאַשאַניק האָט דאָ אַ חלק. יעדער האָרעפּאַשניק איז אי אַרבעטסמאַן, אי באַלעבאָס. דעריבער איז נאָר דאָ מעגלעך אַ ברייטע מאַסן־פרייד, אַ פרייד וואָס נעמט אַרום צענדליגער מיליאָנען.

פרייד איז אַ טייל פון דער רעוואָלוציע, איר טאָן, איר קאָליר. און די פרייד פון דער רעוואָלוציע איז געבליבן איינגעגליט אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם סאָוועטישן פּראָלעטאַריאַט און די אַנדערע האָרעפּאַשניקעס. מען האָט אומגעוואָרפן דעם צאַריזם: די פרייד פון אָט־דעם היסטאָרישן אויפריים לעבט. זי גייט איבער פונעם עלטערן צום אינגערן דור אין אומצייליגע קאַנאַלן. מען האָט עקספּראָפּריאירט די פּריצים און קאַפּיטאַליסטן: אויך אָט־די פרייד איז פאַרבליבן ווי אַ שטענדיגער פייער אינעם באַוואוסטזיין פון די באַפרייטע מאַסן. מען האָט מלחמה געהאַלטן געגן אינעווייניגסטן און אויסנווייניגסטן פיינט אויף זעכצן פראָנטן: טערפּקע פרייד, שטאָל־שטאַרקע פרייד, וואָס פאַרטיפט זיך צווישן די מאַסן מיט יעדן נייעם באַנד פון דער געשיכטע פונעם בירגער־קריג (די אַרבעטער פון פאַבריקן און זאַוואָדן העלפן אַליין שרייבן די פאַרשיידענע קאַפּיטלען פון דער געשיכטע). מען האָט אויסגעבויט אינדוסטריעלע גיגאַנטן, פאַבריקן, זאַוואָדן, עלעקטרישע סטאַנציעס, וואָס פאַרגלייכן זיך מיט די בעסטע אין דער וועלט: דאָ וואַקסט ערשט די פרייד, דאָ שטראָמט זי, ווי אַ מעכטיגער פאָנטאַן. שטורעם־פרייד, דערגרייכונגס־פרייד; פרייד פאַרבונדן מיט אַרבעט, פרייד פאַרבונדן מיט קאַמף, פרייד פאַרבונדן מיט וואוקס, פרייד פאַרבונדן מיט זיג — דאָס זיינען די האַמערס פון די מעכטיגע זון־שטראַלן, וואָס שמידן אויס דעם כאַראַקטער פונעם נייעם מענטשן.

אָבער ניט פון די פריידן וויל איך דאָ רעדן. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד מערקט זיך איצט אַ נייער מין פרייד, וואָס איז פריער ניט געווען אַזוי ווייט פאַרשפּרייט: די פרייד פון געניסן דאָס נייע לעבן.

מען פרייט זיך מיטן אייגענעם לאַנד. אָט די פרייד איז שטאַרק אויס־

געוואַקסן פאַר די לעצטע פּאָר יאָר. „פאָטערלאַנד"! — דאָס וואָרט רעדט מען אַרוים מיט ליבשאַפט און שטאָלץ. עס איז דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע, וואָס מאַסן האָבן אַ מעגלעכקייט ליב צו האָבן זייער לאַנד, — ווייל עס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס מאַסן האָבן בכלל אַן אייגן לאַנד. מען האָט ניט געקענט ליב האָבן די אַלטע „ראַסעיע", וואָס האָט זיך געוואָרפן אין קאָנוואולסיעס אונטערן קנוט פונעם צאַר. מען האָט שוין יאָ געקענט ליב האָבן דאָס באַפרייטע לאַנד, די „רוסלאַנד מיט בלוט באַוואַשענע", ווי אַ סאָוועטישער שרייבער האָט אָנגערופן זיין ראָמאַן; מען האָט געקענט ליב האָבן דאָס אויסגעמאַטערטע, אויסגעהונגערטע און האַלב־רואינירטע לאַנד פון צוריק מיט צען יאָר, אָבער פרייען זיך דערמיט איז געווען שווער. אין דעם ערשטן פינף־יאָר, מיט זיין קאָלאָסאַלער אָנשטרענגונג, מיט זיין איבער־מענטשלעכן אימפעט, איז פּשוט ניט געווען גענוג צייט פאַר איינפאַכער פרייד. דאָס לאַנד האָט געלעבט אין אַ געהעכערטער טעמפּעראַטור. דער פּראָלע־טאַריאַט, אונטער דער פירערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, מיט דעם געניאַלן סטאַלינ'ען אין דער שפּיץ, האָט אין פינף יאָר איבערגערוקט דאָס לאַנד פון אַלט־ראַסעיאישער אָפּגעשטאַנענקייט צו די הויכן פון העכסט־אַנטוויקלטער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע און סאָציאַליסטישער אַגרי־קולטור. די ערשטע פינף יאָר זיינען געווען יאָרן פון טיטאַנישע קאַמפן, — פאַר נייער טעכניק, פאַר נייער וויסנשאַפט, פאַרן נייעם מענטשן.

די קאַמפן ווערן פאָרטגעזעצט מיט ברען און מסירת־נפש. אָבער די דערגרייכונגען זיינען שוין דאָ. זיי נעמען אייך אַרום פון אַלע זייטן. זיי גריסן אייך אויף יעדן געביט פונעם לעבן. זיי האָבן געענדערט יעדן שפּאַן פונעם גרויסן לאַנד. עס איז אַ ניי לאַנד. און מיט דעם לאַנד פרייען זיך די מענטשן. די פרייד פונעם לאַנד איז אפשר די גרעסטע פרייד אינעם איצטיגן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

„פאָטערלאַנד" — עס זינגט דער נייער מענטש אַ געזאַנג דעם נייעם לעבן אין אָט־דעם וואָרט. פאָטערלאַנד — דאָס איז קודם־כל די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. פאָטערלאַנד — דאָס איז די פרייהייט פון די האָרע־פּאַשנע מאַסן, וואָס בויען זייער לעבן. פאָטערלאַנד — דאָס איז די עלעקטראָ־סטאַנציע פון דניעפּר (ווען מען האָט זי געבויט, האָט מען זי גערופן „דניעפּראָסטרוי"); דאָס איז דער קאַנאַל צווישן באַלטישן און ווייסן ים, דער זאַוואָד „שאַריקאָפּאָדשיפּניק" (באָל־בערינג) אין מאָסקווע, דער אויטאָ־זאַוואָד אין גאָרקי, די שטאָל־גיסערייען אין דניעפּראָפּעטראָווסק. די מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציעס (מטס) נאָענט און ווייט. פאָטערלאַנד — דאָס זיינען

שוין אָבער אויך די פעלדער און גערטנער און פאַרקן, די וואָלגע און דער מאָסקוואַ־טייך, דער באַרג איבערן דניעפּר אין קיעוו און די טרעפּ צום ים אין אָדעס. פאָטערלאַנד איז דער הימל, וואָס ציט זיך איבער אונז אַזוי העל און ברייט, די זון, די בלומען, די פויגלען, די אָטשערעטן ביים וואַסער, די זאַטע ערד, די זאַנגען, וואָס בויגן זיך פול מיט ווייץ ביים זייט פונעם וועג. פאָטערלאַנד — זיינען אַלע האָרעפּאַשניקעס, אַרבעטער און קאָלכאָזניקעס, רוסן, אוקראַינער, אוזבעקן, אידן, יאַקוטן, קירגיזן, אַרמענער, אַלטאַיער, טורקמענער. פאָטערלאַנד — דאָס איז די יוגנט און די יאָטלעך מיט דער דרייסטקייט אין די אויגן און דעם געזאַנג אויף די ליפּן.

די פרייד מיטן פאָטערלאַנד — דאָס איז די פרייד מיטן לעבן. דאָס פאָטערלאַנד איז געקומען צו די מענטשן ווי אַ נייע אומגעריכטע מתנה, כאָטש זיי אַליין האָבן דאָס אויפגעבויט מיט זייער אייגענעם בלוט און שוויים. טאַקע ווייל זיי האָבן דערין אַריינגעלייגט אַזוי פיל בלוט און שוויים, איז די פרייד אַזוי גרויס.

מענטשן האָבן נאָך ניט אָפּגעשוואַכט די אַרבעט, ניט פאַרלאַנגזאַמט דעם טעמפּאָ. אָבער אַזוי ווי זיי האָבן אַ סך שוין דערגרייכט, און אַזוי ווי זיי ווייסן אַ סך מער ווי פריער און ס'איז זיי שוין גרינגער אויסצולערנען זיך דאָס, וואָס זיי ווייסן נאָך ניט, איז שוין ניטאָ די שרעקלעכע אָנשטרענגונג פון צוריק מיט דריי יאָר: מען קען שוין היינט פּראָדוצירן מער און זיך מאַטערן ווייניגער. דעריבער בלייבט מער צייט און מער אויפמערקזאַמקייט פאַר די פּשוט'ע פריידן פונעם לעבן.

נעמט אַזאַ מין זאַך, ווי בלומען. די סאָוועטישע מענטשן זיינען איצט פאַרליבט אין בלומען. אויף שריט און טריט געפינסטו בלומען־קיאָסקן. אויף די ראָגן באַגעגענען זיך בלומען־פאַרקויפער. ס'איז אַן אַלטע סאָוועטישע מאָדע, אַז אין רעסטאָראַנען זאָל שטיין אויף יעדן טיש אַ בלומען־טאָפּ. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, אויף דער געזעלשאַפטלעכער ליניע. אָבער איצט האָט זיך דער סאָוועטישער בירגער פאַראינטערעסירט מיט בלומען אויך פּריוואַט. עס איז ניט קיין זעלטנקייט, אַז יונגער אַרבעטער זאָל גיין איבער דער גאַס אָדער פאָרן אין טראַמוואַי מיט אַ בינטל בלומען אין האַנט. פרעגסטו אים, וועט ער דיר זאָגן, אַז ער וויל דאָס ברענגען זיין געליבטער. צוריק מיט דריי יאָר וואָלט ער דאָס געהאַלטן פאַר אַ שלעכטן טאָן.

דאָס לאַנד איז איצט אַ סך מער באַבלומט ווי ווען ניט איז פריער.

אָדער נעמט דעם טעאַטער. מען שפּילט זייער ערנסטע פּיעסן, סיי אַלטע, סיי נייע. אָבער עס האָט זיך שוין באַוויזן אויך די לייכטע, שפּילעוודיגע

פּיעסע, וועלכע איז לכתחילה געשאַפן געוואָרן מיטן צוועק צו פאַרווײַלן. איך וויל ניט זאָגן, אַז דאָרט איז ניטאָ קיין סאָציאַלער אינהאַלט. איך וויל אויך ניט זאָגן, אַז די פּיעסן האָבן אַ וועלכע ניט איז פאַרוואַנדשאַפט מיט דעם פאַרווײַלונגס־שונד פון די אַמעריקאַנישע טעאַטערס. דאָס געוויס ניט. די לייכטע סאָוועטישע פּיעסע איז אַ סאָוועטישע. זי האָט אין זיך אי סאָציאַלע סאַטירע, אי אָפּטימיזם, אי טעמפּעראַמענט, און זי שטייט אויף אַ הויכער קולטורעלער מדרגה. אָבער איר צוועק איז פאַרווײַלן, שאַפן פאַרגעניגן, אַרויסרופן פרייליכן געלעכטער, וווײַזן דאָס לעבן אין ליכטיגע פאַרבן. יונגע ליבע ווערט ניט פאַרדרוקט אין הינטערגרונט. ליבע ווערט באַטראַכט ווי אַ וויכטיגע זײַט פונעם לעבן.

יוגנט, פרייד, געזאַנג, ליבע. די דאָזיגע זאַכן באַשעפטיקן איצט מער ווי פריער סיי דעם סאָוועטישן שריפטשטעלער, סיי דעם סאָוועטישן דראַמאַטורג, סיי דעם סאָוועטישן רעזשיסאָר. מענטשן איז לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן. מען האָט אָפּגעאָטעמט, מען וויל געניסן — אויף אַ נייעם, העכערן, געזעלשאַפטלעכן, סאָציאַליסטישן אופן.

די פראַגע וועגן אָפּרו־טעג שטייט איצט פאַר דער פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפטלעכקייט. ביז אַהער איז אַלעמאָל געשטאַנען די פראַגע וועגן בעסערער אַרבעט און בעסערער אָרגאַניזאַציע פאַר אַרבעט. הײַנט רעדט מען און מען שרײַבט אַ סך, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן דעם אַרבעטער׳ס פאַרווײַלונג. ספּאָרט־געזעלשאַפטן, טוריסטן־געזעלשאַפטן, מוזיק־געזעלשאַפטן האָבן פריער אויך עקזיסטירט, אָבער הײַנט איז אין זיי פאַראַן מער פרייד, מער ליכטיגקייט, אַ פרייערער גײַסט. עס באַקומט זיך דער אײַנדרוק, אַז אַ לאַסט איז אַראָפּ פון די פּלייצעס.

און פאַרוואָס טאַקע ניט? ווערט דען ניט בעסער פון טאָג צו טאָג? וואַקסן דען ניט די וווײַזערס פון פּראָדוקציע, וואָס דאָס הייסט, אַז די שוועריקייטן פון שפּײַז, קליידונג און וואוינונג ווערן אַלץ ווירקזאַמער באַזייטיקט? שטײַגט דען ניט העכער און ווירדיגער די קולטור? איז דען ניט פונדאַמענטאַל געלייזט געוואָרן די פראַגע וועגן אַ דזשאָב? איז דען ניט פאַרשוואונדן די מורא פאַרן מאָרגעדיקן טאָג?

אַ דאַנק דעם אַלעמען, איז דער סאָוועטישער מענטש אַליין געוואָרן אײַנפאַכער. ס׳איז אין אים דאָ מער פרישקייט ווי אַמאָל. ער קען לאַכן קינדעריש. ער קען זיך פרייען זאָרגלאָז.

מאַכט ניט קיין טעות און מישט ניט צונויף אײַנפאַכקייט מיט פּשטות אָדער קינדישקייט מיט נאַאיוויטעט. דער סאָוועטישער מענטש איז ניט קיין

פשוט'ע בריאה און איז ניט נאאיוו. ער איז א מענטש אויף א הויכער מדרגה פון א נייער סאציאליסטישער קולטור. ער פארשטייט זיין וועלט און זיינע פראבלעמען אלזייטיג און גרינטלעך. ער איז ניט נאר א וויסער, נאר אויך א טוער. אבער ער האט פון זיין לעבן אפגעראמט אזוי פיל שטיינער און דערנער און עקדישן, וואס מאטערן אונז אין די קאפיטאליסטישע לענדער, ער האט אינסטיטוציעס, געדאנקען און באגריפן, און ער האט געשאפן א סיסטעם אזא לאגישע, קלארע, מענטשלעכע, אז ער קען זיך פילן לייכט אינמיטן זיינע שווערע אויפגאבן און זארגלאז אינמיטן א וועלט מיט ארבעט.

פאראן נאך איין זאך, וואס רופט ארוים א וואלקן אינעם באוואוסטזיין פונעם סאוועטישן מענטשן: די מורא פאר אן אנפאל פון קאפיטאליסטישע מלוכות. אבער אויך דא פילט ער זיך זיכערער, ווי צוריק מיט דריי יאר. „אונזער טעכניק איז הויך און ווערט העכער. אונזער לאנד איז גרוים און ווערט אלץ גרעסער. אונזער פראלעטאריאט איז ענגער ווי שטענדיג פאר־בונדן מיט דער פויערשער (קאלכאזישער) מאסע. מיר קענען ארויסווייזן א ווידערשטאנד.” די ווערטער הערט איר אומעטום.

וואָס איז די פונקציע פון אַ מלוכה?

1939.

זייער אַ סך ערנסטע ווערק זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן וועגן דער מלוכה. זייער אַ סך געלערנטע האָבן זיך געשאַרפט די מוחות וועגן דעם וועזן פון אַ מלוכה. אונז דאַכט זיך, אַז מיר וועלן שטיין אויף אַ זיכערן באָדן, ווען מיר וועלן אָננעמען דאָס, וואָס פרידריך ענגעלס לערנט אונז וועגן דער מלוכה:

„די מלוכה", שרייבט ענגעלס, „איז בשום אופן נישט אַזאַ קראַפט, וואָס איז ארויפגעצוווּנגען אויף דער געזעלשאַפט פון דרויסן. די מלוכה איז אַ פּראָדוקט פון דער געזעלשאַפט אויף אַ געוויסער אַנטוויקלונג־שטופע; די מלוכה איז אַ באַווייז, אַז אַט־די געזעלשאַפט האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין אומלייזבאַרע ווידערשפּרוכן מיט זיך אַליין, אַז זי האָט זיך צעשפּאָלטן אויף געגנזאַצן, צווישן וועלכע עס איז ניט מעגלעך קיין שלום און פון וועלכע זי איז מאַכטלאָז זיך צו באַפרייען. און כדי אַט־די געגנזעצלעכע קלאַסן מיט געגנזעצלעכע עקאָנאָמישע אינטערעסן זאָלן נישט אויפעסן איינער דעם צווייטן און די געזעלשאַפט גופא אין אַ פרוכטלאָזן קאַמף — צוליב דעם איז נויטיג געוואָרן אַ קראַפט, וועלכע שיינט צו שטיין איבער דער געזעלשאַפט, אַ קראַפט, וועלכע וואָלט געמעסיגט די צוזאַמענשטויסן, וועלכע וואָלט געהאַלטן די געזעלשאַפט אין די גרענעצן פון אָרדענונג. און אַט־די קראַפט, וועלכע שטאַמט פון דער געזעלשאַפט, נאָר וועלכע שטעלט זיך איבער איר און פאַרפרעמדט זיך מער און מער פון איר, איז די מלוכה."*)

די מלוכה, הייסט עס, איז לויט ענגעלס'ן — און די טעאָריע איז אויך אויסגעדריקט אין די ווערק פון מאַרקס'ן און אַנטוויקלט דורך לענינ'ען — די מלוכה איז געקומען צושטאַנד, כדי מעגלעך צו מאַכן, אַז די פאַרשיידענע קלאַסן מיט די פאַרשיידענע קלאַסן־אינטערעסן זאָלן ניט פאַרניכטן איינער דעם אַנדערן, נאָר אַז אַ געאָרדנעטע געזעלשאַפט זאָל זיין מעגלעך. אָבער, זאָגט ענגעלס:

---

*) פרידריך ענגעלס, „אורשפּרונג פון דער פאַמיליע, פּריוואַט־אייגנטום און מלוכה". רוסישע איבערזעצונג, ז. 75.

„אזוי ווי די מלוכה איז צו־שטאנד געקומען צוליב דער באדערפעניש איינצוהאלטן די קלאסן־געגנזאצן, אבער אין דער זעלביגער צייט איז זי געבוירן געווארן אינעם ברען פון די צוזאמענשטויסן פון אט־די קלאסן, איז זי, בדרך כלל, די מלוכה פון דעם געזעלשאפטלעכן קלאס, וועלכער איז עקאנאמיש דער שטארקסטער, וועלכער ווערט דורך איר אויך דער פאליטיש־הערשנדיגער קלאס. און אויף אזא אופן דערווערבט ער נייע מיטלען אויף צו האלטן אונטערטעניג און צו עקספּלואטירן דעם אונטערדריקטן קלאס.״

די מלוכה, הייסט עס, איז לויט ענגעלס'ן א קלאסן־מלוכה. די מלוכה איז אן אינסטרומענט אין די הענט פון דעם עקאנאמיש־שטארקערן קלאס צו באהערשן די עקאנאמיש־שוואכערע קלאסן. ענגעלס דערקלערט דאס מיט בײשפּילן. די גריכישע אדער רוימישע מלוכה פונעם אלטערטום איז געווען מערסטנס א הערשאפט פון שקלאפן־האלטער; די מלוכה איז געווען אן אינסטרומענט אויף אנצוהאלטן די הערשאפט פון דעם עקאנאמיש־שטארקערן קלאס איבער די שקלאפן, און אין רוים אויך — אויף אנצוהאלטן די הערשאפט איבער פרעמדע, אונטערדריקטע פעלקער. די פעאדאלע מלוכה האט געגעבן די פריצים־פעאדאלן א מעגלעכקייט צו אונטערדריקן די פויערים, און אין די פריערע יארהונדערטן אויך די שטאטישע באפעלקערונג — ביז וואנען די באפעלקערונג פון די שטעט, ווען דארט איז אויסגעוואקסן דער האנדל און די פראדוקציע, האט רעוואלטירט געגן די פעאדאלע באלעבאטים. די היינטיגע מלוכה אין דער קאפּיטאליסטישער סיסטעם שפּילט די ראלע פון אן אינסטרומענט צו עקספּלואטירן די געדונגענע ארבעט דורכן קאפּיטאל.

פאר מארקס'ן, ענגעלס'ן און לענינ'ען, ווי פאר אלע מארקסיסטן, איז געווען קלאר, אז כדי איינצופירן דעם סאציאליזם דארף דער פּראלעטאריאט ווערן דער הערשנדיגער קלאס אין דער מלוכה, ד. ה. עס דארף פארווירקלעכט ווערן די דיקטאטור פונעם פּראלעטאריאט. ס'איז אבער דא אן אונטערשייד, האבן געזאגט די טעארעטיקער פון מארקסיזם, צווישן דער פּראלעטארישער מלוכה און דער מלוכה פון די פריערדיגע עפּאכן. ניט די מלוכה פון אלטערטום, ניט די מלוכה פונעם מיטלאלטער, ניט די בורזשואזע מלוכה פון דער נייער צייט האבן אפּגעשאפט קלאסן־געגנזאצן. די רעוואלוציעס, וואס זיינען פארגעקומען אין משך פון יארהונדערטן, האבן נאר איבערגעגעבן די מאכט פון די הענט פון איין קלאס אין הענט פון אן אנדער קלאס. די סאציאלע רעוואלוציע, וואס גיט איבער די מאכט אין די הענט פונעם אר־

בעטער־קלאַס, באַשאַפט דעם אינסטרומענט, וואָס וועט איבערגעבן אַלע פּראָדוקציע־מיטלען אין די הענט פון דער געזעלשאַפט, וואָס דאָס הייסט, אַז עס וועט אָפּגעשאַפט ווערן עקספּלואַטאַציע גופא. דערמיט ווערט באַשאַפן דער באָדן אויף אָפּצושאַפן די קלאַסן. די פּראָלעטאַרישע מלוכה פירט אריבער די געזעלשאַפט אויף די רעלסן פון קלאַסנלאָזיגקייט. עס קומט א צייט, ווען קיין קלאַסן זיינען מער ניטא, ווען די גאַנצע געזעלשאַפט איז איין אַרבעטנדיגע מענטשהייט. מיט דער אָפּשאַפונג פון קלאַסן ווערט די מלוכה אומנויטיג. ביסלעכוויז, האָבן געזאָגט די פאָטערס פונעם מאַרקסיזם, ווערט די מלוכה „פאַרוועלקט", זי שטאַרבט־אָפּ. די נייע געזעלשאַפט, וועלכע ווייסט ניט פון קיין קלאַסן, וועט אויך ניט וויסן פון קיין מלוכה און מלוכה־צוואַנג. די נייע געזעלשאַפט וועט זיין אַזוי אָרגאַניזירט, אַז אַלצדינג וועט געטאָן ווערן דורך אַל־עמיינער פאַרשטענדעניש און איינגעוואָרצלטן פאַראַנטוואָרט־לעכקייט־געפיל.

אָבער כדי דאָס זאָל מעגלעך ווערן, איז נויטיג, האָבן געזאָגט די מאַרק־סיסטן, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל איבערנעמען די מלוכה־מאַכט, ער זאָל ווערן דער הערשנדיגער קלאַס אין דער געזעלשאַפט און איינפירן סאָציאַליזם.

גאָך אינעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבן אָנגעשריבן אין 1847, שטייט אַזוי:

„דער ערשטער טריט אין אַן אַרבעטער־רעוואָלוציע איז דאָס, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט דערהויבט זיך צו דער מדרגה פון א הערשנדיגן קלאַס, וואָס ער דעראָבערט די דעמאָקראַטיע."

דאָ גייען מיר שוין צו צום ענין דעמאָקראַטיע. ווערן דער הערשנדיגער קלאַס, האָבן געזאָגט מאַרקס און ענגעלס, הייסט דעראָבערן דעמאָקראַטיע. ווי זאָל מען דאָס פאַרשטיין?

דער ענטפער איז זייער פשוט. אין אַלע קלאַסן־מלוכות האָט דער הערש־נדיגער קלאַס אַלעמאָל געהאַט גענוג פרייהייט, דאָס הייסט, פאַר אים האָט עקזיסטירט א געוויסע מאָס פון דעמאָקראַטיע. מיר דאַרפן ניט גיין צום אַלטערטום און צום מיטלאַלטער, כדי דאָס צו באַווייזן. מיר ווען דער־מאָנען דאָס צאַרישע רוסלאַנד פון פאַר 1905. די מלוכה איז דעמאָלט געווען אַן אַבסאָלוטיסטישע, דאָס הייסט, אַז אָפּיציעל איז די גאַנצע מאַכט געווען אין די הענט פונעם צאַר, וועלכער האָט אַליין באַשטימט מיניסטאָרן און דורך זיי און דורך אַנדערע אונטערטעניגע אינסטיטוציעס אַרויסגעגעבן גע־זעצן. קיינער האָט, דאַכט זיך, ניט געהאַט קיין דעה אחוץ דעם צאַר. אָבער

אויך דאָרטן האָבן די פּריצים — די אדעליגע לאַנד־באַזיצער — געהאַט דאָס רעכט אָפּצוהאַלטן פאַרזאַמלונגען, אויסצודריקן זייערע מיינונגען אין דער פּרעסע און פאָדערן פונעם צאַר דאָס, וואָס זיי האָבן פאַר זיך געהאַלטן וויכטיג. פאַר זיי האָט עקזיסטירט פאַרזאַמלונגס־פרייהייט, פּרעסע־פרייהייט, פּעטיציע־פרייהייט, און זיי האָבן אויך געהאַט אַ גרויסע מאָס פון זעלבסט־פאַרוואַלטונג איבער זייערע אָרטיגע ענינים. די קאַפּיטאַליסטישע בורזשואַזיע, וועלכע איז אויפגעקומען אין רוסלאַנד און געוואָרן אַ מאַכט אין דער צווייטער העלפט פונעם 19טן יאָרהונדערט, האָט אויך געהאַט אירע צוזאַמענפאָרן, אירע קאָנפערענצן, זי האָט זיך אויך געקאָנט דירעקט ווענדן צום צאַר און זי האָט געהאַט פרייהייט צו פאַרוואַלטן מיט אירע געשעפטן. אמת, דער בורזשואַזיע איז ביסלעכווייז געוואָרן צו־ענג אין די ראַמען פונעם אַלטן אַבסאָלוטיזם. זי האָט געוואָלט אַליין ווערן די גאַנצע באַלעבאָסטע פונעם לאַנד. דאָס הייסט, זי האָט געוואָלט די פולע דעמאָקראַטיע — פאַר זיך. אָבער דאָס באַשטעטיגט נאָר דעם געדאַנק, אַז דער הערשנדיגער קלאַס האָט דעמאָקראַטיע אין זיין מלוכה.

אין די דעמאָקראַטישע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות זיינען אָט־די פרייהייטן — וואָרט־פרייהייט, פּרעסע־פרייהייט, פאַרזאַמלונגס־פרייהייט, אָרגאַניזאַציע־פרייהייט, רעכט צו באַטייליגן זיך אין אויסקלייבן די פאָלקס־פאָרטרעטער, וועלכע בילדן די רעגירונג — אָט־די אַלע פרייהייטן, וואָס ווערן צוזאַמען באַצייכנט אַלס דעמאָקראַטישע פרייהייטן, אויך געגעבן דעם פאָלק, די ברייטע מאַסן, ד. ה. די אונטערדריקטע קלאַסן. עס באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז דעמאָקראַטיע איז די ברייטסטע פרייהייט פאַר אַלעמען און אַז אַלע זיינען גלייך אין אַ דעמאָקראַטישער מלוכה. אודאי איז דעמאָקראַטיע בעסער פון אַבסאָלוטיזם, און דעריבער קעמפן די פאָלקס־מאַסן פאַר מער דעמאָקראַטיע. וואָס פרייער, וואָס דעמאָקראַטישער אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, אַלץ בעסער קענען זיך די מאַסן אָרגאַניזירן אויף איינפירן דעם סאָציאַליזם.

אָבער דאָס איז אַלץ נאָך בורזשואַזע דעמאָקראַטיע. דאָס איז אַ דעמאָקראַטיע, וואָס דינט אין דער ערשטער ליניע די קלאַסן־אינטערעסן פון די הערשנדיגע קלאַסן. פאַרן פּראָלעטאַריאַט ווי פאַר אַלע עקספּלואַטירטע קלאַסן איז נאָך נישטאָ קיין אמת'ע דעמאָקראַטיע. דעריבער זאָגט דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט", אַז ערשט ווען דער פּראָלעטאַריאַט וועט זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון דעם הערשנדיגן קלאַס, וועט ער „דעראָבערן דעמאָקראַטיע".

בילדער און איינדרוקן

פעטראָגראַד איז פוסט

1920.

. . . פעטראָגראַד איז ליידיג. צוריק מיט פינף יאָר איז דאָ געווען דריי מיליאָן מענטשן. איצט — נים מער ווי 600 טויזנט.

פעטראָגראַד איז ליידיג. ווייט פון די פרוכטבאַרע רוסישע געגנטן, ווייט פון די לאַנגע טייכן, וואָס שניידן די גרויסע רוסישע סטעפּעס, ווייט פון קוילן, אייזן און נאַפט, אויסגעבויט אויף אַ זומפּ, אין אַ קאַלטן, אומגעזונטן קלימאַט, אין אַ ווייטן ווינקל פון לאַנד, האָט פעטראָגראַד נים געקאָנט אַריבער־טראָגן די משא פון רעוואָלוציע און קריג. מענטשן זיינען טיילווייז אויס־געשטאָרבן, טיילווייז זיך צעלאָפן. פעטראָגראַד איז טאַקע אויסגעשטאַנען אויך מער ווי אַנדערע רוסישע שטעט (אחוץ, פאַרשטייט זיך, די שטעט פון אוקראַינע): אויף איר זיינען געגאַנגען די דייטשן אין 1918, איר האָט באַמבאַרדירט יודעניטש אין 1919, איר האָט דער הונגער אַרומגערינגלט מיט זיינע ביינערנע פינגער.

איז פעטראָגראַד ליידיג. שטייען שורות הייזער־פּאַלאַצן מיט פאַר־קלאַפּטע פענצטער, מיט צוגעמאַכטע לאַדנס. שטייען לאַנגע קאַזיאָנע גע־ביידעס, גראָע, געלע, מיט אויסגעבראָכענע שויבן. זיינען דאָ און דאָרט פאַרשוואונדן הייזער, קוואַרטאַלן, גאַנצע געסלעך: מ׳האָט די הילצערנע בנינים צענומען אויף הייצונג. זומער וואַקסט גראָז אין די זייטיגע גאַסן. און ס׳איז שטיל. שטיל און איינזאַם.

קיין איזוואָשטשיקעס (דראָשקעס) זיינען ניטאָ. די פערד זיינען אויס־געפּייגערט. די וואָס זיינען געבליבן, האָט זיי איבערגענומען די מלוכה: פאָרן מיט זיי באַאַמטע. אַמאָל רוישט דורך אַן אויטאָמאָביל — אויך אַ סאָוועטסקער: קיין פּריוואַטע זיינען, פאַרשטייט זיך, ניטאָ. דער טראַמוויי פאָרט אַמאָל יאָ, אַמאָל נים — ווענדליג עס קלעקט האָלץ צו הייצן די עלעקטרישע סטאַנציע. וואָס טוען די איינוואוינער? גייט מען צופוס.

פעטראָגראַד איז ליידיג. אָבער פעטראָגראַד איז נים אויס. ווער ס׳איז געבליבן, איז ער פאַרהאַרטעוועט, האָט ער שוין נים מורא פאַר קיין צער און קיין צרות. „דער רויטער פעטראָגראַד״ איז נאָך איצט אויך איינע פון די שטאַרקסטע פעסטונגען פון דער רוסישער רעוואָלוציע. דער רויטער פעטראָגראַד רופט זיך דער ערשטער אָפּ אין דער צייט פון אַ סכנה. פאַראַיאָרן אויגוסט, ווען מ׳האָט געדאַרפט פאַרשטאַרקן דעם פראָנט געגן די פּאָליאַקן,

האָבן פּעטראָגראַדער טוער זיך די ערשטע אַ לאָז געטאָן אין דער רויטער אַרמיי. דאָס אייגענע מיטן פראָנט געגן וורענגעל'ן. דאָס אייגענע מיט פּראָדוקטיווער פאַבריק־אַרבעט. די פּעטראָגראַדער זיינען בעסער דיסציפּ־לינירט און פאַרשטייען בעסער די אויפגאַבן פון זייער פּראָלעטאַרישער מלוכה, איידער אַפילו די אַרבעטער פון מאָסקווע.

אָבער דאָס באַמערקט מען ערשט ווען מען קוקט זיך איין אין דעם לעבן. מען דאַרף גיין אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, אויף זיצונגען פון די פּראָ־פעסיאָנעלע פאַראיינען, פון די פּאַרטיי־אָרגאַנען, כדי צו דערפילן די שטימונג פון די מענטשן. אויבנאויף איז פּעטראָגראַד וויסט. ווען איך בין דאָרט געווען, איז די שטאָט געלעגן איינגעהילט אין אַ לייכטן קילבלעכן נעבל. דורכן נעבל האָט געשיינט אַ רויטע זון אָן שטראַלן, און ס'האָט אויסגעזען, אַז די גאַנצע שטיינערנע שטאָט, מיט אירע ליידיגע גאַסן און פּרעכטיגע מאָנו־מענטן, איז אַ מאָדנער פאַנטאַסטישער חלום. ווינטער איז דער נעבל גע־דיכטער, די קעלט — עסנדיגער, די איינזאַמקייט גרעסער. ביינאַכט ברענען ניט קיין לאָמפּן אין גאַס. זעלטן וואו ס'זעט זיך אַ ליכט אין אַ פענצטער. איז די שטאָט ווי אַ מדבר.

און טאַקע ווייל דאָס לעבן איז אַזוי שווער, איז די שטאָט בעסער אָר־גאַניזירט, ווי אַ סך אַנדערע שטעט. אַניט וואָלט זיך אַלעס צעפאַלן. מען זאָגט מיר, אַז די „פּעטראָקאָמונע", דער אַפּאַראַט וואָס פאַרטיילט פּראָדוקטן צווישן דער שטאָטישער באַפעלקערונג, איז איינע פון די בעסטע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס פון רוסלאַנד. הייַנטיגס יאָר האָט זי געהאַט עטלעכע טויזנט דעסיאַטין געריטנער אַרום דער שטאָט, צו באַוואָרענען זיך מיט גרינסן. האָלץ האָט מען אויך פאַרגרייט באַצייטנס; שיער ניט יעדער איינוואוינער האָט געמוזט אויף עטלעכע טעג אַרויספאָרן אין די וועלדער האַקן און זעגן — כאָטש אויפן גאַנצן ווינטער האָט פאָרט ניט געקלעקט. קיין פּריוואַטע קראָמען דערלויבט מען ניט אין פּעטראָגראַד — אַלע פּראָדוקטן דאַרפן דורכ־גיין דורך דער „פּעטראָקאָמונע".

:: :: ::

גאַנצע טעג האָב איך אַרומגעוואַנדערט איבער פּעטראָגראַדער גאַסן. יעדער שטיין איז פול מיט זכרונות. יעדעס ווינקל דערציילט אַ קאַפּיטל געשיכטע.

אָט איז אַ דענקמאָל פון פּיאָטר דעם גרויסן. אַ ווילדער רייטער האָט צעיושעט זיין פערד אַזוי, אַז ס'האָט זיך אויפגעהויבן אויף די הינטערשטע פיס, גרייט צו שפּרינגען אין דער וועלט אַריין. אַזוי, זאָגט פּושקין, האָט

פיאָטר מיט זיין אייזערנעם ווילן אויפגעריסן גאנץ רוסלאנד אין דער הויך.*) אָט איז, אויף יענער זייט נעווא, די פעטראָפּאוולאָווסקי פעסטונג, דער קבר פון הונדערטער רוסישע רעוואָלוציאָנערן. אָט איז דער טאווריטשער פּאַלאַץ, וואו ס׳איז געווען די גאָסודאַרסטווענע דומע און וואו ס׳האָט זיך אָפּגעשפּילט דאָס ערשטע קאַפּיטל פון דער פעברואר־רעוואָלוציע (אין 1917). אין אַן אַנדער עק שטאָט איז דער סמאָלני אינסטיטוט — די הויפּט־קוואַרטיר פון די באָלשעוויקעס: אָט דאָ האָט מען צוגעגרייט די אָקטאָבער־איבערקערעניש. און אָט איז דער ווינטער־פּאַלאַץ, וואו ס׳איז פאָרגעקומען די ענטשיידענע שלאַכט צווישן קערענסקי׳ס אָנהענגער און די באָלשעוויקעס.

דער ווינטער־פּאַלאַץ זעט אויס ווי אַן אבל. ערשט איצט, ווען מ׳האָט אַראָפּגענומען דעם שיינעם פּאַרקאַן פון געהאַמערטן אייזן (איך ווייס ניט צוליב וואָס), זעט מען ווי פּלאַך, ווי נעבעכדיג עס איז דער בנין. רוסישע צאַרן האָבן קיינמאָל ניט געקאָנט אויפבויען עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זיך שטאָלץ הויבן צום הימל. וואו האָבן זיי געזאָלט נעמען דעם שוואונג, די ברייטקייט? דער ווינטער־פּאַלאַץ איז ווי אַ לאַנגע, נידעריגע, טונקל־רויטע קאַזאַרמע. נאָר דער גרויסער פּלאַץ פאַרנט — איצט הייסט עס: „דער פּלאַץ פון אוריצקי׳ן״ — מיט דער האַלב־קיילעכדיגער געביידע פון דער אַדמי־ראַלטעיסטוואָ, מיט די ברייטע האַלב־קיילעכדיגע טויערן, מאַכט נאָך איצט אויך אַ שטאַרקן איינדרוק. אין מיטן שטייט אַ הויכער זייל, אַ דענקמאָל פון צאַרישע צייטן. אונטן — אַ ברייטער נייער אויפשריפט: „דער ערשטער מאַי, 1920״.

דער ווינטער־פּאַלאַץ געהערט איצט דעם פּאָלק. מען נוצט אים אויף פאַרזאַמלונגען, קינעמאַטאָגראַפישע פאָרשטעלונגען (מואווים), פּאַרוויילונ־גען, קאָנפערענצן. פון זיינע בילדער און אַנטיקן וועט מען מאַכן אַ מוזעי. דערווייל, קענט איר אַריינגיין און אָנקוקן די צימערן, וואו ניקאָלאַי דער לעצטער האָט געוואוינט.

אָט איז דער ביליאַרד־זאַל. אָט איז דער עמפּפאַנג־צימער. דער קאַבינעט. דער באַסעין צום באָדן זיך. דאָס שלאָף־צימער. דער קייזערינ׳ס בודואַר און קאַבינעט. דער זילבערנער זאַל, דער ווייסער זאַל — נידעריגע, ניט קיין גרויסע צימערן. די מעבל אָן באַזונדערן געשמאַק, די טאַפּעטן גאַנץ

*) ניט אומזיסט לייענט מען איצט אין רוסלאַנד רעפעראַטן אויף דער טעמע: „פּיאָטר דער ערשטער און לענין״.

נעווינלעך. די וואוינונג איז, ווייזט אויס, קיינמאל ניט געווען הוימלעך און געמיטלעך.

אט איז ניקאלאי׳ס שרייב־טיש, מיט זיין פען און טינטער. אט דא האט ער אונטערגעשריבן די געזעצן, וואס האבן געוואָרגן מיליאָנען. אט דא, אין דער פאַרדומפּענער אומפרייַנטלעכער דירה, וואו עס פילט זיך ניט דער שטעמפּל פון אַ פּערזאָן, פון אַ לעבעדיגער נשמה, האבן געלעבט די מעכ־טיגסטע און די אָרעמסטע, די שרעקלעכסטע און די אומגליקלעכסטע הערשער. וואס האט עס זיי געטויגט? ווער קאן פאַרשטיין דעם סוד פון מאכט?

ווייטער הויבן זיך אָן די אָפיציעלע זאלן. אט איז דער אראבישער זאל, מיט בילדער און פאַרצירונגען אין אַראבישן סטיל. איצט הענגען דאָרט צוויי העלע פּאָרטרעטן פון כאַלטורינ׳ען און גריניצקי׳ן — די רעוואָלוציאָנערן פון צוריק מיט פערצן יאָר. אט איז דער בארימטער ניקאלאיעווסקי זאל, וואו ס׳פלעגן פאָרקומען פייערלעכע זיצונגען. אַ פּרעכטיגער זאל מיט גרויסאַרטיגע קרישטאַלענע הענג־לייכטער, מיט ריזיגע שפּיגלען, מיט שטולן פאַר פינף־זעקס טויזנט מענטשן. אט דא האט ניקאלאי באַגעגנט די מיטגלידער פון דער ערשטער דומע (27טן אַפּריל, 1906), כדי צו מעלדן זיי, אַז זיין מאכט וועט ער ניט טיילן מיט קיינעם און אַז ער בלייבט אַליין־הערשער. אט דא, אין דעם זעלבן זאל, האט ניקאלאי אין 1914 דערקלערט קריג געגן דייטש־לאַנד — צו פאַרגרעסערן די מאכט פון רוסלאַנד און די קראַפט פונעם קייזער־לעכן הויף. איצט מאכט מען דאַ רעוואָלוציאָנערע פאַרזאַמלונגען. אויף אַ גרויסן, ברייטן פּאַס לייוונט ציט זיך אַ רויטער אויפשריפט: „די הערשאַפט פון אַרבעטער און פּויערים וועט דויערן אויף שטענדיג״. רויטע פענדלעך ציען זיך אין דער לענג, שפּיגלען זיך אין די קונציגע קרישטאַלענע לייכטער, רעדן עפּעס מיט אַ שטיפערישער שפּראַך.

ווייטער נייע זאלן, — אַ לאַנגע ריי. דער זאל פון די פעלד־מאַרשאַלן — מיט בילדער פון אַלע רוסישע פעלד־מאַרשאַלן אין גלאַנציגע מונדירן. איצט איז דאָ אַן אויסשטעלונג פון רעוואָלוציאָנערע פּלאַקאַטן. דער פּעטראָווסקי זאל — מיט איין־איינציג בילד פון פּיאָטר דעם גרויסן; דער גערבאָווי זאל — אַ ווייס־מאַרמאָרנער, באַצירט מיט בראָנז, מיט בראָנזענע זיילן און לאָמפּן, אויף די ווענט — די גערבן (עמבלעמען) פון אַלע 52 רוסישע גובערניעס. ווייטער — די בילדער־גאַלעריי. ווייטער — דער אַזוי־גערופענער איוואַנ־זאל. דאָ געפין איך נאָך רעשטן פון דער מאַי־אויסשטעלונג. אַרום און אַרום איבער די ווענט הענגען 33 גרויסע ווייסע פּלאַקאַטן. אויף יעדן פּלאַקאַט, אויבן, שטייט אַן אַנדער יאָר — אָנהויבנדיג פון 1889. אונטן שטייט ווי

אזוי די ארבעטער האָבן דעם יאָר געפייערט דעם ערשטן מאַי: וואו עס זיינען געוועז סטרייקן, וואו דעמאָנסטראַציעס, וואו ארעסטן, וואו באריקאדן. א שיינע, טראַגישע, העלדישע געשיכטע. דאָס לעצטע יאָר איז 1920. בעת דער אויסשטעלונג איז דער זאַל געווען פול מיט ליטעראַטור, מיט בילדער און מיט אַנדערע זאַכן, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם קאַמף. איצט געפין איך נאָך עטלעכע פּראָקלאַמאַציעס, צווישן זיי א מאַי־פּראָקלאַמאַציע פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד פאַרן יאָר 1902 און פון דווינסקער בונדישן קאָמיטעט פאַר 1901. אַלטע, גוטע, באַקאַנטע!

ווייטער — נייע צימערן, קאָרידאָרן, טרעפּ. איך קוק אַרויס פון א פענצטער און דערזע די נעווא. שווער ווי בליי זעען אויס די וואַסערן פון דעם ברייטן טייך. שווער ווי בליי הענגט פון אויבן דער הימל. א גרויסער שטויב איז צעגאָסן אין דער לופט. אַרום און אַרום איז פוסט.

„פאָרווערטס", אַפּריל 1, 1921.

אַ גאַס אין מאָסקווע

1920.

. . . לאָמיר אַ קוק טאָן אויף די קליידונג פון די מענטשן. דאָ זעט איר אַ מיש־מאַש, אַ מאַסקאַראַד, אַ רייכקייט פון קאָמבינאַציעס, וואָס עס האָט זיך דער מאָדע ניט גע׳חלומ׳ט. איר דאַרפט וויסן, אַז דריי־פיר יאָר האָט מען זיך ניט גענייט קיין נייע קליידער (אחוץ, פאַרשטייט זיך, ספעקולאַנטן, נאָר זיי זיינען דאָך אַ קליינער פּראָצענט). פון דער מלוכה האָט מען זעלטן וואָס באַקומען, און אויב יאָ, איז אַ גראָבן סאָלדאַטישן שינעל, אַ לייבל, אַ שעפּסן־פּעלצל אָן אויבערשלאָס. בכלל פּראָסטע אומבאַקוועמע קליידער. נו, טראָגט מען וואָס גאָט האָט געגעבן. אגב האָט מען זיך שוין לאַנג אויפגעהערט שעמען מיט אומפּאַסנדיגע קליידונג — אַלצדינג „פּאַסט”, אַבי ס׳באַשיצט דעם קערפּער. קאָנט איר זען אַ הויכן פּראַנט מיט פּענסנע, אַ האַרטן הוט אויפן קאָפּ, אַ דאַמסקע וואַטאַווע לייבל אויף די פּלייצעס און פויערשע לאַפּטשעס אויף די פיס. אָט איז אַ יונגע מיידל מיט אַ מאָדישן בלומען־הוט דווקא אין ווינטער, און שיינע געשנירעוועטע שיכלעך אויף פּראַנצויזישע קנאַפּל און אָן קאַלאָשן און מיט אַ ברייטן און קורצן מיליטערישן מאַנטל, אונטערגעגאַרטלט מיט אַ גרינעם פויערשן גאַרטל. אָט איז אַ דאַמע מיט געפאַרבטע ליפּן. זי טראָגט אַ ווייסע, קאַשמירענע פּאַטשיילע אויפן קאָפּ, אַ פּאָר גרויסע שווערע וואַלינקעס און אַ קאַראַקולענעם זשאַקעט מיט אָפּגעריבענע נעט. ווייטער גייט אַן עלטערער מענטש אין אַ צעריסענעם סטודענטישן שינעל מיט גאָלדענע קנעפּ. אויף די פיס האָט ער אַ פּאָר געלע לייכטע זומער־שיך מיט לאַנגע נעז און אויפן קאָפּ אַ פּאַפּאַכע — אַ גרויסן גרויען שעפּסענעם הוט, ווי אַ סקידרע שטרוי. אָט איז אַ פרייליַן מיט אַ טייערן סאָבעלענעם פּעלץ, מיט אַ פּאָר סאָלדאַטסקע שטיוול אויף די פיס און מיט אַ סאָלדאַטסקן מיצל אויף די שווערע בלאָנדע האָר. הינטער איר גייט אַ מאַן מיט אַן איידעלן אינטעליגענטן פּנים, אָבער אָנגעטאָן איז ער אין אַ גראָבן זאַק, — יאָ, אַ געוויינלעכער זאַק מיט אַ לאָך אויסגעשניטן פון אויבן פאַרן קאָפּ און מיט צוגעשטוקעוועטע צוויי אַרבל. אויף די פיס טראָגט ער אַ פּאָר הויכע לעבערדיגע קאַלאָשן (באַטיקעס, רופט מען זיי דאָ), און איר זעט, אַז קיין שיך אין די קאַלאָשן איז ניטאָ. דערפאַר אויפן קאָפּ זיצט ביי אים אַ טייערער ביווער־הוט מיט אַ סאַמעטענעם ווערק. מיינט איר

דאָך, אַז עס אַרט אים? הויבט זיך גאָרניט אָן. ער גייט מיט אַזאַ זיכערער מינע, אַקוראַט ווי ער וואָלט געווען דער הערשער פון גאַנץ מאָסקווע. וואָרים איר דאַרפט וויסן, אַז אָרעמקייט איז איצט אין רוסלאַנד קיין שאַנד ניט. פאַרקערט, אָרעמקייט איז אַ פּאַטענט אויף פּראָלעטאַרישער ערלעכקייט, אויף רעוואָלוציאָנערער געטריישאַפט, אויף אָן אָפּזאָג פון קליינבירגערלעכע אידעאַלן. אַ קוק געבן אויף אַ בחור מיט אַ זאַק, אָנשטאָט אַ מאַנטל, וועט איר באַלד וויסן, אַז ער איז ניט קיין ספּעקולאַנט.

ווען איר קוקט זיך איין אַ לענגערע צייט, באַמערקט איר אַז ס'האָט זיך דאָך אויסגעאַרבעט אַ געוויסע מאָדע, דער הויפּט צווישן דאַמען. אַ גוט־געקליידעטע סאָוועטישע דאַמע טראָגט אַ „בעקעשע" פון גראָבן סאָלדאַטסקן געוואַנט, אַ מין מאַנטל געהאַקט אין טאַליע און מיט אַ סך פאַלבן פון דער טאַליע אַראָפּ, און אַ פּאָר מענער־שטיוול מיט אייזערנע פּאָדקאָוועס אויף די פיס און אַ קליילעכדיק שמויסן היטל אויפן קאָפּ, אַזוינס וואָס מען קאָן עס אָנרוקן איבער די אויערן, ווען ס'איז קאַלט. אַזאַ קאָסטיום ווערט גע־רעכנט פאַרן פיינסטן אין סאָוועטישע קרייזן. ווי איר זעט, איז דאָס אייגנט־לעך אַ פּאָלקסטימלעכער מענער־קאָסטיום, אָבער בכלל איז איצט דאָ אַ שטרעבונג מצד די פרויען זיך אָנצוטאָן ווי מענער: ס'איז אי באַקוועמער, אי ביליגער, אי עס פאַרלאַנגט ווייניגער טרחה. אין גרעסטן גאַנג איז גרויע סאָלדאַטסקע געוואַנט — שיער ניט אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג איז אָנגעטאָן אין גרוי.

זומער איז די רייכקייט פון קאָמבינאַציעס נאָך גרעסער.

איצט, אַז איר האָט שוין פאַרבראַכט אַ שטיקל צייט אין גאַס, וועט איר מסתמא פרעגן: וואָס זיינען דאָס פאַר אַ פּעקלעך?

כמעט יעדער פאַרבייגייער טראָגט עפּעס אין די הענט, אָדער אויף די פּלייצעס: ווער אַ טאָרבע, ווער אַ זאַק, ווער אַ קלומיק, ווער אַ פּאַקעט איינ־געוויקלט אין אַ געדרוקטן פּאַפּיר, ווער עס שלעפּט נאָך אַ שליטעלע מיט אַ פּאָר זעקלעך. אין פּרט פון טראָגן זיינען אַלע גלייך: גוט־געקליידעטע, שלעכט־געקליידעטע; אַ מאַן אין אַ טייערן מאַרדער־פּעלץ — און אויפן פּלייצע טראָגט ער אַ קעסטל פאַרוויקלט אין אַ ראָגאָזשע; אַ פרוי, אָנגעטאָן אין דער לעצטער פּאַריזער מאָדע (ס'איז דאָ אַזוינע אויך), און איבערן אַקסל איז ביי איר אַריבערגעוואָרפן אַ שטריקל, צו וועלכן עס זיינען צוגעבונדן צוויי גרויסע טאָרבעס, איינע פאָרנט, איינע הינטן. וואָס זאָל דאָס באַדייטן?

גאָר פשוט. יעדער איינער באַקומט דאָך וואו זיין „פּאַיאָק", זיין פּאָרציע שפּייז (ברויט, מעל, גרויפּן, זאַלץ, פליייש). די פּלעצער וואו מען טיילט אויס

די שפּייז זיינען געוויינלעך ווייט פון עם אָרט וואו איר וואוינט. קיין באַוונדערע מענטשן, וואָס זאָלן אייך אַלצדינג אַריינטראָגן אין שטוב אַריין, איז, פאַרשטייט זיך, ניטאָ. קיין טראַמווייען פאָרן נישט. דינגען אַ איזוואָשטשיק דאַרף מען באַצאָלן זעקס, זיבן, 10 טויזנט רובל. וואָס־זשע טוט מען? נעמט מען די פּיס אויף די פּלייצעס און מען גייט, — און מען טראָגט, וואָס קאַזנאַ האָט געגעבן; מען פרייט זיך, אַז עס איז דאָ וואָס צו טראָגן.

מאָסקווע גייט צופוס. גאַנץ רוסלאַנד גייט צופוס. די טראַמווייען שטייען, מחמת ס׳פעלט הייצונג. אין מאָסקווע פאָרן יאָ עלעקטרישע וואַגאָנעס אויף אייניגע ליניעס, פירן זיי פּראָכט — האָלץ, מעל, ברויט, אייזן, וואָס מען דאַרף טראַנספּאָרטירן פון איין עק שטאָט אין אַ צווייטן. קיין פּאַסאַזשירן נעמען זיי ניט, דאָס הייסט, מען לאָזט קיינעם ניט אַריין אינעווייניג פאַר אויסנווייניגסטע פּאַסאַזשירן קאָן מען זיך ניט פאַרהיטן. מענטשן טשעפּען זיך אָן אויף די טרעפּ, אויף די הינטערשטע שטאַנגען, אויף יעדן טשוואָק, וואו מען קאָן נאָר שטעלן אַ פוס, אָדער זיך אָנהאַלטן מיט אַ האַנט, — פאָרן די וואַגאָנעס מיט אַ גאַנצער כאַליאַסטרע הענגענדיגע מענטשן, איינער אָנגעקלאַמערט אָן דעם צווייטן, איינער איבער דעם צווייטן. זעט דאָס אויס, ווי אַ שטיק צוקער אַרומגעקלעפּט מיט פליגן. אין אַ שטאַרקן פראָסט ווערן די הענט צוגעזאָמט צו די אייזערנע שטאַנגען. נעזער, אויערן, ווערן אָפּגעפרוירן, פיס ווערן פאַרגליווערט אין דער שניידיג־קאַלטער לופט, — אָבער מען פאָרט! אַ שמחה.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די צאָל פון אַזוינע פּאַסאַזשירן איז, בערך, נישטיג. די איבעריגע באַפעלקערונג גייט צופוס. אַלע גייען, גרויס און קליין. מיינער אַ פריינט איז יעדן טאָג געגאַנגען אין זיין ביוראָ — פינף ווייאָרסט אַהין, פינף ווייאָרסט צוריק; אין אָוונט האָט ער נאָך געדאַרפט גיין אויף פאַרזאַמלונגען — אַמאָל אַ ווייאָרסט צוויי־דריי. צום טעאַטער איז פון זיין הויז געווען אַ מהלך פון 50 מינוט. מען האָט זיך אַזוי אויסגעלערנט גיין אין מאָסקווע, אַז מען האַלט עס שוין פאַר נאַטירלעך. נאָר די העכערע מלוכה־באַאַמטע און די וויכטיגערע טוער פאָרן אויף אויטאָמאָבילן, אָדער אויף פערד.

און איצט, אַז מיר האָבן זיך שוין באַקענט מיט די מענטשן פון מאָסקווע, לאָמיר אָקאָרשט אַ קוק געבן אויף די הייזער. איינס וואַרפט זיך אייך גלייך אין די אויגן — פאַרמאַכטע קראָמען, פאַרשלאָסענע פענצטער. דער האַנדל, ווייסט איר, איז אין רוסלאַנד סאָציאַליזירט. איז ניטאָ קיין

פריוואטע געשעפטן. ווידער, סאָוועטישע געשעפטן דארפן האָבן א סך וויינעיגער אָרט, ווי די אַמאָליגע פריוואטע. נו, שטייען שורות קלייטן, מאגאַזינען, פארשלאָסן, וויסט. די שילדן זיינען נאָך כמעט אומעטום געבליבן — זעט עס אויס, ווי זיי מאַכן חוזק איבער די אויסגעליידיגטע קראָמען און זייערע אַמאָליגע באַלעבאַטים: „פיש, פלייש און גרינס פון ערשטן סאָרט", „דאַמען־היט פון פאריז", „עלעגאנטע הערן־קאָסטיומען, פיינסטע קוואַליטעט", „רעסטאָראן מיט נאכט־מוזיק און קאַבארעט", „אַמעריקאנישע שיך, גאראַנטירט", „ערשטער אוניווערסאַלער מאַגאַזין" (דעפּאַרטמענט סטאָר), „באַנק פאַר האַנדל און אינדוסטריע", און אַזוי ווייטער. ערטערווייז זיינען די שילדן אויסגעבויגן, פאַרראָסט, פאַרשימלט. די שפּיגל־שויבן האָבן דאָ און דאָרטן געפּלאַצט.

די הייזער גופא זיינען שוין לאַנג ניט רעמאָנטירט געוואָרן. מאַכט דאָס אַלץ צוזאַמען אַן איינדרוק פון חורבן.

איר באַגעגנט אָבער אויך אָפענע געשעפטן: מערסטנס סאָוועטישע. אַ קליידער־געשעפט, אַ בוך־האַנדלונג, אַ שפּייז־קראָם, אַ מאַגאַזין פון געפעס. זיי זיינען ניט קיין „פרייע": איר קאָנט ניט אַריינגיין קויפן וואָס איר ווילט. איר דאַרפט האָבן אַן „אָרדער" — אַ באַפעל פון דעם פאַרטיילונג־אָרגאַן, אַז מען זאָל אייך אַרויסגעבן דאָס און דאָס. דער פאַרטיילונגס־אָרגאַן וועט זיך אָבער אויף אייך ניט אומקוקן, סיידן איר האָט אַ רעקאָמענדאַציע פון אַ געוויסער אָרגאַניזאַציע: אַ יוניאָן, אַ רעגירונגס־ביוראָ, אַ קאָמיסאַריאַט; און די אָרגאַניזאַציע וועט אייך ניט אַרויסגעבן קיין רעקאָמענדאַציע, ביז זי האָט זיך ניט איבערצייגט, אַז איר נויטיגט זיך זייער שטאַרק אין דעם וואָס איר ווילט באַקומען. און נאָך אַלע זאַכן, אַז איר קומט שוין יאָ מיט אַן אָרדער, קען זיך מאַכן, אַז אין קראָם זאָל פעלן דער געוווּנטשטער אַרטיקל.

פאַראַן נאָך ערטערווייז פריוואטע געשעפטן. ערשטנס, שוסטערייען, וואו מען באַזוילט שיך (גומענע זוילן, וואָס מען מאַכט פון אַלטע אויטאָמאָביל־שינעס; קיין לעדער איז ניטאָ). צווייטנס, שפּייז־געוועלבלעך, וואו מען פאַרקויפט ניט־נאַרמירטע פּראָדוקטן: „ניט־נאַרמירטע" זיינען די פּראָדוקטן, וואָס די מלוכה האָט זיי ניט נאַציאָנאַליזירט: עפּל, באַרן, איבערהויפּט אַלערליי פרוכט, יאַגאָדעס, האָניג, מאַנדלען, ראָזשינקעס, ברויט, מעל, ציבעלעס, סוראָגאַטן פון קאַווע און טיי. פאַרקויפט מען דאָס אַלץ אין איינינע מאַסקווער קראָמען. דאָרט קריגט מען אויך נאַשערייען, געמאַכט פון אַזוינע פּראָדוקטן. אַמאָל אַ גלאָז מילך. די פרייזן זיינען בראַנד־טייער. פאַר אַ פערטל פונט קאָנפעקטן, פאַבריצירט פון ראָזשינקעס מיט האָניג, האָב איך

באצאָלט אכט טויזנט רובל. איצט האָלט מען שוין אין פאַרמאַכן די אַלע געשעפטן.

פונדעסטוועגן זאָלט איר ניט מיינען, אַז אַ מאָסקווער גאַס זעט אויס אומעטיג. נאָדנע זעט זי אויס, געוויס: אַ געמיש פון נעכטן און היינט, פון אַ סיסטעם אַ צעשטערטער און די התחלות פון אַ נייער. אַלצדינג ניט אויפן אָרט, אַלצדינג אויפגעגראָבן, אויפגערודערט, צעפּערטלט. אָבער עס לעבט! שרייט! עס רודערט זיך!

וואָס זיינען ווערט די פּלאַקאַטן! די מאָסקווער גאַס גליט מיט פאַרבן שוין צוליב די פּלאַקאַטן אַליין. גרויסע, העלע, דרייסטע, רופנדיגע, קלינגענ־דיגע זיינען זיי אויסגעקלעפּט אויף יעדער שטוב. אַ רויט־אַרמייער שיקט אַ מתנה — אַ גרויסע רויטע באָמבע — דעם שוואַרצן גענעראַל וורַאַנגעל. אַ גרויסער פּעטער פאַרשוין מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס זיצט און דריקט אַ גאַנצע שטאָט. אויפשריפט: „דער מיעשאָטשניק (דער ספּעקולאַנט, וואָס טראָגט אַ זאַק מיט שפּייז) איז אונזער אַלעמענ׳ס שונא". אַ גרופּע בראַווע אַרבעטער פאַרריכטן אַ גרויסן וואַגאָן. אויפשריפט: „אָן אַ פאַרבעסערטן טראַנספּאָרט וועלן מיר ניט פאַרבעסערן אונזער לעבן".

איבער דעם גאַסן־טומל הויבן זיך צום הימל די גילדערנע צלמים פון די פערציג מאָל פערציג מאָסקווער קירכן. גייען מענטשן פאַרביי און צלמ׳ען זיך, און בויגן דעם קאָפּ. אַ סך מענטשן צלמ׳ען זיך, אָבער טאַקע גאָר אַ סך. און דאָ קומט אָן אַ פּאָלק רויטע אַרמייער מיט די רויטע פאָנען. קאָמאַנדע־רופן לאָזן זיך הערן און די מוזיק שפּילט אַ רעוואָלוציאָנערן מאַרש. שפּעטער הויבן די סאָלדאַטן אָן זינגען. איך הערט דייטלעך דעם רעפרעין: „ווסיאַ וולאַסט סאָוועטאַם" (די גאַנצע מאַכט די סאָוועטן). גרויסע אַנאָנסן מעלדן אַ נייעם קורס אין קאָמוניסטישן אוניווערזיטעט. עס איז דורכגעפאָרן אַן אויטאָמאָביל מיט רויטן: דאָס פירט מען אַ דעלעגאַציע מיט אויסלענדישע קאָמוניסטן.

עס לייכטן די צלמים, עס ברענען די פּלאַקאַטן. דאָס אַלטע מאָסקווע ליגט אויסגעשפּרייט, ווי אַ קאָלירטער טעפּיך אויף ביידע זייטן פון דעם טייך מאָסקווע. אין מיטן האָט זיך פעסט איינגעפרעכט אין דער ערד דער שטיינערנער קרעמל מיט זיינע אַלטע טראַדיציעס און נייע אידעאַלן. אויבן ליגט אַ בלויער קאַלטער הימל און דער שניי קנאַקט אונטער די פיס.

„פאָרווערטס", אַפּריל 2, 1921.

וואָס דערציילט אַ מאָסקווער גאַס?

1924

איז אַז איר פֿאַלט אַריין אין מיטן מאָסקווע און דערזעט, אַז דאָס איז פּונקט אַזאַ שטאָט ווי אַנדערע שטעט אין אייראָפּע: קראָמען שטייען אָפֿן; סחורות ליגן הורבעסוויז אין אַלע פֿענצטער; מענטשן האַנדלען־וואַנדלען און לויפֿן; איזוואָשטשיקעס און אויטאָמאָבילן פֿאַרהילכן די גאַסן; פֿאַרביגע שילדן רופֿן אייך אין געשעפֿטן, קינאָמאַטאָגראַפֿן; דער רובל קייקלט זיך פֿון האַנט צו האַנט און אָן מזומן קען מען זיך ניט דורכשלאָגן אַפֿילו קיין איינציגן טאָג, — איז אַז איר דערזעט דאָס אַלעס, ווענדט זיך וואָס פֿאַר אַ מענטש איר זייט און וויפֿיל מאַרך איר האָט אינעם קעסטל פֿון אייער שאַרבן. אויב אייך געפֿעלט צו זיין אַ בלינדער און אַ טויבער, אָדער אויב אייך פֿעלט אַ קליאָפּקע אין קאָפּ, וועט איר אַרומגיין און נאָכנאַנד האָבן טענות: וואו איז די רעוואָלוציע? און וואו איז דער סאָציאַליזם? און וואו איז די גלייכהייט? און וואו איז די פּראָלעטאַרישע הערשאַפֿט? און מיט וואָס, אַ שטייגער, איז דאָס בעסער ווי אין אַנדערע לענדער?

אָט איז אַ קראָם אָנגעפּיקעוועט מיט גוטן מאַנופֿאַקטור־שטאָף: וועלכער אַרבעטער קען זיך דאָס פֿאַרגינען צו קויפֿן אַזעלכע טייערע זאַכן? אָט איז אַ שפּייז־געשעפֿט מיט אַזעלכע פֿליישן, פֿישן און פֿרוכטן, אַז עס רינט אייך די סלינע: ווער עסט עס, אויב ניט די בורזשואַזע עקספּלואַטאַטאָרס? אָט זיצן מענער, פֿרויען און קינדער אויף די טראָטואַרן און פֿאַרקויפֿן בייגל, פּישלעך, עפּל, סעמעטשקעס, פּאַפּיראָסן: וואָס איז דאָס פֿאַר אַן עובֿדה? וואָלט מען דען ניט געקענט אויסנוצן זייער אַרבעט־קראַפֿט אויף בילכערע זאַכן? און בכלל: ווי קומט עס, וואָס קינדער פּעדלען מיט סחורה אָנשטאָט צו גיין אין שול און לערנען? אָט שטייט גאָר אַ הינקענדיגער אַלטער און בעטלט? היתכן? קען דען די פּראָלעטאַרישע מלוכה ניט באַזאָרגן אַלע היימלאָזע און קאַליקעס, אַז זיי זאָלן ניט דאַרפֿן בעטן נדבֿות? און אויב איר דערזעט נאָך דערביי, אַז די גאַסן זיינען ניט אומעטום אויסגעקערט און די הויפֿן ניט אומעטום ריין, און אין די טראַמוואַיען איז כּסדר אַן ענג־שאַפֿט, און אין פּאָסט דאַרף מען שטיין פּופֿצן מינוט ביז עס דערגייט צו אייך די „טשערעד" (ריי) צו קויפֿן אַ מאַרקע, און אין אַ וויכטיגן מלוכה־אַנשטאַלט לאָזט מען אייך ניט אַריין אָן אַ „פּראָפּוסק" (איינטריט־צייגניש),

און אז מען זאָגט אייך עפּעס צו, גייט אוועק עטלעכע טעג ביז איר קריגט עס, — און אויב איר דערפילט, הייסט עס, אַז באַקוועמלעכקייט איז דאָ אין מאָסקווע אַ סך ווייניגער ווי, אַ שטייגער, אין ניו יאָרק, אין פּאַריז אָדער אין לאָנדאָן, ווערט איר שוין אוודאי אַן אומצופרידענער און פרעגט זיך: וואָס האָט געטויגט דער גאַנצער באָלשעוויזם מיט דעם גאַנצן טומל?

טרעפט זיך דאָס טאַקע אַזוי מיט די אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן. ווערן זיי טאַקע געשטרויכלט, אפילו אויב זיי האָבן ניט קיין בפירוש׳דיגן אָנזאָג צו שרייבן קאַפּויר. איז אַ קלאָג צו זיי מיט זייער שכל.

אויב אַ מענטש האָט אָבער אַן אָפענעם מוח מיט אָפענע אויגן, וועט ער באַלד דערזען דעם חילוק צווישן מאָסקווע און די שטעט פון קאַפּיטאַליס־טישע לענדער. נאָך איידער ער קוקט אַריין אין ביכער, צייטונגען, זשורנאַלן; נאָך איידער ער פאַרשמעקט אין געזעלשאַפטלעכע און מלוכה׳דיגע אַנ־שטאַלטן, — גענוג אים אַ גיי טאָן איבער די גאַסן פון מאָסקווע און הערן און זען, וועט ער שוין אויך געוואָר ווערן אַ סך אינטערעסאַנטע און וויכטיגע זאַכן וועגן דער איצטיגער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אָרדענונג.

גייען מיר. טוט פאַר אונז אַ לייכט אַ גרויס מאַנופאַקטור־געשעפט. הינטער ברייטע שפּיגל־שויבן — וואָלנס, סיץ און זיידנס פון אַלערליי קאָלירן, קינסטלעך אויסגעהאַנגען, אויסגעשפּרייט און אויסגעפאַלדעוועט, אַז ס׳פאַר־כאַפּט די אויגן. ווילן מיר וויסן וואָס דאָס איז פאַר אַ געשעפט. לייענען מיר אויף אַ גרויסן שילד מיט גאָלדענע אותיות: „וו.ס.נ.כ. — אַלרוסישער טעקסטיל־סינדיקאַט“. די פיר אותיות וו.ס.נ.כ. באַדייטן: „וויסשי סאָוויעט נאַראָדנאָוואָ כאָזיאַיסטוואַ — דער העכסטער ראַט פון דער פאָלקס־ווירט־שאַפט (פון דער סאָוועט־רעפּובליק). דער טעקסטיל־סינדיקאַט איז ניט קיין פּריוואַטע קאָרפּאָראַציע, נאָר אַ פאַרבינדונג פון אַלע רוסישע טעקסטיל־פאַבריקן, וואָס געהערן דער מלוכה. לייענען מיר און פאַרשטייען, אַז די רוסישע פּראָלעטאַרישע מלוכה איז ניט נאָר די באַלעבאָסטע פון די טעקסטיל־פאַבריקן, נאָר זי פאַרקויפט אַליין אירע סחורות דעם ברייטן עולם. שטויסן מיר זיך שוין אָן, אַז מסתמא זיינען דאָ אַזוינע געשעפטן ניט נאָר אין מאָסקווע, נאָר אויך אין אַלע אַנדערע שטעט פון דער גרויסער רוסלענדישער מלוכה.

גייען מיר אָפּ אַ ביסל ווייטער, דערזעען מיר אַן אַנדער מאַנופאַקטור־געשעפט מיט אַן אויפשריפט: „קאָליר־געוועב. פאַרקויף פון מלוכה׳דיגע געוועבן פון בוימוואָל־טראַסט“. גייען מיר ווייטער, זעען מיר אַן אַנדער אויפשריפט איבער אַן אַנדער געשעפט: „איוואַנאָוואָ־וואָזנעסענסקער

טעקסטיל־טראַסט, מאָסקווער אָפּטיילונג". גייען מיר נאָך ווייטער, זעען מיר נאָך אַ געשעפט מיט נאָך אַן אויפשריפט: ר.ס.פ.ס.ר. פאַרוואַלטונג פון די פּרעסנער בוימוואָל־פאַבריקן פון דעם אַלרוסישן פאַלקסווירטשאַפטסראַט". ווייסן מיר נאָך פון פריער, אַז ר.ס.פ.ס.ר הייסט „רוסישע סאָציאַליסטישע פעדעראַטיווע סאָוועט־רעפּובליק". ווייסן מיר אויך, אַז איוואַנאָווא־וואָז־נעסענסק איז אַ טעקסטיל־צענטער אין טיף־רוסלאַנד און אַז פּרעסנע איז אַ שטאָט־טייל פון מאָסקווע. פון די אויפשריפטן שטויסן מיר זיך אָן, אַז אַ טראַסט אין רוסלאַנד איז ניט קיין פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, נאָר אַ פאַראייניגונג פון פאַבריקן, וואָס געפינען זיך אין דער זעלבער געגנט, אָדער וואָס אַרבעטן אויס די זעלביגע סחורות. אַלע אַזוינע „טראַסטס" געפינען זיך אין די הענט פון דער מלוכה.

אָבער וואָס איז דאָס? אַ גרויס געשעפט מיט אַ גרויסן סאַלידן שילד: „מאָסקווער טעקסטיל־געזעלשאַפט. טעקסטיל־קאָמבינאַט פון אָפּגעדונגענע מלוכה־פאַבריקן". אַהאַ! דאָס איז שוין אַן אַנדער זאַך. דאָס זיינען פּרי־וואַטע פאַבריקאַנטן. אַמאָליגע יאָרן זיינען זיי געווען די הערשער פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע, די גרעסטע גבירים פון מאָסקווע. היינט, הייסט עס, האָבן זיי אָפּגעדונגען ביי דער סאָוועט־רעגירונג עטלעכע פאַבריקן און מאַכן געשעפט אויף זייער אייגענעם חשבון. נעבעך! אָפּגעקומענע גבירים. די פאַבריקן זיינען ניט זייערע. די פאַבריקן געהערן דער מלוכה. די דינג־צייט וועט אַריבער, וועט די מלוכה ווידער איבערנעמען איר אייגנס. דערווייל דאַרפן די פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטן קאָנקורירן מיט דער רעגירונג. אַזוי ווי די רעגירונג האָט כמעט אַלע פאַבריקן אין אירע הענט, ד. ה. זי איז אַ גרעסערער געשעפטסמאַן ווי די פּריוואַטע, און אַזוי ווי עס איז אַ כלל, אַז אַ גרויסע פירמע קען אַלעמאָל באַזיגן אַ קליינע, און אַזוי ווי די רעגירונג האָט נאָך דערצו די מלוכה־מאַכט אין אירע הענט, איז דער קאָנקורענץ־קאַמף פון די פּריוואַט־פאַבריקן פאַר זיי ניט אַזאַ גרינגער.

נו, גייען מיר ווייטער. זעען מיר אַ געשעפט פון הויז־געשיר. אויפ־שריפט: „צענטראַלער פּאַרפּאַר־טראַסט" — דאָס הייסט, אַ געשעפט פון דער מלוכה. זעען מיר אַ וויין־געשעפט. אויפשריפט: „אַרמענישע ווייגען, פון די אַרמענישע מלוכה־קעלערס". זעען מיר אַ שפּייז־געשעפט — אייער, פּוטער, קעז, פּרוכטן. אויפשריפט: „מלוכה־סינדיקאַט פון לאַנדווירטשאַפט־לעכע פּראָדוקטן". זעען מיר אַ קליידער־געשעפט. אויפשריפט: „ווו.ס.נ.כ., מלוכה־קראָם פון פאַרטיגע קליידער". גייען מיר אַריין קויפן אַ בולקע אין אַ בעקעריי, איז די אויפשריפט: „מלוכה־בעקעריי און קאָנדיטעריי". גייען

מיר אַרויס און שפּאַצירן אַ פּאָר טריט, זעען מיר אַ פראַכטפול געשעפט פון אַלערליי סחורות. מעדיצינישע אַרטיקלען, פּאַרפומעריע, באַנדאַזשן, כירור־גישע אינסטרומענטן, מינעראַל־וואַסער, גווירצן, ברילן, זייפן. אויפשריפט: „מאַגאַזין נומ. 1, געזונט־אָפּטיילונג פון דעם מאָסקווער סאָוועט". דאָס געשעפט געהערט שוין ניט דער מלוכה אַלס גאַנצע, נאָר דעם אָרטיגן מאָסק־ווער סאָוועט. גייען מיר נאָך אַ ביסל ווייטער, שטויסן מיר זיך אָן אויף אַ קראָם מיט אַן אויפשריפט: „פּאַראייניגטער קאָאָפּעראַטיוו 'קאָמונאַר'". צוויי טריט פון דאָרט — אַ געשעפט פון רענצלעך, פּאָרטפּעלן, טייסטערס און אַנדערע זאַכן. אויפשריפט: „קאָאָפּעראַטיוו פון די אַרבעטער פונעם אַל־רוסישן לעדער־סינדיקאַט". גייען מיר אַריין אין אַ קאַפע אויסטרינקען אַ גלאָז טיי, לייענען מיר די אויפשריפט: „קאַפע־שפּייז־צימער פונעם מאָסק־ווער סאָוועט". קויפן מיר זיך אַ פּעקל קרעקערס, איז אויפן פּעקל אָפּגע־דרוקט: „געבעק פון דער מלוכה'שער קאָנדיטעריי־פאַבריק 'רויטער אָקטאָ־בער'". קויפן מיר אַ פּעקל זאַלץ, איז דאָ דערויף אַ שטעמפּל: „דער אַל־רוסישער מלוכה'שער זאַלץ־סינדיקאַט". גייען מיר אין אַ קינעמאַטאָגראַף (מואווי), לייענען מיר איבער דער טיר: „מלוכה־פילם". גייען מיר אַרויס אויפן רויטן פּלאַץ פון קרעמל, זעען מיר אַ גרויסע שיינע געבײַדע, וואָס האָט אַמאָליגע יאָרן אַנטהאַלטן אַלע שענסטע געשעפטן פון מאָסקווע — איינגנטלעך, ניט איין געבײַדע, נאָר אַ רייע פיר־שטאָקיגע געבײַדעס, אַלע אונטער איין ריזיגן גלעזערנעם דאַך און אַלע פאַרבונדן דורך גאַלערייעס. איצטער הענגט דאָ אויף אַלע טויערן די אויפשריפט: „גאום". וואָס איז אַזוינס „גאום"? גאָסודאַרסטווענני אוניווערסאַלני מאַגאַזין — אַ דעפּאַרט־מענט־סטאָר, וואָס געהערט דער מלוכה, — דאָס גרעסטע געשעפט אין רוסלאַנד.

און אַז דער קאָפּ איז ניט פאַרפּאַפט און אַז די אויגן זיינען אָפן, גייט אַ מענטש און טראַכט זיך: אַה! דאָס איז דאָך אַן אַנדער אָרדענונג! דאָ הערשט ניט דער קאַפּיטאַליזם. דאָ האָט די מלוכה אַריינגענומען דעם עקאָ־נאָמישן אַפּאַראַט אין אירע הענט. אמת, זי האָט נאָך ניט אַלע זיינע טיילן ביזן לעצטן. זי דערלויבט נאָך פּריוואַטע געשעפטן. אָבער אַפילו שוין אויפן קוק — אָן ביכער און אָן סטאַטיסטיק — איז קלאָר, אַז זי באַהערשט דורך אירע צענטראַלע אָרגאַנען דעם גרעסטן טייל פונעם עקאָנאָמישן לעבן. אַ טייל האַלטן די אָרטיגע סאָוועטן. אַ טייל האַלטן די קאָאָפּעראַטיווע פאַר־באַנדן. אַ טייל געפינט זיך אין די הענט פון פּריוואַטע געשעפטסלייט.

און אַז מען דערמאָנט זיך דאָס, וואָס יעדער איינער דאַרף וויסן: אַז

עס איז געווען אין רוסלאַנד זיבן יאָר פון קריג, רעוואָלוציע, בלאָקאַדע, הונגער און קרענק, דאַרף מען ניט זיין קיין גרויסער עקאָנאָמיסט צו טרעפן, אַז די מלוכה איז אָרעם, דאָס לאַנד איז אָרעם. עס פעלט קאַפּיטאַל אויף אויס־צושפּרייטן די אינדוסטריען. ס'פעלן זאַכן: קליידער, הייזער, מאַשינען, געצייגן, לאָקאָמאָטיוון, צו באַפרידיגן אַלעמען. ס'וועט בעסער. ס'לאַנד גלייכט זיך אויס. אָבער דערווייל קען די מלוכה ניט באַזאָרגן יעדן איינעם מיט אַרבעט און יעדן נויטבאַדערפטיגן מיט מיטלען צום לעבן. דער ווילן איז דאָ און די לאַגע ווערט בעסער. אָבער עס וועט אַוועק עטלעכע יאָר, ביז עס וועלן פאַרהיילט ווערן אַלע עקאָנאָמישע וואונדן. ווען זיי וועלן שוין אָבער פאַרהיילט ווערן, וועט זיין אַלצדינג פאַרן פאָלק און גאָרנישט פאַר די קאַפּי־טאַליסטן־עקספּלואַטאַטאָרס.

איז ווי איר גייט אַזוי און טראַכט, זעט איר: עפּעס איז רויט אין אַ פענצטער. שטעלט איר זיך אָפּ. וואָס איז? אַ געשעפט ווי אַלע געשעפטן. אָבער מ'האָט געבראַכט לאַנגע פּאַסן קומאַטש, אַזאַ רויטן, ברענענדיג־רויטן שטאָף, און מען פּאַרציט מיט אים די אויסשטעלונגען אין די גרויסע בלאַנקענ־דיגע שפּיגל־פענצטער. טוט אייך אַ בליאַסק אין מוח: אהא! ס'איז דאָך נאָענט צום ערשטן מאַי. דאָס דעקאָרירט מען די מלוכה־געשעפטן צום גרויסן פּראָלעטאַרישן יום־טוב. וואו נאָך אויף דער וועלט פּאַרפּוצט מען קראָמען מיט רויטן פאַרן יום־טוב פון קאַמף?

און אַז איר גייט נאָך אַ ביסל ווייטער, דערזעט איר אין אַן אייזן־געשעפט איבער דער קאַסע אַ גרויס בילד פון לענינ'ען, אַרומגעצוימט מיט שווארצע און רויטע פּאַסן. דערמאָנט איר זיך ווי מען האָט פּאַראיאָרן ביי אונז אין אַמעריקע געזען בילדער פון אַ געשטאָרבענעם אויסגעשטעלט אין אַלע פענצטער, פּרעזידענט האַרדינג'ס בילד. נאָר דאָס איז געווען אַן אַנדער געשטאָרבענער און פענצטער פון אַנדערע געשעפטן. טראַכט איר זיך, אַז דאָס בילד פונעם גרעסטן רעוואָלוציאָנער אויף דער וועלט פּאַסט זייער גוט אין אַ געשעפט, וואָס געהערט דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, און אַז לענין אַליין האָט אָנגעזאָגט די אַרבעטער: מיר דאַרפן זיך לערנען האַנדלען; מיר דאַרפן זיך לערנען ווערן געשעפטסלייט, אויב מיר ווילן גרייטן די סאָציאַלע אָרדענונג.

און ווי איר שטייט אַזוי און קוקט, דערהערט איר טריט, רוקט איר זיך אָפּ צום טראָטואַר. גייט פאַרביי אַ ראָטע רויטע־אַרמייצעס: יונגע, געזונטע בחורים, ווי די אייזנס, מיט זויבערע קליידער אויף די לייבער און אַ פרייען, פריילעכן, מונטערן קוק אין די אויגן. גייען זיי און זינגען. הילכט דאָס

ליד אַפּ פון נאָענט און ווייט. כאַפּט איר דעם רעפרעין: „זא וולאסט סאָ־וועטאָוו". טראָגט דער פּאָדערשטער סאָלדאַט אויף זיין באַיאָנעט אַ רויט פענדל.

און אַז איר גייט נאָך אַ ביסל, דערזעט איר דאָס הויז פונעם מאָסקווער סאָוועט אויפן סאָוועט־פּלאַץ. דאָס הויז אַליין איז צונטער־רויט. איצט פאַר־צירט מען עס אין דער לענג און אין דער ברייט און סקווער און איבער אַלע קאַרניזן מיט לאַנגע גרינע קרענץ, געפלאָכטן פון בלעטער. אַ רויטער עלעקטרישער שטערן איז שוין פאַרטיג. אינעם שטערן שטייט: „דער ערשטער מאַי".

און אַז איר גייט צו צום קרעמל, זעט איר, ווי איבער אַלע צלמים און אַלע קירכן און אַלע היילינגטימער פון די אַלטע רוסישע מאָנאַכן, פלאַטערט אַ רויטע פאָן — די פאָן פון אַ זיגרייכן ארבעטער־קלאַס.

איר זייט אין רוסלאַנד, אין דער ערשטער סאָוועט־רעפּובליק פון דער וועלט.

מאָסקווע, דאָס האַרץ פון רוסלאַנד

1924.

עס איז דער 27טער אַפּריל — און אין מאָסקווע איז אַ פראָסט, איבער נאַכט איז אָנגעפאַלן אַ געדיכטער שניי — כאָטש נעם און פאָר אין אַ שליטן. מיר ווייסן, אַז דער אומגעריכטער ווינטער וועט ניט דויערן לאַנג: ער וועט אַ שיין טאָן די פרילינג־זון און אַ ליבע וואַרעמקייט וועט אַרומנעמען די ברייטע שטאָט, ווי דאָס איז געווען אין די לעצטע פאָר וואָכן. אָבער דער־ווייל איז קאַלט און שנייאיג, דער הימל איז פאַרצויגן מיט אַ גראָער כמאַרע — און ניט־ווילנדיג דערמאָן איך זיך דעם פאַר־דריי־יאָריגן ווינטער, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין דער זעלביגער מאָסקווע.

טאַקע כמאַרנע און קאַלט און אַ שניי שיט זיך פון אויבן, — אָבער וואָס פאַר אַן אונטערשייד, איי, וואָס פאַר אַ געוואַלדיגער אונטערשייד! דעמאָלט, צוריק מיט דריי־פערטהאַלבן יאָר, האָט מען כמעט ניט געזען קיין מענטשן אין גאַס נאָך צען אַזייגער. די שטאָט איז געווען ווי אויסגעשטאָרבן, און די, וואָס האָבן זיך יאָ געוויזן, האָבן אויסגעזען ווי שאָטנס. איצט זיינען די גאַסן אַפילו צוועלף אַזייגער אָנגעפילט מיט מענטשן. ס'איז אַ קאָכעניש, אַ גייעניש, אַ טומלעניש, אַ פריילעך לאַכן אומעטום — אַקוראַט ווי עס וואָלט גאָר קיין פראָסט, קיין נויט און קיין הונגער קיינמאָל ניט געווען. פאַר־דריי־יאָרן איז אַפילו בייטאָג אין גאַס ניט געווען קיין סך מענטשן; פאַרבייגייער האָבן אויסגעזען מיד, אויסגעמאָגערט, קוים וואָס מען האָט געשלעפּט אַ פוס, קוים וואָס מען האָט געהויבן אַ האַנט; אויף אַלעמען איז געלעגן אַ שטעמפּל פון אָפּהענדיגקייט, וויסטקייט, דערעסענער געדולד; איצט זיינען מענטשן האַפּערדיג; מען זעט אויס געזונט; מען גייט מיט אויפגעהויבענע קעפּ; מען שפּאַנט מיט פעסטע טריט; מען קוקט מיט אַ פרייער מינע; מען רעדט מיט קלינגענדיגע שטימען; מען באַוועגט זיך מיט זיכערע, ענערגישע, עלאַסטישע באַוועגונגען; מען לאַכט אָפט און מען לאַכט מיט אַ פול מויל; מען פילט זיך אַזוי היימיש, אַזוי גוטמוטיג און אַזוי געהויבן, אַקוראַט ווי עס וואָלט גאָרניט געווען קיין צרות אויף דער וועלט; מ'איז ווי מענטשן, וואָס זיינען נאָך אַ לאַנגער קרענק דאָס ערשטע מאָל אַרויס געזונטע און שטאַרקע אויף דער פרייער און ליכטיגער לופט. פאַר־דריי־יאָרן איז מען געווען אָנגעטאָן אין שמאַטעס, זעק, צעריסענע לייבלעך; די קאָסטיומען

זיינען אַפּט געווען פאַנטאַסטיש־ווילד, אַ שטייגער — זומערדיגע לייוונטענע פלודערן אין אַ ברענענדיגן פראָסט; קאַלאָשן אָן שיך; סטודענטישע היטלען אויף קעפּ פון אַלטע צעשויבערטע אַרבעט־לייט. איצט איז מען אָנגעטאָן אין גאַנצע קליידער, גאַנצע שיך אָדער שטיוול — פון דער אָפּגעריסנקייט איז שוין ניט געבליבן קיין סימן; מ'איז, אמת, אויך איצט ניט געקליידט ווי קיין גבירים; מ'טראָגט אָפּט גראָע מאַנטלען פון סאָלדאַטסקן געוואַנט; מ'טראָגט אָפּט הויכע סאָלדאַטסקע שטיוול; דאָ און דאָרט באַווייזט זיך אַ פּאָר וואַלינקעס, אָדער אַ פּאָר שיך אָן קאַלאָשן; דאָ און דאָרט — אַ לעדערן רעקל. אָבער אַרום און אַרום איז מען אָנגעטאָן באַקוועם און וואַרעם, אַפילו מיט אַ רמז פון מאָדע, אַפילו מיט אַ היימישער עכטרוסישער עלעגאַנץ, וועלכע איז אַנדערש ווי די עלעגאַנץ פון אַלע אַנדערע שטעט אין דער וועלט. פאַר־דריי־יאָרן האָט געהערשט די מיליטערישע פאָרמע; שיר ניט אַ העלפט פון אַלע פאַרבייגייער האָבן געטראָגן אַרמייאישע קליידער. איצט דער רויטער־אַרמייעץ אַ זעלטענע אויסנאַם; סאָלדאַטן באַווייזן זיך מערסטנס אין גרופּעס, ווען זיי גייען אָדער פאָרן שפּאַצירן; זעלטן ווען סע גייט דורך אין גאַס אַ רויטער קאָמאַנדיר; די שטאָט האָט אָנגענומען אַ ציווילע געשטאַלט; די שטאָט פאַרנעמט זיך איצט הויפּטזאַכלעך מיט עקאָנאָמישער און קולטורעלער אַרבעט. פאַר־דריי־יאָרן זיינען אַלע געשעפטן געווען פאַרמאַכט; די טירן צוגעשלאָסן; די פענצטער אויסגעבראָכן אָדער פאַרקלאַפּט מיט ברעטער; די שילדן צעקנייטשט, אָפּגעריסן, נייע שילדן — ציטווייליגע, לייוונטענע; טייל הייזער — גאָרניט באַוואוינט; אַנדערע — ניט רעמאָנטירט, מיט שמאַטעס אָנשטאָט שויבן, מיט אַרויסגעפּאַלענע ציגל אין די ווענט, מיט לעבער אומעטום. איצט זיינען די הייזער כמעט אַלע פאַרריכט, די פענצטער גאַנץ, די פאַסאַדן — פריש אָפּגעפאַרבט; דאָ און דאָרט — נייע פאַרקנס, דאָ און דאָרט — נייע דעכער, באַלקאָנען, גאַניקעס, טרעפּ; אומעטום — אַ געוויסע ריינקייט; און וואָס איז שייך די קראָמען, זיינען אומעטום אַריינגעשטעלט בלאַנקענדיגע גרויסע שפּיגל־שויבן; שיינע בלעכענע שילדן, שיין־געמאָלן, האָבן אויפגעלויכטן אויף אַלע געשעפטן; די אויסשטעלונגען פראַוון זיין אי געשמאַקפול אי מאָדערן — און דער איינדרוק איז, אַז אַלצדינג איז דאָ בשפע. צוריק מיט דריי יאָר האָט אין גאַס זעלטן־וואו געברענט אַן עלעקטריש לעמפּל. די הייזער זיינען כמעט אַלע געווען פינצטער — און ס'האָט אויסגעזען, ווי בייזע שאָטנס האָבן באַלאַגערט די שטאָט און ווילן זי דערשטיקן. היינט איז ליכטיג, די שטאָט איז באַלויכטן, ווי יעדע אַנדער קולטור־שטאָט — אַ סך

ליכטיגער ווי האַמבורג אָדער בערלין אָדער וואַרשע; אין די שויפענצטער ברענען עלעקטרישע לאָמפּן אַ גאַנצע נאַכט — צוליב דער רעקלאַמע. פאַר־דריי־יאָרן זיינען כמעט ניט געפאָרן קיין טראַמוואַיען; היינט פאָרן אַלע מאָסקווער טראַם־ליניעס פּונקט אַזוי רעגלמעסיג ווי פאַר דער מלחמה; די וואַגאָנעס זיינען ציכטיג, די פּאַסאַזשירן — העפלעך.

אויב מאָסקווע איז דאָס האַרץ פון רוסלאַנד, איז פאַר־דריי־יאָרן דאָס האַרץ געווען קראַנק: אַט האָט עס געקלאַפּט גאָר לאַנגזאַם, שיר ניט ווי אין גסיסה; אַט האָט עס געהאַמערט מיט פיבערדיגער שנעלקייט; אַט האָט עס זיך גאָר אָפּגעשטעלט אויף פּיינלעכע שוידערהאַפטע סעקונדן. איצט איז דאָס האַרץ געזונט; עס קלאַפּט מיט שטאַרקע, רעגלמעסיגע, זיכערע און ריטמישע קלעפּ. עס פּאָמפּעט דאָס בלוט איבערן גאַנצן ריזיגן קערפּער.

מיר וועט נאָך אויסקומען אַ סך און אַ סך צו רעדן וועגן דער אויפבוי־אַרבעט, וואָס ווערט איצט דורכגעפירט אין רוסלאַנד אויף אַלע געביטן פון לעבן. דאָ וויל איך זיך באַנוגענען מיט דעם אַלגעמיינעם איינדרוק, וואָס די שטאָט מאַכט אויף אַ ניי־געקומענעם מענטשן. די שטאָט אין אַלגעמיין טראָגט אַ פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער; די געזונטקייט איז אַ פּראָלעטאַרישע געזו'נטקייט; דאָס לעבן איז אַ פּראָלעטאַריש לעבן.

און וואָס, אַ שטייגער, איז דאָס קענטיג? לאָמיר אָנהויבן, כאָטשבי, פון די קליידער. מ'טראָגט גאַנצע קליידער, אָבער מ'איז דורכשניטלעך אָנ־געטאָן פּראָלעטאַריש. באַווייזן זיך אין גאַס געפּוצט אין עסיג און אין האָניג — מיט די שיינע פוטערן, מיט די זיידענע מאַנטלען, מיט די גאָלדענע רינגען, איז אַ חרפּה; מען וועט קוקן אויף אַזאַ מענטשן מיט פאַראַכטונג; מען וועט אים פאַרפאָלגן מיט קרומע בליקן; ער וועט הינטער די פּלייצעס אפשר דערהערן: „בורזשוי”, „נעפּמאַן” (מאַן פון דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, — עקספּלואַטאַטאָר). און אויב עס איז שוין אַזוי איינגעפירט, אַז פּראָלעטאַרישע קליידער זיינען אָנשטענדיג און מיט בורזשואַזע קליידער פילט מען זיך פּריקרע, איז שוין קיין חידוש ניט, וואָס דער פּראָלעטאַריש־געקליידטער מענטש פאַרנעמט אומעטום דעם אויבנאָן. גייט איר אריין אין אַ געשעפט, אַ גוט געשעפט, אַן ערשט־קלאַסיג געשעפט, וואָס אַמאָל פלעגט אַ פּראָלעטאַריער גאָר ניט אַריינשמעקן אין אַזוינע ערטער; זיינען דאָס איצט געוויינטלעך קאָאָפּעראַטיווע קראָמען — און די קויפער זיינען מער אַרבעטער און אַרבעטער־פרויען, איידער „נעפּ”־לייט. דער אַרבעטער פילט זיך ביי זיך אין דער היים. גייט ער אַריין אין אַ רעסטאָראַן, אפילו גאָר פון די בעסטע, דאָרט, וואו אין גאַס אַריין קוקן גרויסע ליכטיגע פענצטער, עס

שפּילט מוזיק און עס רופן אייך שיינע מאַרמאָרנע טישלעך, — גייט איר אַריין, געפינט איר אַזאַ מין עולם: אַ גוט־געקליידטער פעטער נעפּמאַן, עטלעכע סטודענטן, אַ פּאָר סאָוועט־אַנגעשטעלטע, עטלעכע בחורים אין קאָסאָוואָראָטקעס (רוסישע העמדלעך) מיט הויכע שטיוול — קענטיג אָקאָרשט פון פאַבריק, אַ פּאָר פּריילינס אין הים, אַ פּאָר מיידלעך אין פּאַטשיילקעס, אַ איזוואָסטשיק, אַ פאַרקויפער פון שוועבעלעך מיט פּאַפּיראָסן (דאָס קעסטל שטייט ביי זיינע פיס), אַ רויטער אַרמייער. יעדער פילט זיך היימיש און זיכער. געוויס האָט שוין דער שלעכט־געקליידטער מענטש קיין דרך־ארץ ניט פאַרן פאַרפּוצטן. און אַזוי איז דאָס אויך אין טעאַטער, אין קינאָ, אויף קאָנצערטן, אין גאַנצן לעבן. ס'איז אַ פּראָלעטאַרישע שטאָט, ניט קוקנדיג אויפן אינטערנאַציאָנאַלן עולם, וואָס האָט זיך דאָ אָנגעזאַמלט צוליב דעם, וואָס מאָסקווע איז די הויפּט־שטאָט פון די סאָוועט־רעפּובליקן.

רעד איך שוין פון מאָסקווע, מוז איך דערמאָנען די ביכער. אינעם משך פון די לעצטע פּאָר יאָר האָט רוסלאַנד אַ פאַבריציר געטאָן אַזויפיל ביכער און זשורנאַלן, אַז עס דרייט זיך אין זשע דער מוח. בערג מיט ביכער, שטראָמען זשורנאַלן, ימים צייטונגען, ליטעראַטור פאַר אַלע סאָרטן מענטשן, אַלע פּראָפעסיעס, אַלע עלטער־שטופן, אַלע געגנטן, אַלע נאַציאָנאַליטעטן. גייט איר איבער מאָסקווע, דאַכט זיך אייך, אַז די גאַנצע שטאָט איז אַ גרויסע בוכהאַנדלונג. עס איז דאָ איין גאַס — מאָכאָוואַיאַ, לעבן אַלטן אוניווערזיטעט, איז זי טאַקע לויטער בוכהאַנדלונג. מען פאַרקויפט ביכער אין ביידלעך־קיאָסקן, מען פאַרקויפט ביכער אין גאַס, מען פאַרקויפט ביכער אויף וואָקזאַלן, מען פאַרקויפט ביכער אין רייך־פאַרפּוצטע מאַגאַזינען און אין אָרימע קרעמלעך. און משמעות מען קויפט!

רוסלאַנד לערנט זיך. רוסלאַנד — לייענט, מיט אַ שאַרפן אַפּעטיט. עס לייענט ניט גאָר דער אַזוי־גערופענער אינטעליגענט — עס לייענט די מאַסע.

דער ערשטער מאַי אין מאָסקווע

1924.

גייען זיי. רייען נאָך רייען. באַטאַליאָנען הינטער באַטאַליאָנען. שטראָמען זיי, שווימען זיי, ציען זיי זיך — אַ סטענגע פון מענטשן, צען — פופצן — צוואַנציג מענטשן די ברייט; גייט עס אַזוי אַ שעה נאָך אַ שעה, אַ שעה נאָך אַ שעה.

שטיי איך אויף דער פּלאַטפאָרמע, אין מיטן דער קראַסנאַיאַ פּלאָשטשאַד (רויטער פּלאַץ). גוט איז מיר; איך בין אויף דער פּלאַטפאָרמע. קען איך זען פון דער הויך דאָס רויטע מאַי־בילד.

נאָך פון אין דער פרי אָן בין איך ארומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון אַלע עקן שטאָט, פון אַלע ווייטסטע פאַרשטעט האָבן זיך געצויגן אָרגאַניזירטע מאַסן. מיליציע און רויט־ארמייער האָבן געהאַלטן אַלע וויכטיגע דורכגענג אָפּגעצאַמט פאַר דעמאָנסטראַנטן. ווי דיקע קאַלירנדיגע שלענג האָבן זיך די מענטשן געצויגן פון אומעטום צו איין פונקט — צום קרעמל, צו דער קראַס־נאַיאַ פּלאָשטשאַד. אַ קוק געבן אויף אַ גאַס, האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז אַ טייך פון קעפּ, אַ לעבעדיגער קאָכיגער שטראָם פון קערפּער. איבערן שטראָם האָט אויפגעשוימט, אויפגעבראַוזט אַ כוואַליע רויטס. רויט... רויט... רויט...

איך שטיי אויף דער פּלאַטפאָרם. אַ שעה, און אַ שעה, און אַ שעה. ס'גייען מענטשן. ס'שפּאַנען האַסטיג, מונטער, מוטיג, פריילעכע מענטשן. אַ גרופּע אַרבעטער פון אַ שטאָל־פאַבריק: געזונטע יונגען איינס אין איינס. לעדערנע לייבלעך, לאַנגע שטיוול. שווערע טריט. גייען געשלאָסן, ווי צונויפ־געהאַמערט. עס גייט אַ גרופּע אַרבעטער־מיידלעך: רויטע פאַטשיילקעס, רויטע שלייפלעך, רויטע לאַכנדיגע פּנים'ער, ווייסע ציין אין די לאַכנדיגע מיילער. ס'גייען סטודענטן און סטודענטקעס: יונגע, בויגיגע קערפּער, בליצנדיגע אויגן, פלינקע באַוועגונגען, שיכור־פאַרשיכורט פון יונגער פרייד. ס'גייען רויטע־אַרמייצעס: אייזערנע יונגען, שטאָל־גרויע, רויטע, בלאָע, געלע פּאַסיקלעך אויף די אַרבל, רויטע שטערנס אויף די שפּיציגע היטלען; טריט — אין מאַקט, איינס אין איינס, איינס אין איינס. ס'גייען אַלטע, גראָע, יונגע, קינדער.. ס'גייט די רעוואָלוציאָנערע מאַסע. ס'גייט דאָס זיגרייכע

פאלק. אין די הענט — רויטע פענדלעך. איבער די קעפּ — אַ רויט גע־פלאַנטער פון אויפגעכוואַליעטע פאַנען. אויף די פנים׳ער — יום־טוב, יום־טוב...

נאָר ס׳איז דאָ אַ שוואַרץ פּאַסיקל אין דער רויטער יום־טוב׳דיגער פרייד: ס׳איז געשטאָרבן דער גרויסער פירער. דאָ אויפן פּלאַשטשאַד האָט מען באַגראָבן לעניג׳ען.

. . . ווי אַ גרויסער הימלעכער זאַל איז דער ריזיגער רויטער פּלאַץ. רעכטס — די אַלטע רויטלעכע וואַנט פון קרעמל, לינקס — די גרויסע פּאַסאַזש־געביידע, הינטן — דער ספּאַסקע טויער מיט די בייכיגע, נידעריגע טורעמס, פאָרנט — די ווילדע פּראַכט פון וואַסיל דעם משוגענעם׳ס קלויסטער. ברייט דער פּלאַץ, — אַ פעלד, אַ צעשפּרייט, אַ צעיאָג. פון איין זייט גיסט זיך די מאַסע אַריין אין דער פּלאַשטשאַד, גייט פאַרביי דער רויטער וואַנט, גיסט זיך אַרויס אויף דער אַנדער זייט, צום טייך צו, גייט אַוועק אין די זייטיגע גאַסן.

ביי דער רויטער וואַנט שטייט די צייטווייליגע מצבה פון וולאַדימיר איליטש לענין. געמאַכט פון גראָ־געלבלעך האָלץ, מיט שוואַרצער באַפּוצונג. איינפאַך — ווי לענינ׳ס פירונג. רוסיש — ווי די רוסישע דאָרפישע הייזער. און הייליג, הייליג און טייער, הייליג און רויט און פייער־בלוטיג, אין די הערצער פון אַלע די, וואָס גייען דאָ פאַרביי.

ווען זיי גייען פאַרביי, בויגן זיי אַרונטער די פאַנען, שטעלן זיך אָפּ אויף אַ קורצער מינוט. די מאַסע ווערט געדיכטער. הינטערשטע שפּאַרן אָן, גייט מען ווייטער, וואַרפט מען נאָך אַ קוק אויף דעם ברענענדיגן רעוואָלוציאָנערן קבר.

ברענט דער פּלאַץ אין רויטע רעוואָלוציאָנערע פאַנען־פלאַמען, פאַנען־ליכט. קוקן אַראָפּ פון די הויכע קרעמל־טורעמס אַלטע צוויי־קעפּיגע שוואַרץ־גאָלדענע אָדלערס. קלינגט אויבן, אין אַלטן צערקווע־טורעם, דער זייגער מיט אַ הייליגן ציטערנדיגן קלאַנג. וואונדערן זיך די אַלטע קלויסטערס, וואָס איז דאָ געשען? טוט ערגעץ אַ קלאַפּ דאָס טויטע האַרץ אינעם פילהונדערט־יאָריגן הויפן בנינים. העי! וואַכט אויף! אַ נייע צייט איז געקומען! דאָ הערשט אַ זיגרייכער אַרבעטער־קלאַס! ס׳איז זיין יום־טוב! ס׳איז זיין טאָג!

איך שטיי אויף דער פּלאַטפאָרמע. ס׳איז געווען כמורנע פון אין דער פרי אָן. איצט קאַפּעט אַ רעגן. די שטיינער זיינען שוין נאַס. דער הימל איז גרוילעך. אָבער ווער האָט דערפאַר מורא. ס׳איז יום־טוב. די דעמאָנ־סטראַציע גייט זיך איר גאַנג.

קוקט אויף די מענטשן. לייענט זייערע פנים׳ער. געזונטע מענטשן. אויסגעגליכטע מענטשן.

לייענט די אויפשריפטן אויף די פאנען! אין זיי לעבט די ארבעטער־נשמה. אין זיי לעבט דער געדאנק פון רוסישע רעוואלוציאנערע מאסן.

„א גרוס אלע קנעכט פונעם אינטערנאציאנאלן קאפיטאל!"

„א גרוס אלע אונטערדריקטע פעלקער!"

„ביסט געשטארבן, איליטש, אבער דיינע אנזאגן בלייבן, און מיט זיי וועלן מיר גיין פאראויס!"

„א גרוס די קעמפער, וואס שמאכטן אין טורמעס!"

„מאכט א ווארע פאר דער ארבעטער־פויערשער יוגנט; זי טראגט אונזער לאנד א ליכטיגע צוקונפט!"

„זאל לעבן דער פאראייניגטער פראנט פון די ארבעטער נעגן די אל־וועלטלעכע רויבער!"

„נידער מיטן פאשיזם!"

„זאל לעבן דער בונד פונעם דארף מיט דער שטאט!"

„מיטן געווער פון לעניניזם אין די הענט וועלן מיר אומווארפן די הערשאפט פון דער וועלט־רעאקציע!"

„שאפט דאס לעבן אין בונד מיט דער וויסנשאפט!"

„אוועק די רויבער־הענט פון בעסאראביע!"

„א גרוס די ארבעטער פון אזיע!"

„א גרוס די ארבעטער פון אפריקע!"

„א גרוס די ארבעטער פון אויסטראליע!"

„א גרוס די ארבעטער פון אמעריקע!"

פאנען־פאנען־פאנען; רויט־רויט־רויט; — גאלד און רויט, רויט און רויט. און פנים׳ער — פרייליכע, פרייליכע, פרייליכע. יום־טוב! מונטער!

פון דער פלאטפארמע גריסט מען יעדע פארבייגייענדיגע גרופע מיט הילכיגע קולות:

„א גרוס די רויטע אייזנבאן־ארבעטער!"

פון אונטן א הילכיגער פרייליכער „הורא!"

„א גרוס דער רויטער ארמיי, דער העלדישער שיצערין פון דער ארבע־טער־מאכט!"

„הורא!"

„א גרוס די רויטע ארבעטער־פרויען!"

„הורא!"

„אַ גרוס די אַרבעטער פון זאַוואָד דוקס!"
„הורא!"
„אַ גרוס די פּראָלעטאַרישע סטודענטן!"
„הורא! הורא!"
„אַ גרוס דער קאָמוניסטישער יוגנט!"

צום טאַקט פון די טריט קלינגען די ווערטער. זיי מיינען ערנסט מיט זייערע ווערטער — די רוסלענדישע אַרבעטער. זיי האָבן דאָס באַוויזן.

און די יוגנט! צווישן גרופּן פון גרויסע מאַרשירן קינדערשע באַטאַ־ליאָנען. שולן. קינדער־היימען. פּיאָנערן — דאָס וואָס מען רופט אין אַמעריקע „דזשוניאָר ליג" — קאָמוניסטישע יוגנט. די קינדער פון אַן אַרבעטער־קלאַס, וואָס האַלט די מאַכט אין זיין מלוכה. זיי פילן — זיי זיינען פריי. זיי ווייסן — זייער לאַנד איז אַנדערש פון אַנדערע לענדער. זיי ווערן דערצויגן אין אַ נייער לופט.

ס'פאַלט דער רעגן. אויף צען מינוט האָט זיך באַוויזן די זון. איצט רעגנט עס ווידער. אָבער מען קימערט זיך נים. ווער ס'איז געגנאַגען מיט אַ צעשפּיליעטן רעקל, דער האָט עס געלאָזט צעשפּיליעט. ווער ס'איז גע־גאַנגען אָן אַ היטל, דער האָט ניט אָנגעטאָן דאָס היטל. זיי האָבן שוין געזען ערגערע זאַכן — די רוסישע אַרבעטער. זיי האָבן איבערגעלעבט אַלצ־דינג. און זיי האָבן טאַקע אַלע גאַנצע שיך און גאַנצע שטיול. טאָ וואָס איז זיי דער רעגן?

ווי אַ סטאַדע פייגעלעך אין אַ זומער־לופט קלינגען די קינדערשע שטימעלע. פון אויבן פרעגט אַן עלטערער:

„פּיאָנערן, געדענקט איר דעם אָנזאָג פון איליטש?"
„מיר געדענקען!"
„פּיאָנערן, זייט איר גרייט?"
„ווסעגדאַ גאָטאָווי!" (שטענדיג גרייט).

ס'שפּילט מוזיק. אַ סך גרופּעס האָבן זייערע אָרקעסטערס. אַ סך קלובן זיינען געקומען מיט אייגענע קאַפּעליעס. די פּיאָנערן האָבן פּייקלעך: אַ קליינער, ניין־יאָריגער נפש גייט פּאָרויס, קלאַפּט אין פּויק. חברה, אַלץ איינס אין בלאָע רוסישע בלוזעס און הויכע שטיוועלעך ביז איבער די קני, מאַרשירט צום טאַקט.

„פּיאָנערן, זייט איר גרייט!"
„שטענדיג גרייט!"

אין דער הויך הויבן זיך הענטעלעך ווי צו אַ שבועה.

די פיאָנערן און די יונגע קאָמוניסטן טראָגן פאָנען:

„די פאַטערס אין דער ר. ק. פּ. — די קינדער פּיאָנערן!"

„מיר גייען איך איבערנעמען די הענט."

„די ארבעט פון אונזערע פאַטערס וועלן מיר דערפירן ביזן סוף."

„אז מיר וועלן אויסוואַקסן, וועלן מיר שאַפן א נייע וועלט."

פון אויבן רופט מען:

„דער יונגער גוואַרדיע — א רויטן גרוס!"

און ס'ענטפערן הונדערטער, טויזנטער, צענדליגער טויזנטער קלינגענדיגע פויגלעך־שטימען:

„זאָל — לע — בן — די —ארבע — טער — מאַכט! הו — רא!"

פאָנען, פאָנען, פאָנען — קינדערשע אויגן — גליקלעכע קינדערשע שמייכלס — קינדער אויסגעמישט מיט גרויסע, קינדער אין איין יום־טוב מיט גרויסע — קינדער א האָפענונג פון קומענדיגע טעג — קינדער פון א באַפרייטן קלאַס.

רויט, רויט, געדיכטער די רייען. געדיכטער די פאָנען. געדיכטער די פנים'ער. טעפּיכער אויסגעוועבט פון פנים'ער. לענטעס פון פנים'ער. אלערליי־פאַרביגע באַוועגלעכע מאָזאאיק פון גליקלעכע, לאַכנדיגע פנים'ער. זינגט! זינגט!

„דאָס איז שוין דער לעצטער
און אנטשיידענער שטרייט!"

ס'הינקט אן אלטער מאַן. א גרויסער, האָריגער, ווייסער קאָפּ, א ווייסע באָרד. אן אָפּגעטראָגענער גראָלעכער מאַנטל. א גרויסער רויטער שלייף אויף דער ברוסט. דער מאַן האָט נאָר איין פוס. ער שפּאַנט מיט א קוליע, אָבער ער שפּאַנט! ער וועט דאָך ניט בלייבן אין דער היים.

עס קומט צו אונז אויף דער פּלאַטפאָרמע אן אלטער קאָזאַק. אלט — ווי די וועלט. מען ווייזט מיר אים. מען דערציילט: צוריק מיט 35 יאָר האָט ער, א פּראָסטער קאָזאַק־סאָלדאַט, דער'הרג'עט א קאָזאַקישן אָפיצער. מ'האָט אים גע'משפט און פאַרשיקט אין סיביר. דאָרט האָט ער אָפּגעלעבט זיינע יאָרן. פאַר זעקס יאָרן, אין קאָלטשאַק'ס צייטן, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אן דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיזאַן־אָפּטיילונג, געקעמפט פאַר דער סאָוועטן־מאַכט. דעמאָלט איז ער אלט געווען 76 יאָר. איצט איז ער אלט 82. אָבער אין מיליטערישע קליידער, מיט א מיליטערישער האַלטונג, זעט ער נאָך אויס א קרעפטיגער מאַן. זיין טראָט איז זיכער. זיין שטים קלאָר.

— אויב ס'איז נויטיג, וועל איך מארגן אדיינטרעטן אין דער ארמיי צו באשיצן אונזער מאכט.

— און א יונג פייערל באווייזט זיך אין די אלטע אויגן — און דער געלב־לעכער פנים באפארבט זיך.

מיין קאזאק דרייט זיך אוים מיטן פנים צו דער פראצעסיע און שרייט אוים מיט א קאמאנדע־קול:

„דער בראווער רויטער ארמיי, א קאזאקישער רויטער גרוס! הורא!"

ווילד־פריילעך ענטפערט די יוגנט אויפן קאמף־רוף פונעם וועטעראן: „הורא!" „הורא!"

„פון די זיגן אויפן קריג־פראנט — צו די זיגן אויפן ארבעט־פראנט!"

ס'גייט די מענטשן־מאסע. ס'האט זיך אנגעהויבן צען אזייגער אינדער־פרי. ס'גייט און ס'גייט. ס'איז שוין דריי, ס'איז שוין פיר, ס'איז שוין פינף. וויפיל מענטשן זיינען דא אין די גאסן? קענער פון אזוינע דעמאנסטראציעס זאגן מיר, אז עס איז דא צווישן זעקס און זיבן הונדערט טויזנט.

האט זיי עמיצער גענויט צו דעמאנסטרירן?

מ'וואלט מיך אויסגעלאכט, ווען איך פרעג אזא פראגע. וואס הייסט נויטן? ס'איז דאך אונזער יום־טוב! מ'האט זיך דאך געגרייט צו אים א גאנצן חודש! מ'וואלט זיך דאך געפילט עלנט, ווען עמיצער לאזט ניט גיין. מ'וואלט זיך דאך ניט געפילט גוט א גאנצן יאר. דער יום־טוב — דאס איז דאך אונזער פראלעטארישער טאג, א טייל פון אונזער נייעם לעבן־שטייגער.

גוט־יום־טוב אייך, רעוואלוציאנערע פראלעטאריער! גוט־יום־טוב אונז אלעמען! און זאל פלאמען און פלאמען אייער פאן, אונזער פאן!

מאָסקווער בילדלעך

.1924

טווערסקאַיאַ פּלאָשטשאַד. זומער פאַרנאַכט. רעכטס — אַ קלויסטער, לינקס — פּושקינ׳ס דענקמאָל, פון ביידע זייטן — בולוואַרן. אין די ביימער לויערט שוין אַ לייכטער נעבל. ס׳האָבן אויפגעפלאַקערט די געלבלעך־בלאָע עלעקטרישע לאָמפּן. איבער אַלצדינג — אַ שטילער וואַרעמער הימל. אין אַלצדינג — אַ שטילע בענקשאַפט.

דער פּלאַץ איז אַ צענטראַל־פּונקט פאַר טראַמוואַיען. אַהער קומען זיי אָן פון אַלע זייטן שטאָט און פון דאַנען צעקריכן זיי זיך אומעטום. אין איין אָרט, האַרט לעבן סקלאַד פון לענינגראַדער מלוכה־פאַרלאַג, גייען זיך די רעלסן פאַנאַנדער. אַן אַרבעטערקע זיצט אויף אַ בענקל און האַלט אין האַנט אַן אייזערנעם שטעקן. ווען דער וואַגאָן דאַרף גיין לינקס, צום בולוואַר־רינג, שטעקט זי אַריין דעם שטעקן אין דער קאָליע און פירט אַריבער דעם עק פונעם רעלס.

אָט דאָס איז די אַרבעט. זי זיצט און פירט אַריבער די וואַגאָנעס פון איין ליניע אויף דער צווייטער. אַרום און אַרום קאָכט דער פּלאַץ. ס׳שיטן זיך מענטשן. ס׳קריכן וואַגאָנעס — יעדעערר מיט זיין באַלויכטענעם נומער. ס׳רוישן די ביימער פון די בולוואַרן. עט אויבן האָט אַ צלם אויף אַ קירך נאָך אויפגעכאַפּט דעם לעצטן זון־שטראַל. אונטן איז שוין טונקל. איבער דעם פּלאַץ און איבער די בולוואַרן פאַרשפּרייט זיך יענער איינגעהאַלטענער אומעט, וואָס איז ווי אַ רוף צו ווילדער פרייד און וואָס נאָר אין רוסלאַנד קען מען אים פילן. די אַרבעטערקע אויפן בענקל, מיטן אייזערנעם שטעקן אין האַנט, רעדט עפּעס מיט צוויי מיידלעך, וואָס שטייען דערביי. דערנאָך הויבן אַלע דריי אָן זינגען.

עס שפּרייט זיך דער אָוונט. ס׳גייען מענטשן. עס קלינגט דאָ און דאָרט אַ גלאָק אויף אַ טורעם. ס׳שווימען פאַרביי די באַלויכטענע וואַגאָנעס — און די דריי מיידלעך זינגען. דריי קלינגענדיגע יונגטלעכע שטימען פלעכטן זיך צוזאַמען, ליגן זיך אויס ווי אוזאָרן איבער דעם גרויסן טונקלעכן פּלאַץ, גייען אַוועק אין די בולוואַרן. מענטשן קוקן זיך אום, מענטשן קוקן אַרויס פון די וואַגאָנעס, די מיידלעך זינגען. דאָס ליד איז אַן אומעטיג רוסיש ליד און איז ווי אַן אייביג־נאָגנדיגער הונגער נאָך לעבן, נאָך לופט.

ניט ווייט, אינמיטן פאַר־וואָג, שטייט אַ מיליציאָנער (פּאָליסמאַן) מיט

א רויט שטעקעלע אין האנט. דער יונג איז הויך און שלאנק — און די קליידער פאסן אים גוט. ער גיט אכטונג, אז וואגאנעס און אויטאמאבילן זאלן פארן „ריכטיג", אין איין ריכטונג אויף דער רעכטער זייט וועג, אין אן אנדערער — אויף דער לינקער. ווען ס'ווערט א ביסל ווייניגער וואגאנעס, הויבט ער אויף און זינגען. ער האט א געזונטן העלן טענאר, און זיין שטים איז ווי א ווייכער הינטערגרונט פאר די מיידלשע שטימען. צוזאמען ווערט דאס א גוטער כאר.

עטלעכע פאסאזשירן שטייען און ווארטן אויף וואגאן נומער 27, וואס פארט אין ראגאזשסקע פארשטאט. אייניגע פון די פאסאזשירן שטייען צו צום כאר. עס זינגען שוין א צוועלף־פופצן מענטשן. פון אן אנדער זייט פלאץ רופט זיך אפ א זייער יונגע דינע שטימע. באלד דאכט זיך, אז עס זינגט די גאנצע טווערסקאיא פלאשטשאד.

עס מיניען זיך עלעקטרישע לאמפן. עס בלאזט א שטיל ווינטעלע אין די בלעטער. וואגאנען קומען און גייען. אבער דאס אלץ איז אויסגעמישט מיט שטילקייט, ארומגעצאמט מיט שטילקיים. אין דער שטילקיים וועבט זיך א ליד און לייגט א קאלירנדיגן געשלענגעלטן וועג אין דער לופט.

:: :: ::

„קויפט בלומען."

א חברה רינגלט מיך ארום פון אלע זייטן.

„בירגער! טייערע לאנדישן, פרישע, אקארשט געזאמלטע לאנדישן!"

„בירגער! טולפאנען, גרויסע שיינע טולפאנען, — קוקט נאר, קוקט!"

„סירען, בירגער, סירען (לאילאק). נאר פופציג קאפיקעס פאר אזא גרויסן בונט!"

„רויזן, רויטע, בלוט־רויטע רויזן, די קעניגין פון אלע בלומען!"

איך שטעל זיך אפ אויפן רויזן־פארקויפער.

„איר האט פארניכטעט די מאנארכיע", זאג איך אים, „און איצט רעדט איר גאר פון קעניגינס."

יענער, א יונגער בחור מיט צעפאטלטע האר און א קלוגן פנים, טוט א גלאנץ מיט א פולן מויל ווייסע ציין און רופט זיך אן:

„מיר האבן איבערגעלאזט צוועלריי קעניגינס: די קעניגין פון מיין הארצן און די קעניגין פון בלומען — און אין דעם פרט וועלן מיר פאר־בלייבן מאנארכיסטן אפילו אין קאמוניזם."

מירביידע לאכן — און ווערן פריינט. איך קויף ביי אים א בינטל רויזן און באצאל א רובל. מיר ווארפן זיך איבער מיט נאך א פאר ווערטער

און איך לאָז זיך גיין צו סאַדאָוואַיאַ גאַס. איך בין שוין אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר צענדליק טריט, ווען איך דערהער שנעלע טריט הינטער מיר. עמיצער לויפט מיר נאָך. דער בחור מיט די צעפּאַטלטע האָר יאָגט מיך אָן.

„האָט ניט קיין פּאַריבל”, זאָגט ער, „זייט איר אפשר ניט אַן אויס־לענדער?”

„פון וואַנען האָט איר דאָס דערקענט?” פרעג איך

„עפּעס אַזוינס, וואָס מען קען עס ניט באַצייכענען מיט ווערטער. ס'פילט זיך.”

„יאָ, איך בין אַן אויסלענדער, אַן אַמעריקאַנער.”

„אפשר אַ דעלעגאַט?”

„יאָ, אַ דעלעגאַט.”

דער בחור רוקט אַריין אַ האַנט אין קעשענע, גריבלט זיך אין קליינגעלט און שטופּט מיר אין האַנט אַריין צוואַנציק קאָפּיקעס.

„אויב איר זייט אַ דעלעגאַט”, זאָגט ער, „צאָלט איר ווייניגער מיט צוואַנציק פּראָצענט פאַר געקויפטע סחורה.”

איך האָב אים געזאָגט: „אַ דאַנק, חבר”, און גענומען דער פּערציגער. איך האָב אים נאָך ביז היינטיגן טאָג.

:: :: ::

צוויי אַזייגער פאַרטאָג. מזרח זייט איז שוין אָנגעצונדן מיט אַ בלאַסן ראָזע ליכט. אין די בולוואַר־ביימער צוויטשערן די ערשטע פייגלען. אַ ווייס ליכט איז אויסגעשפּרייט איבער מאָסקווע. ס'איז דער סוף פון אַ דורכ־זיכטיגער נאַכט, וואָס איז ניט געוואָרן פינצטער. די לופט איז פייכט, די הייזער שטייען שטילע, וויסנדיגע מיט אָפענע אויגן.

מיר האָבן זיך פאַרבלאָנדזשעט אין די גאַסן — איך און אַן ענגלישער חבר. מיר האָבן זיך פאַררעדט — און פּלוצלונג האָבן אונז אַרומגערינגלט אומבאַקאַנטע הייזער אין אַן אומבאַקאַנטער געגנט. די גאַסן זיינען ליידיג. וועמען פרעגט מען? קיין פּאָליציי איז אַזוי גוט ווי ניטאָ אין מאָסקווע ביינאַכט.

מיר גייען ווייטער. ס'איז גוט צו גיין אין מאָסקווע אין די שטילע שטונדן פון פאַרטאָג. אין אַזאַ צייט פילט איר דייטלעכער ווי שטענדיג, אַז מאָסקווע איז נאָר אַ גרויס דאָרף פאַנאַנדערגעוואָרפן צווישן ברייטע סטעפּעס און וועלדער. מאָסקווע — אַ חלק צו גרינע לאַנקעס און שטילע טייכן.

מיר גייען און קוקן און שווייגן — אַליין פאַרטרונקען אין מאָסקווער שטילקייט.

ענדלעך — טרים. ס'גייט אן עלטערער מענטש מיט דריי גרויסע ביכער אונטערן פאכווע.

מיר פרעגן אים דעם וועג. איך רעד רוסיש און דערקלער מיין פריינט אויף ענגליש.

דער אומבאקאנטער טוט א גלאנץ מיט די אויגן.

„איר זייט ענגלענדער?" פרעגט ער.

מיר דערקלערן אים ווער מיר זיינען.

„לאנג פון אמעריקע?"

מיר ענטפערן אים דאס אויך.

„איילט איר זיך אהיים?"

מיר זאגן דעם אמת, אז מיר איילן זיך ניט: ס'איז דא צייט.

„וועט איר אפשר אריינגיין צו מיר אוי̈ף טיי? איך וואוין דא ניט ווייט."

מיר קוקן זיך איבער מיטן חבר און ס'בלייבט — מיר גייען.

אין עטלעכע מינוט ארום זיצן מיר שוין אין א הויז לעבן אן אפענעם פענצטער. אין צימער איז דא א סך ביכער, א גרויסער טיש, א קושעטקע, שטולן.

מיר צערעדן זיך. אונזער גאסט־פריינט שטעלט פראגן וועגן אמעריקאנער קאפיטאל, וועגן הימל־קראצערס, וועגן פרעזידענטן, וועגן אינדיאנער. דער מאן איז אינטעליגענט. ער האט געלייענט און געטראכט. מיר ווייסן ניט ווער ער איז. מיר פרעגן ניט. מיר זעען נאר א מענטשן, וואס איז פול מיט גליענדיגן אינטערעס צום ווייטן לאנד אויף יענער זייט ים און וואס פרייט זיך מיט זיינע געסט.

די זון האט שוין אריינגעשיינט אין זיינע פענצטער. ס'איז געווען א גרויסער טאג. דראזשקעס האבן געקלאפט איבער דער גאס. מיר האבן געטרונקען די זעקסטע גלעזער טיי — און גערעדט וועגן אמעריקע. דער מאן האט געהאט א געלע באָרד און א קאפ אייזן־גרויע האר און אויסגעזען האט ער — ווי א געזונטער פויער. ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז ער האט א נישקשה'דיגן באגריף וועגן אמעריקע, כאטש ער קען ניט קיין ענגליש.

ווער ער איז, האבן מיר אים אלץ ניט געפרעגט. צו וואס?

און אזוי ווייס איך עד היום ניט, ביי וועמען מיר זיינען געווען אין געסט און געטרונקען טיי.

ס'איז שוין געווען ארום אכט אזייגער, ווען ער האט אונז צוגעפירט צום האטעל.

מאָסקווע וואַקסט

1931.

איר באַמערקט פונעם ערשטן קוק, אַז די באַפעלקערונג אין מאָסקווע האָט זיך שטאַרק פאַרגרעסערט. אין 1920 זיינען די מאָסקווער גאַסן געווען ליידיג. אין 1924 זיינען זיי געווען באַלעבט. היינט זיינען זיי איבערגעפילט. צווישן פיר און זעקס פאַרנאַכט גיסן זיך אומעטום מענטשלעכע שטראָמען — גאָר ווי אין די גרויסע אַמעריקאַנישע שטעט אינעם „ראָש”. אָבער אויך אין אַנדערע שטונדן איז דאָ אין די גאַסן אַ גרויסע באַוועגונג. אויף די טראָטואַרן איז אָפט ענג — קוים מ'שפּאַרט זיך דורך.

דער שטאָט־טראַנספּאָרט האָט זיך אויך זייער פאַרגרעסערט. טראַמוואַיען פאָרן אָפט געדיכט איינער הינטערן צווייטן (אין יאָר 1920 זיינען קיין טראַמוואַיען ניט געפאָרן). אויטאָבוסן („באָסעס”) יאָגן זיך אין אַלע ריכטונגען. עס האָבן זיך באַוויזן אַ סך פּאַסאַזשיר־אויטאָמאָבילן און לאַסט־אויטאָמאָבילן („טראָקס”). די טעקסי פאַרנעמט אַלץ מער דאָס אָרט פונעם אַמאָליגן „איזוואָזשטשיק” — מיטן פערדל און אַלטפרענקישער בריטשקע. עס לאָזט זיך דערקענען פונעם ערשטן קוק, אַז דער מאָטאָר־וואָגן הערשט, כאָטש ס'איז נאָך דאָ גענוג „בינדיוגעס” און וואַנקעס.*)

דער גאַנצער גייסט פון דער שטאָט איז — אימפּעט, באַוועגונג, אָנשטרענג. מ'האָט קיין צייט ניט. די געלאַסענע אַטמאָספערע פון צוריק מיט זעקס־זיבן יאָר איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן. די שטאָט אָטעמט האַסטיג.

די שטאָט האַלט זיך אין בויען. ניט נאָר האָט מען פאַרריכט אַ סך פון די פריערדיגע הייזער, אַרומגערייניגט, אויסגעפאַרבט, אויסגעפּוצט גאַנצע גאַסן, וואָס זיינען יאָרן געשטאַנען אָפּגעריסן און פאַרוואַגלט, נאָר מ'בויט אומעטום נייע געביידעס. פאַראַן גאַנצע נייע שטאָט־טיילן, וואָס מ'האָט אויסגעבויט פאַר די לעצטע צוויי־דריי יאָר. דאָס נייע דערקענט איר גלייך, איר פאַרשפּאָרט פרעגן. די אַלטע מאָסקווער געביידעס זיינען געקראָכן אין דער ברייט; די נייע הויבן זיך אין דער הויך. די אַלטע זיינען געלעגן שווערע, באַלאָדענע; די נייע שטייען לייכטע און שלאַנקע, כאָטש גענוג מאַסיוו און ערנסט. די אַלטע זיינען געווען אָנגעקלעפּט מיט פאַרפּוצונגען; די נייע האָבן דינע פלאַכן, און זייערע ליניעס זיינען קלאָר און איינפאַך. די אַלטע

---

*) בינדיוגעס — לאַסטוואָגנס געשלעפּט דורך פערד; וואַנקעס — פערד און וועגעלעך, איזוואָזשטשיקעס.

האָבן געהאַט אַ סך וואַנט און ווייניג פענצטער; די נייע זיינען געבויט אַזוי, אַז די פענצטער דאָמינירן. דער סטיל פון די נייע סאָוועטישע געביידעס איז אינגאַנצן אַ פרייער, אַ זאַכלעכער, אַ ליכטיגער און אַ ווירדיגפעסטער. דער נייער ווייסער בנין פונעם מאָסקווער סאָוועט פאַרכאַפּט דאָס אויג. דער נייער פּאָסט־און טעלעגראַף־צענטער אויף טווערסקאַיאַ איז אַ קונסט־ווערק. די איבעריגע נייע מאָסקווער בויאונגען האָבן די זעלביגע טבע: זיי זיינען ניט בייז, ווי „אונזערע" הימל־קראַצערס; אונטן זעען זיי ניט אויס ווי פעסטונגען אָדער סקאַלעס. פאַרקערט: זיי זעען אויס מענטשלעך; איר האָט דעם איינדרוק, אַז זיי שטייען פאַר אייך אָפן: קומט אַריין, קומט אַריין אַלע.

דער קאָנטראַסט צווישן די אַלטע און נייע געביידעס איז ניט דער איינציגער, וואָס איר זעט אין די גאַסן פון מאָסקווע. די גאַנצע שטאָט איז דאָך פול מיט רעשטן פונעם אַלטן, וואָס ווערן שנעל אַרויסגעשטויסן דורך נייעם. אָט, למשל, די אויסלייגעכץ (ספּעלינג) פון ווערטער. שוין מער ווי צוועלף יאָר, אַז די רעוואָלוציע האָט איינגעפירט די נייע אָרטאָגראַפיע. אָבער נאָך קענט איר געפינען שילדן פון דאָקטוירים און דאַנטיסטן, וואָס זיינען פאַרבליבן פון אַלטע צייטן מיטן אַלטן אויסלייג. די נעמען פון די גאַסן זיינען מערסטנס נייע און זייערע שילדן זיינען אויסגעלייגט אויפן נייעם שטייגער. אָבער אָט כאַפּט איר זיך אַריין אין אַ לאַנגן און קרומען „פּערעאולאָק" (זייטיגע גאַס) — און דאָס שילדל מיטן נאָמען פון דער גאַס איך נאָך דאָס אַלטע, און די גאַס גופא, מיט אירע איינשטאָקיגע הייזער, מיט אירע לאָדנס איבער די פענצטער, מיט אירע גערטנדלעך אין די הויפן, מיט אירע הילצערנע פאַרקנס און סקריפּענדיגע טויערן, זעט אויס פּונקט ווי זי האָט אויסגעזען צוריק מיט יאָרן. אחוץ די נעמען פון עטלעכע סאָוועטישע אַנשטאַלטן, וועט איר דאָ קיין נייעם ניט געפינען. די גאַס דרעמלט. אהער איז נאָך ניט דערגאַנגען דער היינטיגער ריטם.

איר גייט אַרויס פון אַזאַ געסל, און פאַר אייך טוט אַ לייכט אַ גרויסער זיבן־שטאָקיגער מעבטיגער מויער — אַ שאַפונג פון שטיין און קאָנקריט, לויט דעם לעצטן וואָרט פון מאָדערנער טעכניק. אויף יענער זייט פונעם פרידלעכן קליינשטעטלדיגן הויף רוישן אויטאָמאָבילן, אויבן שניידט די לופט אַ סאָוועטישער פליער.

לאָמיר אַ קוק געבן אויף די מענטשן. איר באַגעגנט דאָ מענטשן פון פאַרשיידענע פעלקער, מיט פאַרשיידענעם אָנבליק, אָבער די ריזיגע מערהייט זיינען רוסן. און פּונקט ווי אַמעריקע ליגט אַרויף אַ שטעמפל אויף אַלע

איינוואוינער, אזוי אז אפילו אימיגראנטן זעען אוים אמעריקאניש, אזוי זעען דא אלע מענטשן אוים רוסיש, צי זיי זיינען געבוירענע סלאוון, צי טאטערן, צי אידן. אפט איז בכלל ניט מעגלעך צו דערקענען צווישן א רוס און א „נאצמין" (א מיטגליד פון די נאציאנאלע מינדערהייטן). אלע טראגן די זעלבע קליידער. אלע האבן דעם זעלבן אויסדרוק. און אלע, אחוץ קליינע אויסנאמען, זעען אוים סאוועטיש.

ווי זיינען אנגעטאן די מענטשן?

איינס דארף מען פארצייכענען: ס'איז פארשוואונדן דער קלאסן־אונטערשייד אין קליידונג. צוריק מיט זעקס־זיבן יאר האט איר נאך געזען דעם נעפמאן: ער האט זיך געגרויסט מיט זיין טייערן קאסטיום און רייכן מאנטל; זיין דאמע האט געגרוישט מיט זייד און געבליאסקעט מיט צירונג. היינט איז דער נעפמאן פארשוואונדן. געבליבן איז אן איינהייטלעכע באפעלקערונג פון הארעפּאשנע מענטשן: ארבעטער, אנגעשטעלטע און טיילווייז פויערים, וואס געפינען זיך צייטווייליג אין מאסקווע. דעם פויער וועט איר נאך אפשר דערקענען לויט זיין הולך (אויך ניט שטענדיג), אבער די איבעריגע, ד. ה. די ריזיגע מערהייט פון די מאסקווער איינוואוינער, וועט איר ניט קענען איינטיילן לויט זייערע קליידער. ס'איז ניטא קיין טיילונג. מ'איז אלע גלייך. איינער מעג האבן א נייע בלוזע, איינער אן אלטע, אבער דאס שטערט ניט די גלייכהייט. דער טרעגער פונעם נייעם קלייד איז ניט דער רייכער, דער טרעגער פונעם אלטן קלייד איז ניט דער ארימער צווישן עולם. מ'האט זיך איבערגעמישט. מ'איז געווארן אויסערלעך איינס. מ'באגעגנט מער ניט קיין מענטשן „לויט זייערע קליידער". דאס אלטע בורזשואזע שפּריכווארט איז דא ניט גילטיג.

א נייער מענטש ווערט אפט געשטרויכלט. פון וואנען האב איך גענאלט ווימן, אז מיין „פראוואדניק" (וואגאן־באדינער) אויפן וועג צווישן ריגע און מאסקווע — א יונג אין א פאר אפגעריבענע פלודערן און א פאר־שמויבטן ברוינעם העמדל, א באן־אנגעשטעלטער, וואס האט געבעט די בעטן און געקערט די פּאדלאגעס — איז גאר א ליענער פון דער בעסטער מארק־סיסטישער ליטעראטור, א העלד פון דעם בירגער־קריג און א פיינער רעדנער? איך קום אמאל אריין אין מיין אפּטיילונג און געפין ניט די טשעמאדאנעס. איך בין באאומרואיגט און פרעג דעם פראוואדניק, צי ער האט זיי ניט געזען. טוט ער א שמייכל, באווייזט צוויי רייען ווייסע ציין און זאגט: „איך האב זיי ליקווידירט ווי א קלאס" — און ער ווייזט אויף א פאליצע, וואו ער האט זיי פארוקט אזוי, אז מ'קען זיי ניט זען.

דאכט זיך אַ קליינינקייט — עטלעכע ווערטער. אָבער די ווערטער האָבן באַוויזן, אַז דאָס רעדט אַ קאָמוניסט, אַז דער מענטש איז דורכגעדרונגען מיט דער נייעסטער סאָוועטישער פּאָליטיק („ליקווידירן ווי אַ קלאַס" — דאָס וואָרט איצט דורכגעפּירט בנוגע די קולאַקעס) און אַז ער איז דערצו אַ וויצ־לינג. איך האָב זיך מיט אים צערעדט און האָב געפונען אַ חבר מיט קלאָרער פאַרשטענדעניש פאַר די הויפּט־פּראָבלעמען פון זיין לאַנד און מיט אַ פייאיג־קייט אויסצודריקן זיינע געדאַנקען זאַכלעך, קורץ און קולטורעל.

אָדער נעמט דעם אַנדערן פּאַסאַזשיר — אַ מאָגער מענטשל אין אַ כאַקי־העמדל מיט די צייכנס פון דער רויטער אַרמיי. קוקנדיק אויף זיין יונגן תמימות'דיגן פוּיערשן פּנים און זיין גאַנצן אויסזען, האָב איך געמיינט, אַז ער איז אפשר אַ שרייבער אין מיליטערישער קאַנצעלאַריע (ער האָט געהאַט מיט זיך אַ פּאָרטפעל). ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז ער איז אַ מילי־טערישער אינזשענער, וואָס האָט פריער געענדיגט אויף ציוויל־אינזשענער, שפּעטער געשטודירט אין אַ מיליטערישער אַקאַדעמיע נאָך זעקס יאָר און פאַרנעמט איצט אַן אַנגעזעענעם פּאָסטן אין דער בוי־אָפּטיילונג פון דער רויטער אַרמיי.

ניין, אַז איר וועט קומען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, זאָלט איר ניט משפּט'ן לויט די קליידער. אַניט קען זיך מיט אייך נאָך טרעפן, ווי ס'האָט זיך מיט מיר געטראָפן, אַז איר זאָלט שטיין אין שטיקעניש אין טראַמוואַי, אַז אַ הויכע פּויערטע זאָל אייך קריכן אין פּנים אריין מיטן אַרבל פון איר גראָבן לייבל, וואָס איז האַרט ווי קאָרע, אַז איר זאָלט, אין די געדאַנקען, זיך בייזערן אויף דער מגושמ'דיגער יאַטעכע, וואָס איז גרויס ווי עוג מלך הבשן און האָט פּנים ווי אַ קירבעס, און אַז איר זאָלט פּלוצלונג אַ קוק געבן אויפן בוך אין אירע הענט און איבערלייענען דעם טיטל: „טעאָריע און פּראַקטיק פון רענטגען־שטראַלן" (עקס־רעי).

הכלל, די אויסערלעכקייט פון אַ מענטשן זאָגט אייך גאָרניט אין סאָ־וועטן־פאַרבאַנד. משמעות האַלט מען דאָ, אַז די שאָלעכץ איז ניט וויכטיג, אַז דאָס אינעווייניגסטע איז דער עיקר. און אודאי האַלט מען דאָ ניט, אַז טאָמער האָט עמיצער געקראָגן בילדונג, קומט אים דערפאַר אַ גאָלדענער קאָלנער און אַ רעכט צו לעבן פון יענעמס פּראַצע. זיי זאָגן דאָ, אַז יעדער איינער דאַרף זיך לערנען, און דאָס לערנען דאַרף דינען ניט דעם יחיד, נאָר דעם פּראָלעטאַרישן כלל.

וועט איר זיך שוין ניט וואונדערן, וואָס מ'איז ניט פאַרפּוצט. מ'טראָגט

אַלערליי קליידער: בלוזעס, טאָלסטאָוקעס *), סעקלעך, פּידזשאַקעס, לעדער־נע קורטקעס, וואַטאָווע לייבלעך, וואָס ס'מאַכט זיך. אויף די פיס טראָגט מען שטיוול, שיך, טופליעס, פּאַנטאָפל — שוואַרצע, געלע, ווייסע. אין וואַרעמען וועטער טראָגט מען גאָר ניט קיין הוט, אָניט טוט מען אָן אַ ווייך מיצל, אַ קאַשקעט, אַ פּילץ־הוט, אַ קליינע קעפּקע פון קאָלירענעם שטאָף (אַזוינע קעפּקעס, אויפן טאַטערשן מוסטער, זיינען דאָ איצט זייער פאַרשפּרייט). דאָס איינגענע מיט פרויען. מ'טראָגט פון אַ גוטן וואָלענעם קלייד ביז אַ סיטצענער בלוזקע מיט אַ גראָבן מולטענעם קליידל, פון אַ געוואַטענעם אויבערמאַנטל ביז אַן אויסגעריבענעם סוועטער, פון הויכע געשנורעוועטע געלע שיך ביז אַ פּאָר ווייסע זומערדיגע טופליעס. אויף די קעפּ טראָגט מען סיי היט, סיי שאַלכלעך, סיי רויטע טיכלעך; אַ סך פרויען, דערהויפּט די איינגערע, גייען אינגאַנצן אָן היט. קיין הערשנדיגע מאָדע איז ניטאָ; קיין חרפּה צוליב אַן אָפּגעטראָגענעם קלייד — אודאי ניט. יעדערער טוט זיך אָן אין וואָס ער קען, אין וואָס מ'קריגט היינטיגע צייטן. אודאי וויל מען זיך אָנטאָן וואָס בעסער. מ'מאַכט ניט קיין אָפּגאָט פון אָריגע קליידער. מ'מאַכט אָבער בכלל ניט קיין ווען פון די אַלע זאַכן. ס'איז דאָ בילכערס. ס'איז ניט דער עיקר אין לעבן.

באַקומט זיך, אַז די באַפעלקערונג פון מאָסקווע איז אָנגעטאָן אַלץ איינס. ניט רייך, אָבער זויבער. ניט מאָדיש, אָבער אויך ניט אָפּגעריסן. איך האָב ניט געזען קיין מענטשן אין שמאַטעס, ווי צוריק מיט זיבן יאָר. נאָכ־אַמאָל: דער אונטערשייד צווישן גוט־אָנגעטאָנענע און שלעכט־אָנגעטאָנענע איז ניט קיין קלאַסן־אונטערשייד. עס איז דאָך שוין כמעט ניט מעגלעך צו רעדן וועגן קלאַסן בנוגע דער באַפעלקערונג פון מאָסקווע. דער קאָמיסאַר און דער אַרבעטער געהערן צו דעם זעלביקן קלאַס. צווישן דעם פאַבריק־דירעקטאָר און קעסל־הייצער איז ניטאָ קיין סאָציאַלער אונטערשייד. דער פאַבריק־דירעקטאָר קען זיין ערגער אָנגעטאָן ווי די אַרבעטער אונטער זיין אויפזיכט. דער רויטער פּראָפעסאָר איז געוויס ניט אַזוי גוט געקליידט, ווי דער שמיד. דער טראַסט־פאַרוואַלטער קען וואוינען אין אַן ערגערער דירה, ווי דער מאַשיניסט אין איינעם פון די זאַוואָדן פון דעם זעלביקן טראַסט.

דער טאָן און די באַנעמונג פון דער מאָסקווער באַפעלקערונג איז רואיג און פריינטלעך. אומבאַקאַנטע רעדן איינער צום אַנדערן אָן שום הקדמות. מען הערט כמעט ניט קיין זידלערייען, קיין געשרייען, קיין גראָבע רייד אין די גאַסן פון מאָסקווע.

*) אַ מין אויסגעבעסערטע בלוזע מיט לאַנגע פּאָלעס.

אָט איז אַ טראַמוואַי. ס'זיינען ניטאָ גענוג וואַגאָנעס פאַרן אויסגע־וואַקסענעם פאַרקער. די וואַגאָנעס זיינען כמעט שטענדיג אָנגעפּאַקט. די אָפּשטעל־צייט איז קורץ. מענטשן איילן אַרויפצושפּרינגען וואָס גיכער אויף דער פּלאַטפאָרמע. אָפּט זעצן זיך אַריין אַזוינע צוואַנציג אָדער דרייסיג פּאַסאַזשירן מיט אַמאָל. ס'ווערט אַ שטיקעניש. ס'איז אומבאַקוועם. מ'איז איינגעקלעמט איינער אין צווייטן. אָבער מען קריגט זיך ניט. מען שרייט ניט. מען ווערט ניט אָנגעבונדן. פאַרקערט, מען העלפט אַרויס. טאָמער זאָגט איר, אַ שטייגער, אַז איר דאַרפט אויפשטייגן, מאַכט מען זיך נאָך ענגער, כדי איר זאָלט קענען דורכגיין. טאָמער קענט איר ניט דערגרייכן צום קאָנדוקטאָר נאָך אַ בילעט — דער קאָנדוקטאָר שטייט געוויינלעך אין הינטערשטן טייל פון וואַגאָן — גיט איר דאָס געלט צו אייער שכן, יענער דערלאַנגט עס אַ צווייטן, און אַזוי דערגרייט עס צום קאָנדוקטאָר. אויף דעם זעלבינן וועג דערגרייכט צו אייך דער בילעט. איר פאַרשפּאָרט זיך זאָרגן און איר פאַרשפּאָרט זיך שטופּן: די פּאַסאַזשירן זיינען גענוג אָרגאַניזירט און זיי פירן זיך פּראָלעטאַריש־קולטורעל, וואָס דאָס הייסט משפחה'דיג־איידל. טאָמער מאַכט זיך אַמאָל אַן אויפגערודערטער, צעבייזערטער נפש מיט טאַנצנדיגע נערוון, קוקט מען אויף אים ווי אויף אַ בייז־וואונדער.

דער טראַמוואַי איז איינגעאָרדנט אַזוי, אַז ס'איז דאָ אַ סך שטיי־פּלאַץ. מען גייט אַריין דורך דער הינטערשטער טיר און מען גייט אַרויס פאָרנט. אָבער פרויען מיט קינדער און אינוואַלידן גייען אַריין פאָרנט, כדי זיי זאָלן זיך פאַרשפּאָרן שטופּן. די ערשטע פיר פּלעצער פונעם וואַגאָן זיינען אויך רעזערווירט פאַר פרויען מיט קינדער. אויב די פּלעצער זיינען ליידיג, קענען דאָרט זיצן אויך אַנדערע פּאַסאַזשירן. אָבער ווי נאָר ס'קומט אַריין אַ פרוי מיט אַ קינד, דאַרפט איר אויפשטיין און זיי אָפּטרעטן דאָס אָרט. ס'איז ניט קיין העפלעכקייט, ווי אין אַמעריקע: ס'איז געזעץ. די קאָנדוקטאָרן זיינען כמעט אַלע פרויען. צווישן די וואַגאָן־פירער האָב איך אויך באַמערקט פרויען. דערפון איז געדרונגען, אַז די פרוי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַרנעמט זיך מיט אַלע אַרבעטן, אַריינגערעכנט אַזוינע, וואָס פאָדערן פיזישע קראַפט.

קוקט איר אַזוי אויף מאָסקווע פון אַ ווינקל גאַס, דערמאָנט זי אייך אָן אַ גרויסן מוראַשקע־הויפן, וואו אַלצדינג רירט זיך, אַלצדינג איז אָנגעפילט מיט אַ האַסטיגן פלייס. איר ווייסט דערביי, אַז דאָס אַלעס ווערט געטאָן מיט אַ פּלאַן און אַז איין געדאַנק און איין ציל רידיזשירן אָט די ריזיגע מאַסע.

מאָסקווער „סטראָי"

1931.

לאָמיר מאַכן אַ שפּאַציר איבער מאָסקווע. ס'איז זומער. ס'איז ניט זייער היים. אויפן הימל שטייט אַ בלאַסע זון, און מאָסקווע באָדט זיך אין ליכט.

פון וואָס זאָלן מיר אָנהויבן? לאָמיר קוקן אין די שויפֿענצטער. מיר זעען דאָרט סחורות, מיר זעען אָבער אויך פּאָרטרעטן און ביוסטן. מער פון אַלץ באַגעגענען זיך לענין, סטאַלין, קאַלינין, וואָראָשילאָוו. איצט איז צו־געקומען גאָרקי. שיר ניט אין יעדן שויפֿענצטער קענט איר זען אַ גאָרקי־פּאָרטרעט אָדער פּלאַקאַט — צו זיין אָנקומען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. לאָמיר אַ לייען טאָן איינעם. „זאָל געזונט זיין אונזער גאָרקי! אַ פּראָלעטאַרישער גרוס דעם גרעסטן שרייבער־קעמפער!" נאָכדעם גייען ציטאַטן פון גאָרקי'ס אַרטיקלען אונטערן קעפּל: „גאָרקי אין קאַמף פאַרן פסטר" (סאָוועטן־פאַר־באַנד). איין ציטאַטע לייענט זיך אַזוי: „די צעשטערונג פון דער אַלטער וועלט גייט מיט דער זעלביגער שנעלקייט, ווי דער אויפבוי פון דער נייער." אָן אַנדער פּלאַקאַט אין אַן אַנדער פענצטער לייענט זיך: „גאָרקי'ס אמת שטעכט די אויגן אונזערע שונאים. דער ווילדער האַס פון דער בורזשואַזיע צו גאָרקי'ן איז אַ האַס צו די מיליאָנען, וואָס בויען דעם סאָציאַליזם."

די פּראָלעטאַרישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט ברייט געעפנט אירע אָרעמס פאַרן גרויסן שרייבער פון די האָרעפּאַשנע מאַסן. אויף די צאָלרייכע פאָטאָ־גראַפיעס זעט ער אויס צווישן די אינגערע קאָמוניסטישע טוער ווי אַ טאַטע צווישן געראָטענע קינדער. גאָרקי שמייכלט מיט אַ ברייטן, גוטמוטיגן, גליקלעכן שמייכל.

אָבער לאָמיר גיין ווייטער. איבער די גאַסן זיינען אויסגעצויגן רויטע לייווענטענע פּלאַקאַטן, ווי די, וואָס מיר זעען אין יענקי־לאַנד אין אַ וואַל־קאַמפּאַניע. דאָ איז בסדר קאַמפּאַניע — און די לייוונטן גייען ניט אַראָפּ פון די גאַסן. איבער סטראַסטנאַיאַ־פּלאַץ דערקלערט אַ פּלאַקאַט: „די אַלגעמיינע בילדונג פון מאָסקווע פאָדערט 3600 נייע לערער אויפן יאָר 1932־1931. לאָמיר דורכפירן אויף אַ שלאָגלערישן אופן די צוגרייטונג פון קאַדרען." דאָ האָט איר אַ גאַנץ קאַפּיטל פון היינטיגן סאָוועטן־פאַרבאַנד. עס פעלן לערער. עס פעלן אַרבעטער. עס פעלן טוער. מען דאַרף אי בויען, אי אין דער זעלביגער צייט גרייטן די בויער. מאָסקווע האָט שוין דורכגעפירט אַלגעמיינע בילדונג. אָבער לערער דאַרף מען צוגרייטן אין גרויסע מאַסן און צוגרייטן שנעל: „אויף אַ שלאָגלערישן אופן." זייט זיכער, מען וועט באַוואָרענען דעם בילדונגס־פּראָנט.

פּלאַקאַטן. וואו איר גייט — פּלאַקאַטן. אַ סך טראַמווייען זיינען באַ־פּוצט מיט פּאָרטרעטן און מאַלערייען. אויף איינעם זע איך די פּאָרטרעטן פון פיר ארבעטער, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט ווי העלדן פון ארבעט. אויף אַן אנדערן — דיריזשאַבלען (צעפּעלינס), וואָס זאָלן דערמאָנען דעם אַר־בעטער־קלאַס די נויטיגקייט צו פּאַרטיידיגן דאָס לאַנד. אַ סך הייזער זיינען באַפּוצט מיט אַ געקלעפּטן פאַרביגן שילד, וואָס שטעלט פאָר אַ סערפּ, אַ האַמער, אַ ביקס און אַ פּראָפּעלער. אונטן אַן אויפשריפט: „שטאַרק די פּאַרטיידיגונג פונעם פ. ס. ס. ר.״ אויף איין הויז לייען איך אַ רויטע שילד: „דער שלאָגלער איז דער פונדאַמענט פון אונזערע זיגן; דעם שלאָגלער דאַרף מען אין דער פּאַרטיי און אין דעם סאָוועט שיקן.״ דאָס איז ווידער אַ קאַפּיטל פון דעם היינטיגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו דער שלאָגלער איז דער גרעסטער העלד אויפן עקאָנאָמישן פראָנט. אָט לייען איך אַ שילדל אויף איינעם פון די טראַמוואַיען (ליניע נומער 10): „שלאָגלער־בריגאַדע פון דער יוגנט פון אַקאַפּאָווער פּאַרק״. דאָס וויל זאָגן, אַז די יונגע חברה פון אַ טראַמוואַי־פּאַרק האָבן געבילדעט אַ ספּעציעלע בריגאַדע צו פאַרבעסערן דעם פּאַרקער פון אָט־דער ליניע. זיי לאָזן וועגן דעם וויסן דער פּראָלעטאַרישער עפנטלעכקייט. אפשר רופן זיי אַרויס אַנדערע פּאַרקן צו אַ סאָציאַליסטישן געוועט אַרום דער פאַרבעסערונג פונעם טראַם־פּאַרקער.

אַלצדינג גייט דאָ איצט אויף בריגאַדן. שילער זיינען איינגעטיילט אין בריגאַדן. קולטור־טוער פאַראייניקן זיך אין בריגאַדן. זשורנאַליסטן פאָרן אַרויס אויף פאַבריקן אַלס בריגאַדן. ארבעטער זיינען אודאי גרופּירט אין בריגאַדן. אַ בריגאַדע איז אַ גרופּע מענטשן, וואָס פאַראייניקן זיך דורכ־צופירן אַ באַשטימטע שליחות. די שלאָגלער־בריגאַדן פירן דורך זייער שליחות מיט באַזונדערן אימפּעט, קענטעניש און מסירת־נפש. אָן דעם וואָלט ניט מעגלעך געווען דער גיגאַנטישער עקאָנאָמישער אויפטו.

אויף די גרעסערע און קלענערע רעגירונגס־געביידעס באַמערקט איר אָפט דאָס וואָרט „סטראָי״ (בוי, אויפבוי). „סטאַלסטראָי״ — צענטראַל־פאַרוואַל־טונג פון דעם טראָסט, וואָס בויט לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען; „מאַג־ניטאָסטראָי״ — צו בויען די שטאָל־ און אייזן־פאַבריקן פונעם אוראַל; „קוזנעצקאָסטראָי״, „קאָאָפּסטראָי״, „עלעקטראָסעל־סטראָי״, „ענערגאָ־סטראָי״, „ראַדיאָ־סטראָי״, „רעזינאָ־סטראָי״, „סאָווקאַלכאָז־סטראָי״... מען האַלט אין איין „סטראָיען״. מאָסקווע איז דאָס האַרץ פון דעם גאַנצן „סטראָי״.

דער זיבעטער נאָוועמבער אין מאָסקווע

1931.

...דער טורעם־זייגער אין קרעמל קלינגט שוין א פערטל צו ניין. באַקאַנטע טענער. אַט אַזוי האָט ער געקלונגען אין דער צייט פונעם צאַר. אַט־דאָ האָט געהערשט דער געזאַלבטער פון די פּריצים און קאַפּיטאַליסטן. אַט דער פּלאַץ איז אָנגעזאַפּט מיט געשיכטע פון ראָמאַנאָווס און אַנדערע בלוט־צאַפּער פאַר זיי. היינט מאַרשירט דאָ דער פּראָלעטאַריאַט מיט זיין באַוואָפנטער מאַכט. היינט איז פערצן יאָר זינט מען האָט אומגעוואָרפן די מלוכה־מאַכט פון די עקספּלואַטאַטאָרס און איינגעפירט פּראָלעטאַרישע הערשאַפט.

ס'קלאַפּט דאָס האַרץ. אַרבעטער־דעלעגאַטן, צום ערשטן מאָל אויף זייער לעבן אין אַט־דעם געוואַלדיגן היסטאָרישן אָרט, קענען זיך ניט איינהאַלטן: רעדן וועגן זייערע געפילן, אַנטפּלעקן דאָס באַהאַלטענע פון זייערע הערצער. ווי וואויל איז זיי, וואָס זיי זיינען דאָ. זיי האָבן גאָר ניט געוואוסט, אַז דאָס קען האָבן אַזאַ פאַרנעם.

ניין אַזייגער. אַלע גלייכן זיך אויס. א שטילקייט טוט א פאַך איבערן גרויסן עולם. שאַ! מען רעדט שוין דורכן ראַדיאָ־הויכרעדער. ס'איז נאָר א מעלדונג. אַזוי ווי ס'איז נאָך אַלץ נעבלדיג, לאָזט מען וויסן, אַז דער פּאַראַד וועט זיך אָנהויבן ערשט צען אַזייגער.

נו, וואָס־זשע! ס'מאַכט ניט אויס. מיר'ן וואַרטן. מיר וואָלטן געוואַרט א גאַנצן טאָג, ווען ס'איז נויטיג. אונז לאַנגווייליגט דאָך ניט קיין פּיצל. דער נעבל ווערט פאַרט שיטערער. מיר קענען שוין זען די שטריכן פון לענינ'ס פּאָרטרעט אויף יענער זייט פּלאַץ, אויף דער וואַנט. ס'איז איינער פון די בעסטע פּאָרטרעטן. ערנסט, מיט א קלאָרן פּנים, מיט פאַרטראַכטע טיפע אויגן, מיט יענעם ווייכן אויסדרוק אויף די ליפּן, וואָס האָט צוגעגעבן לענינ'ען דעם לעבעדיגן אַזאַ מילדקייט אַפילו אין די שאַרפסטע קאַמפן.

די אַרבעטער־דעלעגאַטן האָבן צייט צו דיסקוטירן. ניט ווייט פון אונז, לינקס, געפינט זיך דער לענין־מאַוואָזאָליי: א געביי פון רויטן און שוואַרצן שטיין. דאָרט וועט זיין די טריבונע פאַר די פירער. אינעווייניג, א פאַרגליווערטער, א טויטער, ליגט לענינ'ס קערפּער. מיר האָבן אים אַלע באַזוכט צוריק מיט טעג. מיר האָבן געזען דעם ערנסטן קלוגן קאָפּ, דאָס גראָע רעקל מיטן אָרדן פון דער רויטער פאָן אויף דער ברוסט, די צונויפגעלייגטע הענט.

מיר האָבן זיך געוואונדערט אויף דער גרויסער רו, וואָס אָטעמט פון אָט־דעם פּנים מיטן הויכן שטערן. לענין ליגט אַ טויטער אינעווייניג — און דאָס ווערק פון זיין געניאַלער פירערשאַפט לעבט אויבן, איז געקומען אהער פייערן דעם גרויסן יום־טוב.

צוואַנציג מינוט צו צען. עס ווערט אַ סך העלער. דער נעבל איז שיטערער, דורכזיכטיגער. ער וועט שוין ניט שטערן. ס'איז ניט קאַלט אויך. נאָר אַ פריכטקייט, די טיפּישע מאָסקווער פריכטקייט, שפּרייט זיך אין דער לופטן.

ווי שטיל דער פּלאַץ איז! אַזויפיל טויזנטער מענטשן — און קיין געשריי, קיין צוזאַמענשטויס, קיין שאַרף וואָרט. באָלשעוויסטישע־דיסציפּלין. חבר'שע פריינטלעכקייט. פייערלעכער ערנסט. ס'איז דאָך אונזער גרויסער פּראָלעטאַרישער יום־טוב.

דריי מינוט, צוויי מינוט, איין מינוט צו צען. צען! דער זייגער הויבט אָן קלינגען. מיטן ערשטן קלונג — אַ טרומייט־סיגנאַל. דער פּאַראַד האָט זיך אָנגעהויבן. אויפן פּלאַץ האָבן שוין לאַנג זיך אויסגעשטעלט מיליטערישע טיילן איינס לעבן צווייטן, מיט מיליטערישע אָרקעסטרען ביי יעדערער פון זיי. געשטאַנען זיינען זיי ווי גראָע שטייענרנע קוואַדראַטן מיט קאָלירנדיגע דעקן פון אויבן — די היטלען פון די רויט־אַרמייער.

די טריבונעס זיינען געוואָרן מורא'דיג שטיל; אָנגעצויגן יעדער נערוו, אָנגעשטרענגט יעדער אויג. „וואָראָשילאָוו וועט קומען. ער וועט „צונעמען" דעם פּאַראַד!" ס'פּאַרגייט אַ שטיקל צייט — אפשר אַ האַלבע מינוט און אפשר דריי — און אָט פּאָרט חבר וואָראָשילאָוו אויף אַ פּרעכטיגן פערד. ער איז אַן אויסגעצייכנטער רייטער. ער מאַכט דעם איינדרוק פון זיכערער קראַפט. שנעל, בליץ־שנעל, יאָגט ער זיך פון מיליטער־אָפּטייל צו מיליטער־אָפּטייל, באַגריסנדיג יעדע מיטן יום־טוב. „הוראַ!" הילכט פון יעדן אָפּטייל.

די אָרקעסטרען האָבן זיך איצט צונויפגעשלאָסן אין איין גרויסן אָרקעסטער פון עטלעכע הונדערט מענטשן — און מען שפּילט דעם „אינטער־נאַציאָנאַל". מיליטערישע מענטשן נעמען „פּאָד קאָזיראָק"; צווילע נעמען אַראָפּ די היט. מיר קוקן אומיסטנע אויף די מיליטערישע אַטאַשעען (פּאָר־טרעטער) פון די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות, וואָס שטייען אינמיטן, לעבן לעניג'ס מאַוזאָליי: יאָ, זיי האָבן אַלע גענומען „פּאָד קאָזיראָק"! זיי גיבן אָפּ „טשעסט" דעם „אינטערנאַציאָנאַל"! ס'איז דער סאָוועטישער פאָלקס־הימן, און צווישנפעלקערלעכע העפלעכקייט פאָדערט, אַז אויסלענדישע מיליטער־מענטשן זאָלן סאַלוטירן דעם הימן פון דעם לאַנד, וואו זיי זיינען

פארטראטן. עס שטייט דער איטאליענישער, פוילישער, לאטווישער אפיציר, עס שטייט דער דייטשישער און ענגלישער אפיציר. עס שטייען עטלעכע אנדערע.

סאלוטירט, פאשיסטן, סאלוטירט! נישקשה, ס'וועלן אייך ניט אפדארן די הענט.

ס'רעדט וואראשילאוו. יעדער ווארט שלאגט זיך אפ פון דער אקנטקעגנדיגער וואנט. זיין שטים איז ריין, די ווערטער הערן זיך דייטלעך. „נאר 14 יאר פייערן מיר דעם אקטאבער־זיג. ווי ווייניג און אין דער זעלבער צייט ווי פיל ס'האט דורכגעמאכט דער ארבעטער־קלאס פאר אט־דער צייט! ווייניג — פונעם שטאנדפונקט פון היסטארישע פערספעקטיוון; און שרעקלעך פיל — פונעם שטאנדפונקט פון די דערגרייכונגען אין אונזער אלטאגלעכער, שווערער, אבער רומרייכער, שאפערישער, פריילעכער און זיגרייכער ארבעט!" „מיר קענען מיט זיכערקייט זאגן, אז עס זיגט דער יונגער, געזונטער, צום פיאנערן־עלטער שוין דערוואקסענער און אויפן שוועל פון קאמסאמאלן־עלטער שטייענדיגער, יונגער סאציאליזם." „מיר זיינען פאר פרידלעכער ארבעט. זאל מען אונז ניט פראוואצירן ניט אין מזרח, ניט אין מערב. אויף מלחמה גייען מיר נישט, נאר אויב עמיצן וועט זיך פארוועלן א מעסט טאן מיט אונז מיט קרעפטן — טא זאל ער קיין פאראיבל ניט האבן. די רויטע פאלקן און דיוויזיעס און די רויטע קארפוסן זיינען פול באוואפנט! מיר סטראשען ניט, אבער מיר זיינען אלעמאל גרייט אפצושטויסן א שונא."

וויפיל רואיגע קראפט עס ליגט אין די ווערטער. וויפיל קלאר באוואוסטזיין, אז הינטער דער סאוועטן־ארדענונג שטייט די רויטע ארמיי און הינטער דער רויטער ארמיי — דער גאנצער ארבעטער־קלאס, וואס גייט האנט אין האנט מיטן הארעפאשנעם פויערטום! אזוי רעדט א פארטרעטער פון א רעגירונג, וואס קען זיך פארלאזן אויף אירע פאלקן, דיוויזיעס און קארפוסן, ווי אויף אירע ברייטע ארבעטנדיגע מאסן.

און ווי ס'הויבט זיך די ברוסט ביים קלאנג פון אט־די ווערטער! ווי עס ברענען ביי דעם עולם די אויגן! ס'ארא מעכטיגער הורא רייסט זיך ארויס פון די הערצער! זאל לעבן די רויטע ארמיי! זאל לעבן דער רויטער אקטאבער!

האלב נאך צען. דער פאראד הויבט זיך אן. וואראשילאוו שטייט אויף איין ארט. פאר אים גייט דורך א באטאליאן נאך א באטאליאן אין לאנגע רייען. אויף דער מאוזאליי־טריבונע שטייען שוין די חברים פונעם צענטראל־קאמיטעט און פון דער רעגירונג. מיר דערקענען פון ווייטן מאלאטאוו'ן,

סטאַלינ׳ען, אַנדרעיעוו׳ן. עס זעט זיך די פּיקטאַרעסקע פיגור פון בודיאָני׳ן מיט די גרויסע וואָנצן.

דער נעבל איז נאָך שיטערער געוואָרן. די באַטאַליאָנען מאַרשירן. איך בין אַליין אַ געוועזענער סאָלדאַט און בין אַ מבין אויף מאַרשיראָווקע. ס׳איז, דאַכט זיך, דאָס קלענסטע אין מיליטערישער קונסט, אָבער עס דערציילט אָן אַ שיעור וועגן דער צוגעגרייטקייט פון אַן אַרמיי. צוריק מיט עטלעכע יאָר האָט מען אין דער סאָוועטישער אַרמיי אַזוי ניט געקענט מאַרשירן. אין דער צאַרישער אַרמיי האָט מען פון אַזוינע מאַרשן ניט געקענט טרוימען: דאָרט איז יעדער „צערעמאָניאַלער מאַרש" געווען אַ חרפּה און אַ בזיון. דאָ זעט מען, אַז ס׳האַנדלט זיך וועגן פיזיש־געזונטע און גייסטיג־דירעוודיגע מענטשן. די פאַרשיידענע באַוועגונגען ווערן דורכגעפירט שנעל, פּינקטלעך און אָן טומל; דער מאַרש איז לייכט, ספּרוזשינעדיג, אָן באַזונדערן אָנשטרענג. עס גייט דער ערשטער צווײַפגעשטעלטער פאָלק: דאָס האָט מען אים ספּעציעל פאַר היינט פאַרמירט פון די אָנגעשטעלטע אין דעם קריגס־קאָמיסאַריאַט. עס גייט די מיליטערישע אַקאַדעמיע: נו, די דאַרפן אודאי גיין גוט; דאָס זיינען דאָך לויטער קאָמאַנדירן ניט נידעריגער פון אַ ראָטני קאָמאַנדיר, און זיי דאַרפן דאָך לערנען די איבעריגע אַרמיי. עס גייען דיוויזיעס פון פּשוט׳ע רויטע אַרמייער: פּעכאָטע, קאַוואַלעריע, אַרטילעריע, לופט־פליער — זיי אַלע דאַרפן אויך קענען מאַרשירן. עס גייען דיוויזיעס מיט גרינע, בלאָע, ברוינע, שוואַרצע היטלען — יעדער דיוויזיע מיט איר מוזיק, מיט איר באַזונדערער האַלטונג. זיי מאַכן אַ גוטן איינדרוק — אָט־די חברים־רויטאַרמייער. הויך, שלאַנק, אין גוטע שינעלן, אין גוטע שטיוול, פּנים׳ער— פאַרברוינטע, לייכטנדיגע אויגן. זיי גייען פאַרביי די פירער. מען גריסט זיי. זיי ענטפערן אָפּ. זייערע טריט קלאַפּן אָפּ אין די שטיינער פונעם פּלאַץ ווי איין טריט. זיי זיינען גוט אויסגעלערנט. זיי זיינען, קענטיג, ערשט־קלאַסיגע שטרייטער!

אונזערע דעלעגאַציעס קענען מער ניט שוויינגן. ווען באַטאַליאָנען גייען פאַרביי, הויבן זיי אָן שרייען: „זאָל לעבן די רויטע אַרמיי! זאָל לעבן די פאַרבינדונג פון די פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער!" די רויט־אַרמייאישע באַטאַליאָנען ענטפערן אָפּ, פאַרבייגייענדיג, מיט אַ הוראַ. עס ווערט אונז שוין גאָר פריילעך אויפן האַרצן.

איצט הויבן אָן גיין ציווילע פאָלקן. דאָס זיינען בירגער פון דער מלוכה, וואָס מושטירן זיך נאָר אַ פּאָר מאָל אין וואָך און נאָר אויף אַ פרייוויליגן אופן. עס גייען פאָלקן סטודענטן פון אוניווערזיטעטן; זיי זיינען אָנגעטאָן

אין ציווילע מאַנטלען, נאָר די ביקסן גיבן זיי אַ מיליטעריש אויסזען. עס גייען פאָלקן פון אייזנבאַן־אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט טראָגן אַ ביקס. סיי די סטודענטן, סיי די אַרבעטער מאַרשירן גאָר ניט שלעכט — מונטער, לעבעדיג, האָפערדיג, הגם ניט אַזוי טעכניש־פּערפעקט, ווי די אמת'ע רויטאַרמייער. עס באַווייזן זיך פאָלקן קאָמסאָמאָלצעס, מענער און פרויען.

ס'גייט דורך אַ באַטאַליאָן רויט־גוואַרדייער — אַרבעטער, וואָס האָבן אין 1917 טאַקע זיך באַטייליגט אין דער רעוואָלוציע. זייער דורכגיין רופט אַרויס אַן אמת'ן שטורעם פון פרייד.

האַלב נאָך עלף. עס זיינען שוין דורכגעפאָרן די וועלאָסיפּעד־אָפּטיילונגען פון דעם פּאַראַד — איצט הויבן זיך אָן די טענקס. יאָ, איך האָב פאַרגעסן דערמאָנען די מאָטראָסן. זיי זיינען דורכגעגאַנגען אין אַ געשלאָסענער פיר־עקיגער פאָרמאַציע — און האָבן אַרויסגערופן באַגייסטערטע אויסגעשרייען, ווי די אַנדערע טיילן. דאָ לעבט די טראַדיציע פון אַכטונג פאַר די אָקטאָבער־מאַטראָסן, די העלדישע קעמפער פון דעם גרויסן אויפשטאַנד, וואָס האָבן פאַרשריבן ניט איין וואונדערבאַר בלעטל אין דער געשיכטע פון יענע וואונדערבאַרע טעג.

יאָ, זיינען שוין, הייסט עס, דורכגעפאָרן די וועלאָסיפּעדן. עס רוקן זיך די טענקס. ניין, זיי רוקן זיך ניט: זיי לויפן. איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז טענקס קענען אַזוי לויפן: שיעור ניט פופצן מייל אַ שטונדע. וואָס קען מען שליסן וועגן אַן אַרמיי, ווען מען זעט אירע טענקס? וואָס קען וויסן אַ ציווילער זייטיגער צושויער? יאָ, מען קען שוין גראַד וויסן אַ סך. מען קען זיך זייער פיל אָנשטויסן וועגן דעם כאַראַקטער פון דער אַרמיי. ערשטנס, באַווייזן די טענקס, אַז די סאָוועטישע אַרמיי שטייט אויף דער הויך פון מאָדערנער טעכניק; צווייטנס באַווייזן זיי, אַז די אַרמיי ווייסט זייער גוט, ווי צו באַגיין זיך מיט מאַשינען און מאָטאָרן; דריטנס, גיבן זיי טאַקע אַ פאָרשטעלונג וועגן אַ גרויסער באַוואָפנטער קראַפט. איך האָב ניט געציילט די טענקס. איך ווייס אָבער, אַז הונדערטער זיינען דורכגעפאָרן אין יענעם טאָג פאַרביי די טריבונעס: קליינע געוויינטלעכע טענקס, הויכע מיט טורעמס, וואָס קענען זיך דרייען אויף אַלע זייטן (פון די טורעמס שטעקן אַרויס מיילער פון קאַנאָנען), טענקס מיט באַפּאַנצערטע רעדער און טענקס מיט רעדער, וואָס זיינען גיט געשיצט. געפאָרן זיינען זיי צו דריי אין אַ ריי; געפאָרן שנעל און פּינקטלעך, געמאַכט דעם איינדרוק פון אומגעוויינטלעכער „עפּישענסי" און באַוועגונג. מען האָט זיך געמוזט זאָגן, אַז אויב דאָס

ווערט געוויזן אויף א פאראד, איז א סימן, אז די ארמיי איז גוט באוואָרנט מיט קריגס־אפאראטן.

נאָך די טענקס איז געקומען די ארטילעריע — דער „טשוואק" פונעם פאראד. די ארטילעריע, ווייסן מיר, איז הונדערטער יאָרן געווען א פערדישע: מ'האט איינגעשפאנט די פערד אין הארמאטן און זיי געשלעפט צו די פאזיציעס. די מאָדערנע ארמיי איז אָבער מאָטאָריזירט, מעכאניזירט. אָנשטאָט פערד נוצט מען מאָטאָרן, אָנשטאָט וואגנס — אויטאָמאָבילן און טראָקס. אין לעצטן וועלט־קריג איז די ארטילעריע נאָך אויך מערסטנס ניט געווען מעכאניזירט. ערשט נאָך דער מלחמה האט מען זיך גענומען איינפירן אין דער ארטילעריע דאָס לעצטע וואָרט פון מאָטאָר־טראנספּאָרט. נו, האט דער פאראד אויפן רויטן פלאַץ באוויזן, אז די סאָוועטישע ארמיי איז ניט אָפּגעשטאנען אויך אין דעם פּרט. הארמאטן אויף טראָקס, הארמאטן מיט סאָלדאטן אויף באפאנצערטע אויטאָמאָבילן, הארמאטן וואס קענען שיסן פאראויס, און הארמאטן וואס קענען שיסן אויף הינטן — אַלצדינג מעכאניזירט, אַלצדינג צוגעפּאסט איינס צום אנדערן, ווי דער מעכאניזם פון א זייגער, און אַלצדינג האט זיך פארבייגעטראָגן מיט געוואַלדיגער שנעלקייט.

עס גייען ווידער טראָקס אָנגעלאָדן מיט רויטארמייער, טראָקס מיט זייער שווערע, ווי געשוואָלענע, קורצע הארמאטן, טראָקס מיט מאשין־ביקסן, אויטאָמאָבילן און מאָטאָציקלעטן מיט מאשין־ביקסן — דאָס אַלעס רוישט, הילכט, קלאפּט, איילט, און דער פּלאַץ איז איין ים פון באגריסונגס־געשרייען.

איצט הייבט זיך אָן די קאוואַלעריע. מיר ווייסן, אז אין די מאָדערנע מלחמות שפּילט די קאוואַלעריע א קלענערע ראָלע, ווי אמאָל. דאָך דארף מען זי נאָך האָבן — אויף נאָציאָנאַגן דעם שונא, אויף אָנצופאַלן אומגעריכט און מיט אַן אימפּעט. אין צארישן רוסלאנד זיינען געווען אויסגעצייכנטע רייטער — קאָזאקן. די רויטע ארמיי האט ניט קיין קאָזאקן. וואס־זשע איז געוואָרן מיט דער רייטער־קונסט?

עס באוויזן זיך די ערשטע עסקאדראָנען, און פאר אַלעמען ווערט קלאָר, אז די רייטער־קונסט בליט אינעם סאָוועטן־פארבאנד! וואו האָבן זיך גענומען אָט־די טייוואָלים, וואָס קענען שפּרינגען אויף א פערד מיט דער שנעלקייט פון דרייסיג מייל א שעה — און זיך פּלוצלונג אָפּשטעלן, ווי איינגעגראָבן אין דער ערד? וואו האָבן זיי גענומען אָט־די פערד — מיט די דינע פיס, ברייטע מעכטיגע ברוסטן, דארע מאָרדעס און צארטער נערוועזער פעל, אונטער וועלכער עס שפּילן די אייזערנע מוסקולן? וואו האָבן זיי גענומען אָט־די קאָמאנדירן — מיטן ברען און אימפּעט און שוואונג פון

פערד־געיעג־רייטער? עס טוט זיך א לאז אן עסקאדראן פארביי חבר וואראָשילאָוו'ן; דער קאמאנדיר, וואס רייט פאראויס, כאפט ארויס די שווערד פונעם שייד, סאלוטירט; וואראשילאוו ענטפערט. דאס פערד טוט א פלי פאראויס, דער קאמאנדיר טוט א מאך מיט דער שווערד, דער עסקאדראן טוט זיך א לאז נאך אים — פאראויס, די יאגעניש איז שיעור ניט צו ברעכן האלז און נאקן; פאראויס, פאראויס — אבער די קאוואלעריסטן האלטן די רייען: זעקס פערד מיט זעקס רייטער ווי איין קערפער מיט אזוי פיל קעפ און אזוי פיל פיס, זעקס פערד ווי צוזאמענגעשמידטע אין איין פראכטפולער, לעבעדיג־געווארענער סקולפטור. פאראויס, פאראויס! שנעלער און ווילדער טראגט זיך דער עסקאדראן. און פלוצים — א מאך מיט דער שווערד, און דער עסקאדראן איז געבליבן שטיין ווי צוגעפרוירן, נאר די העלזער פון די פערד בויגן זיך אין הויכן ארקעס, פון די נאזלעכער זעצט א פינע, און די רייטער האבן זיך אויפגעהויבן אויף זייערע סטרעמענעס און האלטן זיך גלייך ווי א סטרונע.

דער עולם גייט אראפ פונעם זינען פאר באגייסטערונג. דער חבר לעבן מיר זאגט:

— אויב אט דאס רייטן באווייזט נאר די הויך פון ספארטסמאנשאפט אין דער רויטער ארמיי, איז אויך אריבער געווגן.

מסכים. די רויטע ארמיי און דער זיגרייכער פראלעטאריאט מעגן זיין שטאלץ מיטן ספארט פון די רויטע רייטער. ער וועט צוניץ קומען אויך ווען מ'וועט דארפן אפשלאגן דעם אנפאל פונעם שונא.

„זייט געגריסט, רויטע רייטער! הורא פאר די רויטע רייטער!"

:: :: ::

איינס אזייגער. דער פאראד איז באלד געענדיגט. די לעצטע ארמיי־אפטיילונגען גייען פארביי. די מוזיקאנטן האבן שוין אויך פארלאזט דעם פלאץ. דער פלאץ איז ליידיג איין מינוט—צוויי. עס זעט זיך איצט, אז דער נעבל איז כמעט אינגאנצן פארשוואונדן (בשעת'ן פאראד איז ניט געווען קיין צייט צו טראכטן וועגן אזוינע זאכן). דורך די ארייננגענג צום רויטן פלאץ זעען זיך פון אלע זייטן רויטע פאנען. דאס איז דער פראלעטאריאט. דאס ווארט ער אויף דעם סיגנאל אריינצוטרעטן אין רויטן פלאץ. אט איז דער סיגנאל געגעבן — און אין ברייטן רויטן פלאץ גיסט זיך מיטאמאל אריין אן אמת'ער ים פון מענטשן, מיט רויטע פאנען איבער די קעפ. דאס זיינען די

דעמאָנסטראַנטן. דער פּאַראַד האָט זיך געענדיגט. די דעמאָנסטראַציע הויבט זיך אָן.

עס גייען מענטשן אין קאָמפּאַקטע גרופּן, באַטאַליאָנען — זעקס, אַכט, צען און מער מענטשן אין אַ ריי. יעדער באַטאַליאָן איז גוט פאַראייניגט און דיסציפּלינירט. יעדער איינער פון די דעמאָנסטראַנטן ווייסט זיין פּלאַץ און אַלע גייען מיט געמאָסטענע שנעלע טריט; אַלע גייען דירעקט פאָראויס, אין אַ גלייכער ליניע. דערביי מאַרשירן איינער לעבן אַנדערן גלייכצייטיג גאַנצע צען באַטאַליאָנען.

דער שטראָם איז ברייט — און ער איז אַ דרייפאַכער. ערשטנס, אַ שטראָם פון קערפּערס, אָנגעטאָן אין שוואַרצע און ברוינע, פוטערנע און וואַטאָווע מאַנטלען; צווייטנס, אַ פעלד פון פּנימ׳ער — יונגע און אַלטע, מיידלשע, בחור׳שע, קינדערשע, באַבערדלטע און געגאָלטע, גלאַטע און גע־קנייטשטע, אָבער אַלע מונטער, פריילעך, שטיפעריש, העל; דריטנס, אַ וואַלד פון פאָנען. די פאָנען גייען אָפט אַזוי געדיכט איינס לעבן אַנדערן, אַז זיי פאַרשטעלן די מענטשן. צווישן די פאָנען ציען זיך איבער די קעפּ פון די מענטשן רויטע לייוונטן מיט אויפשריפטן, וואָס גיבן דעם נאָמען פון דעם זאַוואָד אָדער אַנשטאַלט, וואָס דעמאָנסטרירט דאָ. צווישן די לייוונטן ציען זיך רויטע סטענגעס מיט אויפשריפטן, וואָס ווידערהאָלן די אָקטאָבער־לאָזונגען: „אַרבעטער און אַרבעטערינס פון דער גאָרער וועלט! לערנט זיך פון אונזער רעוואָלוציע! הויבט די לענין־פאָן!" „אַ גרוס די פּאָליטישע געפאַנגענע אין די קאַפּיטאַליסטישע טורמעס!" „אַ גרוס דער רויטער אַרמיי פון כינע!" „נאָר די סאָוועטן־מאַכט קען באַפרייען די וועלט פון אימפּעריאַ־ליזם!" „זאָל לעבן דער סאָציאַליסטישער אויפבוי אין פּ. ס. ס. ר.!" „זאָל לעבן דאָס סאָצגעוועט און די שלאָגלעריי!" „לאָמיר אַלע אויספילן די זעקס פונקטן פון חבר סטאַלין!" צווישן די לאָזונגען הויבן זיך פּלאַקאַטן און בילדער, וואָס גיבן גענויע ציפערן וועגן דער פּראָדוקציע פון דער פאַבריק אָדער זאַוואָד, וועגן דעם פּראָצענט, אויף וויפיל די אַרבעטער האָבן אויס־געפילט דעם פּראָמפינפּלאַן, וועגן דער צאָל קאָמוניסטן און קאָמסאָמאָלצעס אין פאַבריק, וועגן דער צאָל קולטאַרמייער און אַז. וו.

אַ קוק געבן אויפן גאַנצן, איז דאָס אַן אומגעוויינטלעכע האַלב־דעמאָנ־סטראַציע, האַלב פאַרגעניגן־שפּאַציר פון איינגענע מענטשן, וואָס קענען זיך פערזענלעך און וואָס האָבן אויסגענוצט זייער גאַנצע פאַנטאַזיע און דער־פינדונגס־קראַפט אויף אויסצופּוצן זייער מאַרש־קאָלאָנע מיט די שענסטע פאַרבן. וואונדערט זיך ניט, אויב איר וועט הערן, אַז קינסטלער האָבן גע־

האַלפן אויספאָרמירן די דעקאָראַטיווע זייט פון די קאָלאָנעס פון די גרעסערע זאַוואָדן מיט עטלעכע טויזנט מאַרשירער. ס'איז זייער מלוכה און זייער קונסט און זייער אַלצדינג — און זיי קענען זיך פאַרגינען.

די קאָלאָנעס גייען, איינע לעבן דער צווייטער, איינע הינטער דער צווייטער. די מענטשן אויף די טריבונעס באַגריסן זיי. הורא־געשרייען פון אַלע זייטן. די מאַרשירער ווייסן זייער גוט, אַז דאָס זיינען אַרבעטער־דעלעגאַציעס פון קאַפּיטאַליסטישע לענדער. ווען מען טראָגט פאַרביי אַ קאַריקאַטור אויף אַן אימפּעריאַליסטישן רויבער, ווייזן די מאַרשירער מיט די פינגער אויף דער קאַריקאַטור און מיר שרייען מיט אַלע כחות „נידער!" יענע העלפן אונז אונטער. אַ פּאָר מאָל באַגעגענען זיך איבער די מאַרשירער פּלאַקאַטן אויף דייטש מיט אויפשריפטן „ראָט פראָנט!" דעמאָלט הילכן מיר אַלע צוזאַמען מיט די דעמאָנסטראַנטן אַ דרייפאַכן קרעפטיגן „ראָט פראָנט!"

די קאָלאָנעס זיינען פאַרשיידן איינע פון דער צווייטער. אין איינער איז דאָ אַ מערהייט פרויען. דעמאָלט רוקט זיך אַרוים די איינציגע פרוי פון אונזער דעלעגאַציע, די נעגערשע חבר'טע, און באַגריסט זיי. און די פרויען ענטפערן מיט אַ ברייטן זינגענדיגן גרוס. אין אַנדער קאָלאָנע פאַרמאָגט אַ נישקשה'דיגע צאָל רויטאַרמייער (ניט אַלע האָבן זיך דאָך געעקנט באַטייליגן אין פּאַראַד). נאָך אין אַנדערע פאַרמאָגט אַ סך יונגע קינדער — פּיאָנערן. יעדע באַקומט איר גרוס — און יעדע פרייט זיך און שמייכלט ליבלעך, הויבנדיג די הענט אין דער הויך.

אונזערע! אייגענע! ברידער!

:: :: ::

שוין צוויי. שוין נאָך צוויי. איך קען ניט בלייבן לענגער. איך דאַרף נאָך אָנשרייבן אַ קעיבל צו דער „מאָרגן־פרייהייט" און אים אָפּשיקן דאָ פיר אַזייגער. איך הויב זיך אָן אַרויסרוקן פונעם רויטן פּלאַץ — און ערשט איצט, גייענדיג, זע איך, וואָס פאַר אַ געדיכטע ריזיגע מאַסע דאָ געפינט זיך. עס דויערט עטלעכע מינוט, ביז איך קום אויף יענער זייט פּלאַץ — און דאָ פאַל איך ערשט אַריין אין אַן אויפגעברויזטער, אויסגעפּוצטער, זינגענדיגער, שפּילנדיגער שטאָט.

מ'וועט נאָך מאַרשירן און מאַרשירן, ביז אַלע דעמאָנסטראַנטן וועלן דורכגיין דעם רויטן פּלאַץ. דאָרטן, וואו די קאָלאָנעס גייען ערשט צום רויטן פּלאַץ, איז די גאַס פוןביידע זייטן אָפּגעצאַמט, כדי קיינער זאָל ניט שטערן. נו, שטויס איך זיך אומעטום אָן אויף אָפּגעצאַמטע גאַסן. עס דויערט לאַנג ביז איך דערשלאָג זיך צו פּאָקראָווקאַ — איז זי אָפּגעצאַמט; מאַראָסעיקע

— אָפּגעצאַמט; דזשערזשינסקי־פּלאַץ — אָפּגעצאַמט; טעאַטראַלני פּראָיעזד — אָפּגעצאַמט; סווערדלאָוו־פּלאַץ — אויך; פּלאַץ פון דער רעוואָלוציע — דאָס זעלבע. אומעטום קאָלאָנעס; טייל גייען, טייל שטייען, וואַרטן אויף זייער ריי. אויף ביידע זייטן גאַס, אויף די טראָטואַרן, מענטשן און מענטשן.

איז אַז איר מוזט וואַרטן, ביז דער וועג וועט ווערן פריי, האָט איר צייט גענויער צו באַטראַכטן דעם עולם. עס איז דאָ צווישן די דעמאָנסטראַנטן אַ סך יוגנט, אָבער אויך די עלטערע מענטשן זעען היינט אויס אינגער. יעדע קאָלאָנע האָט איר כאַראַקטער און איר פאַרווייַלונג. די מערסטע זינגען — באַקומען זיך גוטע האַרמאָנישע כאָרן. אַנדערע האָבן מיט זיך אַן אייגענעם קליינעם אָרקעסטער, וואָס גייט טאַקע אין דער קאָלאָנע — שפּילט מען, און די איבעריגע פון דער קאָלאָנע האַלטן אונטער מיט געזאַנג. אַן אַנדער קאָלאָנע האָט נאָר איין האַרמאָניסט — שפּילט ער אַ פריילעכס און חברה טאַנצט. אָט אַזוי, שטייענדיג אין גאַס, און וואַרטנדיג אויף דער ריי צו קענען ווייטער מאַרשירן, לאָזט זיך יונגוואַרג אַוועק אין אַ טענצל — אָבער ווי! מיט אַ טעמפּ, מיט אַ פאַרברענטקייט, מיט אַ וואָוויליונגערישקייט! לאַנג דויערט דאָס אָבער נים. אַ סיגנאַל—און די קאָלאָנעס גייען פאָראויס. נאָר די טענצער האַלטן נאָך אין איין אונטערטענצלען, גייענדיג אין טאַקט מיט די חברים.

אָט איז אַ קאָלאָנע קינדער. זיי זינגען. העל גיסן זיך אַרייַן די יונגע שטימעלעך אין דער גראָער נאָוועמבער־לופט, און ס'קומט אויס, אַקוראַט ווי עמיצער האָט אויסגעשפּרייט ראָזע בלימלעך אויפן קאַלטן אַספאַלט פון אָט־דער מאָסקווער גאַס. דאָס רוב קינדער זיצן אָבער אויף טראָקס. ס'איז פאַר זיי צו שווער צו מאַרשירן. זיי זיינען אָנגעפּאַקט, ווי הערינג אין אַ פעסל, אין די גרויסע אָפענע טראָקס. זיי שטייען קאָפּ אויף קאָפּ. זיי זינגען. זיי רופן. די עלטערע באַגריסן זיי מיט אַ הורא.

און וואָס איז דאָס? אַ טראָק. אַ גאַנץ גרויסער טראָק. אויבן שטייען פיר פרויען אין ווייסע קליידער און טיילן עפּעס אַרויס. הונדערטער מענטשן שטייען אַרום און אַרום, הויבן אויף די הענט. וואָס איז דאָס? „בוטערבראָדן"! דאָס איז דער רוסישער נאָמען פאַר סענדוויטשעס. מען טיילט אויס סענדוויטשעס אומזיסט צו די, וואָס זיינען פאַרבליאָנעט געוואָרן אין מאַרש. איך טראַכט מיר: אויך אַ „ברעדלאַין", אָבער פון וואָס פאַר אַ סאָרט! די פּראָלעטאַרישע שטאַט־פאַרוואַלטונג טיילט אויס סענדוויטשעס צו די פּראָלעטאַריער, וואָס גייען אין גאַס פייערנדיג די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע. אַזאַ „ברעדלאַין" איז אויך אַ פרייד, אַזוינע „ברעדלאַינס" וועלן

זיך מסתמא פאַרמערן, ווען די מלוכה וועט האָבן נאָך מער שפּייז. ס'וועט אָנקומען אַ צייט, ווען קיינער וועט ניט צאָלן פאַרן עסן: גיי אַריין אין געזעלשאַפטלעכן רעסטאָראַן, עס וויפיל דו ווילסט.

מיר וואָלט זיך זייער געוואָלט שטיין אין אונזער „ברעדלאַין", עסן אונזערן אַ סענדוויטש. נאָר איך האָב קיין צייט ניט. איך מוז טאָן מיין פליכט.

איצט געפין איך זיך אויף מיאַסניצקאַיאַ. די רוישיגע געשעפט־גאַס איז שטיל. ערשט דאָ באַמערק איך ווי אַלצדינג איז אָפּגעשטעלט היינטיגן טאָג. שפּייז־קראָמען און רעסטאָראַנען זיינען געווען אָפן אַ שטיקל צייט. איצט איז אַלצדינג געשלאָסן. אַלע זיינען אין גאַס (אין אָוונט וועלן זיך ווידער עפענען די רעסטאָראַנען). אַלע באַטייליגן זיך אין יום־טוב: אַלע פאַבריקן, אַלע רעגירונגס־אַנשטאַלטן, די פּאָטשט, דער טראַמוואי. די גאַס באַקומט דעריבער אַ גאַנץ אַנדער אויסזען.

פיר אַזייגער. איך אייל צוריק צום רויטן פּלאַץ. איך קען שוין אָבער אַהין ניט דערגיין: צופיל מענטשן. כ'וואָלט אַ בעלן געווען וויסן, צי די דעמאָנסטראַציע האָט זיך געענדיגט. ווען מען גייט אַכציג־הונדערט מענטשן אין אַ ריי, ווי לאַנג דאַרף דויערן, ביז עס וועלן דורכגיין אַנדערהאַלבן־צוויי מיליאָן מענטשן? שווער אויסצורעכענען אָן דערפאַרונג.

שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז די דעמאָנסטראַציע האָט זיך געצויגן ביז אַזייגער זעקס־זיבן.

:: :: ::

אין אָוונט בין איך ווידער אין גאַס. ווידער זיינען די גאַסן באַלעבט. אַ מאַסע אילומינאַציע. ליכט. ליכט. בילדער פון ליכט. דיאַגראַמען פון ליכט. געאָגראַפישע קאַרטעס פון ליכט. אַלצדינג ברענט. אַלצדינג דערציילט אויף טויזנטערליי אופנים וועגן די דערגרייכונגען פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. גאַנצע געביידעס האָט מען אויפגעשטעלט פון לעמפּלעך: אַ שמעלץ־אויוון, אַ הויב־מאַשין, אַ קאָנוועיער. אַרבעט ווערט געשעצט און געהויכט. פרייע אַרבעט! אַרבעט, וואָס איז געוואָרן אַ זאַך פון שטאָלץ און רום.

דאָרט, וואו ס'איז אַמאָל געווען דער פיש־מאַרק — ריבני ריאַד — און וואו מען האָט איצט אַראָפּגעריסן די אַלטע פאַרשימלטע געביידעס, כדי אויפצושטעלן נייע, גראַמע און מאָנומענטאַלע, איז דערווייל פאַראַן אַ ברייטער ליידיגער פּלאַץ. אויף דעם פּלאַץ האָט מען געפּראָוועט גראַפיש ווייזן דעם דערפאָלג פון סאָוועטישער אַגריקולטור. ציען זיך לאַנגע, לאַנגע

רויטע פאסן, צענדליגער מעטער די לענג — דארף דאס פארשטעלן די סאָ־וועטישע פעלדער. זיינען לינקס פאראן דריי פאסן מיט די ציפערן 1929; אינמיטן דריי פאסן מיט די ציפערן 1930; רעכטס דריי פאסן מיט די ציפערן 1931. קריכן איבער די ערשטע פאסן מאָגערע פערדלעך מיט סאָכעס און הינטער זיי שלעפן זיך פויערים — די פיגורן זיינען אויסגעקלעפּט פון עפּעס אַ מאַטעריאַל אין נאַטירלעכער גרויס. קריכן איבער די אנדערע פאסן אויך פערדלעך מיט אַקערס, אָבער עס גייען שוין אויך טראַקטאָרס. קומט אָבער צו די פאסן פון 1931, זעט מען שוין כמעט ניט קיין פערדלעך און איבער די פאסן גייען טראַקטאָרס איינער הינטערן צווייטן.

אין די גאסן איז יום־טוב. מענטשן רעדן, לאַכן. אָבער אַלעס פיין, איינגעהאַלטן. הונדערטער טויזנטער מענטשן — און ניטאָ קיין געשרייען, און קיינער שטויסט ניט דעם צווייטן, און קיינער איז ניט פאַרוואונדעט אין דעם „מאָב".

מאָסקווע, דטער נאָוועמבער, 1931.

אין די זאַלן פון די צאַרן

1931.

דאָס לאַנד האָט געפּייערט דעם 14־יאָריגן יובילי פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. מאָסקווע איז געווען איבערגעפּילט מיט ארבעטער־דעלעגאַציעס פון אויסלאַנד. דער גייסט פון יום־טוב האָט זיך געטראָגן איבער דער שטאָט. די גאַסן זיינען געווען מער באַלעבט ווי שטענדיג. צו די יובילי־טעג זיינען דאָך אויך געקומען צענדליגער טויזנטער סאָוועטישע ארבעטער פון פאַר־שיידענע שטעט. מאָסקווע האָט זיך געפּוצט. בריגאַדעס קינסטלער האָבן „אָר־גאַניזירט" די גאַסן — אויפגעשטעלטע פאַרצירונגען, פּלאַקאַטן און גאַנצע סטרוקטורן. אין די האָטעלן, וואו עס זיינען איינגעשטאַנען די אויסלענדישע ארבעטער־דעלעגאַציעס, האָט זיך געטאָן חושך. צו יעדער דעלעגאַציע איז געווען צוגעשטעלט אַן אָנווייזער (פירער) און איבערזעצער — און אזוי ווי עס זיינען געשטאַנען צו עטלעכע דעלעגאַציעס אין איין האָטעל, האָט זיך דאָרט געטומלט אַן אמת'ער אינטערנאַציאָנאַל.

איינמאָל באַקומען מיר אַ מעלדונג, אַז מיר ווערן איינגעלאַדן צו אַן אָוונט מיט די אַלטע באָלשעוויקעס. די רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן געהאָלפן דורכפירן די אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, ווילן זיך זען מיט די ארבעטער, וואָס דאַרפן העלפן דורכפירן די אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

די איינלאַדונג האָט אַלעמען פאַראינטערעסירט. וואָס וועט דאָרט זיין? ווי אזוי וועט מען פאַרברענגען? אויף וועלכן אופן וועלן די אַלטע באָלשע־וויקעס זיך באַקענען מיט זייערע אויסלענדישע חברים?

עס איז געווען אָוונט, ווען צו אונזער האָטעל איז צוגעפאָרן אַ גרופּע אויטאָבוסן. מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט און געפאָרן. עס האָט געדאַרפט הייסן, אַז יעדע ארבעטער־דעלעגאַציע האַלט זיך צוזאַמען, אָבער שוין אין די „באָסעס" האָבן מיר זיך אויסגעמישט, אזוי אַז איך בין אַריינגעפאַלן צווישן אַ גרופּע שפּאַניער. איידער מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט, זיינען מיר שוין געווען ביים טויער פון קרעמל. מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען און האָבן זיך אויסגעשטעלט אין רייען. טויערן האָבן זיך געעפנט. רויט־אַרמייער האָבן סאַלוטירט. דער וועג איז געגאַנגען באַרג־אַרויף. דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די פיס. די פּאַלאַצן און קירכן פון דעם קרעמל זיינען געוואַקסן פון דער פינצטערניש. אויף יענער זייט טויער האָבן מיר געזען דעם טייך מאָסקווע און די נייע סאָוועטישע געביידעס, באַלויכטן מיט הונדערטער עלעקטרישע לאָמפּן. עפּעס אַן אומבאַקאַנטע פרייד האָט אַלעמען אַרומ־גענומען, און מיר האָבן אליין נישט געוואוסט, ווי אזוי מיר האָבן אָנגעהויבן

זינגען. מען האָט געזונגען אויף אַלערליי שפּראַכן, אָבער ס'האָט זיך באַקומען איינס — דער „אינטערנאַציאָנאַל".

אָט זיינען מיר שוין אויף די טרעפּ פון דעם אַלטן צאַרישן פּאַלאַץ. אָט גייען מיר אַרויף. פון ביידע זייטן — גאָלד און מאַרמאָר, קאָלאָנעס און פאַר־צירונג. אָט זיינען מיר דורכגעגאַנגען די לאַנגע קאָרידאָרן. אָט זיינען מיר אין דעם גרויסן פאַרזאַמלונג־זאַל. אָט־דאָ פלעגן די צאַרן האַלטן זייערע פייערלעכע „עמפּפאַנגען". אָט־דאָ פלעגן אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן, אַנגעטאָן אין עסיק און אין האָניק, זיך פאַרנויגן פאַרן הערשער פון אַלע רוסן, וואָס איז געזעסן מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ. אָט־דאָ וועלן די אַרבעטער פון אַלע לענדער באַגעגענען די באָלשעוויקעס, די אַלטע קעמפער, וואָס האָבן צעבראָכן די צאַרישע מאַכט און פאַרזיכערט די מלוכה־הערשאַפט פאַרן אַרבעטער־קלאַס.

אויף דער פּלאַטפאָרמע, פאַר אַ לאַנגן טיש, זיינען געזעסן די אַלטע באָלשעוויקעס. אויף די בענק האָבן זיך אויסגעזעצט די דעלעגאַציעס, יעדע אין אַ באַזונדערער גרופּע. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די רעדעס. סוף כל סוף זיינען דאָך רעדעס איינס פון די בעסטע מיטלען צו באַקענען מענטשן איינער מיטן צווייטן.

פאָרזיצער פון דעם אָוונט איז געווען חבר סטאַפּאַני, אַן אַלטער באָל־שעוויק, וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אָקאָרשט געהאַט געפייערט זיין 60־יאָריגן יובילײ. די הויפּט־רעדע פונעם אָוונט האָט געהאַלטן חבר יעמעליאַן יאַראָסלאַווסקי. יאַראָסלאַווסקי זעט גאָרנישט אויס אַלט. ער זעט אויס ווי אַ מאַן פון אַ יאָר 40. אָבער די עלטער פון באָלשעוויסטישער אַרבעט מעסט זיך דאָך נישט שטענדיג מיט דער עלטער פון יאָרן. חבר יאַראָסלאַווסקי האָט אונז געגעבן אַ בילד פון דער רעוואָלוציע, פון די קרעפטן, וואָס האָבן געפירט צו דער רעוואָלוציע, און פון דעם איצטיגן צו־שטאַנד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד אין פאַרגלייך מיט די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. חבר יאַראָסלאַווסקי האָט פאַרגליכן די צוזאָגן פון די באָלשעוויקעס צוריק מיט 14 יאָר מיט די צוזאָגן פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אי די, אי יענע האָבן געזאָגט, אַז זיי ווילן פאַרזיכערן אַ גוט לעבן פאַר די ברייטע מאַסן. די באָלשעוויקעס האָבן געזאָגט, אַז דער וועג דערצו איז אַ וועג פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף; די מענשעוויקעס האָבן געזאָגט, אַז דער וועג דערצו איז דער וועג פון קאָמפּראָמיסן מיט דער בורזשואַזיע, פון אויפהאַלטן און באַפעסטיגן די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע. ס'זיינען אַוועק 14 יאָר. ווער איז גערעכט? די געשיכטע האָט שוין געענטפערט אויף דער פראַגע. די באָל־

שעוויקעס בויען סאציאליזם; די באלשעוויקעס האבן אפגעשאפט ארבעט־לאזיגקייט; די באלשעוויקעס האבן אוועקגעלייגט דעם פונדאמענט פאר אלגעמיינעם וואוילזיין און פאר דעם קולטורעלן אויפבלי פון די מאסן.

אויגן האבן געלויכטן. הערצער האבן געקלאפט. אט־די באלשעוויקעס האבן דאך אליין פארזוכט דעם טעם פון צאריסטישער הערשאפט, און זיי האבן דערלעבט דעם היינטיגן מאמענט פון דעם 5־יאריגן פלאן אונטער פראלעטארישער דיקטאטור. נייער מוט און נייע קרעפטן מוזן אלע דעלעגאטן שעפן פון א באזוך אין דעם סאציאליסטישן פאטערלאנד.

די רעדעס זיינען געווען געענדיגט. מיר האבן שוין געמיינט, אז דאס איז דער סוף פון דעם אוונט. ערשט מען לאזט אונז וויסן, אז מיר זיינען איינגעלאדן אויף צובייס. מיר האבן זיך א לאז געטאן פון דעם זיצונג־זאל איבער א ריי צימערן, ביז מיר זיינען דערגאנגען צום קייזערלעכן שפייז־צימער. אמאל האבן דא געגעסן די צארן מיט זייערע הויף־לייט און איינ־געלאדענע „חשוב'ע" געסט. ווען זיי וואלטן געקענט אויפשטיין פון זייערע קברים, וואלטן זיי ווידער אמאל געשטארבן, דערזעענדיג ווער עס זיצט ארום די טישן. אבער זיי ועלן נישט אויפשטיין. עס וועלן אויך נישט אויפשטיין קיין תחית המתים די קאפיטאליסטן. גוט באגראבן.

אויף די טישן איז געווען אויסגעשטעלט ברויט און ווורשט און קעז און פוטער און גרינסן און טאקע פלעשער וויין אויך — און די אלטע באל־שוועריקעס האבן געדינט ווי באלעבאטים, וואס נעמען אויף געסט. א סך בעטן האט מען נישט געדארפט. דער אפעטיט איז געווען גוט. די שטימונג נאך א בעסער. דער וויין, היימישער קאווקאזער און קרימער, האט גוט געשמעקט. די זאלן (טישן זיינען געווען געדעקט אין עטלעכע זאלן) זיינען באלד אנגעפילט געווארן מיט הילכיגע שטימען.

צווישן די געסט, פון טיש צו טיש, זיינען ארומגעגאנגען די אלטע באל־שעוויקעס. אייניגע האט מען געקענט פון די פארטרעטן. מיט אנדערע האט מען זיך באקאנט אויפן ארט. אט איז חבר קאלינין. א קליין־געוויקסיגער, א גוטמוטיגער, מיט יונגע, לעבעדיגע אויגן, ווערט ער באלד ארומגערינגלט פון ארבעטער, וואס שטעלן אים פראגן. ער ענטפערט, מיר פרעגן ווייטער; ער פרעגט, מיר ענטפערן. מיר „שעיקן הענדס". פארוואס טאקע נישט? ניט יעדן טאג קומט אוים צו זען חבר קאלינינ'ען פנים אל פנים. אט איז חבר יאראסלאווסקי. פון דער נאענט זעט ער אוים נאך אינגער, ווי פון דער פלאטפארמע. איז דאס מעגלעך, אז אט־דער מענטש האט שוין הינטער זיך אזוי פיל טעארעטישע און פראקטישע ארבעט?

מען קען נישט איינזיצן ביי די טישן. עס ציט ארויסגיין, זיך דורכגיין

איבער די זאַלן, זיך באַקענען מיט חברים, זיך איינהערן אין די שמועסן. גערדיכטע רעדלעך בילדן זיך שוין אומעטום. אָבער פּלוצלונג דערהערן מיר אַ געזאַנג, וואָס טראָגט זיך פון דעם גרויסן באַל־זאַל. באַלד פאַרזאַמלען מיר זיך אַלע אין יענעם זאַל. דאָס איז דער צענטראַלער צימער פון דעם פּאַלאַץ. ער איז גרויס ווי אַ פעלד. אויף זיינע ווענט זיינען נאָך איצט אויסגעמאָלט די נעמען פון אַלערליי פּאַלקן, וואָס האָבן עקזיסטירט אונטער דער צאַרישער אַרמיי. דאָ פלעגט דער צאַר געבן זיינע גרויסאַרטיגע בעלער, ווען ער איז געווען אין מאָסקווע. דער זאַל איז ליידיג. נאָר ביי די זייטן שטייען דאָ און דאָרט גרופּעס שטולן און דיוואַנעס. אין איין ווינקל געפינט זיך אַ פּיאַנאָ. לעבן דער פּיאַנאָ האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אַ גרופּע סטודענטן און סטו־דענטקעס פון דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע, וואָס מען האָט ספּעציעל איינגעלאַדן פאַר דעם היינטיגן אָוונט. פריילעכע, אויפגעלייגטע יונגע מענטשן, מיט גוטע שטימען, האָבן זיי אָנגעפירט דאָס געזאַנג — און באַלד האָט זיך געבילדעט אַ כאָר. מ׳האָט אונז געלערנט סאָוועטישע לידער. די אָנפירער האָבן פריער אַליין דורכגעזונגען אַ סטראָפע, נאָכדעם האָט מען אונז פאַרגעשלאָגן מיר זאָלן אונטערכאַפּן. אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט שוין דער עולם געזונגען.

די פריילעכקייט איז נאָכאַנאַנד געוואַקסן.

שפּעט אין אָוונט האָט עמיצער פאַרגעשלאָגן זינגען אין כאָר דאָס ליד פון די קאַטאָרזשאַנעס, „זאַמוטשען טיאַזשאָלאַי ניעוואָליעי", אַ טרויעריג ליד אויפן קבר און אַן אומגעקומענעם קעמפער. דאָס ליד איז איינס פון די באַליבטסטע אונטערערדישע לידער פון דעם געשטאָרבענעם וולאַדימיר איליטש לענין. דאָס ליד הויבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„פאַרפּייניגט אין ביטערער תפיסה,\
געשטאָרבן ביסטו, אונזער פריינט,\
אין קאַמף פאַר דער זאַך פון דעם פאָלק\
געאָפּפערט דיין לעבן האָסטו."

דאָס ליד ענדיגט זיך מיט אַן אָנזאָג, אַז באַלד וועט פון אונזערע ביינער אויפשטיין דער נקמה־נעמער, דער בייזער, און ער וועט זיין שטאַרקער פאַר אונז.

דער גאַנצער עולם האָט געזונגען ווי איין מענטש. ס׳האָט זיך דערמאָנט לענין. דער פירער איז געשטאָרבן אין קאַמף... אָט דאָ האָט ער געלעבט און געווירקט...

פרייד

.1934

די וואָס שטייגן אויף הויכע בערג, ווייסן דאָס געפיל.

מען הויבט אָן פון דעם טאָל, עס שלענגלט זיך אַ וועג צווישן סקאַלעס באַוואַקסענע מיט מאָך. דער וועג איז שטיינערדיג. ער ווערט אָפט איבער־געשניטן פון שנעלע שטראָמען, איבער וועלכע מען גייט אויף ציטערדיגע הילצערנע בריקלעך. ערטערווייז קומט אויס צו שפּאַנען איבער זומפּיגע שטרעקעס, וואו דער פוס זינקט אין אַ טייגיגער מאַסע. ארום וויקלען זיך טומאַנען. דער וועג שטייגט. אָפט איז ער אַזוי שמאָל, אַז מען מוז זיך האַלטן האַרט ביי דער פעלזיגער וואַנט, כדי ניט אַראָפּצופאַלן אין אָפּגרונט. ס'איז נעבלדיג. פונעם נעבל ווערט מען נאַס. עס קאַפּעט אָפט אַ דריבנע רעגנדל. דער אָטעם איז שווער. דער וועג ווערט אַלץ משופּע'דיגער. אַלץ גרעסערע פעלזן הענגען איבערן קאָפּ. עס דאַכט זיך: עס וועט גאָר קיין עק ניט זיין צום אויפשטייג. אָפט קייקלט זיך אַ שטיין פון אונטער די פיס און לאַנג הערט זיך זיין קלאַפּן, ווי ער פאַלט אין אָפּגרונט. עס שווינדלט אין קאָפּ, ווען מען טוט אַ טראַכט, אַז אָט קען מען אַליין אַזוי זיך אויסגליטשן און אַראָפּפאַלן אַהין, וואו שפּיציגע שטיינער שטעקן ארויס פון דער טיף.

און פּלוצלונג טרעט מען ארויס פון צווישן צוויי שטיינערנע ווענט — און אָט זעט זיך דער שפּיץ. ער איז ניט נאָענט, אָבער די שטרעקע ביז ארויף איז שוין קלאָר פאַר די אויגן. נאָך אַן אָנשטרענג, נאָך אַ מאַרש — און עס עפנט זיך אַ ברייטע וועלט. מען איז שוין איבער די וואָלקנס. פונעם טיף־בלויען הימל בליצט אַראָפּ אַ העלע זון. בריליאַנטן ברענען אין די שנייען, די ברוסט אָטעמט ברייט, טיף. דער טריט ווערט שנעלער. די אויגן — ליכטיגער.

און אַ פרייד כאַפּט ארום, אַן אומגעריכטע קרעפטיגע פרייד! מיט אַמאָל איז צוגעקומען ענערגיע. עס דאַכט זיך: איר וואָלט געקענט דורכ־מאַכן נאָך דריי מאָל אַ שווערערן וועג. איר פילט מער ניט די אָנגעטרודעטע פיס. איר שוועבט, דאַכט זיך, איבער דער ערד. עס ווילט זיך אייך זינגען.

ס'איז די פרייד פון באַזיגטער שווערקייט. דאָך איז דאָס צום גרויסן טייל פיזיאָלאָגישע פרייד. ס'איז די פרייד פונעם קערפּער מער ווי פון דעם גייסט.

די דאָזיגע פרייד איז קליין אין פאַרגלייך מיט דעם סאָרט פרייד, וואָס

שטראָמט איצט איבער דער לענג און ברייט פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די פרייד פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דורכגעלויכטן מיט דער אידייע פונעם זיג איבער דער אַלטער וועלט, פון פאַרענדיגן דאָס געבוי פון אַ נייער מענטשהייט.

:: :: ::

מען פאַרשפּאַרט זי זוכן — די פרייד. זי קומט אייך אַנטקעגן. זי באַגעגנט אייך אויף שריט און טריט.

אַ פּיאָנערל, אַ אינגל פון עלף יאָר. ער האָט ניט אַלעמאָל צייט אַרויס־צונעמען דאָס טאַשנטיכל און אָפּווישן די נאָז. ער טוט אַ פּאָר מיטן אַרבל איבער דער אויבערשטער ליפּ און פאַרטיג. די אויגלעך לויפן ביי אים. דער טשוב איז אויפגעשפּרודלט. אויף דער לינקער באַק — אַ טונקעלער פלעק, צי פון טינט, צי אפשר פון אַ זעץ. דאָס העמדל איז ביי אים צעשפּיליעט און דער קראַגן ניט פון ערשטער פרישקייט. די פיס זיינען אַריינגעשטעקט אין אַ פּאָר שיך, וואָס אין אַמעריקע וואָלט איר געזאָגט, אַז זיי זיינען צוויי „סאַיזעס" צו גרויס. אָבער די שיך האָט ער דאָך אָנגעטאָן, וויל ער דאַרף פאָרן אין שטאָט. ביי זיך אין דער היים, צווישן אייגענע, שטעל איך מיר פאָר, איז אים באַקוועמער אַרומצולויפן באָרוועס. ער איז געקומען אין צענטער געוואָר ווערן, וואו ער קען קריגן אַ געוויסן טייל צו זייער עלעקטרישן אַפּאַראַט. די חברה פון דער שול בויען אַן אייגענעם עלעקטרישן אַפּאַראַט. ער, אונזער אינגל, איז איינער פון די קאָנסטרוקטאָרן. שפּילט זיך ניט מיט אים: ער איז בריגאַדיר! ער האָט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַ גרופּע פון דרייצן אינגלעך. זיי דאַרפן פאַרענדיגן די אַרבעט ביזן סראָק: ביז דעם אָנהויב פון דעם שול־יאָר דעם ערשטן סעפּטעמבער. ער איז געוואַלדיג פאַרנומען.

איך צערעד זיך מיט אים. ער האָט קיין צייט ניט, אָבער אינפאָרמירן אַן אויסלענדער וועגן זייערע סאָוועטישע אָנגעלעגנהייטן איז אַ וויכטיגע געזעלשאַפטלעכע פליכט. ער וויל, פאַרשטייט זיך, וויסן, וואָס הערט זיך ביי אונז אין דער פּיאָנער־באַוועגונג. און די טיפקייט פון דעם קריזיס אין דעם גרעסטן לאַנד פון קאַפּיטאַליזם איז פאַר אים אויך אַן ענין. אָבער מער פון אַלץ וויל ער מיר דערציילן, ווי אַזוי זייער פּיאָנערן־גרופּע (דער „רינג" רופט מען דאָס דאָרט) האָט זיך באַטייליגט אין דער אוויאַציע־וואָך. סטייטש, זיי זיינען דאָך גאָר פון די געהויבענע „רינגען". אייניגע פון די אינגלעך האָבן אַליין דערפונדן אוויאַציע־אַפּאַראַטן — שפּילעכלעך. איין אַזאַ אַפּאַ־ראַטל, מיט אַ גומענעם מאָטאָר, האָט זיך געהאַלטן אין דער לופטן 20 מינוט.

אַבער דאָס איז נאָך ניט גאָר. ער האָט געליענט וועגן אַן אַנדער פּיאָנערן גרופּע, וואָס האָט באַשאַפן אַן אַוויאַציע־אַפּאַראַט, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין דער לופטן 40 מינוט.

די אויגן ביים אינגל שיינען. די פרייד שפּריצט אַרויס פון די ליפּן, פון די אָפּגעשטאָגענע אויערן, פון די קליינע אויפן פּנים.

ווען די פּיאָנערן־גרופּע וועט אַמאָל אַרויסגיין אין שטאָט מאַרשירן אָדער זי וועט פאָרן אַ שפּאַציר אין פּאַרק פון קולטור און אָפּרו, וועט זי זינגען. און אַ פרייד, אַן עכטע, ניט געקינסטלטע, ניט געצוואונגענע פרייד וועט אַרויסקלינגען פונעם געזאַנג.

:: :: ::

און מיין פריינט מאַקסימאָוו? איך קען אים פון צוריק מיט צען יאָר. איך האָב זיך מיט אים באַקאַנט, ווען ער איז געווען אַ „רענק ענד פאַילער”: ער איז געווען דער וועכטער אין אַ קליינער פאַבריק הינטער מאָסקווע. איך האָב זיך מיט אים באַקאַנט, ווייל ער האָט געהאַט מער צייט, ווי אַנדערע, האָט ער מיך אַרומגעפירט און געוויזן ניט נאָר די פאַבריק, נאָר אויך די אַרבעטער־הייזער. ער איז געווען אַ שווער־לייביגער מענטש מיט אַ פּנים אַ בלאַסלעכן און דאַכט זיך אַפּאַטישן. איך האָב מיר געטראַכט, אַז מענטשן פון אָט דעם סאָרט האָבן ליב צו שלאָפן אַ סך און צו זיצן און טראַכטן גלאַט אין דער וועלט אַריין. איך האָב זיך געטוישט. ווען איך בין געווען אין דער זעלבער פאַבריק צוריק מיט דריי יאָר, האָב איך שוין מאַקסימאָוו'ן ניט געטראָפן; מען האָט מיר געזאָגט: ער האָט געענדיגט אַ טעכנישע הויך־שול און אַרבעט ערגעץ אין אַ פאַבריק. היינט, אומגעריכטערהייט, אינמיטן אַרבאַט, איך הויב אויף די אויגן און טו אַ קוק: מאַקסימאָוו! ער וויל מיט מיר רעדן. ער האָט אָבער קיין צייט ניט. איך וויל אים ניט אָפּלאָזן. זאָגט ער מיר: גייכט מיט מיר? גייען מיר. באַלד זעצן מיר זיך אַריין אין אויטאָמאָביל, וואָס האָט געוואַרט אויף מאַקסימאָוו'ן ניט וויט.

— מאַקסימאָוו, וואוהין פאָרסטו?

— אָ, איך האָב דאָ אַ געשעפט אינעם צענטראַל־קאָמיטעט.

און ניט וואַרטנדיג אויף מיינע וויטערדיגע פראַגעס, לאָזט זיך מאַקסימאָוו אַוועק אין אַ דערקלערונג פון זיינע צרות. זיי האָבן געבויט אַ פאַבריק אין אָרעכאָוואָ. ער איז דירעקטאָר. מען האָט זי געבויט „אין שלאָגלער־אָרדענונג” — געדאַרפט פאַרענדיגן היינטיגן חודש. אַלצדינג איז געגאַנגען ווי געהעריג. שוין, דאַכט זיך, באַלד פאַרטיג. ווייזט זיך אַרויס — ניטאָ קיין גלאָז. מען האָט געדאַרפט האָבן אַ ספּעציעלן סאָרט גלאָז — און דער,

קאָמיסאַריאַט פאַר שווער־אינדוסטריע האָט לאַנג צוגעזאָגט באַזאָרגן די פאַבריק מיט גלאָז. ערשט — ניטאָ! ער איז שוין אויסגעווען אין עטלעכע אנשטאַלטן — מען ליינט אים אָפּ אויף הערבסט. ער קען אָבער ניט וואַרטן ביז הערבסט. ער ווייסט, אַז דאָס גלאָז קען מען קריגן. נו, פאָרט ער איצט אין צענטראַל־קאָמיטעט — דאָ וועט ער געפינען די נויטיגע הילף. אָבער אייַלן דאַרף ער זיך, יעדע מינוט איז טייער: ער טאָר ניט דורכלאָזן דעם נויטיגן מיטגליד פון צ. ק.

און פּלוצלונג טוען מאַקסימאָוו'ס אויגן אַ פלאַם־אויף. קענטיג: דאָס בילד פון זיין פאַבריק האָט אויפגעלויכטן אין זיין געדאַנק. ער טוט זיך אַ קער צו מיר, טוט אַ קנאַק מיט צוויי פינגער און זאָגט:

— אָבער אַ פאַבריקל האָבן מיר אויסגעבויט! אַ ליאַלקע! דאָס לעצטע, אָבער טאַקע דאָס סאַמע לעצטע וואָרט פון טעכניק.

און איידער איך האָב צייט צו ענטפערן, האָט שוין אַן אַנדער געדאַנק אויפגעבליצט אין זיין מוח.

— און ווי געפעלט דיר בכלל אָט דאָס־אָ, וואָס מיר האָבן אויפגעבויט אין אונזער לאַנד?

דער מענטש איז פול מיט פרייד. וואָס פאַר אַ שוועריגקייטן ער זאָל שוין ניט באַגעגענען אויפן וועג — ס'איז אים לייכט אויפן האַרצן. ער געהערט צו די זינגער.

דאָס גאַנצע לאַנד איז פול מיט זינגער.

:: :: ::

אויפן קאַווקאַז, ביים ברעג פון שוואַרצן ים, איז מיר אויסגעקומען פאַרברענגען אַ שטיקל צייט אין אַ קאָלכאָז (קאָלעקטיווער פאַרם). די פּויערים — רוסן, טאָטערן, אַרמעניער, אַבכאַזער. די באַפעלקערונג איז דאָ געווען אַן אָפּגעשטאַנענע. דער ראַסן־האַס האָט געהערשט אין צאַרישע צייטן. שוין אפילו נאָך דער רעוואָלוציע איז דאָ שווער געווען דורכצופירן די פּאָליטיק פון דער רעגירונג: די הערשאַפט פון די מענשעוויקעס האָט געלאָזט אירע שפּורן.

נו, רעד איך מיטן פּאָרזיצער פונעם קאָלכאָז. איז דאָס אַ יונג פון אַ יאָר 29, מיט קלוגע אויגן און מיט אַ לייכטן שמייכל אויפן פּנים — דעם שמייכל פון מענטשן, וואָס ווייסן אַ סך. ער ווייסט זייער פיי לוועגן דער קאָלעקטיווער פאַרם. ער געדענקט, ווי אַזוי מען האָט דאָ אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן און ווי שווער עס איז געגאַנגען. ס'איז געווען אַ גרופּע קולאַקעס מיט מענשעוויסטישע טראַדיציעס. די קולאַקעס האָבן געשטערט. דער קאָל־

כאַז איז צוויי מאָל געגאַנגען צו גרונט. אָבער סוף־כל־סוף האָט די קאָלעקטי־וויזאַציע געזיגט. מען האָט געמוזט אַרויסשיקן פינף פון די ערגסטע קולאַקעס. הײַנט?

דער פאָרזיצער פירט מיך איבער דער באַלעבאַטישקייט פון דעם קאָלכאָז. אַ טראַקטאָר, אַ דרעש־מאַשין, צוויי שנייד־מאַשינען, אַ שטאָל מיט גוטע פערד, אַ שטאָל מיט בהמות, אַ קיך, צוויי שולן, אַ קלוב: די געביידע פונעם קלוב איז אַמאָל געווען אַ קירך, אָבער מען האָט זי איבערגעבויט — און דער קולטור־אַנשטאַלט פונקציאָנירט.

אין קלוב געפין איך עטלעכע פויערים. זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף אַ קרייזל, וואָס שטודירט פּאָליטישע פראַגן. וואָס שטודירט מען? פאַר־שטייט זיך: די באַשלוסן פונעם 17טן קאָנגרעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די מענטשן רינגלען מיך אַרום. ווי געפעלט מיר זייער פאַרם? צי האָב איך געזען די פעלדער? צי בין איך געווען אויפן גרויסן ציבעלע־פעלד? זייערע ציבעלעס זיינען זייער דאָך אַ פּראַכט. צי האָב איך געזען די וויין־גערטנער אויפן באַרג? צי האָב איך געהערט די געשיכטע מיט די קולאַקעס? צי ווייס איך, ווי אַזוי עס איז געלייזט געוואָרן די נאַציאָנאַלע פראַגע אין קאָלכאָז?

פריילעכע מענטשן. באַגייסטערטע מענטשן. זיי זעען פאַר די אויגן די פּרוכט פון זייער אַרבעט. זיי פאַרשטייען דעם היסטאָרישן זין פון זייער אַרבעט. ס'איז זיי פריילעך אויפן האַרצן. ווען דאָ אין קלוב וועט זיין אַ וועטשערינקע, וועט זיין אַזוי פריילעך, אַז ס'וועט זיך דאַכטן: די לופט אַליין איז שיכור מיט פרייד.

:: :: ::

די פרייד אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אינדיווידועל און קאָלעקטיוו. אינ־דיווידועל פילט כמעט יעדערער, אַז עס ווערט אים בעסער; קאָלעקטיוו פילט מען, אַז דאָס לאַנד וואַקסט, דאָס לעבן ווערט גראַמער, די צוקונפט איז ברייט און פריי.

איבעריגנס קען מען דאָך ניט אָפּטיילן דאָס אינדיווידועלע פון דעם קאָלעקטיוון. דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן באַאיינפלוסט דעם איינציגן מענטשן. די דערפאַרונגען פון די איינצלנע מענטשן שאַפן די געזעלשאַפּ־טלעכע שטימונג. דער רעזולטאַט איז, אַז אַפילו זייטיגע מענטשן, ניט־קאָמוניסטן, מיט וועמען מיר איז אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָבן באַמערקט די פריילעכקייט און די מונטערקייט פונעם לאַנד.

א זומער פארנאכט אויף וואסיליעווסקי אסטראוו — אן ארבעטער־פארשטאט פון לענינגראד. עס איז שוין צען אזייגער, אבער ס'איז נאך ליכטיג: ס'איז די צייט פון די „ווייסע נעכט", ווען ס'ווערט קיינמאל ניט פינצטער. מיר האבן אקארשט פארלאזט דעם פאלאץ פון קולטור, וואו עס איז געגאנגען א טעאטער־פארשטעלונג. דער פאלאץ פון קולטור איז א פראכט־געביידע, אויסגעבויט אין א מאדערנעם סטיל, וואס גיט דעם איינדרוק פון יונגשאפט. אין פאלאץ — א ביבליאטעק, א לעזע־זאל, אפרר־צימערן, קאבינעטן פאר ווימנשאפטלעכער ארבעט, א „דזשימנעזיזיום". פארן פאלאץ — א גארטן. פונעם גארטן גייט מען ארויס אויף דער הויפט־גאס, וואס איז באזעצט מיט ביימער. אינעם פאלאץ, אינעם גארטן, אויף די בענק אונטער די ביימער — מאסן יונגע מענטשן. אפשר זיינען זיי ניט אזוי גוט אנגעטאן, אפשר וואוינען זיי צו צוויי אין א צימער. אבער טוט אויף זיי א קוק: זיי זיינען די באלעבאטים פון אט דעם שטאט־טייל, זיי זיינען די באלעבאטים פונעם לאנד. אלצדינג, וואס ווערט דא געבויט, איז פאר זיי. אלע דערגרייכונגען וועלן אויסגענוצט ווערן פון זיי און זייער גלייכן. דער מיליציאנער, וואס שטייט אויפן ראג, איז זייערער א מענטש. דער לערער פון די שולן איז זייערער. דער ריכטער איז זייערער. דער דירעקטאר פון דער פאבריק, וואו זיי וועלן מארגן גיין ארבעטן, איז זייערער. דאס זיינען אלץ זיי אליין. זיי ווייסן איבער זיך קיינעם ניט, אחוץ זייערע איגענע ארגאניזאציעס, זייער רעגירונג, זייער פארטיי. זיי זיינען פריי — מיט אזא פרייקייט, וואס די וועלט האט דאס ניט געזען. זייער לעבן ווערט אלץ מענטשלעכער, אלץ שענער. עס איז דא אין זייער באנעמונג אזא פיינקייט, אזא העפלעכקייט, וואס מען באגעגנט ניט צווישן די מאסן אין קיין לאנד אויף דער וועלט. זיי זיינען קולטורעל — און זיי זיינען פריילעך. דא און דארט האבן זיך צוזאמענגענומען גרופעס און מען זינגט. די פארטרוימטע לענינגראדער ווייסלעכע נאכט־לופט איז אנגעזאפט מיט געזאנג.

און עס דערמאנט זיך דער אמאליגער פעטערבורג, מיט די שמוציגע גאסן טאקע אט דא אויף וואסיליעווסקי אסטראוו, מיט די מערדערישע פאליסלייט, מיט די פריסטאוועס, מיט דעם עלנט, מיט די ווילדע קולות ביי־נאכט, מיט דעם שיכור'ן, מיט דער פינצטערניש, מיט דער גרויסער ארימקייט. און איר טראכט זיך: פארוואס טאקע זאלן זיי זיך נישט פרייען? זיי האבן געליטן און דערגרייכט, און עס איז שוין ניטא אזא קראפט אויף דער וועלט, וואס זאל ביי זיי צונעמען דאס דערגרייכטע.

לענין און לעניניזם

„לענין איז געשטאָרבן"

1924.

לענין איז געשטאָרבן.. צווישן איין האָטעל און דעם צווייטן, צווישן א באַן־סטאַנציע אינדערפרי און א באַן־סטאַנציע ביינאַכט איז מיר געשטאָרבן לענין.

ס'האָט געטומלט א שטאָט. ס'האָבן מענטשן גערעדט וואָכעדיגע רייד. ס'זיינען קרעמער געשטאַנען אין די טירן פון זייערע קלייטן. און ארויס־געקוקט אויף א קונה. ס'זיינען ארבעטער געזעסן ביי א האַלב־פאַרענדיגטער שטוב און געגעסן מיטאָג־ברויט. און לענין איז געשטאָרבן.

ס'ווילט זיך אָפּשטעלן א מענטשן, אים א קוק טאָן אין די אויגן, אים זאָגן מיט אַן ערנסטן רואיגן טאָן, ווי מען רעדט פון טויט און פון אייביגקייטן:

— ברודער, לענין איז געשטאָרבן!

מיט פרעמדע אויגן קוקט א פרעמדע גלייכגילטיגע שטאָט. אויפן ראָג שטייט א ציטונג־איינגל און רייסט פון זיך ארויס די נשמה:

— פערד־לויפעריי! דער גייסטער באַריכט וועגן פערד־לויפעריי!

מענטשן קויפן און שלינגען די נייעס.

:: :: ::

דער צוג פאָרט איבער א פּרעריע־ברייטקייט. דער צוג זינגט א שטאָלן ליד אונטער א לויטערן ריזיגן הימל. ביימער נאַקעטע רויכערן זיך ווי ליכט. נעבל־שאָלן ליגן אויסגעצויגן אויף האַלב־דערוואַכטע פעלדער. זון־בריקן בויען זיך צווישן דער רויטלעך־ברוינער ערד און די וואַנדער־וואָלקן אויבן. זון־בליצן, אייביג־יונגע, שטורעמען דעם רוים.

ערגעץ שטייט א לאַנד אין היילינן טרויער פאַר דעם טויטן קערפּער פונעם פירער. ערגעץ האָט א שטילקייט זיך אויסגעלייגט אין מיליאָנען הערצער, — די שטילקייט, וואָס האָט ניט קיין ווערטער. ערגעץ געשעעט דאָס גרעסטע פון אַלע וואונדער: די באַהעפטונג פון איין־איינציגן גייסט מיט אומצייליגע גייסטער, די פאַרשמעלצונג פון מיליאָנען אינדיווידואַליטעטן מיט איין־איינציגער אינדיווידואַליטעט, וואָס האָט אַליין שוין אויפגעהערט צו עקזיסטירן אַלס א לעבעדיגע איינהייט.

לענין אין טויט איז מעכטיגער ווי לענין ביים לעבן. לענין אין טויט גייט ערשט איבער צו א נייער מדרגה פון לעבן.

עם קלאַפּט דער צוג, עם ברומט דער צוג. מענטשן זיצן אינעווייניג און שווייגן — פּרעמדע, קאַלטע. אונטן בייסן זיך די רעדער אריין אין די רעלסן, — בייסן, שקריען, הורזשען, שילטן, און אַ ליד ווערט געבוירן, — אַ ליד פון ווייטאַג, צאָרן, גרימיגער פּיין:

לענין איז געשטאָרבן.

:: :: ::

אינמיטן דער פּרעירי ליגט אַ בריק. אונטערן בריק לויפט אַ ברייטער טייך. איבערן טייך פאָרן שיפן צום ים. אויף יענער זייט ים ציען זיך טייכן איבער פעלדער, אויף די פעלדער פאָרן צוגן קיין מזרח. דאָרט, אין עק וועלט, שטייט אַ פיל־הונדערט־יאָריגע כמורנע שטיינערנע פעסטונג. אויף דער פעסטונג הענגט אַ רויטע פאָן. די פאָן איז אַראָפּגעלאָזט אויף העלפט. די פאָן דערציילט דעם פאָלק: „דער פירער איז געשטאָרבן." די פאָן דערציילט די געשיכטע פון אַ מענטשן, וואָס האָט ארויסגעצויבערט נסים פון דעם הארצן פון די ארבעטנדיגע מאַסן.

איבער דער פּרעירי פאָרט מיין צוג. איבערן בריק ציטערט מיין צוג. איבערן קרעמל פלאַטערט די רויטע פאָן. איז זי דען פרעמד אָט דער פּרעירי? איז זי דען פרעמד אָט די ווייטקייטן פון דער נייער וועלט?

פון ניו יאָרק קיין פּאַריז און קיין לאָנדאָן רעדט דער ראַדיאָ־אַפּאַראַט. ער רעדט די שפּראַך פון געשעפט. ער טראָגט די זאָמען פון האַס. פונעם קרעמל צו די פעלדער פון קענזעס, טעקסאַס, לואיזיאַנאַ רעדט די רויטע פאָן. זי רעדט די שפּראַך פון ארבעטער־איינהייט. טראָגט די בשורה פון ליבע.

פעלדער פון מיין נייער היים! שטעט פון דעם מעכטיגן לאַנד! ווייסט איר דען ניט, אַז עס־ווייט איז אויפגעגאַנגען די רויטע זון אויך פאַר אונזערע ברידער דאָ, אויף דער זייט אָקעאַן? זעט איר דען ניט דעם ליכטיגן וועג, וואָס האָט זיך, ווי אַ גניאַלער דרייסטער עסקיז, אַנגעצייכנט אויף דער שוואַרצער ווירקלעכקייט פון אונזערע טעג? וועקט זיך ניט עפּעס אין אייך — אַן ענטפער צו יענעם מוטיגן גרוס?

:: :: ::

אין דער שטויביגער לופט פונעם צוג פאַלן אריין שטויביגע בלעטער. אַ פּראָווינציעלע צייטונג. אַ בילד. אַ שטיין אויף אַ קבר: „לענין". אַ געבויי שוין צעשטערט פון פלאַמען: „קאָמוניזם". אויפשריפט: „אַש צו אַש, שטויב צו שטויב". אַן אומבאַקאַנטער צייטונג־שקלאַף האָט געוויזן פאַר־

זשאַווערטן הומאָר. טויט איז לעבין און טויט דער קאָמוניזם — און זאָל די וועלט שלאָפן רואיג.

אומבאַקאַנטער קאָלעגע מיינער! דו ביסט געטריי דיינע הערן. דו פאַר־שטייסט אויפן וואונק. דו וועסט קריגן לויב פאַר דיין חכמה. דו וועסט קריגן באַצאָלט. אָבער וויפיל מאָל האָסטו שוין באַגראָבן דעם קאָמוניזם אין די לעצטע פינף און זיבעציג חדשים? וויפיל מאָל האָסטו שוין געטרייסט די באַלעבאַטים דיינע מיט חלשות־טראָפּן פון באָלשעוויסטישן באַנקראָט? פאַרוואָס מוזסטו נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל דערוואַרימען זייער קאַלט־געוואָרענע האָפענונג? פאַרוואָס מוזסטו כסדר גיסן בוימל אויף זייער אייביג־שמאַרצנדיגער וואונד?

מאָסקווע. קיעוו. אַרכאַנגעלסק. וולאַדיוואָסטאָק. יאַקוטסק. אַרבעטער — יונגע, אַלטע, אויסגעהאָרעוועטע, שלעכט־געקליידעטע, אַ סך מיט וואונדן פון די לעצטע מלחמות. פּויערים, זין פון דער ערד, מיט הענט ווי לאָפּאַטעס און האָר ווי שטרוי. פרויען, געבויגענע אונטער אַ משא פון אַרבעט. יונגע מענטשן — מיט שטאָל אין די אויגן און צייכנס פון נויט אויפן פּנים. אַלע גייען זיי נאָכן אָרון פון זייער פירער. אַלע איין שטראָם, איין האַרץ, איין וואונטש, איין ווילן. אַלעמען האָט צונויפגעשמאָלצן דער קאַמף, פאַר־ברידערט דער זיג. פעסט האַלט זיך די נייע אָרדענונג אויף איר פּראָלע־טאַרישן פונדאַמענט. קיין הונגער און קיין מערדערישער אָנפאַל האָבן זי פון אָרט ניט גערירט. איז דאָס אַש? איז דאָס טויט?

:: :: ::

„כ'האָב אַ דענקמאָל אויפגעשטעלט — אייביגער פון אייזן." פון יאָר־טויזנט צו יאָרטויזנט האָבן דיכטער וועגן זיך געזונגען אַזאַ ליד. אָרימע טרוימער! זיי האָבן געוואָלט פאַראייביגן זיך, זיך אַליין. זיי האָבן עגאָ־איסטיש געהאָפט, אַז זייער אייביגקייט וועט ניט פאַרטרונקען ווערן אינעם אָפּגרונט פון גאָרניט.

רייכער איז דער בויער, וואָס וויל גאָרניט פאַר זיך. שענער איז דער שאַפער, וואָס באַהאַלט זיך הינטער זיין שאַפונג, וואָס פאַרניכט זיך אַליין צוליב זיין שאַפונג.

„ניט מיר די פירער — נאָר איר די מאַסן."
„ניט אונזער געדאַנק — נאָר אייער ווילן."
„ניט אונזער גרויסקייט — נאָר אייער מאַכט."
„די גאַנצע מאַכט — די סאָוועטן."

א שטיין אויף א שטיין האָט דער געשטאָרבענער געלייגט אויפן בנין פון דער נייער אָרדענונג. מיט דעם זאַפט פון זיין מוח האָט ער די שטיינער צעמענטירט. מיטן בלוט פון זיין הארצן האָט ער א פאַן געפארבט, וואָס זאָל הענגען איבערן נייעם בנין. מיטן ליכט פון זיין לעבן האָט ער אָנ־געצונד פאַקעלן צו באַלייכטן די געשאַפענע וועלט.

און וואָס מער ער האָט געגעבן, אַלץ מער האָט ער זיך געפרייט. און וואָס העכער דער בנין איז געוואַקסן, אַלץ רייכער איז געוואָרן זיין געבן. און ס'איז געווען זיין גרויסער וואונטש, אז דער בנין זאָל איבערוואַקסן אים אליין. און ס'איז געווען זיין שטאָלצער טרוים, אז א טאָג וועט קומען — און זעלבסטשטענדיג, פריי, העל, ברייט וועט שטיין דאָס נייע, אינגאנצן אָן דער הילף פון די ערשטע בויער.

אַלצדינג האָט ער אָפּגעגעבן דער שאַפונג. דעם לעצטן טראָפּ מארך. דעם לעצטן פּלי פון געדאַנק. דעם לעצטן הויך. דעם לעצטן ציטער.

און דערפילט געוואָרן איז זיין וואונטש. איבערגעוואַקסן איז אים זיין ווערק. אָן אים קען שוין לעבן און זיך ווייטער שאַפן זיין ווערק. ער אליין האָט געוואוסט פארן טויט, אז זיכער איז דער פונדאַמענט און דימענט־פעסט איז דער בוי־שטאָף אין די נייע אומגעזעענע טורעמס.

אָן אייביגער דענקמאָל — ניט פארן בויער, נאָר פאַר דער מענטשהייט, וואָס וועט קומען. ניט פאַר דער באַפרידיגונג פונעם שאַפנדיגן אינדיוויד, נאָר פאַר צוקונפטיגע קאָלעקטיוון.

געבענטשט איז דער זייער, וואָס פארזייט זיין לעבן אין דער שווארצער ערד פון דער געשיכטע, כדי ס'זאָלן שפּראָצן די געוויקסן פון מאָרגן.

:: :: ::

אָוונט. מיין צוג האָט מיך געבראַכט צו אידישע חברים.

ענדלעך — אָן איינענע נשמה.

אָוונט. א זאָל. א בלאָע פינצטערניש אינדרויסן. א טריב ליכט אינע־וויניג. פארמאַזאָליעוועטע הענט. ערנסטע אויגן. עפּעס קלאַפּט זיך אין די הערצער.

„לאָמיר אויפשטיין, ערן דעם אָנדענק פונעם געשטאָרבענעם חבר לענין."

א רוק, אָן אויפשטיי. אראָפּגעלאָזטע קעפּ. פארכמורעטע פּנים'ער. א טרער אין אָן אויג.

„לענין איז געשטאָרבן."

ווי אַ מעסער טוט דאָס ערשטע מאָל אַ שניט דאָס באַוואוסטזיין פונעם פאַקט:

— לעניןֿ איז דאָך געשטאָרבן!

— ער אָטעמט דאָך מער ניט. ער איז דאָך מער ניטאָ. ער איז טויט. לעניןֿ איז טויט.

און אַזאַ ווייטאָג טוט אַ קלעם ביים האַרצן. און אַזוי איבעריג איז אָט־דאָס אויפשטיין און אָט־דאָס רעדן און אָט־דאָס שרייבן — און אפילו אָט־דער ערלעכער טרויער. פאַרמאַכן ווילט זיך די אויגן — דערפילן, ווי די נאַכט וויינט, ווי די איינזאַמקייט וויינט, ווי דער מענטש ליגט אַ קאַלטער און אַ טויטער און וועט שוין קיינמאָל ניט רעדן און קיינמאָל ניט קוקן מיט זיינע שאַרפע קלוגע אויגן. מיר האָבן אים דאָך אַזוי ווייניג געקענט ביי זיין לעבן.

— לעניןֿ איז געשטאָרבן.

אָבער ניין! דער טרויער איבער לעניןֿ'ען טאָר ניט זיין קיין פּריוואַט־זאַך. לעניןֿ איז אונזער אַלעמענס. לעניןֿ איז אַ סימבאָל פון קאָלעקטיוון דענקען, קאָלעקטיוון שאַפן. לעניןֿ איז אין אונז אַלע. מיר אַלע — מיט לעניןֿ'ען.

לעניןֿ איז דאָ.

זייט געגריסט, חברים, אין אייער שאַפונג־טרויער נאָך אונזער אַלעמענס פירער.

ביים לענין־מאַוזאָליי

.1932

פאַלט דער אָוונט אויפן רויטן פּלאַץ. ליגט דער פּלאַץ אַן איינגעשטילטער, אַ פאַרטראַכטער. שטייט די קרעמל־וואַנט — רויט, הויך, שטרענג. הויבן זיך שוין בוימלעך אונטן ביי דער וואַנט. היבשע בוימלעך אויסגעוואַקסן; עלטער שוין פון פערצן יאָר. די ערשטע בוימלעך האָט מען פאַרפלאַנצט אויפן קבר פון די אַרבעטער־העלדן, וואָס האָבן אין נאָוועמבער 1917 דעראָבערט מאָסקווע פאַרן אַרבעטער־קלאַס.

פאָרנט, אינמיטן, אַ ביסל אָפּגערוקט פון דער וואַנט, שטייט דער לענין־מאַוזאָליי. רויט־ברוינער שטיין, שוואַרצער שטיין, גלייכע, שטרענגע ליניעס, נידעריגע שטאַלענע שטאַכעטן, אַ געַרטנדל אַרום און אַרום. זומער וואַקסן דאָרטן רויטע רויזן. אינעווייניג ליגט דער קערפּער פון וולאַדימיר איליטש לענין.

פאַלט דער אָוונט אויפן רויטן פּלאַץ, קומען מענטשן צו באַזוכן לענינ׳ס קבר. זאַמלען זיך אָן עטלעכע הונדערט, אַמאָל עטלעכע טויזנט אַרבעטער, פּויערים, מענער, פרויען. וואַרפט זיך דורך צווישן עולם די יוגנט. קלינגען קינדערשע שטימען. אַלע פעלקער זיינען דאָ, אַלע ראַסן. אַ טאָטער פון קאַזאַן, אַ קאַזאַק פון קאַזאַקסטאַן, אַ דייטש פון דער דייטשער אויטאָנאָמער סאָוועטישער רעפּובליק, אַ באַשקיר פון באַשקירענלאַנד, אַ רוס פון דער וואָלגאַ, אַ איד פון טשערניגאָוו. אַלע שטייען אין ריי — און אַ שטילקייט האָט אַרומגעכאַפּט זייער נשמה. אַלע שטייען און וואַרטן אויף 7 אַזייגער, ווען מען לאָזט דורך די פּראָצעסיע פאַר לענינ׳ס קערפּער.

צוויי רויט־אַרמייער, ווי בראָנזענע סטאַטועס, שטייען איינער געגן אַנדערן ביים אַריינגאַנג צום לענין־מאַוזאָליי. עטלעכע טרעפּ אַרונטער — און אָט איז דער קאַסטן מיט לענינ׳ס קערפּער. דער גוט־באַקאַנטער, קלוגער קאָפּ, די רויטלעכע שיטערע האָר, די איינגעפאַלענע, אויף אייביג־פאַרמאַכטע אויגן. דאָס אויסדרוקספולע מויל, וואָס האָט געקענט אַרויסוויזן אַזויפיל צאָרן פאַר די שונאים פונעם אַרבעטער־קלאַס און אַזויפיל ליבשאַפט פאַר אַלע אונטערדריקטע. דער גרויסער געוועלבטער שאַרבן, אין וועלכן ס׳האָט זיך געפונען דער גניאַלער דענק־אַפּאַראַט.

שטיל איז אונטן. שטיל, ווי פאַרגליווערט, שטייען די צוויי רויט־

ארמייער בייביידע זייטן פונעם קאסטן. ער איז אויך געווען א רויט־ארמייער, דער געשטארבענער לענין, כאטש ער האט ניט געטראגן קיין ביקס. ער האט געהאלפן ארגאניזירן די רויטע ארמיי. ער האט געפלאנעוועט אירע קאמפן, ווי ער האט געפלאנעוועט דאס גאנצע לעבן פון דער פראלעטארישער מלוכה. ער ליגט אין א רויט־ארמייאישער בלוזע מיט אן ארדן פון דער רויטער פאן אויף זיין ברוסט. ווער האט דאס מער פארדינט, ווי וולאדימיר איליטש לענין?

איינער נאכן אנדערן גייען דורך פארן קערפער די מענטשן פון דער מאסע. ברייט עפנט מען די אויגן. ברייט עפנט מען דאס באוואוסטזיין. ארייננכאפן, מיטנעמען, איינהאלטן אזויפיל איינצלהייטן, ווי נאר מעגלעך. אוועקטראגן מיט זיך די געשטעלט פון אט־דעם מענטשן, וועלכער איז גע־שטארבן צוריק מיט יארן און וועלכער לעבט אזוי ברייט און אזוי אימפעטיג אין דעם באוואוסטזיין פון מיליאנען.

און אן ענד ציט זיך די קייט. זי ציט זיך שוין אכט יאר. יעדן טאג קומען מאסן א קוק געבן אויף לענינ'ס קערפער. יעדן טאג פונעם יאר. אלע יאר זינט יענעם קאלטן יאנואר־טאג, ווען העכער א מיליאן מענטשן איז דורכגעגאנגען פארן קערפער פונעם אקארשט־געשטארבענעם לענין.

גייט מען ארויס צוריק אויפן רויטן פלאץ, זעט ער אויס טונקעלער, ווי פריער. אויף יענער זייט וואנט קלינגט דער אלטער קרעמל־טורעם זיינע פערטל שטונדן און דערמאנט, אז אט דא ניט לאנג, דאכט זיך ערשט נעכטן, האט דא געקעניגט א פאמיליע ראמאנאוו, און דאס בלוט פון ארבעטער און דאס בלוט פון ארימע פויערים האט זיך געגאסן ווי וואסער. אויף איין רגע שטייען אויף אין געדאנק בילדער פון יענער צייט. עס זיצט א צאר אין א קרוין און הערשט. איין האנט איז געשטיצט אויף די פריצים, וואס טרינקען דאס בלוט פונעם פויער, די צווייטע האנט — אויף די קאפיטאליסטן, וואס טרינקען דאס בלוט פונעם ארבעטער. גלעקער קלינגען—קירכן־גלעקער. גלהים אין גאלדענע קליידער דאוונען און בעטן גאט'ס ברכה פאר די רויבער. גובערנאטארן און איספראווניקעס יאגן זיך איבער די גאסן — „מאכט א ווארע! די הערשער גייען!" קאזאקן פארן ארויף מיט די פערד אויפן טראטואר, טרעטן דעמאנסטרירנדיגע ארבעטער, האקן מיט שווערדן, שניידן מיט נאגאיקעס. מען שלעפט ארבעטער אין טורמע. מען שמייסט די ארעס־טירטע. נויט, עלנט, בלוט, בלוט... די קירכן־גלאקן קלינגען...

אוועק מיט אט־די פינצטערע בילדער! ניטא מער, פארשוואונדן, אפ־געווישט, אויסגעברענט מיט א צעגליטן אייזן! פריי איז דאס לאנד! פריי

איז דער אַרבעטער־קלאַס. האַנט אין האַנט מיט דער פּויערים־מאַסע בויט ער אַ נײַ לעבן. טאָג נאָך טאָג אַרבעט ער איבער זײַן אייגענע געשטאַלט און די געשטאַלט פון די האָרעפּאַשנע מאַסן. אויפגעריכט ווערט דאָס לאַנד. אויפגעריכט ווערט דער מענטש — צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע.

אויפגעריכט האָט דער אַרבעטער־קלאַס אויך דעם רויטן פּלאַץ — פאַר־וואַנדלט אין אַ זאַך פון שיינקייט. פאַרשוואונדן די שטעכיגע שטיינער פון אַמאָל־דעם ריזיקן שטח. דער פּלאַץ איז אויסגעפּלאַסטערט מיט פיר־קאַנטיגע האַרטע און גלאַטע בלאָקן. אויף דער לענג פון דער קרעמל־וואַנט, פון ביידע זייטן מאַווזאָליי, האָט מען אויפגעבויט טריבונעס, פלאַכע און ברייטע — זענען זיי אויס ווי בענק, וואָס מען האָט צוגעגרייט פאַר חשוב׳ע געסט. הינטער די טריבונעס ליגן די קברים פון די געפאַלענע רעוואָלוציאָנערן און איבער זיי די גרינע ביימלעך, וואָס היטן, דאַכט זיך, זייער אייביגע רו. דעם דענק־מאָל פון מינין און פּאָזשאַרסקי האָט מען אַריבערגעטראָגן אויפן עק סקווער, לעבן דער קירך פון וואַסילי דעם צעדולטן. ריין איז דער פּלאַץ. פרײַ איז דער פּלאַץ. ווירדיג איז דער פּלאַץ און היימיש איז ער. פאַלט די נאַכט גע־דיכטער, ווערן שאָטנס שוואַרצער, ווערט דער הימל טונקעלער, צינדן זיך אָן עלעקטרישע פּראָזשעקטאָרס און וואַרפן ליכט אויף די טריבונעס און אויף דער וואַנט. ווערט דער גאַנצער פּלאַץ אַ ליכט־פּעעריע. ווערט דער קאָלאָ־סאַלער פּלאַץ נאָך היימלעכער, נאָך נעענטער צום האַרצן.

גייען מענטשן איבער דעם טראָטואַר, זענען זיי אויס אַזוי קליין אין דעם גרויסן פּלאַץ. לייכטן אַזוי זייערע אויגן אינעם פאַנטאַסטישן ליכט. קענען זיי ניט פאַרגעסן, אַז אָט־דאָ ליגט לענין. וואַרפן זיי זייטיגע בליקן אויפן מאַווזאָליי. טוט אין האַרצן אַ ברי. זאָגט עפּעס אַ מאַמע צו איר יונגן קינד, ווייזנדיג מיט דער האַנט אויף לענינ׳ס קבר.

לענין !... סאַראַ קראַפט דאָס וואָרט פאַרמאָגט איבער די סאָוועטישע מאַסן (נאָר איבער די סאָוועטישע ?). סאַראַ וואַרימקייט דאָס וואָרט דער־וועקט אין מאַסן־הערצער ! סאַראַ אַכטונג מען פאַרמאָגט פאַר לענינ׳ס נאָמען אין דער לענג און ברייט פון דער געוואַלטיגער מלוכה ! לענינ׳ס נאָמען צווישן די בערג־לייט פון טאַדזשיקיסטאַן. לענינ׳ס נאָמען בײַ די סאַמאָיעדן פונעם ווייטן צפון. לענינ׳ס נאָמען בײַ די טונגוסן אין מזרח־סיביר. לענינ׳ס נאָמען אין די מײַלער פון אידישע קינדער אין ווייס־רוסלאַנד, אין אוקראַינע, אין קרים. לענינ׳ס נאָמען — די פאָן פון דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס און פון דעם האָרעפּאַשנעם פּויערטום איבער אַ זעקסטל פון דער ערד.

לענין איז ניט קיין הייליגער און ניט ווי אויף אַ הייליגן קוקן אויף אים

די האַרעפּאַשנע מאַסן. ניט קיין הייליגער, ניט קיין נביא, ניט קיין גאָט, נאָר אַ מענטש, וואָס האָט געקעמפט צוזאַמען מיט די מאַסן זיין גאַנץ לעבן, אַ מענטש, וואָס האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן די מאַסן, אַ מענטש, וואָס האָט אָנגעצייכנט דעם וועג פאַר דעם קאַמף פון די מאַסן,—אַ מענטש אַ געניאַלער, מיט אַ קלאָרן קוק און אַ פעסטן מוט, וואָס האָט געזען דעם וועג פון היס־טאָרישער אַנטוויקלונג, געזען די ראָל פונעם אַרבעטער־קלאַס אין דער געשיכטע, פאַרשטאַנען די נויטווענדיגקייט פונעם אַרבעטער־קלאַס צו מאָבי־ליזירן זיך אויפן וועג פון דעראָבערן די מאַכט, און, ווען די צייט איז געקומען, — גערופן די מאַסן צו ברעכן די קאַפּיטאַליסטישע הערשאַפט און ווערן אַליין די באַלעבאַטים פון לעבן.

„אונזער פירער", „אונזער וולאַדימיר איליטש" אָדער גאָר פּשוט: „איליטש". די מאַסן שעצן זיין נאָמען, ווייל ער האָט געזען די פייאיגקייט פונעם אַרבעטער־קלאַס צו בויען זיין לעבן, ווייל ער האָט געוואוסט, וויסנ־שאַפטלעך געוואוסט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס פאַרמאָגט אין זיך אַזוינע קרעפטן, וואָס וועלן גובר זיין אַלע שטרויכלונגען און לייגן דעם פונדאַמענט און אויפבויען דעם סאָציאַליזם; ווייל ער האָט גערופן דעם אַרבעטער־קלאַס צו גיין האַנט אין האַנט מיט דער האַרעפּאַשנער פויערים־מאַסע, די מיטעלע און אָרימע פויערים, אויפן וועג פון פאַרכאַפּן די מאַכט, אָפּשאַפן פּריוואַט־אייגנטום און בויען סאָציאַליזם.

פאַלט דער אָוונט אויפן רויטן פּלאַץ. ליגט לענין — אַ שווייגנדיגער, אין גליווער פון טויט. און אַרום ווערט געטאָן זיין אַרבעט, ווערן דורכגעפירט זיינע פּלענער, ווערט פאַרווירקלעכט דאָס גרויסע שטרעבן פון זיין גייסט. אינדוסטריאַליזאַציע! עלעקטריפיקאַציע! קאָלעקטיוויזאַציע! מען בויט! מען אַרבעט מיט הייסן אָנשטרענג. עס וואַקסן פאַבריקן. עס הויבט זיך דער מאַגניטאָסטראָי. עס איז שוין באַלד פאַרענדיגט דער דניעפּראָסטראָי. עס הודזשען טראַקטאָרס איבערן לאַנד. עס אַרבעטן, אין ברידערלעכער איינינ־קייט, די מאַסן פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, אַלע שפּראַכן, אַלע שטאַמען.

לענין — דער גרויסער פירער.

אין טאָג פון זיין יאָרצייט לאָמיר ברענגען לענינ'ס לערע און לענינ'ס לעבן נעענטער צו אַלע עקספּלואַטירטע און אונטערדריקטע.

לעניז, דער אידעאַל פון אַ רעוואָלוציאָנער

1934.

באַלד נאָך לענינ'ס טויט האָט נאַדעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָווא קרופּסקאַיאַ, זיין אַלמנה, געהאַלטן אַ רעדע פאַרן סאָוועט־קאָנגרעס. זי האָט געזאָגט:

„אין די טעג, ווען איך בין געשטאַנען ביים קאַסטן פון וולאַדימיר איליטש, האָב איך דורכגעטראַכט זיין גאַנץ לעבן. זיין האַרץ האָט געקלאַפּט מיט אַ הייסער ליבע צו אַלע אַרבעטנדיגע, צו אַלע אונטערדריקטע... אָט־דאָס געפיל האָט אים געצוואונגען צו זוכן ליידנשאַפטלעך, היים און ענטפער אויף דער פראַגע: ווי אַזוי דאַרפן זיין די וועגן פאַר דער באַפרייאונג פון די אונטערדריקטע? ענטפערס אויף זיינע פראַגן האָט ער באַקומען ביי מאַרקס'ן. ניט ווי אַ בוך־מענטש איז ער צוגעגאַנגען צו מאַרקס'ן. ער איז צוגעגאַנגען צו מאַרקס'ן ווי אַ מענטש, וואָס זוכט ענטפערס אויף פּיינלעכע, דרינגענדיגע פראַגן. ער האָט דאָרט געפונען די ענטפערס. מיט אָט־די ענטפערס איז ער אַוועקגעגאַנגען צו די אַרבעטער.

„. . . די אַרבעט צווישן די פּעטערבורגער אַרבעטער, די שמועסן מיט זיי, דאָס אויפמערקזאַמע צוהערן זיך צו זייערע רייד האָט געהאָלפן וולאַדימיר איליטש'ן פאַרשטיין דעם גרויסן געדאַנק פון מאַרקס, אַז דער אַרבעטער־קלאַס איז דער אַוואַנגאַרד פון אַלע אַרבעטנדיגע. דעריין, וואָס ער איז דער אַוואַנגאַרד, דעריין, וואָס נאָך אים גייען ווייטער אַלע מאַסן פון די אַרבעטנדיגע, אַלע מאַסן פון די אונטערדריקטע, — דעריין איז זיין קראַפט, די גאַראַנטיע פון זיין זיג. נאָר ווי דער פירער פון אַלע אַרבעטנדיגע קען דער אַרבעטער־קלאַס זיגן.“

אין אָט־די ווערטער איז געגעבן דער שליסל צו לענין דעם רעוואָלוציאָנער.

לענין איז דער גרויסער געלערנטער און טיפער דענקער, דער מענטש, וואָס נעמט די טעאָריע פון מאַרקס'ן אוון אַנטוויקלט זי און באַרייכערט זי און טוט זי אַ רוק פאָרויס אויף אַ געוואַלטיקער שטרעקע. אָבער טעאָריע איז פאַר אים ניט עפּעס אַזוינס, וואָס דאַרף באַפרידיגן ריין־גייסטיגע באַדערפעגישן. טעאָריע איז פאַר אים אַ מיטל צו פאַרשטיין די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, דאָס אָרט פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין דער געזעלשאַפט און דעם וועג, אויף וועלכן דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף גיין צו דער באַפרייאונג פון אַלע עקספּלואַטירטע און אונטערדריקטע. פאַרשטיין הייסט פאַר לענינ'ען — ברענגען דאָס צו די אַרבעטער, קלאָר מאַכן פאַר זיי דעם היסטאָרישן וועג

און ציל. כדי דער פּראָלעטאַריאַט זאָל קענען קעמפן און זיגן, דאַרף ער האָבן אַן אייגענע פּראָלעטאַריש־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי. לעניִן דער דענקער, לעניִן דער פאָרשער, לעניִן דער געניאַלער טעאָרעטיקער ווערט אין דער זעלביגער צייט דער גרינדער און בויער פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, וועלכער קימערט זיך פאַר יעדן קעמערל אין יעדן זאַוואָד און פאַר יעדן בלעטל, וואָס ווערט פאַרשפּרייט צווישן פּראָלעטאַריאַט.

לעניִן ווייסט, אַז אָן שותפים וועט דער פּראָלעטאַריאַט ניט געווינען און ניט אָנהאַלטן די מאַכט. שוין פון די ערשטע יאָרן פון זיין טעטיגקייט דערקענט ער אין דעם פּויערטום דעם קלאַס, וואָס וועט געפירט ווערן פונעם פּראָלעטאַריאַט אין דער רעוואָלוציע און אים העלפן געווינען און האַלטן די מאַכט. לעניִן דער פּראָלעטאַרישער דענקער, לעניִן דער אָרגאַניזאַטאָר, וואָס איז פאַרבונדן מיטן פּראָלעטאַריאַט דורך טויזנטער פעדים, ווערט, אַזוי צו זאָגן, אַ טשעמפּיאָן פונעם פּויערטום פאַר די באָלשעוויקעס און דעם אַרבעטער־קלאַס. שפּעטער האָט ער דאָס פאָרמולירט אין איינער פון זיינע דעפיניציעס פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט:

„די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט איז אַ באַזונדערע פאָרמע פון קלאַסן־פאַרבאַנד צווישן פּראָלעטאַריאַט, דעם אַוואַנגאַרד פון די אַרבעטנדיגע, און די צאָלרייכע ניט־פּראָלעטאַרישע שיכטן פון די אַרבעטנדיגע (קליין־בורזשואַזיע, קליינע באַלעבעסלעך, פּויערטום, אינטעליגענץ, א. אז. וו.) אָדער מיט אַ מערהייט פון זיי, אַ פאַרבאַנד געגן קאַפּיטאַל, אַ פאַרבאַנד מיט דעם צוועק צו שטיצן אינגאַנצן דעם קאַפּיטאַל, צו אונטערדריקן אינגאַנצן דעם ווידערשטאַנד פון דער בורזשואַזיע און אירע פּראָבעס פון רעסטאַוראַציע, אַ פאַרבאַנד מיט דעם צוועק צו שאַפן ענדגילטיג און צו פאַרפעסטיגן דעם סאָציאַליזם.“

די טעאָריע ביי לעניִנ׳ען איז פאַרבונדן מיט דער פּראַקטיק; די טעאָריע דאַרף דורכדרינגען די רעוואָלוציאָנערע אַרבעט. „אָן רעוואָלוציאָנערער טעאָריע קען ניט זיין קיין רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג“. אָבער די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג שטעלט נייע און נייע פאָדערונגען דער רעוואָלוציאָנערער טעאָריע — און די דאָזיגע פאָדערונגען באַפרידיגט לעניִן נאָכאַנאַנד אין דעם גאַנג פון זיין אַרבעט.

דאָס פּריוואַטע ביי לעניִנ׳ען איז פאַרבונדן מיט דעם געזעלשאַפטלעכן. ער לעבט פאַר דער רעוואָלוציע און מיט דער רעוואָלוציע. דער פּראָלעטאַרישער קאַמף איז דער אינהאַלט פון זיין גאַנצן לעבן. **ניטאָ ביי אים קיין שפּאַלטונג. ער איז פון איין גוס.** די זיגן פונעם אַרבעטער־קלאַס זיינען זיין

גרויסע, טיפע, „אייגענע״ פרייד. די שווערקייטן אויפן וועג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע זיינען זיינע אייגענע אינטימעליידן.

דער געפיל, דער געדאַנק און דער ווילן זיינען פאַרבונדן ביי לעניג׳ען אין איין מעכטיגער איינהייט. ער האָט ליב קינדער. ער האָט ליב מענטשן. ער קען זיך אינטערעסירן מיט די איינצלהייטן פון אַן אַרבעטער׳ס לעבן. אָבער ער ציילט אין מיליאָנען. ער איז אַ רעוואָלוציאָנער און ער ווייסט, אַז אָן קרבנות וועט דער פּראָלעטאַריאַט זיך ניט דערשלאָגן צו דער מאַכט. „די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט — זאָגט לענין — איז אַן איינגעשפּאַרטער קאַמף, אַ בלוטיגער און אַ בלוטלאָזער, אַ געוואַלטזאַמער און אַ פרידלעכער, אַ מיליטערישער און אַן עקאָנאָמישער, אַ פּעדאַגאָגישער און אַן אַדמיניסטראַטיווער, געגן די קרעפטן און טראַדיציעס פון דער אַלטער געזעלשאַפט.״ לענין האָט געוואוסט, אַז דער וועג פונעם אַרבעטער־קלאַס איז אַ וועג פון בירגער־קריג. ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און האָט זיי געשמיסן מיט די בייטשן פון זיין אומדערבאַרעמדיגער סאַטירע פאַר זייער ווע‍לן איינרעדן די אַרבעטער, אַז מען קען אַריינטרעטן אינעם קעניגרייך פון סאָציאַליזם אָן בלוטיגע שלאַכטן.

אַ דאַנק די אַלע אייגנשאַפטן איז לענין געוואָרן אַ פירער. ער איז געוואָרן דער גרעסטער פירער אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, ווייל דער איינפלוס פון זיין אַרבעט וואַקסט נאָך זיין טויט און וועט וואַקסן אַזוי לאַנג ווי עס ווערט געפירט דער קאַמף פאַר סאָציאַליזם און עס ווערט געבויט די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

דער אַלטער באָלשעוויק קרזשיזשאַנאָווסקי שרייבט:

„דורך לאַנגע יאָרן עקשנות׳דיגער אַרבעט איבער זיך האָט ער (לענין) אויסגעשמידט אין זיך אַן אייזערנעם ווילן און ער האָט געהאַט דאָס רעכט, מער ווי ווער איז אַן אַנדערער, אָפּצוגעבן באַפעלן און פאָדערן אַ סך, ווייל מיט די גרעסטע פאָדערונגען און אַממערסטן אָנרחמנות׳דיג האָט ער זיך באַצויגן צו זיך אַליין.

„קיינמאָל נאָך אין דער געשיכטע איז אַ מענטשלעכע פערזענלעכקייט ניט אויפגעהויבן געוואָרן אויפן סאַמע געזעצלעכסטן אופן אַזוי הויך. אָבער ביי וולאַדימיר איליטש׳ן האָט זיך אויף קיין איין מינוט ניט פאַרדרייט דער קאָפּ פון אָט־דער מאַכט און פון דער פּראַקטיק פון דער דאָזיגער מאַכט איז אויף אים ניט געפאַלן דער קלענסטער פלעק.

„ער וועט אַוועקגיין אין דער געשיכטע, ווי דער איבערגעגעבנסטער פריינט פון מאָזאָליעדיגע הענט, פון שרעקנלאָזן געדאַנק און קאָנסעקווענטער

אומגעוואָקלטקייט אינעם קאַמף פאַר קאָמוניזם. דער דאָזיגער פלאַמיגער און דראַנגפולער קעמפער האָט זיך פאַרברענט אינעם אומדערמידלעכן קאַמף."

:: :: ::

דערציילט אַ לענינגראַדער אַרבעטערין:

לענין איז אָנגעקומען קיין פעטראָגראַד אָנהויב אַפּריל 1917. זי, די פרוי, איז געשטאַנען לעבן וואָקזאַל, וואו לענין האָט געדאַרפט אָנקומען. ער האָט זיך באַוויזן, שטייענדיג אויף אַ געפּאַנצערטן אויטאָמאָביל, מיט אַ קליינעם בוקעט בלומען אין דער לינקער האַנט. לעבן אים איז געשטאַנען זיין פרוי, נאַדעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ קרופּסקאַיאַ. ווען לענין איז אַרויס־געגאַנגען פונעם וואָקזאַל, האָבן זיך געהערט הויכע געשרייען „הוראַ". שטייענדיג אין אויטאָמאָביל, אַ באַלויכטענער דורך די לאַמטערנס פון אַנדערע אויטאָמאָבילן, האָט לענין געזאָגט:

„חברים, אַרבעטער און סאָלדאַטן! איך דאַנק אייך דערפאַר, וואָס איר האָט מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך אומצוקערן קיין רוסלאַנד. איר האָט געטאָן אַ גרויסע זאַך — איר האָט אַרונטערגעוואָרפן דעם צאַר, אָבער די זאַך איז נאָך ניט פאַרענדיגט, מען דאַרף נאָך שמידן דאָס אייזן אַזוי לאַנג ווי עס איז הייס. זאָל לעבן די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע!"

די אַרבעטערין דערציילט ווייטער, ווי אַזוי איליטש איז אָפּגעפאָרן און די אַרבעטער־מאַסע איז געבליבן שטיין ווי באַצויבערט. פון הינטן פון צווישן דעם בינטל בורזשואַזע צושויער־לײדיגגייער האָבן זיך דערהערט שטימען: „לענין איז קראַנק... לענין איז ניט ביים קלאָרן פאַרשטאַנד."

לענין שטעלט זיך פּערזענלעך אין דעם שפּיץ פונעם רוסלאַנדער פּראָלע־טאַריאַט אין זיין קאַמף פאַר מאַכט.

:: :: ::

און אַז די בורזשואַזיע האָט דערזען, ווי געפערלעך עס ווערט איר די שטייגנדיגע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, האָט זי, דורך איר אַגענט קערענסקי, גענומען פאַרפאָלגן די באָלשעוויקעס און האָט באַשטימט אַ פּרייז אויף לענינ'ס קאָפּ. לענין באַהאַלט זיך הינטער פעטראָגראַד אין דעם הויז פון אַן אַרבעטער, אויפן בוידעם. מען קען אים כאַפּן יעדע מינוט — און דאָס הייסט: טויט. שרייבט ער צו איינעם פון די באָלשעוויקעס אין אַ בריוול, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן נאָך זיין טויט:

„צווישן אונז גערעדט. אויב זיי לייגן מיך אַוועק, בעט איך דיך דו זאָלסט פאַרעפנטלעכן מיין קליין נאָטיץ־ביכל: „מאַרקסיזם און די מלוכה". עס איז געבונדן אין אַ בלאָען איינבונד. אַלע ציטאַטן זיינען געזאַמלט פון

מארקסן׳ און ענגעלס׳ן, אויך פון קאוטסקי׳ן געגן פאנעקאק׳ן. פאראן א גאנצע ריי נאטיצן און קאמענטארן. פארמוליר זיי. איך רעכן, אז דו וואלסט זיי געקענט פארעפנטלעכן נאך א וואך ארבעט. איך דענק, אז דאס איז וויכטיג, ווייל נים נאר פלעכאנאוו און קאוטסקי זיינען אראפ פונעם וועג. מיין באדינגונג: דאס דארף בלייבן אבסאלוט צווישן אונז ביידע.״

די נאטיצן, וועגן וועלכע לענין שרייבט, זיינען נאכדעם פאראבעט געווארן אין דער פארמע פון זיין בוך, וואס הייסט „מלוכה און רעוואלוציע״.

דער מענטש האט געקוקט דעם טויט אין די אויגן. אבער זיין גרויסע זארג איז געווען, אז די חברים זאלן האבן אן אידעאלאגיש געצייג צו באַ־קעמפן די רעפארמיסטן. „מלוכה און רעוואלוציע״ איז א פלאן, ווי אזוי עס דארף ארגאניזירט ווערן די סאוועטישע מלוכה.

די ראָל פון אַ רוסישן קאָמוניסט

1920.

אַ קאָמוניסט אין רוסלאַנד איז אַ מענטש, וואָס איז מחויב. אויף אים ליגט דער יאָך. ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלצדינג. ער דאַרף אין זינען האָבן אַלצדינג. ער דאַרף ווייזן אַ גוטן ביישפּיל. ער דאַרף פירן.

אַ קאָמוניסט אין רוסלאַנד איז אַ מענטש, וואָס האָט אויף זיך גענומען דורכפירן די רעוואָלוציע ביזן סוף און איינפירן די סאָציאַליסטישע אָרדענונג. ער טאָר קיינמאָל ניט זאָגן ניין. ער דאַרף שטענדיג גיין פאָרויס, ער דאַרף דערפילן די באַשלוסן פון די סאָוועטן, די באַפעלן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער טאָר ניט מורא האָבן פאַר קיין זאַך. ער דאַרף זיך ניט אָפּשטעלן פאַר קיין שטרויכלונג. ער האָט זיך אונטערגעוואָרפן און טאָר ניט האָבן קיין טענות.

אַ קאָמוניסט איז אַ קעמפער. אַלע קאָמוניסטן פון אַ שטאָט זיינען פאַר־בונדן אין איין מיליטערישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע רופט זיך: „אָטריאַד אָסאָבאָוואָ נאַזנאַטשעניאַ" („אַן אָפּטיילונג מיט אַ באַזונדערן ציל"). אַלע מיטגלידער פון דעם „אָטריאַד" דאַרפן קאָנען שיסן פון ביקסן, פּולעמיאָטן. טאָמער קאָנען זיי ניט, לערנט מען זיי עטלעכע מאָל אין וואָך. איך האָב געזען קאָמוניסטן, וואָס האָבן דריי מאָל אין וואָך געמוזט אויפשטיין זעקס אינ־דערפרי און גיין אויף „אוטשעניע" (מיליטערישע איבונגען) — זיך לערנען מאַרשירן און שיסן. איך האָב געזען קאָמוניסטן, וואָס זיינען געווען מיד, אויסגעמאַטערט, האַלב־הונגעריג, אָבער אויף „אוטשעניע" זיינען זיי גע־גאַנגען. צו וואָס דאַרף מען דאָס? כדי צו קאָנען קעמפן, אויב עס מאַכט זיך אין שטאָט אַן אויפשטאַנד. יעדער קאָמוניסט פון יעדער שטאָט איז פאַרבונדן מיט אַ געוויסער קוואַרטיר, אַ געוויסן זאַמל־פּונקט. באַקומט ער אַ סיגנאַל דורכן טעלעפאָן, אָדער דורך אַ שליח, מוז ער באַלד נעמען די ביקס און קומען אויף דער קוואַרטיר. אין משך פון איין שעה קאָן מען אַזוי מאָביליזירן די קאָמוניסטן פון גאַנץ מאָסקווע. אין אַ האַלבער שעה קאָן מען מאָביליזירן די קאָמוניסטן פון אַ קלענערער שטאָט. הויבט זיך אָן אין שטאָט אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וועלן די קאָמוניסטן די ערשטע שטרייטן און די ערשטע שטאַרבן. און דאָס איז ניט קיין פראַזע.

ווען די פּאָליאַקן האָבן גענומען מינסק — וואָס האָבן זיי געטאָן צו

אַלעם ערשט? זיי האָבן אויסגעקוילעט די קאָמוניסטן. ווען דעניקין, אָדער פּעטליורע האָבן גענומען אַ אוקראַינישע שטאָט, ווער זיינען געווען די ערשטע קרבנות? די קאָמוניסטן. ווען די „ווייסע" האָבן געהאַלטן באַקו אין זייערע הענט, וועמען האָבן זיי געשאָסן? די קאָמוניסטן. אַ קאָמיסאַר האָט מיר דערציילט אין וולאַדימיר, ווי אַזוי ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון באַקו און דורך כאַרקאָוו געקומען קיין סאָוועט־רוסלאַנד. ס'איז געווען אַ געשיכטע פון טויזנט און איין נאַכט. ס'האָט זיך ניט געגלויבט, אַז אַ מענטש קאָן איבערטראָגן אַזויפיל און בלייבן געזונט און מונטער. איין זאַך איז פאַר אים געווען קלאָר אָן אַ שום צווייפל: טאָמער ווערט מען געוואָר, אַז ער איז אַ קאָמוניסט, שיסט מען אים אויפן אָרט.

אַ קאָמוניסט איז מחויב צו אָפּפערן זיין לעבן. איר האָט געדאַרפט זיין אין רוסלאַנד אין סעפּטעמבער, אָקטאָבער, נאָוועמבער, ווען די רוסישע אַרמיי איז אָפּגעטראָטן פאַר די פּאָליאַקן און ווראַנגעל איז געקראָכן אַלעמאָל ווייטער קיין צפון. רוסלאַנד איז געלעגן ווי אונטער אַ שווערן וואָלקן. אַ פּחד און אַן עקל האָבן געקראָכן פון אַלע זייטן. אַ מיטל־יאָריגע פרוי, אַ מאַמע פון דריי זין, וואָס איינער איז געווען אין דער רויטער אַרמיי און דער צווייטער אין קאָמוניסטישן יוגנט־בונד, זיצט מיט מיר איין מאָל אין אָוונט און זאָגט מיט אַ שטילן און טיפן און לאַנגזאַמען קול: „אויב דאָס איז דער סוף פון דער רעוואָלוציע, ווייל איך מער ניט לעבן." אַזוי האָבן געפילט מיליאָנען איבער די ברייטע און פאַר'חלומ'טע רוסישע סטעפּעס.

ווער האָט זיך געוואָרפן אין פייער? ווער האָט אונטערגעשטעלט זיין ברוסט אין די ערשטע רייען? די קאָמוניסטן.

אין יעדער שטאָט, אין יעדער געגנט איז מען געגאַנגען פרייוויליג, ווייל אַזוי האָט געפאָדערט די קאָמוניסטישע ערע. מ'האָט אָבער געמוזט אויך, ווייל דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט געהייסן. „קאָמוניסטן, ראַטעוועט רוסלאַנד!" — האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט געשריבן צו די אָרטיגע קאָמוניסטן. און אַ חשבון איז געמאַכט געוואָרן וויפיל יעדע גובערניע דאַרף צושטעלן קאָמוניסטן.

און מ'איז געגאַנגען. קיינער ווייל ניט שטאַרבן. אַלע האָסן מלחמה. אָבער מ'איז אַ קאָמוניסט. מ'איז מחויב. די לאַגע פאָדערט. ס'איז אַ בזיון פאַר חברים. ס'איז ניט שיין צו זיין אַ טרוס. מען מוז גיין.

און אַז מ'איז געקומען אויפן פראָנט, האָט מען געמוזט זיין אין די ערשטע רייען, האָט מען געדאַרפט פירן נאָך זיך די איבעריגע. האָט מען געדאַרפט שטאַרקן די אָפּגעלאָזענע און אונטערהאַלטן די פאַרצווייפלטע. און

די גאנצע צייט האט מען געדארפט וויסן, אז טאמער פאלט מען אריין אין קלעם — איז קאפוט. א געפאנגענער קאמוניסט איז א טויטער מענטש. אלץ איינס, צי ער איז אין די הענט פון די פאליאקן, צי אין די הענט פון פעטליורע׳ן אדער פון אוקראינישע באנדעס.

א קאמוניסט טאר זיך ניט אפזאגן פון פיזישער ארבעט. אין די סובאט־ניקעס (א שבת פרייוויליגע ארבעט, ווי אויסלאדעווען וואגאנעס, טראגן קלעצער) באטייליגן זיך אלע קאמוניסטן, אחוץ קראנקע און אחוץ די וואס האבן גראד דעמאלט א וויכטיגע זיצונג. נאר אפילו אויסער די סובאטניקעס איז פארן קאמוניסט פאראן א מאסע ארבעט. אלעמאל, ווען אין שטאט מאכט זיך א קריזיס, זיינען די קאמוניסטן די ערשטע צו נעמען זיך העלפן. ווען איך בין געווען אין רוסלאנד, דערהויפט אין די חדשים נאוועמבער און דעצעמבער, האט מען זיך פלוצלונג ארומגעקוקט, אז די לאגע פון די רויטע ארמייער איז א שווערע. האט מען זיך א לאז געטאן אויסבעסערן וואס נאר מעגלעך. מ׳האט זיך קודם כל גענומען באקליידן און באנייען די סאלדאטן. די קאמוניסטקעס האבן געלאטעט סאלדאטסקע העמדער, געצירעוועט זאקן, איינגענייט ארבל אין די שינעלן. אין פיל ערטער געוואשן און געזויבערט די סאלדאטסקע וועש. ווערט א הייצונג־קריזיס אין שטאט, פאדערט מען ארויס די קאמוניסטן פון דעם יוגנט־בונד און אנדערע — און היידא אין וואלד אריין, האקן האלץ און אנליינען אויף וואגאנעס.

א קאמוניסט מוז. און נאך מער: א קאמוניסט טוט די ארבעט מיט חשק. ער קלאגט זיך ניט. ער זיצט ניט און באוויינט ניט זיין מזל, וואס ער, א אינטעליגענט, א ביעלארוטשקע (מיט ווייסע הענט), איז נעבעך מחויב צו גיין און טראגן א קלאץ אדער גראבן מיט א רידל. ער האט קיין טענות ניט.

א קאמוניסט דארף קענען. ער דארף זיין גרינטלעך באקאנט מיט דער אויסנווייניגסטער און אינעווייניגסטער לאגע פון רוסלאנד, מיט פאקטן און ציפערן פון ערד־ארבעט, אינדוסטריע, טראנספארט, מיליטערישע אנשטאלטן. ער דארף קענען געבן א קלארן ענטפער אויף אלע פראגן.

זיין א קאמוניסט איז ניט נאר א פארגעניגן, ס׳איז א שווערע פליכט. איז שוין פארשטענדלעך פארוואס מענטשן יאגן זיך ניט אין דער קאמוניס־טישער פארטיי, כאטש זי האט די מאכט. און עס איז פארשטענדלעך פאר־וואס איינציגע קאמוניסטן האלטן זיך פאר מיוחסים.

„פארווערטס״, 1טן מאי, 1921.

אַז ענטפּער די קריטיקער

1921

. . . וואָס האָט אויפגעטאָן די רוסישע רעוואָלוציע אין די ווייניגע עטלעכע יאָר ?

1. זי האָט איבערגעגעבן אַלע פאַבריקן און גרובן און אַנדערע אינדוסטריעלע איינריכטונגען אין די הענט פון דער מלוכה און אָרגאַניזירט אַ צענטראַלן אַפּאַראַט צו פאָרוואַלטן איבער דעם גאַנצן עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד. זי האָט געוויזן, אַז דאָס איז מעגלעך, כאָטש אַ גאַנצע וועלט מיט געלערנטע און פּראַקטיקער האָבן גע'טענה'ט, אַז אַזוינס וועט קיינמאָל ניט זיין. זי האָט באַוויזן, אַז אַ פאָלק קען טאַקע באמת איבערנעמען אין זיינע הענט אַלע זיינע פּראָדוקטיווע קרעפטן און זיי אויסנוצן פאַר זיין אייגענער טובה, הערשנדיג איבער זיי לויט זיין אייגענעם ווילן.

קיינער זאָגט ניט, אַז דער ווירטשאַפטס־אַפּאַראַט פון רוסלאַנד אַרבעט גלאַט. קיינער פון די רוסישע פירער איז ניט צופרידן מיט די עקאָנאָמישע איינריכטונגען פון די סאָוועטן. עס איז דאָ ביוראָקראַטיזם. מען שרייבט צופיל פּאַפּירלעך און מען טוט צו ווייניג אַרבעט. עס ציט זיך ווי פון פעך, דאָרט וואו ס'וואָלט געדאַרפט אַרבעטן ווי אַ גוט־איינגעשטעלטע מאַשין. דאָ און דאָרט ווערט דער אַפּאַראַט אינגאַנצן פאַרשטאָפּט און עס דויערט אַ צייט ביז מען רייניגט אים דורך. אַמאָל צעברעכט זיך איין טייל ,אַמאָל ווערט קאַליע אַ צווייטער, און ס'איז דאָ גענוג האַרץ־קלעמעניש און גענוג כעס.

אָבער דאָס שרעקט ניט די פירער פון דעם גרויסן קאַמף. זיי ווייסן: אַנדערש האָט דאָס ניט געקאָנט זיין. אַ נייער קלאַס האָט באַקומען די מאַכט. פעלט אים קענטעניש. פעלט אים פּראַקטיק. די אַלטע אינטעליגענץ האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון אים און זיין אידעאַל. די נייע איז נאָך ניט פאַרטיג. און דאָס לאַנד איז געווען אויסגעמאַטערט נאָך פאַר דער רעוואָלוציע, און דער עקאָנאָמישער קערפּער איז געווען אָפּגעשוואַכט און בלוטלאָז נאָך אידער דער אַרבעטער־קלאַס האָט אים אַריינגענומען אין זיינע הענט.

אוועק שוין באַלד זיבן יאָר זינט ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער קריג. אין דער צייט איז ניט מעגלעך געווען צו באַנייען די טעכנישע הילפס־מיטלען פונעם לאַנד — ניט מעגלעך געווען אין אַזאַ מאָס ווי מ'האָט געדאַרפט. די מאַשינען זיינען געוואָרן אַלט און אָפּגעניצט ; די לאָקאָמאָטיוון הוסטן, די

באַנעו זיינען שוואַכער; אַ סך מאַטעריאַלן פעלן אינגאַנצן, אַ סך האָט מען געמוזט פאַרבייטן אויף ערגערע. ווען דערביי איז נאָך די פאַרוואַלטונג פון די פאַבריקן ניט אַזאַ פּיאַינע און די אַרבעטער האָבן זיך ניט אומעטום צוגעוואוינט צו דער נייער אָרדענונג, קאָן מען ניט האָפן, אַז אַלצדינג זאָל גיין ווי אויף פוטער. דאָך בלייבט דער גרויסער פאַקט, אַז דער אַפּאַראַט איז דאָ, אַז ער אַרבעט, אַז ער ווערט אַלעמאָל מער אויסגעבעסערט, אַז די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבעט שטייגט און אַז דאָס לאַנד קאָן זיך באַגיין אָן פּריוואַטע אונטערנעמער.

2. די רוסישע רעוואָלוציע האָט געשאַפן אַ גוואַלדיגן אַפּאַראַט פון פאַרטיילונג. דאָס איז אינגאַנצן אַ נייעס אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. די מלוכה האָט אויף זיך גענומען צו באַזאָרגן יעדן בירגער מיט עסן, מיט קליידער, מיט אַ וואוינונג, מיט הייצונג.

אויך דאָ איז ניט אַלץ גלאַטיג. עס פעלן די נויטיגסטע פּראָדוקטן. עס קומט אָן מיט צרות ביז מען קריגט דאָס ביסל עסן. די איינפאַכסטע געציגן אָדער קליידער. און ניט שטענדיג ווערט אָפּגעהיט דאָס געזעץ פון גלייכהייט. עס איז דאָ אַזוינע וואָס באַקומען מער ווי זייערע חברים, עס איז דאָ אַזוינע וואָס ליידן ביטער. די סיבה איז, וואָס ערשטנס ווערט טאַקע ניט אויסגעאַרבעט אַזויפיל, וויפיל ס׳איז נויטיג פאַר אַלע; צווייטנס איז די אַרבעט פון פאַרטיילונג אינגאַנצן אַ שפּאָגל נייע און מ׳האָט ניט געקענט אין אַזאַ קורצער צייט באַקומען אַ רייכע פּראַקטיק.

3. די רעוואָלוציע האָט דורכגעפירט דאָס אַלגעמיינע געזעץ, אַז ווער עס אַרבעט ניט, דער זאָל ניט עסן. דאָס געזעץ איז ניט געבליבן קיין פרומער וואונטש — עס איז אַן אייזערנע פּראַקטיק אין לעבן. אין רוסלאַנד טאָר איצט ניט זיין קיין בירגער, וואָס טוט גאָרנישט. יעדער איינער מוז זיך פאַרנעמען מיט נוצלעכער, פיזישער אָדער גייסטיגער אַרבעט.

דאָס, טענה׳ט מען, איז געגן דער מענטשלעכער פרייהייט. אָבער מענטשלעכע פרייהייט הייסט ניט — דאָס רעכט אַרומצוגיין פּראַנק און פריי און לעבן אויפן חשבון פון יענעם אָדער לעבן פון דעם האָב און גוטס וואָס אַ טאַטע האָט איבערגעלאָזט בירושה. אודאַי וואָלט געווען בעסער, אַז די מענטשן זאָלן פרייוויליג טאָן אַ נוצלעכע אַרבעט און קיין צוואַנג זאָל מען ניט דאַרפן. אָבער מענטשן ווערן ניט איבערגעאַנדערשט אין צוויי־דריי יאָר און די נייע געזעלשאַפט מוז דערווייל לעבן.

4. די רעוואָלוציע האָט געשאַפן אַ נייע סיסטעם פון געזעצגעבונג און פאַרוואַלטונג. איינס איז אויסער צווייפל: דער סאָוועטן־רעזשים האָט ניט

קיין גלייכן צו זיך אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. און איינ־געפונדעוועט האט ער זיך פעסט איבער דער גאנצער ריזיגער מלוכה.

5. די רעוואלוציע האט געשאפן א נייע ארמיי מיט א נייער פסיכאָ־לאָגיע און נייע געזעלשאפטלעכע אידעאלן.

:: :: ::

און דאס אלץ אין איינע דריי יאר, ניט מער. און געווען איז ברעסט־ליטאָווסק, די דייטשע אריינדרינגונג אין רוסלאנד, די טשעכאסלאוואקן, קאלטשאק, דעניקין, יודעניטש, די יאפאנעזער און ענגלענדער אין סיביר, די ענגלענדער און אמעריקאנער אין ארכאנגעלסק, פעטליורע, די עסטן, די לאטישן, די פאליאקן, וראנגעל, קראנשטאט. און געווען איז: קאנטר־רעוואלוציע, אויפשטאנד, פארשווערונג, האס אין לאנד אויף שריט און טריט. און געווען איז: סאבאטאזש און אלערליי שטערונגען מצד דער אינטעליגענץ. און געווען איז: הונגער און נויט. און געווען איז — אומגעניטקייט.

און געשאפן האט מען אזויפיל, געשאפן אזוי מעכטיג. דאס קען נאר א גרויסע רעוואלוציע פון א גרויסער, נייער געזעלשאפטלעכער קראפט.

און מענטשן קומען און קלאגן זיך: די רעוואלוציע איז באנקראט.

ארעמע בלינדע קריטיקער. א רחמנות אויף זיי. זיי זעען ניט דאס ליכט פון דער געשיכטע.

„פארווערטס", אפריל 20, 1921.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי

1924.

... אויב די רוסישע פּראָלעטארישע רעוואָלוציע האָט געזיגט, איז דאָס א דאַנק דער פירערשאפט פון דער רוסלענדער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אויב די רוסלענדער קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט געקענט פירן די רעוואָלוציאָנערע ארבעטער־מאסן צו א זיכערן זיג, איז דאָס א דאַנק די פּרינציפּן פון באָלשעוויזם, וואָס לענין האָט אנטוויקלט און פּאַרווירקלעכט אין דער פּאַרטיי.

די רוסלענדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז שטענדיג געוועזן א פּאַרטיי פון ארבעטער־מאסן. אין יעדן פּעריאָד, אין יעדער סביבה, — צי די צאָל מיטגלידער איז געוועזן קליין, צי גרויס, צי די מאסן זיינען געוועזן אומרואיג צי שטיל, צי די ארבעט פון אָרגאַניזאציע און פּראָפּאַגאַנדע איז געוועזן שווער צי גרינג, צי די דערפּאָלגן זיינען געוועזן מער אָדער ווייניגער שאַרף, — די רוסלענדער קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט שטענדיג געשטרעבט צו זיין מיט די מאסן, אין די מאסן, צו אָרגאַניזירן אָרטיגע גרופּן (יאַטשעיקעס) צווישן די פּשוטע האָרעפּאַשנע ארבעטער אין די פאבריקן, צו באטייליגן זיך דורך די גרופּן און דורך די אַנדערע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אין דעם טאָג־טעגלעכן קאַמף פון די ארבעטער־מאסן, צו פאָרמולירן און צו געבן זייער רעוואָלוציאָנערן קאַמף די נויטיגע ריכטונג.

די רוסלענדער קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט שטענדיג געגלויבט אין דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט פון די ארבעטער־מאסן. ווען די „עקאָנאָמיסטן", די פּאָרלויפער פון די מענשעוויקעס, האָבן אין די יאָרן 1898־1901 געהאַלטן אין איין טענה'ן, אז דער ארבעטער־קלאַס דאַרף אָפּגעבן זיין גאַנצע ענערגיע צו פארטיידיגן ריין־עקאָנאָמישע פאָדערונגען און לאָזן די בורזשואזיע און בורזשואזע אינטעליגענטן זיך פארנעמען מיט פּאָליטישן קאַמף, האָט לענין שוין פאָרמולירט דעם באַגריף פון פּראָלעטארישער העגעמאָניע, פּראָלעטארישער הערשאפט אין אַלע פאזן און פאָרמען פון קאַמף ביז דער ענד־גילטיגער באפרייאונג. ווען די מענשעוויקעס האָבן אין די יאָרן 1905־1906 געפּרייזיגט בשותפות'דיגע ארבעט מיט דער רוסישער בורזשואזיע אין קאַמף געגן צאַריזם, האָט די רוסלענדער קאָמוניסטישע פּאַרטיי, די דעמאָלסטיגע באָלשעוויקעס, גערופן די ארבעטער צו קעמפן סיי געגן צאַריזם און סיי געגן דער רוסישער בורזשואזיע, וועלכע האָט נאָר אויסגענוצט די רעוואָלוציאָנערע געפאַר צו באַקומען ביי דער זעלבסטהערשאַפט הנחות פאַר זיך, פאַר די פאַרמעגלעכע קלאַסן. ווען די מענשעוויקעס האָבן נאָך דער מפּלה פון דער ערשטער רעוואָלוציע אין 1906 געהאַלטן אין איין טענה'ן, אז מען דאַרף

נעמען די לאַגע ווי זי איז, אַז מען דאַרף אויפגעבן די אונטערערדישע רעוואָ־לוציאָנערע אָרגאַניזאַציע, אַז מען דאַרף זיך צופּאַסן צו לאַנגזאַמער קריכנ־דיגער רעפאָרם־אַרבעט אונטער אַ האַלב־זעלבסטהערשנדיגער אָרדענונג, — האָט די רוסלענדער קאָמוניסטישע פּאַרטיי, די דאַמאָלסטיקע באָלשעוויקעס, נאָכאַנאַנד איבערגעבויט אירע רייען, פאַרבעסערט איר אומלעגאַלן אַפּאַראַט, פאַרשפּרייט איר איינפלוס צווישן די מאַסן, געגרייט זיי צו רעוואָלוציאָנערע מעשים. ווען די סאָציאַליסטן מכל המינים, צוזאַמען מיט דער בורזשואַזיע, האָבן נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע (1917) דערקלערט, אַז די רעוואָלוציע איז געענדיגט, אַז די אַרבעטער־מאַסן האָבן שוין ניט וואָס צו פאַרלאַנגען, אַז אַ בורזשואַזע דעמאָקראַטישע אָרדענונג איז דאָס העכסטע וואָס מען האָט געקענט דערוואַרטן, האָט די רוסלענדער קאָמוניסטישע פּאַרטיי אויסגעשמידט און פאַנאַנדערגעוואָרפן דעם לאָזונג: די גאַנצע מאַכט — די סאָוועטן!״ און האָבן געפירט די מאַסן אין איין שלאַכט נאָך דער אַנדערער, כדי צו פאַר־כאַפּן די מאַכט פון דער מלוכה. ווען די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן, געוועזענע סאָציאַליסטן, האָבן אין די שרעקלעכע יאָרן 1918־1921 אַרויסגעקוקט יעדן טאָג אויף דער מפּלה פון דער נייער אָרדענונג, האָפנדיג אַז הונגער,ליידן, פּיין וועלן אומוואַרפן די פּראָלעטאַרישע הערשאַפט, האָט די רוסלענדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי געוואוסט אויף זיכער, אַז די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע פון די אַרבעטער־מאַסן איז אָן אַ ברעג, אַז אין קאַמף פון די אַרבעטער פאַר אַ בעסערער צוקונפט זיינען זיי גרייט אויסצושטיין דעם שווערסטן נסיון. אויף אָט־דעם פעלז פון רעוואָלוציאָנערער קראַפט האָט די רוסלענדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי געבויט איר בנין — און דער בנין איז פעסט, און קיין שטורעמס וועלן אים ניט רירן פון אָרט.

די רוסלענדער קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז כסדר געווען אַ פּאַרטיי פון האַנדלונג. די פּאַרטיי האָט געשטרעבט צו קאָאָרדינירן אַלע האַנדלונגען פונעם אַרבעטער־קלאַס און צו געבן זיי די ריכטונג פון אַ קאַמף פאַר מאַכט. ניט געווען קיין זאַך אינעם לעבן פון די אַרבעטער־מאַסן, וואָס די פּאַרטיי זאָל זי ניט האַלטן פאַר צו קליין צו פאַרטיידיגן דורך פאַראייניגטער האַנדלונג. ניט געווען קיין זאַך אין דער וועלט פון פּראָלעטאַרישער הערשאַפט, וואָס די פּאַרטיי זאָל עס האַלטן פאַר צו גרויס צו דערגרייכן דורך אויסגעהאַלטענער רעוואָלוציאָנערער האַנדלונג. די פּאַרטיי האָט געפאָדערט פון יעדן מיטגליד, אַז ער זאָל זיין אַקטיוו אין זיין אָרגאַניזאַציע. די פּאַרטיי האָט געפאָדערט פון יעדער אָרגאַניזאַציע און פון יעדן פּאַרטיי־מיטגליד, אַז זיי זאָלן זיין אַקטיוו אינעם אַרבעטער־קלאַס, וואו נאָר זיי קומען מיט אים אין באַרירונג.

די פּאַרטיי האָט געפאָדערט פונעם אַרבעטער־קלאַס, אַז ער זאָל רעאַגירן אויף אַלע געשעענישן אינעם עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און סאָציאַלן לעבן. וואָס ס'זאָל זיך ניט מאַכן — די איינפירונג פון סטאָראָסטעס (שאַפּ־פּאַרטרעטער) אָדער אַ פאַרקלענערונג פון שיכרות, די איינפירונג פון אַ נייעם אַרבעט־געזעץ אָדער אַ באַוועגונג פון סטודענטן, אַ מלחמה מיט אַן אַנדער מלוכה אָדער די איינפירונג פון אַ כלומרשטדיגן פּאַרלאַמענט,—רעאַגירן קאָלעקטיוו, אָרגאַניזירט, פּלאַנמעסיג, ניט פאַרגעסנדיג אויף איין רגע דעם ענדגילטיגן ציל. ווען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז געקומען און דער אַרבעטער־קלאַס האָט געזיגט, האָט די רוסלענדער קאָמוניסטישע פּאַרטיי ערשט גענומען וועקן און רופן און פאַראייניגן דעם אַרבעטער־קלאַס צו פאַרשיידנאַרטיגער האַנד־לונג: אָרגאַניזירן די מלוכה און אָרגאַניזירן די פּאַרטיי, קעמפן געגן קאָנטר־רעוואָלוציע און קעמפן געגן קראַנקהייט, איבערבויען דעם עקאָנאָמישן אַפּאַראַט און איבערבויען די סיסטעם פון בילדונג, אויסראָטן קאָרופּציע און איינפירן אַ נייעם לעבנס־שטייגער אין דער נייער פּראָלעטאַרישער אָרדענונג. „באַוועגט זיך! טוט! פּרוּווט! ווערט ניט אַנטמוטיגט פון אַ דורכפאַל. ווערט ניט צעמישט פון דערפאָלג. אַרבעט, אַרבעט אָן אויפהער, אַרבעט מיט פּלאַן און סיסטעם", — אַזוי האָט כסדר געמונטערט די רוס־לענדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי. זי לערנט מען זאָל זיך פירן פון אייגענע טעות'ן און האָט דעם מוט צו פאַרריכטן דאָרט וואו זי האָט געמאַכט אַן אומגעלונגענעם טריט.

די רוסלענדער קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז כסדר געווען אַ פּאַרטיי פון שטרענגער דיסציפּלין און צענטראַליזם. אָנהויבנדיג פון יענער היסטאָרישער דיסקוסיע אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (אום זומער 1903), ווען מאַרטאָוו דער מענ־שעוויק האָט געפאָדערט, אַז אַ פּאַרטיי־מיטגליד זאָל מעגן זיין יעדערער, „ווער עס העלפט רעגלמעסיג דער פּאַרטיי אונטערן קאָנטראָל פון איינער פון אירע אָרגאַניזאַציעס", בשעת לענין דער באָלשעוויק האָט געפאָדערט „פּערזענלעכן אָנטייל" פון יעדן מיטגליד אין דער אָדער יענער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, — אָנהויבנדיג פון יענעם יאָר 1903 האָט אין דער רוסלענדער קאָמוניסטישער פּאַרטיי געהערשט דער כלל, אַז דער יחיד פאָלגט דעם ווילן פון זיין אָרגאַני־זאַציע אָן שום טענות, אַז דער ווילן פון דער מערהייט איז געזעץ און אַז דער איינציגער מיטגליד מוז דורכפירן און פאַרטיידיגן די באַשלוסן פון זיין פּאַרטיי. אַ דאַנק אָט דער צוזאַמענגעהעריגקייט פון אַלע מיטגלידער האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי געקענט ווערן דאָס וואָס זי איז.

דער קאָמסאָמאָל

1924.

. . . וועט עמיצער פרעגן: וואָס איז די קראַפט, וואָס ציט צום קאָמ־סאָמאָל די ברייטע רוסלענדישע יוגנט? וועט מען מוזן ענטפערן: ניט אין פאַרווייִלונגען, ניט אין בעלער מיט טענץ, ניט אַפילו אין ספּאָרט איז דער כח פונעם יוגנט־פאַרבאַנד, ווי דאָס איז אַ שטייגער אין דעם אַמעריקאַנישן „וואַי־עם־סי־עי", הגם די ספּאָרט־פּראַקטיקע האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט אין די לעצטע פּאָר יאָר צווישן דער רוסישער יוגנט און הגם די יוגנט האָט ליב צו פאַרברענגען אַן אָוונט אין געזאַנג, אין שפּיל, אין שפּאַס, אין אַפּרו. ניט דאָס איז דער עיקר, דער עיקר איז דער ערנסטער געזעלשאַפטלעכער גייסט, דער אינטערעס צו אַלע פראַגן פון דער רעפּובליק, דער אַנטייל אין אַלע פּראַקטישע אַרבעטן פון דער מלוכה, דאָס באַוואוסטזיין, אַז מ'איז די יורשים פון דער רעוואָלוציע, וואָס די טאַטעס האָבן אָנגעהויבן און וואָס די קינדער וועלן דאַרפן דערפירן ביזן סוף; דער עיקר איז די פּרוכטבאַרקייט פון דער אַרבעט, וואָס ווערט דורכגעפירט פון די קאָמסאָמאָלצעס.

קען זיך עפּעס פאַרגלייכן מיט אַ יוגנט, וואָס ווייסט אַז אַלע טויערן זיינען פאַר איר אָפן? קען עפּעס מער באַפליגלען די נשמה, ווי דאָס באַ־וואוסטזיין, אַז מען קען שנעל און טיכטיק פאַרריכטן יעדן פעלער אינעם געזעלשאַפטלעכן בנין, אַבי ס'איז נאָר דאָ דער ווילן? קען עפּעס מער פאַרפעסטיגן דעם ווילן, ווי דער צורוף פונעם עלטערן דור: קומט, קינדער, האַלט אונז אונטער די הענט, שמידט ווייטער דעם אייזן, וואָס מיר האָבן מיט אַזוי פיל קרבנות צעגליט? קען עפּעס מער צעוואַרעמען דאָס האַרץ, ווי דאָס לעבן פון אַ משפּחה, וואו דער טאַטע איז אַ מיטגליד פון דער רוס־לענדער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, די עלטערע קינדער זיינען קאָמסאָמאָלצעס, די ייִנגערע — פּיאָנערן, און אַלע צוזאַמען — פּאַטערס און קינדער — לעבן מיט איין אינטערעס, ברענען אין דעם זעלביגן פלאַם? דאַרף מען זיך דען וואונדערן, וואָס די רוסלענדער יוגנט, דערהויפּט דער רוסלענדער קאָמסאָמאָל, גייט מיט אַזאַ געהויבענעם קאָפּ, שפּאַנט מיט אַזוינע זיכערע טריט, זינגט מיט אַזאַ פרישן קול, קוקט מיט אַזאַ ליכטיק אויג, פאַרגיסט דאָס לאַנד מיט אַזאַ שטראָם פון קראַפט? אַ געגנער מיט אַ צערייצטער גאַל זאָל בעסער ניט קומען קיין רוסלאַנד: ער וועט ניט קענען איבערטראָגן דעם יונגן גייסט, ער וועט ווערן אויפגערעגט פון דער יוגנטלעכער חוצפּה, ער וועט זיך פילן באַליידיגט פון דער שוימענדיגער לעבנסלוסט, ער וועט זיין פאַרוואונדערט פון דער לייכטקייט, מיט וועלכער אינגלעך און מיידלעך נעמען זיך פאַר דער

לייזונג פון די גרעסטע מלוכה־פּראָבלעמען, ער וועט ניט פאַרשטיין די זאָרג־לאָזיגקייט, וואָס שפּריצט פון דער גאַנצער כאַליאַסטרע. ווער עס קוקט אָבער אויף רוסלאַנד מיט רעוואָלוציאָנערע אויגן, דער וועט זיך זאָגן, אַז אויב די רעוואָלוציע וואָלט קיין זאַך ניט אויפגעטאָן, ווי די באַפרייאונג פון דער יוגנט, ווי די שאַפונג פון אָט־דעם פריילעכן ווילד־ברויזנדיגן גייסט פון דעם נייעם דור, וואָלט זי שוין אויך געווען ווערט אַלע קרבנות.

וואָס איז דער קאָמסאָמאָל? ער איז די נייע מענטשהייט אין רוסלאַנד אינעם פּראָצעס פון איר אַנטוויקלונג. ער איז די צוקונפט פון דער רוס־לענדער סאָוועט־רעפּובליק.

דער קאָמסאָמאָל איז אַ געמיש פון גייסטיגער אַרבעט מיט פיזישער אַרבעט: קיין שום נייע שטרעמונג אין דער וועלט פון געדאַנק, קיין שום קולטור־אַרבעט איבער זיך און איבער אַנדערע איז פאַר אים ניט צו שווער! אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער קיין פּיצל ניט מורא פאַר האַמער און ראָד, פאַר מאַשין און אַפּאַראַט, פאַר צירקל און בליישטיפט, פאַר אַקער־אייזן, שנייד־אייזן, דרעש־מאַשין, פעלד, וואַלד און טייך. די אַרבעט־יוגנט ווערט דאָ פאַרבונדן, פאַרקניפּט מיט קולטור.

דער קאָמסאָמאָל איז אַ גליד אין דער משפּחה פון קאָמוניזם. דער קאָמ־סמאָל גייט אין דעם זעלבינן וועג, ווי עס גייט די גאַנצע קאָמוניסטישע פּאַרטיי. דער קאָמסאָמאָל לעבט מיט אַלע פּראָבלעמען פון דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי. אין דער זעלביגער צייט איז ער אָבער אַ שול פון קעמפנדיגן קאָמוניזם, וואו קאָמוניסטישע אַרבעט־מעטאָדן, קאָמוניסטישע אויסגעהאַלטנ־קייט, קאָמוניסטישע דיסציפּלין, קאָמוניסטישע באַציאונג צו פריינט און פיינט ווערן אַנטוויקלט צווישן דער יוגנט.

דער קאָמסאָמאָל איז אַ נאָענטע פאַרבינדונג צווישן שטאָט און דאָרף. דער קאָמסאָמאָל פירט דורך איינע פון די גרעסטע מלוכה־אויפגאַבן פון דער סאָוועט־רעפּובליק: אַריבערציען די פּויערשע באַפעלקערונג אויף דער זייט פון דער נייער אָרדענונג, אַריינפלאַנצן אין דער פּויערשער מאַסע נייע קענטע־נישן און נייע געדאַנקען. מיטן עלטערן דור איז דאָס אָפט שווער, אָפט אוממעגלעך. די דאָרפישע יוגנט רופט זיך אָבער אָפּ. די דאָרפישע יוגנט דערלאַנגט דורכן קאָמסאָמאָל איר ברידערלעכע האַנט דער פּראָלעטאַרישער יוגנט פון דער פאַבריק.

דער קאָמסאָמאָל איז שוין אַ גרויסער פאַקטאָר אין דעם לעבן פון רוסלאַנד. אַ טייל קאָמסאָמאָלצעס דינען אין דער רויטער אַרמיי — און זיי ווענדט זיך אין אַ געוויסער מאָס דער גייסט פון דער רויטער אַרמיי. 74 פּראָ־

צענט פון אלע מאטראסן, וואס דינען אין רוסישן מיליטערישן פלאט, געהערן צום קאמסאמאל. דאס הייסט, אז פאקטיש איז דער גאנצער פלאט אן אר־גאניזאציע פון דעם קאמסאמאל. דער קאמסאמאל רעכנט זיך פאר דעם שעף, דער פראטעקטאר, דער אויבער־אויפזעער איבערן פלאט. אויפן לעצטן קאנ־גרעס פונעם קאמסאמאל איז דער קאמאנדיר פונעם באלטישן פלאט געקומען מיט א באריכט וועגן צושטאנד פונעם פלאט. דאס איז ניט געווען קיין פשוט'ע פארמע; ס'איז ניט געווען קיין אקט פון העפלעכקייט; ס'איז ניט געווען קיין מיטל פון פראפאגאנדע. סיי דער קאמאנדיר, סיי דער צוזאמענ־פאר האבן געוואוסט, אז אן קאמסאמאל וועגדט זיך די קאמפס־פייאיגקייט פונעם פלאט, אז דער קאמסאמאל איז אקטיוו פאראינטערעסירט אינעם צו־שטאנד פונעם פלאט און אז דער קאמסאמאל דארף וויסן אלצדינג, וואס ס'האט א שייכות צו די באזונדערע קרעפטן פון דער רעפובליק.

דער קאמסאמאל איז דער שעף איבער דער ארגאניזאציע פון די יונגע פיאנערן. דער צענטראל־קאמיטעט פונעם קאמסאמאל טיילט אויס חברים צו שטיין אין שפיץ פון די פיאנערן. דער אנפירער פון יעדער פיאנערן־גרופע איז א קאמסאמאלעץ. די גאנצע פאראנטווארטלעכקייט פון דער קינדער־ארגאניזאציע ליגט אויף די קאמסאמאלצעס.

די קאמסאמאלצעס זיינען, ווי די ר. ק. פ., ארגאניזירט אין צעלן (יא־טשעיקעס, נוקליאיי). די ארטיגע צעלן קאאפערירן אויפן ענגסטן אופן מיט די צעלן פון דער רוסלענדישער קאמוניסטישער פארטיי. יעדע ארטיגע צעל האט איר ביורא מיט איר סעקרעטאר. די ארטיגע צעלן זיינען פאראייניגט אין א שטאט־קאמיטעט. די שטאט־קאמיטעטן און די גובערניאלע קאמיטעטן זיינען פאראייניגטן אינעם צענטראל־קאמיטעט, וועלכער שטייט אין שטענ־דיגער פארבינדונג מיט דעם צענטראל־קאמיטעט פון דער ר. ק. פ. דער צענטראל־קאמיטעט גיט ארויס א מאסע זשורנאלן, צייטונגען, ביכער, בראָ־שורן. ער האט א ספעציעלן פארלאג, וואס גיט ארויס הונדערטער טויזנטער עקזעמפליארן ליטעראטור.

די טעטיגקייטן פונעם קאמסאמאל קען מען איינטיילן אין: 1) עקא־נאמישע ארבעט אין שטאט; 2) עקאנאמישע ארבעט אין דארף; 3) פאר־טיי־ארבעט אינעם ענגערן זין פון ווארט; 4) געזעלשאפטלעכע ארבעט, און 5) קולטור־ארבעט אין שטאט און דארף.

וואָס ווילן די מענשעוויקעס?

1921.

ווענן די רעכטע מענשעוויקעס איז ניטאָ קיין ספק צו דערציילן. זייער פּראָגראַם איז קלאָר. זייערע פאָדערונגען קאָן מען אויסדריקן אין צוויי ווערטער: „דאָלאָי סאָוועטי!״ (נידער מיט די סאָוועטן!). די רעכטע מענשעוויקעס ווילן גיין מיטן טייוול אבי אראָפּוואַרפן די קאָמוניסטן. אין זייערע אויגן איז דעניקין און וראַנגעל בעסער איידער לענין. ס'הייסט, ווייסן ווייסן זיי, אַז די ווייסע גענעראַלן זיינען רעאַקציאָנערן. אָבער זיי טראַכטן זיך: בעסער אַ ווייסער גענעראַל אויף אַ ווייל, איידער די סאָוועטן אויף שטענדיג. די רעכטע מענשעוויקעס ווילן אייך אונטערשטיצן יעדן אויפשטאַנד אין רוסלאַנד. זיי ווילן באַגריסן פראַנצויזישע אָדער ענגלישע סאָלדאַטן, וואָס קומען ברעכן די מאַכט פון די סאָוועטן. זיי ווילן זיך פרייען איבער יעדער מפּלה פון דער היינטיגער רוסישער אָרדענונג.

איך האָב באַגעגנט איינעם אַן אָנגעזעענעם מענשעוויק פון דעם סאָרט, דעם געוועזענעם בונדיסט ליבער. ער איז געווען אַזוי פאַרביטערט, אַז אפילו מיט מאַרטאָוו'ן און אַבראַמאָוויטש'ן האָט ער ניט געקאָנט רעדן פריינטלעך. ער האָט זיי געהאַלטן פאַר באָלשעוויקעס. ער האָט זיי געהאַסט ווי שונאים. אויף מיר פּערזענלעך האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ וואָלף, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט הינט פון אַלע זייטן. די זעלביגע בייזקייט. די זעלביגע פאַרביסענע שנאה. דער זעלביגער יאוש. אַ בלייערנער אומעט איז געווען אויף זיין פּנים, און קיין איינציגן מאָל האָט אַ שמייכל ניט באַרירט זיינע ליפּן. אמת, ער איז געווען אָקאָרשט אַרויס פון טורמע, וואו די טשעקאַ האָט אים געהאַלטן אַ פּאָר חדשים. ער איז געווען אַ צעבראָכענער מענטש, און אַ שונא, אַ שונא ביז בלוט. די רעכטע מענשעוויקעס זיינען ניט נאָר געגן די קאָמוניסטן, נאָר געגן דעם גאַנצן סיסטעם פון סאָוועטן. וואָלט געפאַלן די איצטיגע אָרדענונג, וואָלטן זיי אויפגעהאַנגען ניט טויזנט און ניט צען טויזנט קאָמוניסטן. אויפן אָרט פון די סאָוועטן וואָלטן זיי איינגעפירט אַ בורזשואַזע אָרדענונג אויפן דייטשן אָדער פראַנצויזישן שטייגער. אַזוי ווי זיי וואָלטן דערביי געמוזט גיין האַנט אין האַנט מיט די ערגסטע קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן, וואָלט די נייע אָרדענונג מסתמא געווען אַ קאַפּיטאַליסטיש-פריציש-רעאַקציאָנערע.

אבער די צאָל פון אזוינע מענשעוויקעס איז איצט קליין, און ווערט אלעמאָל קלענער. זיי פאַרמאָגן אפילו ניט קיין אָרגאַניזאַציע. זייער איינפלוס איז נישטיג. זייער שטימע לאָזט זיך אין ערגעץ ניט הערן. דער גרעסטער טייל פון די מענשעוויקעס איז איצט אָרגאַניזירט אינעם לינקן פליגל, וואָס טראָגט דעם נאָמען „רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ארבעטער פּאַרטיי", און פּרואווט אַגיטירן צווישן די מאַסן. די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע האָט אירע אָנהענגער צווישן די ארבעטער און נאָך מער צווישן די אינטעליגענטן. מען קאָן זאָגן, אַז זי איז אויף ניין צענטל אַן אָרגאַניזאַציע פון אינטעליגענטן. אויך זי האָט אַ קנאַפּע ווירקונג. אָבער זי לאָזט זיך הערן דאָ און דאָרט אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען (יוניאָנס), אין די פאַרשיידענע צוזאַמענ־פאָרן, אין די סאָוועטן. אויפן לעצטן אַל־רוסישן סאָוועט־צוזאַמענפאָר האָט זי אַפילו געהאַט אַ קליינע פראַקציע און ארויסגעשטעלט דאָרט אַלס רעדנער. אויפן פּראָגראַם פון אָט דער פּאַרטיי איז זיך כדאי אָפּצושטעלן גענויער. איך האָב זיך באַקענט מיט דער פּאַרטיי ניט נאָר דורך ליטעראַטור, נאָר הויפּטזאַכלעך דורך געשפּרעכן מיט חבר אַבראַמאָוויטש, איינעם פון די לינקע מענשעוויסטישע פירער.

אין גרונט פון דער פּראָגראַם ליגט דער געדאַנק, אַז די רוסישע רעוואָ־לוציע איז פאַרגאַנגען צו ווייט און מען דאַרף זיך אומקערן צוריק. איינפירן סאָציאַליזם, זאָגן די מענשעוויקעס, איז איצט ניט מעגלעך. נאַציאָנאַליזירן די גאַנצע אינדוסטריע פונעם לאַנד איז אַ ווילדע אוטאָפּיע. מאַכן פונעם פויער אַ סאָציאַליסט באַשעפעניש וועט אויך ניט געראָטן. פאַרלאָזן זיך אויף אַ נאָענטער רעוואָלוציע אין מערב־אייראָפּע איז אַן אומזין. בלייבט איינס: אוועק צוריק. מען דאַרף מאַכן אַזוי, אַז דאָס עקאָנאָמישע און פּאָליטישע סיסטעם זאָל פּאַסן דער איצטיגער שטופע פון סאָציאַלער אַנטוויקלונג אין רוסלאַנד.

ווי ווייט אָבער זאָל מען גיין צוריק? די לינקע מענשעוויקעס ווילן זיך ניט אומקערן אַזש צו קערענסקי'ס צייטן. דאָס האַלטן זיי פאַר אומ־מעגלעך. דאָס האַלטן זיי אפילו פאַר שעדלעך. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, זאָגן זיי, איז אַ פאַקט, און אויף אים דאַרף מען בויען. די לינקע מענשעוויקעס אַנערקענען, ערשטנס, דאָס סיסטעם פון די סאָוועטן, ווי עס האָט זיך איינ־געשטעלט אין רוסלאַנד; צווייטנס אַנערקענען זיי די דיקטאַטור פון פּראָלע־טאַריאַט. דאָס הייסט, זיי האַלטן, אַז דער ארבעטער־קלאַס דאַרף האָבן מער פּאָליטישע רעכט אין דער איצטיגער איבערגאַנגס־צייט, איידער די פויערים; דריטנס, אַנערקענען זיי, אַז רוסלאַנד איז אריינגעטראָטן אין דער עפּאָכע

פון א סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס וועט איבערבויען דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע לעבן פונעם לאַנד; פערטנס האַלטן זיי, אַז די וויכטיגסטע אינדוסטריע־צווייגן דאַרפן נאַציאָנאַליזירט ווערן, אַז דער האַנדל מיט די אַנדערע מלוכות דאַרף אויך זיין נאַציאָנאַליזירט, אַז די מלוכה דאַרף קאָנטראָלירן דאָס גאַנצע אינדוסטריעלע לעבן; פינפטנס, געפינען זיי, אַז מען דאַרף אַנטוויקלען אין דאַרף צווישן די פויערים א סאָציאַליסטישן פונדאַמענט; זעקסטנס, זיינען זיי איבערצייגט, אַז אייראָפּע לעבט איצט איבער א תקופה פון סאָציאַלער רעוואָלוציע און אַז פון דעם איצטיגן תהו ובוהו וועט אויסוואַקסן א סאָציאַליסטישע וועלט. אין אָט די פונקטן זיינען די לינקע מענשעוויקעס מסכים מיט די באָלשעוויקעס. אין אָט די פונקטן זיינען זיי ווייט אָפּגעשיידט פון די רעכטע מענשעוויקעס. פאַראַן אָבער אויך א מאַסע פונקטן, וואו זיי שטימען ניט איין מיט די באָלשעוויקעס.

איך האָב לאַנג גערעדט מיט מיין פריינט אַבראַמאָוויטש. ווען ער האָט געענדיגט דערקלערן זיין פּראָגראַם, האָט ער געזאָגט בזה הלשון: „איך בין זיך מודה, אַז אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי גופא איז פאַראַן א פליגל, וועלכער פאָדערט דאָס זעלביגע וואָס מיר. מען וואָלט אונז אפשר געקאָנט אָנרופן דער רעכטער קאָמוניסטישער פליגל". פונדעסטוועגן זיינען די מענשעוויקעס פאַרביסענע געגנער פון דעם איצטיגן רעזשים. פונדעסטוועגן ווערט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פאַרפאָלגט פון די קאָמוניסטן.

ווי קומט עס?

איך האָב זיך לאַנג געוואונדערט איבער אָט דער סתירה. איך האָב ניט געקענט פאַרשטיין די שנאה ביז איך האָב איינגעזען, אַז דער אָפּגרונט איז דאָ ניט קיין אידעאָלאָגישער נאָר א פּסיכאָלאָגישער: ניט דערפאַר קריטיקירן די מענשעוויקעס ווייל זיי אָנערקענען ניט דאָס פּראָגראַם, נאָר דערפאַר אָנערקענען זיי ניט דאָס פּראָגראַם, ווייל זיי האַסן די באָלשעוויקעס. וואָלטן זיי אַליין געהאַט די מאַכט, וואָלטן זיי מסתמא געפירט דאָס רעדל אין דער זעלביגער ריכטונג. לאַגיש האָט זיי דאָס לעבן געצוואונגען אָנצונעמען די הויפּט־פונקטן פון דער קאָמוניסטישער פּראָגראַם. פּסיכאָלאָגיש קאָנען זיי ניט איבערקאָכן די איצטיגע אָרדענונג.*)

מיטן אָננעמען די קאָמוניסטישע פונקטן איז אויך ניט אַזוי גלאַט. די מענשעוויקעס האָבן דאָך ניט מיטן גוטן ווילן אָנערקענט די פּראָגראַם. צוריק מיט צוויי און מיט דריי יאָר האָבן זיי דאָך ניט געוואָלט וויסן פון דער נייער

---

*) זע פאָרוואָרט. — רעדאַקציע פונעם בוך.

אָרדענונג. זיי האָבן דאָך געגלויבט, אַז אַט־אָט פאַלט די מאַכט פון די סאָוועטן און דעמאָלט ערשט וועט אויף רוסלאַנד אָנקומען אַ גאולה. ערשט ווען זיי האָבן איינגעזען, אַז די סיסטעם שטייט פעסט, אַז עס האָט כח צו שטרייטן געגן אינעווייניגסטן און אויסערוויינינגסטן שונא און אַז עס פאַר־אייניגט רוסלאַנד און שמידט דערפון אַ נייע גרויסע מאַכט, האָבן זיי גע־נומען ענדערן זייער האַלטונג. ערשט ווען זיי האָבן פון דער ביטערער פּראַקטיק געלערנט צו פאַרשטיין, אַז ס'איז פאַראַן נאָר איין אויסוואַל: ענטוועדער אַ קאָלטשאַק, אָדער די סאָוועטן — האָבן זיי דערקלערט, אַז זיי נעמען אָן דעם פונדאַמענט פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. דערקלערט האָבן זיי דאָס אויף פּאַפּיר — אין האַרצן איז אָבער געבליבן די אַלטע פאַרביטערט־קייט, פאַרזשאַווערטע שנאה, און אָט די שנאה איז אָפטמאָל שטאַרקער, איידער אַלע פּראָגראַם־פּונקטן און אַלע קלינגענדיגע דעקלאַראַציעס.

מען דערקלערט פייערלעך, אַז מען „באַגריסט די זין פון דער רויטער אַרמיי און מ'איז שטאָלץ מיט דעם קאַמף פון די אַרבעטער און פּויערים געגן דער קאָנטר־רעוואָלוציע". אין דער זעלביגער צייט פאַרכלינעט מען זיך אַזש פון פאַרגעניגן, דערציילנדיג, אַז דאָרט איז פאָרגעקומען אַ סאָל־דאַטסקער בונט, דאָרט אומרוען אין גאַרניזאָן (געוויינלעך זיינען די קלאַנגען פאַלש אָדער איבערטריבן), דאָרט האָבן די סאָלדאַטן געבראָכן די מיליטערישע דיסציפּלין. מען ווייס זייער גוט, אַז אויב אַזוינע זאַכן וואָלטן פאָרגעקומען אומעטום אין אַ ברייטער מאָס, וואָלט ניט געקאָנט זיין קיין זיג פון דער רויטער אַרמיי און קיין קאַמף געגן די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע קרעפטן. אָבער מען פרייט זיך פאָרט איבער די אַלע קלאַנגען, און מען איז העכסט צופרידן מיטן קראָנשטאַדטער אויפשטאַנד.

מען שרייבט מיט גרויס פּאָמפּע, אַז מען אָנערקענט די מאַכט פון די סאָוועטן און דאָס גאַנצע נייע סיסטעם. אין דער זעלביגער צייט פרייט מען זיך, וואָס די פּויערים מאַכן בונטן, וואָס זיי זאָגן זיך אָפּ צו געבן ברויט. מען דאַרף ניט זיין קיין פּאָליטישע גאונים צו פאַרשטיין, אַז אויב דער פּויער בונטעוועט זיך, איז ניט ווייל ער וויל אַ בעסערע אָרדענונג, נאָר ווייל ער וויל איבערהויפּט ניט אָנערקענען קיין שום מאַכט, ווייל ער וויל אַליין פרעסן די פּרוכט פון דער פאַרכאַפּטער ערד און זיך מיט קיינעם ניט טיילן. וואָלט דער פּויער געזיגט, וואָלט ער פאַרשקלאַפט דעם שטאָטישן אַרבעטער און בכלל אָפּגערוקט דעם ווייזער פון דער געשיכטע אויף אַ הונדערט יאָר צוריק. מען ווייסט דאָס — אָבער דאָך קוועלט מען פון אַ פּויערשן אויפ־שטאַנד.

מען ווייסט, אַז אין אַ צייט פֿון מלחמה קאָן מען זיך ניט באַגיין אָן אַרבעט־דיסציפּלין. מען ווייסט, אַז אין אַזאַ אָפּגעשוואַכט און ניט־אָרגאַניזירט לאַנד ווי רוסלאַנד וואָלט ניט מעגלעך געווען צו קעמפֿן געגן קריזיס, סיידן מען פֿאַרפּליכטעט יעדן אַרבעטער און יעדן בירגער צו טאָן אַרבעט. אין דער זעלביגער צייט פּראָטעסטירט מען מיט אַלע כּחות געגן דער צוואַנגס־קראַפֿט פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראייניגן און מען פֿאָדערט, אַז זיי זאָלן ווערן „פֿרייע" אַנשטאַלטן, דאָס הייסט זיי זאָלן קענען אָרגאַניזירן שטרייקן און פּראָטעסטן געגן דער אַרבעטער־רעגירונג. אין דער זעלביגער צייט קריטיקירט מען די באָלשעוויקעס פֿאַר דער קנאַפּער אויסאַרבעטונג פֿון פּראָדוקטן.

מען שרייבט שוואַרץ אויף ווייס, אַז אָן אויסלענדישן קאַפּיטאַל וועט רוסלאַנד ניט אַרויס פֿון דעם קלעם. מען שרייבט פּונקט אַזוי שוואַרץ אויף ווייס, אַז נאַציאָנאַליזירן די וויכטיגסטע רוסישע אינדוסטריען איז געווען נויטיג אין אַז קיין פּריוואַט־קאַפּיטאַל אין דער גרויס־ און מיטל־אינדוסטריע טאָר מען אין רוסלאַנד ניט דערלויבן. מ'איז גענוג אויפֿגעקלערטע עקאָנאָמיסטן צו פֿאַרשטיין, אַז קיין היסטאָרישע סתירה איז אין דעם ניטאָ: וואָרים איין זאַך איז ווען דער קאַפּיטאַל באַזיצט די מאַכט אין דער מלוכה און קאָנטראָלירט די אַרבעטער, און אַן אַנדער זאַך איז, ווען די אַרבעטער באַזיצן די מאַכט אין דער מלוכה און קאָנטראָלירן דעם אויסלענדישן קאַפּיטאַל. די זאַך איז קלאָר. פֿונדעסטוועגן רייבן זיך אונזערע מענשעוויקעס די הענט און טענה'ן מיט נצחון: אַהאַ, איר ווילט איצט אַריינלאָזן אויסלענדישן קאַפּיטאַל צו עקספּלואַטירן די רוסישע מאַסן, טאָ צו וואָס האָט איר געדאַרפֿט פֿאַרניכטן דעם היימישן קאַפּיטאַל?

מען שרייבט אין אָפֿיציעלן אָרגאַן, אַז אין משך פֿונעם יאָר „האָט די באָלשעוויסטישע דיקטאַטור געטאָן אַן אַרבעט, אַ נויטיגע פֿאַר די ריזיגע פֿאָלקס־מאַסן, וועלכע זיינען ווייט פֿון קאָמוניזם", אָבער אין משך פֿון די אַלע דריי יאָר האָט מען אין דער דאָזיגער דיקטאַטור געפֿונען לויטער חסרונות, לויטער קאָרופּציע, לויטער מיאוסקייט און לויטער שאָדן פֿאַרן לאַנד.

עס איז קלאָר: דאָס איז ניט קיין פֿראַגע פֿון פּראָגראַם. עס איז אַ פֿראַגע פֿון געפֿילן. די מענשעוויקעס קאָנען ניט פֿאַרטראָגן די באָלשעוויקעס. זיי קענען זיי ניט פֿאַרגעבן וואָס זיי הערשן. דאָ העלפֿן ניט קיין שום טענות. דאָ איז דער שכל מאַכטלאָז.

על פּי שכל וואָלט אויסגעקומען, אַז אויב ס'איז דאָ אַזאַ קליינער אונטערשייד צווישן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און די קאָמוניסטן, און אויב דאָס לאַנד געפֿינט זיך אין אַזאַ ביטערער לאַגע, וואָלט מען זיך געדאַרפֿט פֿאַראייניגן

און העלפן בויען מיט פארשטארקטע כחות און בויענדיג קריטיקירן וואס פאלש איז און וואס אוטאפיש. אזוי טוען טאקע מאסן קאמוניסטן, וועלכע זיינען ניט מסכים מיט דעם אדער יענעם פראגראם־פונקט. אזוי דארפן טאן פריינט, וואס גייען זיך פאנאנדער אין איינעגע פרטים, אבער קאנען ארבעטן אין איינעם. דאס איז דער דרך פון שכל.

דער דרך פון שנאה איז אבער אנדערש. שנאה פארלאנגט: אגיטירן אין דער ארמיי ניט פאר דעם גרויסן אוצר פון רעוואלוציע, נאר געגן די קלענערע חסרונות פון דער קאמוניסטישער פראגראם, כאטש דורך דעם ווערט די ארמיי דעמאראליזירט און די גאנצע רעוואלוציע ווערט געשטעלט אין געפאר. שנאה פארלאנגט: אגיטירן צווישן די ארבעטער ניט פאר אן אויסגעהאלטענער ארבעט־דיסציפלין און פאר נאציאנאליזאציע פון די וויכטיגסטע אינדוסטריען, נאר פארן רעכט צו סטרייקן אין מלחמה־צייט, כאטש דורך אזא אגיטאציע ווערט אפגעשוואכט דער גייסט פון די ארבעטער און די שאפונגס־קראפט פון דער רעוואלוציע ווערט פארלענערט. שנאה פארלאנגט: אגיטירן צווישן די פויערים פאר אן אפזאג צו געבן תבואה, כאטש דערמיט ווערט דאס גאנצע לאנד אוועקגעשטעלט פאר א בלוטיגן קריזיס.

נו, און די קאמוניסטן פון זייער זייט קענען אט דעם גייסט פון די לינקע מענשעוויקעס און ווילן אים ניט ליידן. זעצט מען זיי אין טורמע. לאזט מען זיי ניט רעדן אויף פארזאמלונגען. דערלויבט מען זיי ניט קיין צייטונג. האט מען צו זיי ניט אנגעווענדעט די נאוועמבער־אמנעסטיע (דריטער יארטאג פון דער רעוואלוציע). יאגט מען זיי און מען פארשפאט זיי. פרעגן די מענשעוויקעס: היתכן? מיר שטייען דאך אויפן באדן פון דער אקטאבער־רעוואלוציע, טא ווי קען מען אונז אזוי באהאנדלען?

פלאקערט די שנאה אויף ביידע זייטן. און ס'איז ווייט פון שלום. די באלשעוויקעס פון זייער זייט ווילן ניט נאכגעבן אויף קיין האר: אדער אננעמען דאס גאנצע פראגראם זייערס ביזן לעצטן קלענסטן פונקט, אדער מענטשן זיינען מחוץ למחנה.

„פארווערטס", 3טער יוני, 1921.

פרעגט אים...

‎.1925

פרעגט אים — אַבראַמאָוויטש׳ן — פאַרוואָס האָט ער אויפגעהערט באַקעמפן די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט און די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה און פאַרוואָס וויל ער באַשאַפן דעם איינדרוק, אַז די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע איז טאַקע אַן אָרדענונג פון פרייהייט. אַמאָליגע יאָרן, ווען אונז איז אויסגעקומען אַפילו צו קעמפן געגן דער זעלבסטהערשאַפט פונעם צאַר, פלעגן מיר ניט מאַכן פון דעם מערב־אייראָפּייאישן פּאַרלאַמענטאַריזם קיין אידעאַל. דער זעלביגער אַבראַמאָוויטש פלעגט דעמאָלט זאָגן, אַז פּאַרלאַמענטאַריזם איז אוודאי בעסער פון אַבסאָלוטיזם, אָבער פּאַרלאַמענטאַריזם ברענגט נאָך ניט קיין באַפרייאונג פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס. זאָל זיין, אַז באָלשעוויזם איז פּונקט אַזוי שלעכט ווי צאַריזם, ווי אַבראַמאָוויטש וויל אונז מאַכן צו גלייבן, דערפון איז דאָך אָבער דער בורזשואַזער פּאַרלאַמענטאַריזם ניט געוואָרן בעסער. פאַרוואָס־זשע באַקעמפט אַבראַמאָוויטש נאָר דעם באָלשעוויזם און פאַרוואָס איז דער בורזשואַזער פּאַרלאַמענטאַריזם ביי אים געוואָרן גוט און וואויל? פאַרוואָס האָט אַבראַמאָוויטש אויפגעהערט צו קריטיקירן די בורזשואַזע אָרדענונג? פאַרוואָס זאָגט ער קיינמאָל ניט, אַז די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע איז אַ פיינט פונעם אַרבעטער־קלאַס? פאַרוואָס העלפט ער מיט זיין אַגיטאַציע פאַרשטאַרקן די קלאַסן־הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע?

פרעגט אים, פאַרוואָס איז זיין פּאַרטיי פאַרשוואונדן פונעם פּנים פון דער רוסישער ערד און פאַרוואָס האָבן אַלע איבעריגע אַנטי־באָלשעוויסטישע פּאַרטייען אָנגעוואָרן אין רוסלאַנד יעדע ממשות? ער איז דאָך, זאָגט ער, אַ מאַרקסיסט. ער ווייסט דאָך דעם אַלטן מאַרקסיסטישן כּלל, אַז געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען זיינען אַ רעזולטאַט פון עקאָנאָמישע כּחות; אַז דורך פאַרפאָלגונגען האָט מען קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט קיין באַוועגונג, וואָס האָט אַ וואָרצל אין סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן. טאָ פרעגט אים, ווי קומט עס, וואָס די מענשעוויסטישע באַוועגונג און די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג ווערן אַלץ שוואַכער און שוואַכער. פאַרוואָס, ווען די פּאַרטייען האָבן געליטן די גרעסטע רדיפות אונטער די צאַרן, זיינען זיי דאָך געוואָקסן און געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז אַפילו די רעגירונג פון ניקאָלאַיען האָט זיי געמוזט געבן הנחות? איז דאָס ניט אַ באַווייז, אַז די רוסלענדישע אַרבעטער דאַרפן ניט האָבן ניט די מענשעוויקעס, ניט די עס־ערן? איז דאָס ניט אַ

באוויז, אז אבראמאָוויטש מיט זיין כנופיא קעמפן א היסטאָריש־פּאָר־לאָרענעם און דעריבער רעאַקציאָנערן קאַמף?

פרעגט אים, פאַרוואָס זיינען די רוסישע קרעמער אים טייערער ווי די רוסישע אַרבעטער? פאַרוואָס פאַרדריסט אים די רעכטלאָזיגקייט פון דער בורזשואַזיע אין סאָוועט־רוסלאַנד א סך מער ווי די רעכטלאָזיגקייט פון די אַרבעטער אין די אייראָפּייאישע לענדער? אויב ער איז א פריינט פון אַלע אונטערדריקטע, אַפילו פון דער אונטערדריקטער רוסישער בורזשואַזיע, טאָ פאַרוואָס רעדט ער קיין וואָרט ניט וועגן די מיליאָנען דייטשע אַרבעטער, וואָס ווערן אונטערדריקט אונטער דעם דאָוז־פּלאַן? אויב ער באַקלאָגט זיך אַזוי ביטער אויף די רוסישע קאָמוניסטן, וואָס ער וויל אונז איינרעדן, אַז זיי פאַרטיידיגן ניט גענוג די אינטערעסן פון די רוסישע אַרבעטער, טאָ פאַרוואָס חבר'ט ער זיך מיט די גאָמפּערסיסטן, וואָס ער ווייסט אויסגעצייכנט, אַז זיי שעדיגן די אינטערעסן פונעם אַרבעטער־קלאַס? און נאָך אַמאָל: פאַרוואָס רעדט ער אַזויפיל פון קרעמער, הענדלער, מעקלער, לופט־מענטשן אין סאָוועט־רוסלאַנד און רעדט ניט פון אַרבעטער, האַרעפּאַשניקעס, פּראָלעטאַריער אין די לענדער, וואו זיין צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט וואָס צו זאָגן?

פרעגט אים, פאַרוואָס זאָגט ער ניט קיין קלאָרע דיבורים, וואָס זיי וואָלטן געטאָן, ער מיט זיינע חברים, ווען זיי וואָלטן מאָרגן איבערגענומען די מאַכט אין רוסלאַנד? וואָלטן זיי אומגעקערט די פאַבריקן און גרובן צו זייערע פריערדיגע באַלעבאַטים, אָדער ניט? וואָלטן זיי אָפּגעשאַפט די נאַציאָנאַליזאַציע פון די בענק, אייזנבאַנען, אויסן־האַנדל, אָדער ניט? וואָלטן זיי געמאַכט אַזוי, אַז יעדער קאַפּיטאַליסט זאָל מעגן פריי עקספּלואַטירן די אַרבעטער, אָדער ניט? פאַרוואָס אַנטוויקלט ניט אבראַמאָוויטש זיין פולע פּראָגראַם פאַר די היגע אַרבעטער? פאַרוואָס באַנוגנט ער זיך מיט קריטיק אַליין? האָט ער אפשר מורא, אַז אַפילו די ווייניג־באַוואוסטזיניגע אַרבעטער וועלן אים אויספייפן, ווען זיי וועלן הערן זיין פּלאַן פון איינפירן צוריק די ברכה פון קאַפּיטאַליזם? פאַרוואָס דערציילט ער ניט וואָס פאַר א מלוכה־אָרדענונג זיי וואָלטן איינגעפירט, ער מיט זיינע חברים, ווען זיי האָבן די מאַכט?

פרעגט אים, פאַרוואָס דערקלערט ער ניט, ווי אַזוי עס האַלט זיך די סאָוועט־רעפּובליק און ווי אַזוי זי האָט נאָך א מעגלעכקייט צו פאַרבעסערן די לאַגע. ווען ער דאַרף דערקלערן פאַרוואָס אויסלענדישע באַזובער קענען ניט דערגיין דעם אמת וועגן רוסלאַנד, פוילט ער זיך ניט און רעכנט אויס

אַ צאָל פון גוטע זאַכן, וואָס דער גאַסט קען זען אויף שריט און טריט: רויטע פאָנען, יוגנט, קינדער, אַרבעטער, פּויערים, אַלץ מיט רויטע פאָנען, מיט באַגייסטערונג, מיט פּלאַקאַטן, מיט הייסע רעדעס, פּאַראַדן מיט הונדערטער טויזנטער מענטשן, שיינע מיטינגען, פאַבריקן וואָס אַרבעטן גאַנץ גוט, צופרידענע מענטשן, אָרדענונג, שיינקייט, ליבנסווירדיגקייט. פרעגט אים: אויב די אַלע גוטע זאַכן זיינען מעגלעך, טאָ פון וואַנען האָבן זיי זיך גענומען? ווידער צוריק, אויב ס'איז אמת, אַז אי די אַרבעטער האַסן די קאָמוניסטן, אי די פּויערים האַסן די קאָמוניסטן, טאָ אויף וואָס האַלט זיך זייער הערשאַפט? אויב די קאָמוניסטן זיינען טויגעניכטסן און פאַרברעכער, ווי קען דאָס לאַנד פּראָגרעסירן עקאָנאָמיש אונטער זייער פירערשאַפט? אויב די באָלשעוויקעס זיינען אַזוי אומבאַליבט, וואָס־זשע גייען ניט די מאַסן צו די מענשעוויקעס? מורא פאַר שטראָף? פון ווען אָן האָט שטראָף אָפּגעשטעלט די מאַסן פון דראַנג צו פרייהייט? און ווי קענען די הערשער באַשטראָפן, אויב די אַרמיי און די מאַסן זיינען זייערע שונאים?

פרעגט אים, פאַרוואָס ער איז אַזאַ חשוב ביי דער רוסישער בורזשואַזער עמיגראַציע, אַפילו ביי די מאָנאַרכיסטן, און פאַרוואָס איז ער צו שפּאָט און צו שאַנד ביי די אַרבעטער אין סאָוועט־רוסלאַנד?

אדרבה, זאָל ער אייך דערקלערן.

(געדרוקט אין דער „פרייהייט" פון 7טן פעברואַר, 1925, ווען ר. אַבראַמאָוויטש האָט זיך געפונען אין אַמעריקע אויף אַן אַנטי־סאָוועטישן פּראָפּאַגאַנדע־טור.)

אַבראַמאָוויטש'עס ערע

1925.

ר. אבראַמאָוויטש, דער שליח פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, איז ניט צופרידן מיט די אַמעריקאַנישע קאָמוניסטן. מיר האָבן אויף אים דערפאַר ניט קיין פאַריבל. מיר האָבן אויפגעדעקט זיין פּיזיאָנאָמיע. מיר האָבן אים געצוואונגען צו ווייזן די אַמעריקאַנישע אַרבעטער בכלל און די אידישע בפרט, וואו ער שטייט. אין אַ בריוו, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין עטלעכע צייטונגען, אויף אידיש און אויף ענגליש, רעדט ער וועגן דער „ענערגישער זעלבסטשוץ פון אונזערע גענאָסן". ער פאַרגעסט אָבער צו זאָגן, אַז אָט־די „זעלבסטשוץ" האָט געראַבאָטעוועט מיט דער הילף פון פּאָליציי, שפּיאָנען און כוליגאַנעס. דער פּלעק פון אָט־דער „זעלבסטשוץ" וועט אייביג ברענען אויפן שטעלן פון דעם סאָציאַליסטישן קאָנטר־רעוואָלוציאָנער.

אבראַמאָוויטש איז ניט גליקלעך מיט דעם קבלת־פּנים, וואָס די אַרבעטער האָבן אים געגעבן. ער קען אָבער ניט מודה זיין, אַז די אַרבעטער דעמאָנ־סטרירן געגן אים צוליב זיין פּאָליטישער פּלאַטפאָרמע. ער וויל זיך און אַנדערע איינרעדן, אַז געגן אים איז דאָ עפּעס אַ ספּעציעלע פאַרשווערונג, אַז מען „פאַרשפּרייט וועגן אים, אין טונקעלער פאָרם, די שענדלעכסטע און מיאוס'טע רכילות". ער בארופט זיך ספּעציעל אויף מיר, אַז איך בין „דער איניציאַטאָר פון דער שמוציגער און געמיינער פּערזענלעכער העצע", וואָס ווערט געגן אים אָנגעפירט.

עס וואָלט ניט נויטיג געווען זיך אָפּצורופן אויף אָט־דעם ארויסטריט פון דעם פאַרצווייפלטן מענשעוויק. מיר פירן אונזער פּראָפּאַגאַנדע אָפענער־הייט, פאַר די אויגן פון די אַרבעטער, און די, וואָס זיינען געקומען צו אונזערע מיטינגען און געלייענט אונזערע אויסגאַבעס, ווייסן, אַז מיר פירן אַ פּאָליטישן קאַמף, און ניט קיין פּערזענלעכע העצע. מיר ווייזן אָן, אַז אבראַמאָוויטש איז אַ פאַררעטער, ווייל ער האָט פאַרראַטן די גרויסע פּראָלע־טאַרישע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און ווייל ער האָט געהאַלטן אין איין פאַרראַטן דאָס, וואָס ער האָט פריער ארויסגעגעבן אַלס זיין ערנסטע איבערצייגונג.

איך, פּערזענלעך, האָב אין 1920 אַ סך מאָל געהערט פון אבראַ־מאָוויטש'ן, וועלכער האָט נאָך דעמאָלט געלעבט אין מאָסקווע, אַז ער שטייט אויף אַ סאָוועטישער פּלאַטפאָרמע, אַז ער אָנערקענט די גאַנצע סאָוועטישע קאָנסטיטוציע, אַז ער איז נאָר ברוגז אויף דער קאָמוניסטישער רעגירונג,

וואָס זי פירט ניט דורך „אירע אייגענע רעוואָלוציאָנערע געזעצן”. שפּעטער מיט עטלעכע חדשים האָט שוין אַבראַמאָוויטש געפירט אַ פאַרביסענעם קאַמף געגן דער גאַנצער סאָוועט־רעפּובליק. איך האָב פון אַבראַמאָוויטש'ן געהערט די פאָדערונג פון אַ נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, דעמאָלט, ווען די פּאָליטיק איז נאָך געווען אוממעגלעך; אָבער שפּעטער, ווען מען האָט די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק איינגעפירט, האָט אַבראַמאָוויטש נאָר פאַרשטאַרקט זיין קאַמף געגן דער מאַכט פון די סאָוועטן. איך, פּערזענלעך, האָב געהערט פון אַבראַמאָוויטש'ן, אַז ער שטייט נעענטער צו דער סאָוועט־רעגירונג ווי צו די רעכטע סאָציאַליסטן; אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום האָט אַבראַמאָוויטש געפונען זיין אייביגע רו אין די אָרעמס פון די שיידעמאַנס און נאָסקעס. דאָס איז פאַררעט — פאַררעט צו זיך אַליין. דאָס איז אַ באַווייז, אַז אַבראַמאָוויטש מיינט ניט ערנסט מיט זיינע פּרינציפּן, נאָר ער נוצט זיי ווי געווער צו באַקעמפן די סאָוועט־רעפּובליק. דאָס זאָגן מיר אויף אונזערע פאַרזאַמלונגען און אין אונזער פּרעסע, און אָפּשטעלן זיך דערויף גענויער איז ניט נויטיג.

אָבער אַבראַמאָוויטש האָט אַריינגעבראַכט אַ נייעם עלעמענט אין זיין פאַרצווייפלטן קאַמף: ער דערציילט, אַז „דער מענטש, וואָס האָט אים געלט געליען און אַזוי אַרום געמאַכט מעגלעך זיין אָפּפאָרן קיין אויסלאַנד, איז געווען מאָיסעי אָלגין, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אין רוסלאַנד”. אַבראַמאָוויטש, וועלכער באַקלאָגט זיך אויף פּערזענלעכע פאַרפאָלגונגען, האָט זיך דאָ אַליין גענומען צו אַ פּערזענלעכן מיטל. וואָס איז ער דערמיט אויסן? ער וויל באַשאַפן דעם איינדרוק, אַז אין יאָר 1920 בין איך מיט אים געווען איינפאַרשטאַנען, אַז איך בין דעמאָלט געווען אַ געגנער פון דער סאָוועט־רעפּובליק און האָב אים דעריבער געהאָלפן אַרויספאָרן פון רוסלאַנד. אָפּלייקענען אָט די אָנצוהערעניש איז באמת ניט נויטיג. די אַרבעטער געדענקען מיינע אַרטיקלען, וואָס איך האָב געשריבן אין „פאָרווערטס” אין 1921, באַלד ווי איך בין געקומען פון רוסלאַנד. די אַרבעטער געדענקען וואָס איך האָב געשריבן וועגן „די מענשעוויקעס, וואָס בילן אויף דער לבנה”. די אַרבעטער איבערן גאַנצן לאַנד געדענקען מיינע לעקציעס און רעדעס. אַ פאַקט איז, אַז נאָך פאַר 1921, נאָך אָנהויבנדיג פון 1918, האָב איך, ניט זייענדיג קיין קאָמוניסט, אי אין דער פּרעסע, אי אויף פאַרזאַמלונגען, אין דער אידישער און ענגלישער שפּראַך, געקעמפט פאַר סאָוועט־רוסלאַנד. מיין באַזוך אין רוסלאַנד אין 1920־1921 האָט נאָר פאַרשטאַרקט מיין איבערגעבנקייט צו דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע און מיר געגעבן אַ קלאָר בילד

וועגן קאָמוניזם און קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. דאָס איז באַקאַנט די קלאַסן־באַוואוסטזיניגע אידישע ארבעטער, און ס'איז איבעריג וועגן דעם צו דערציילן. אבראַמאָוויטש'עס אינסינואַציע וועט ניט נאַרן אפילו די אָפּ־געשטאַנענע עלעמענטן. אָבער זיין איצטיגע אַרויסטרעטונג וואַרפט אויף אים אַ באַזונדער ליכט — און וועגן דעם איז נויטיג צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער.

ווי עס ווייזט זיך אַרויס פון זיין אָפּענעם בריוו, האָט אַבראַמאָוויטש מיך אָפּגעוואָרט אין 1920. איך האָב וועגן דעם ניט געוואָלט דערציילן, ווייל איך האָב געהאַלטן, אַז פּערזענלעכע זאַכן דאַרף מען ניט אַריינמישן אין פּאָליטישן קאַמף, ווען עס איז אַזוי אויך דאָ איבערגענוג מאַטעריאַל צו באַווייזן די אמת'ע געשטאַלט פונעם שונא. איך בין געווען אַ נאָענטער, אינטימער פריינט מיט אַבראַמאָוויטש'ן אין אַ משך פון פופצן יאָר, צווישן 1905 און 1920. און איך האָב גערעכנט, אַז וואָס עס איז געשען אונטערן מאַנטל פון אַלטער פריינטשאַפט, דאַרף בלייבן באַגראָבן אפילו ווען מ'איז נאָכדעם גע־וואָרן פּאָליטישע שונאים. דעריבער האָב איך ניט געוואָלט דערציילן די מעשה מיטן געלט. אָבער אַבראַמאָוויטש האָט די מעשה אָנגעהויבן, מוז איך איבערגעבן דער עפנטלעכקייט די פאַקטן.

אָט זיינען זיי:

ווען איך בין געקומען קיין מאָסקווע אין אויגוסט 1920, האָט זיך אַבראַמאָוויטש נאָכאַנאַנד פאַר מיר פאָרגעשטעלט אַלס אַ לינקער, שיר ניט אַ קאָמוניסט. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז אפילו געווען דערפאַר, אַז זיינע פּאַרטיי־מיטגלידער זאָלן זיך אָנשליסן אָן דער רויטער אַרמיי און קעמפן געגן דער קאָנטער־רעוואָלוציע. ווען איך האָב אים געפרעגט, פאַר־וואָס ער אַליין טוט ניט קיין סאָוועט־אַרבעט אונטער דער פירערשאַפט פון דער סאָוועט־רעגירונג, ווי עס האָט געטאָן, אַ שטיינבערג, דער באַרימטער פילאָ־זאָף און עקאָנאָמיסט באָגדאַנאָוו, וועלכער איז אויך ניט געווען קיין מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט ער מיר געענטפערט, אַז מען וועט אים ניט נעמען. דערין האָט ער באַשולדיגט די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן מיט אים פּאָליטישע חשבונות. זיך אַליין האָט ער אָבער געהאַלטן פאַר אַ פריינט. ווען איך בין געקומען קיין מאָסקווע, איז דער בונדיסט ליבער־גאָלדמאַן געזעסן אין טורמע. אַבראַמאָוויטש האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז מיט ליבער'ן ניט מסכים. שפּעטער האָט מען ליבער'ן אַרויסגעלאָזט פון דער טורמע, און איך האָב אים געטראָפן אין אַבראַמאָוויטש'עס הויז. ליבער האָט אין מיר דערפילט אַ פריינט פון דער סאָוועט־אָרדענונג, און האָט דעריבער אויף מיר געקוקט מיט מעסערס אין די אויגן. ווען ליבער איז

אוועקגעגאַנגען, האָט מיר אַבראַמאָוויטש געזאָגט, אַז ער, אַבראַמאָוויטש, איז נעענטער צו די קאָמוניסטן ווי צו ליבער'ן, און אַז ליבער וואַרפט אים אויף, אַז ער איז אַ באָלשעוויק. הכלל, אַבראַמאָוויטש האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער איז אַ לאָיאַלער געגנער, אָבער ניט קיין פיינט פון דער פּראָלעטאַרישער רעפּובליק. געלעבט האָט ער דעמאָלט פון אַ פּאַיאָק, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט אים געגעבן. ער האָט ערגעץ געאַרבעט אין אַ סאָוועט־אינסטיטוציע, האָט ער מיר געזאָגט, און דערפאַר האָט ער באַקומען אַ „פּראָפּעסאָרסקי פּאַיאָק", וואָס זעלטן ווער האָט זיך דערמיט געקענט באַרימען אין מאָסקווע. ווי באַלד איך בין געקומען קיין מאָסקווע, שוין אין די ערשטע טעג, האָט ער מיר אָנגעהויבן דערציילן, אַז ער פאָרט קיין דייטש־לאַנד מיט אַן אויפטראָג פון דער סאָוועט־רעגירונג. ער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס האַנדלט זיך וועגן פּאַטענטן. נאָך אין 1913-1914 האָט ער געאַרבעט אין ווין אין אַ פּאַטענט־ביוראָ, און האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ ספּעציאַליסט אין פּאַטענט־פראַגן. וואָס פאַר אַ ספּעציעלע אַרבעט ער וועט טאָן אין אויסלאַנד פאַר דער סאָוועט־רעגירונג, האָט ער מיר ניט דערציילט, אָבער אַז מען שיקט אים קיין אויסלאַנד און אַז ער וועט טאָן אַרבעט פאַר דער סאָוועט־רעגירונג אין דייטשלאַנד האָט ער מיר געזאָגט עטלעכע מאָל, סיי אויג אויף אויג, סיי אין דער אָנוועזנהייט פון זיין פרוי. ניט איינמאָל און ניט צוויי מאָל האָט ער פאַר מיר געמאַכט דעם חשבון, אַז עס וועט אים פעלן גאָרנישט: אמת, דער באַן ביז עסטלאַנד אָדער לעטלאַנד וועט ניט קאָסטן, ווייל דאָס וועט באַזאָרגן די רעגירונג, אַ טייל הוצאות וועט ער באַקומען פון דער רעגירונג; אָבער אַזוי ווי ער האָט אַ ווייב מיט צוויי קינדער און אַזוי ווי אין בערלין וועט מען זיך דאַרפן אויסקליידן און דינגען אַ דירה, וועט ער דאַרפן האָבן עטלעכע הונדערט דאָלער. אויפן סמך פון אָט די באַ־הויפּטונגען און חשבונות האָב איך אים געליען צוויי הונדערט דאָלער. איך האָב זיי געליען אַ פריינט פון דער סאָוועט־אָרדענונג. מיט קיין איינציג וואָרט האָט מיר אַבראַמאָוויטש קיינמאָל ניט געזאָגט, אַז ער פאָרט קיין אויסלאַנד צו באַטייליגן זיך אין סאָציאַליסטישע קאָנפערענצן; אַז ער פאָרט אָנהויבן אַ ברייטן קאַמף געגן סאָוועט־רוסלאַנד. ער האָט מיך פּשוט אָפּגענאַרט. ער האָט געוואוסט, אַז איך בין פריינטלעך צו רוסלאַנד. ער האָט געזען, אַז איך נויג זיך אַלץ מער צום קאָמוניזם, האָט ער מיר וועגן זיינע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פּלענער ניט דערציילט.

ווען איך בין געקומען קיין דייטשלאַנד אין מערץ 1921, נאָך אַ לאַנגער רייזע איבער רוסלאַנד, און בין געקומען אין אַבראַמאָוויטש'עס הויז, האָב

איך שוין דערקענט מיין טעות. אַבראַמאָוויטש האָט שוין דאַן געהאַט אַרויסגעגעבן צוויי אָדער דריי נומערן פֿון זיין טרויעריג־באַרימטן „סאָציאַליסטיטשעסקי וועסטניק". אַבראַמאָוויטש איז געווען געקומען פֿון אַ קאָנגרעס אין ווין. אַבראַמאָוויטש איז שוין געווען באַשעפֿטיגט מיט אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. ווען איך האָב אָפּגעדרוקט אין אַ סאָוועט־פֿריינטלעכער רוסישער צייטונג אין בערלין מיין אַלגעמיינעם איינדרוק וועגן דער לאַגע אין רוסלאַנד, האָט אַבראַמאָוויטש מיר געזאָגט, אַז דאָס איז „סענטימענטאַל" און „איבערטריבן". אַלצדינג וואָס מען האָט גערעדט וועגן רוסלאַנד אין אַ פֿריינטלעכן טאָן, איז ביי אים געווען אַי סענטימענטאַל, אַי פֿאַלש. איך האָב שוין דעמאָלט געהאַט דערזען אַבראַמאָוויטש'ן אין זיין אמת'ער געשטאַלט. איך מוז מודה זיין: עס האָט מיר באַנג געטאָן, וואָס איך האָב אים געליען געלט; איך האָב זיך געזאָגט, אַז אויב איך וואָלט געוואוסט, ווי אַזוי ער וועט זיך האַלטן אין אויסלאַנד, וואָלט איך אים ניט געהאַט געהאָלפֿן. אָבער ס'איז שוין געווען פֿאַרפֿאַלן. מאָנען צוריק דאָס געלט האָב איך ניט געוואָלט. וואָס ס'איז געווען, האָב איך געזאָגט, איז פֿאַרפֿאַלן. איך וואָלט איצט אויך ניט אויסגעגראָבן דעם אינצידענט, ווען אַבראַמאָוויטש וואָלט אים ניט דערציילט אין זיין איצטיגן שווערן צושטאַנד.

אַבראַמאָוויטש שרייבט איצט: „קיין שום אויפֿטראַגן פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אָדער פֿון דער סאָוועט־רעגירונג האָב איך, פֿאַרשטייט זיך, ניט גענומען און ניט געקענט נעמען" (אונטערגעשטראָכן אין אָריגינאַל). אָבער אין יאָר 1920 האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער פֿאָרט מיט אַן אויפֿטראַג פֿון דער סאָוועט־רעגירונג. אַבראַמאָוויטש שרייבט איצט: „קיין שום געלט האָב איך פֿון דער סאָוועט־רעגירונג אָדער פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי קיינמאָל ניט גענומען און ניט געקענט נעמען." אָבער אין יאָר 1920, אין זיינע געשפּרעכן מיט מיר, איז דאָס געלט און די פּרייזע באַן געווען אַ טייל פֿון די חשבונות. ווען האָט אַבראַמאָוויטש געזאָגט ליגן: אין 1920, ווען ער האָט ביי מיר געבאָרגט געלט, אָדער אין 1925, ווען ער שרייבט זיין אָפֿענעם בריוו? (אגב, דאָס געלט האָט ער נאָך ביז איצט ניט אומגעקערט.)

נאָכאַמאָל: איך האָב ניט געוואָלט אויפֿגראָבן די געשיכטע, אָבער אַבראַמאָוויטש האָט מיך געצוואונגען זי צו דערציילן.

וואָס עס לערנען אונז די רוסישע באָלשעוויקעס

.1925

מיר. קאָמוניסטן, לערנען זיך ביי דער רוסלענדער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. מיר לערנען זיך ניט נאָר פון איר איצטיגער ארבעט אין דער שפּיץ פון אַ זיגרייכן ארבעטער־קלאַס, וואָס בויט די קאָמוניסטישע צוקונפט, נאָר מיר לערנען זיך פון איר געשיכטע. אָן דעם זיג פון אָקטאָבער וואָלט ניט געווען די איצטיגע ארבעט פון בויען אַ סאָציאַליסטישע צוקונפט; אָן דער רוסלענדער קאָמוניסטישער פּאַרטיי וואָלט ניט געווען דער זיג פון אָקטאָבער. אָן דער טאַקטיק פון די באָלשעוויקעס צווישן 1897 און 1917 וואָלט ניט געווען די רוסלענדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

לערנען זיך הייסט ניט נאָכטאָן, ווי אַ מאַלפּע, אָדער נאָכזאָגן, ווי אַ פּאַפּוגאַי. לערנען זיך ביי די באָלשעוויקעס הייסט פאַרשטיין די אַלגעמיינע פּרינציפּן פון זייער ארבעט, וואָס האָבן פאַר זיי מעגלעך געמאַכט צו שאַפן אַזאַ רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי, וועלכע האָט אין אָקטאָבער 1917 געקענט פירן דעם ארבעטער־קלאַס צום זיג.

עס פאַרשטייט זיך, אַז מיר קענען דאָ אָנמערקן נאָר די הויפּט־ליניען, נאָר עטלעכע פון די וויכטיגסטע מאָמענטן. אָבער אויך זיי זיינען גענוג צו ווייזן די אַלגעמיינע ריכטונג פון אַ רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי.

1. אַ פּ אַ ר ט י י, ו ו אָ ס פּ י ר ט א י ן ק אַ מ ף. צווישן 1897 און 1901 האָבן די שפּעטערדיגע באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט גערופן רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, געפירט אַ שאַרפן און העכסט־באַלערנדיגן קאַמף געגן די שפּעטערדיגע רעפאָרמיסטן־מענשעוויקעס, וואָס האָבן זיך דעמאָלט גערופן „עקאָנאָמיסטן". די עקאָנאָמיסטן האָבן ניט נעגלויבט אין דעם פּאָליטישן קאַמף פונעם ארבעטער־קלאַס. די עקאָנאָמיסטן האָבן געהאַלטן, אַז דער ארבעטער־קלאַס אינטערעסירט זיך מער ניט, ווי מיט קירצערע שטונדן, העכערן לוין און אַנדערע „עקאָנאָמישע" פראַגן. פּאָ־ליטישער קאַמף, האָבן זיי געזאָגט, איז ניט די זאַך פון די ארבעטער, נאָר פון דער ליבעראַלער אָפּאָזיציע. די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, האָבן זיי געזאָגט, דאַרפן ניט שטרעבן צו פאַרכאַפּן די מאַכט, נאָר זיי דאַרפן „שטרעבן צו פאַר־

ענדערן, צו רעפאָרמירן די איצטיגע געזעלשאַפט אין דעמאָקראַטישער ריכטונג" („אני מאמין" פון די עקאָנאָמיסטן).

געגן דעם איז אַרויסגעטראָטן לעניִן, וועמען ס'האָט דעמאָלט געהאָלפן פּלעכאַנאָוו. אין א בראָשור: „די אויפגאַבן פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע", האָט ער צו־נישט געמאַכט די „טעאָריע" פון די רעפאָרמיסטן. ער האָט אָנגעוויזן, אַז דער אַרבעטער־עולם קען זיך ניט באַנוגענען מיט עקאָנאָמישע פאָדערונגען אַליין; אַז דער אומרו און די אומצופרידנקייט פון די אַרבעטער־מאַסן דאַרף זיך אויסגיסן אין פּאָליטישן רעוואָלוציאָנערן קאַמף. פאַר לעניִנ'ען און זיינע חברים איז געשטאַנען די פראַגע: ווער זאָל אָנפירן דעם פּאָליטישן קאַמף: די ליבעראַלע בורזשואַזיע אָדער א פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי? דערמיט איז געווען פאַרבונדן די צווייטע פראַגע: ווי ווייט זאָל זיין דער פּאָליטישער קאַמף: ביז א „רעפאָרמע אין דעמאָקראַטישער ריכטונג" אָדער ביז דער אַרבעטער־קלאַס וועט פאַרכאַפּן די מאַכט? די לעניִנצעס האָבן אַרויסגעשטעלט דעם לאָזונג: „העגעמאָניע פונעם אַרבעטער־קלאַס, דאָס הייסט — פירערשאַפט פונעם אַרבעטער־קלאַס אין פּאָליטישן קאַמף און רעוואָלוציאָנערער קאַמף פאַר מאַכט.

ווי נאָענט עס איז דער פאַרצייטיגער עקאָנאָמיזם צום היינטיגן גאָמפּערסיזם, איז איבעריג צו באַווייזן.

2. א דיסציפּלינירטע פּאַרטיי. געווען דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. געשטאַנען אויפן טאָג־אָרדענונג די פראַגע, וועגן דער קאָנסטיטוציע פון דער פּאַרטיי. געווען א דעבאַטע וועגן ערשטן פּונקט: ווער עס זאָל זיך רעכענען פאַר א מיטגליד. האָט געזאָגט מאַרטאָוו, דער שפּעטערדיגער מענשעוויק: א פּאַרטיי־מיטגליד איז דער, וואָס אַרבעט אונטערן קאָנטראָל פון דער פּאַרטיי און העלפט אַזוי אָדער אַנדערש די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס. האָט געזאָגט לעניִן: א פּאַרטיי־מיטגליד איז דער, וואָס באַטייליגט זיך אין אַן אָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי און דערפילט די פליכט פון א מיטגליד.

האָט געקענט טרעפן און עס האָט געטראָפן, אַז א זייטיגער זאָל שטיין און שמייכלען: טוט א קוק איבער וואָס עס רייסן זיך די אידיאָטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן! האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אידיאָטן זיינען די בטלנים, וואָס שמייכלען: זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען דעם היסטאָרישן באַדייט פון יענער צעטיילונג. דער צוזאַמענפאָר אַליין האָט נאָך אפשר ניט קלאָר פאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך, אָבער דאָס איז געווען דער היסטאָרישער פּונקט, וואו עס זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען די וועגן פון מענשעוויזם און

באָלשעוויזם. מענשעוויזם האָט געזאָגט: נעם אריין אין דער פאַרטיי אַלע — ניט נאָר אַרבעטער, נאָר אויך סימפּאַטייזערס, ניט נאָר אַרבעטער, נאָר אויך ליבעראַלע סטודענטן, לערערס, פּראָפעסאָרן, וואָס ווילן גאַרניט וויסן פון מאַרקסיזם, נאָר וואָס זיינען גרייט אַרויסצוהעלפן אַ רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע מיט געלט, מיט אַ קוואַרטיר פאַר אַ פאַרזאַמלונג, מיט אַן אַדרעס פאַר בריוו. באָלשעוויזם האָט געזאָגט: מיר'ן אויסנוצן די סימפּאַטייזערס, געוויס, מיר'ן נעמען הילף פון יעדן, וואָס וויל אונז העלפן, אָבער מיר ווילן בויען אַ פאַרטיי פון פּראָלעטאַריער, וואָס גייען אַריין אין פאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס און טראָגן פליכטן פון מיטגלידער, און פאָלגן אויס די פאַרטיי-דיסציפּלין, און זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייער אַרבעט, און וויסן, אַז ס'איז זייער פּראָלעטאַרישע פאַרטיי; מיר ווילן אַן אויסגעהאַמערטע אייג-הייטלעכע רעוואָלוציאָנערע פאַרטיי, ניט קיין קאַשע פון אַלערליי אומ-פאַראַנטוואָרטלעכע עלעמענטן.

„בעסער, אַז צען אַרבעטסלייט זאָלן זיך ניט רופן פאַרטיי-מיטגלידער, איידער איין פּלאַפּלער זאָל האָבן אַ רעכט און אַ מעגלעכקייט צו רופן זיך פאַרטיי-מיטגליד", האָט לענין געזאָגט אויף יענעם צווייטן צוזאַמענפאָר — אום זומער פון 1903.

באָלשעוויזם האָט געוואָלט אַ פאַרטיי פון רעוואָלוציאָנערער האַנדלונג. מענשעוויזם האָט געוואָלט אַ פאַרטיי פון אָפּאָזיציאָנעלע רעדעס. די צעטיילונג צווישן צווייטן און דריטן אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך, אין אַ געוויסן אופן, אָנגעהויבן נאָך אין 1903. אַזוי הויבט זיך אָן די צעטיילונג פון צוויי שטראָמען ערגעץ הויך אויף אַ באַרג: דאַכט זיך ביידע פליסן אין איין ריכטונג, ביידע גלייך שטאַרק, אָבער וואָס ווייטער, גייען זיי זיך אַלץ מער פאַנאַנדער, ביז איינער דונערט שוין אין מעכטיגע וואַסער-פאַלן און פליסט צום ים — ברייט און שטאַרק און שוימיק, און דער אַנדערער שלענגלט זיך אַריין אין אַ וויכן פלאַך-לאַנד און פאַרוואַנדלט עס אין אַ זומפּ.

3. אַ פאַרטיי געגרינדעט אויף פאַבריקן. ביי די רוסישע באָלשעוויקעס פאַר 1917 איז געווען קלאָר און פאַרשטענדלעך, אַז די וואָרצלען פון דער פאַרטיי זיינען אין די פאַבריקן. עס איז געווען נאַטירלעך, אַז די מיטגלידער פון דער פאַרטיי, וועלכע אַרבעטן אין די פאַבריקן, זאָלן דאָרט אַגיטירן, זאָלן דאָרט פאַרשפּרייטן ליטעראַטור, זאָלן דאָרט אָרגאַניזירן מיטינגען, זאָלן אָנפירן אַ סטרייק, ווען דאָס איז מעגלעך, זאָלן בכלל שטיין בראש פון דער גאַנצער אַרבעטער-מאַסע אין זייער פאַבריק

אָדער זאַוואָד. טאַקע צוליב דעם איז פאַר די צאַרישע זשאַנדאַרמען געווען אוממעגלעך אַרויסצורייסן די פּאַרטיי פון צווישן די אַרבעטער־מאַסן. און טאַקע צוליב דעם זיינען פּראָלעטאַריש־רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען און רעוואָלוציאָנערע אידייען געוואָרן אַ געוויינטלעכע דערשיינונג אין די רוסישע פאַבריקן און זאַוואָדן. ביי די באָלשעוויקעס איז דאָס ניט געווען קיין טעאָריע, ס'איז געווען טאָג־טעגלעכע פּראַקטיק, אָבער אויך די טעאָריע האָט ניט געפעלט. נאָך אין דעם בוך: „איין טריט פאָרויס, צוויי צוריק" (1904) האָט לענין געשריבן:

„דוקא די פאַבריק, וואָס אַנדערע קוקן אויף איר ווי אַ סטראַשידלע, איז יענע העכסטע פאָרמע פון קאַפּיטאַליסטישער קאָאָפּעראַציע, וועלכע האָט פאַראייניגט, דיסציפּלינירט דעם פּראָלעטאַריאַט, איס אויסגעלערנט זיך אָרגאַניזירן, איס אַוועקגעשטעלט אָן דעם שפּיץ פון אַלע איבעריגע שיכטן פון דער אַרבעטנדיגער און עקספּלואַטירטער באַפעלקערונג. דוקא דער מאַרקסיזם, די אידעאָלאָגיע פונעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז דורכגעגאַנגען די שול פון קאַפּיטאַליזם, האָט געלערנט און לערנט די וואַקלדיגע אינטעליגענץ, אַז עס איז דאָ אַן אונטערשייד צווישן דער עקספּלואַטאַטאָרישער זייט פון דער פאַבריק (דיסציפּלין געגרינדעט אויפן שרעק פאַר אַ הונגער־טויט) און איר אָרגאַניזירנדיגער זייט (דיסציפּלין געגרינדעט אויף געמיינזאַמער אַרבעט, פאַראייניגט דורך די באַדינגונגען פון אַ טעכניש הויך־אַנטוויקלטער פּראָדוקציע). דיסציפּלין און אָרגאַניזאַציע, וואָס קומען אָן מיט אַזויפיל שוועריגקייט דעם בורזשואַזן אינטעליגענט, קומען אָן דעם אַרבעטער גאַנץ לייכט, טאַקע דערפאַר, וואָס ער איז דורכגעגאַנגען די פאַבריק־„שול".

די ווערט פון פאַבריק, אַלס אַן אָרגאַניזאַציע־באַזיס, וואָס איז געשאַפן דורך דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע גופא און וואָס איז דעריבער נאַטירלעך פאַרן אַרבעטער־קלאַס, האָט דאָ געפונען דעם קלאָרסטן טעאָרעטישן אויסדרוק.

4. אַ פּאַרטיי פון רעוואָלוציאָנערער טעאָריע. „אָן אַ רעוואָלוציאָנערער טעאָריע קען ניט זיין קיין פּאַרטיי", האָט געזאָגט לענין. די באָלשעוויקעס און די וואָס זיינען געגאַנגען מיט זיי אין אָנהויב פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָבן געקוקט אויף דער טעאָרעטישער אַרבעט ווי אויף אַ פונדאַמענט און ניט ווי אויף אַ ביי־זאַך. זיי האָבן געוואוסט, אַז אַ קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע דאַרפן זיי פירן ניט נאָר אויפן פּאָליטישן פעלד, נאָר אויך אויפן אידעאָלאָגישן פעלד. זיי האָבן געזען, אַז איינציגע אַפילו כלומרשט־רעוואָלוציאָנערע טעאָריעס זיינען ניט

מער ווי אַן אויסדרוק פון קליינער בורזשואזער אידעאָלאָגיע. זייער אידעאָלאָגישן קאַמף האָבן זיי געפירט ניט נאָר אין ביכער און בראָשורן (קאַמף געגן עקאָנאָמיזם, קאַמף געגן די נאַראָדניקעס, קאַמף געגן דעם עמפּיריאָקריטיציזם, קאַמף געגן גאָט־זוכעריי, אַלגעמיינער אומאויפהערלעכער קאַמף געגן דער אידעאָלאָגיע פון קאַפּיטאַליזם), נאָר זיי האָבן אים געבראַכט אין די אַרבעטער־מאַסן. מ'האָט באמת אריינגעצויגן די בעסער־אַנטוויקלטע אַרבעטער אינעם אידייאישן קאַמף. מ'האָט אין זיי געוועקט אַ הונגער נאָך וויסן — און מ'האָט דעם הונגער באַפרידיגט. אין דער זעלביגער צייט איז אָבער די טעאָריע ניט געווען אָפּגעזונדערט פון לעבן, נאָר זי איז געווען אַ געווער פאַרן פּאָליטישן קאַמף.

5. די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי איז געווען אַ פּאַרטיי פון פּאָליטישן מאַסן־קאַמף. ניט קיין קרייזל, נאָר אַ פּאַרטיי, — האָבן געזאָגט די באָלשעוויקעס. ניט נאָר פּראָפּאַגאַנדע צווישן אַ באַגרעניצטער צאָל בעסערע אַרבעטער־עלעמענטן, נאָר אַן אַגיטאַציע צווישן די ברייטע אַרבעטער־מאַסן. ניט נאָר אַגיטאַציע צו עפענען די מוחות, נאָר אָרגאַניזאַציע פאַרן פּאָליטישן קאַמף. ניט נאָר צוגרייטונג צום קאַמף, נאָר טאָקע טאָג־טעגלעכער אָנטייל אינעם לעבן פון דער פאַבריק, פון דעם ראַיאָן, פון דער שטאָט, פונעם לאַנד — אָנטייל אויף אַ פּראָלעטאַרישן רעוואָלוציאָנערן אופן. די באָלשעוויקעס האָבן געוואוסט, ווי עס ווייסט יעדער גוטער מאַרקסיסט, אַז מען קען ניט פאַנאַנדערטיילן צווישן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף פונעם אַרבעטער־קלאַס, אַז דער עקאָנאָמישער קאַמף מוז זיך אָנשטויסן אָן פּאָליטישע פאָדערונגען און אַז דער פּאָליטישער קאַמף מוז אויך אַרויסשטעלן אַן עקאָנאָמישע פּראָגראַם. די באָלשעוויקעס האָבן דעריבער גערופן די מאַסן און געפירט זיי אין אַלע קאַמפן, אַרום אַלע פאָדערונגען וואָס דאָס לעבן האָט געשאַפן. זיי האָבן קיינמאָל ניט אויסגעטראַכט קיין פאָרמען פון קאַמף, זיי האָבן פאַרשטאַנען אויסצונוצן אַלע מעגלעכקייטן, וואָס די געשיכטע האָט אַלעמאָל אַרויסגערוקט פאַרן אַרבעטער־קלאַס. לענין האָט געשריבן אין 1906: „דער אונטערשייד צווישן מאַרקסיזם און אַלע פּרימיטיווע פאָרמען פון סאָציאַליזם איז דאָס, וואָס עס פאַרבינדט ניט די באַוועגונג מיט אַ וועלכער ניט איז איין־איינציגער פאָרמע פון קאַמף. ער אָנערקענט די פאַרשיידנאַרטיגסטע פאָרמען פון קאַמף, דערביי טראַכט ער זיי ניט אויס, נאָר ער גענעראַליזירט, אָרגאַניזירט, מאַכט באַוואוסטזיניג יענע פאָרמען פון קאַמף פון די רעוואָלוציאָנערע קלאַסן, וואָס באַווייזן זיך פון זיך אַליין אינעם גאַנג פון דער באַוועגונג.“

6. א פּאַרטיי, וואָס אָרגאַניזירט אַ פּאַר־אייניגטן פראָנט. קיינער האָט ניט געקעמפט אַזוי איינגעשפּאַרט און אַזוי באַוואוסטזיניג פאַר אַן אויסגעהאַלטענער און אויסגעשמידטער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, וואָס זאָל זיך ניט צעשווימען אין דער ברייטער אַרבעטער־מאַסע און זאָל אויף קיין האָר ניט אָפּטרעטן פון איר פּראָגראַם און איר טאַקטישער ליניע, ווי דאָס האָבן געטאָן די באָלשעוויקעס. אָבער קיינער האָט ניט געשטרעבט מיט אַזאַ קלאָרן אויג און אַזאַ זיכערקייט צו פאַרבינדן די פּאַרטיי מיט אַלע איבעריגע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, מיט אַלע פּויערים־אָרגאַניזאַציעס. קיינער האָט ניט געשטרעבט אויסצונוצן יעדע גע־לעגנהייט צוזוציען און אויפמונטערן די ברייטע אַרבעטער־מאַסן, ווי דאָס האָבן געטאָן די באָלשעוויקעס. באַלד נאָך דער מפּלה פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע (1905) האָבן די מענשעוויקעס אַרויסגעשטעלט דעם פּלאַן — רופן אַ ברייטן אומפּאַרטייאישן אַרבעטער־צוזאַמענפאָר, וואָס זאָל בילדן אַ לעגאַלע ברייטע אַרבעטער־פּאַרטעטרשאַפט אַנשטאָט דער אונטער־ערדישער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי. די באָלשעוויקעס האָבן דערין געזען אַ פּראָבע צו ליקווידירן די פּאַרטיי — און האָבן געגען דעם געקעמפט מיט אַלע כוחות. אָבער אין דער זעלביגער צייט האָבן זיי ניט אויפגעהערט אַריינצו־דרינגען אין אַרבעטער־קלובן, קולטור־פאַראיינען און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, כדי צו פאַרבינדן זיי מיטן רעוואָלוציאָנערן קאַמף, זיי האָבן אפילו אַליין אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס געהאָלפן שאַפן. לענין האָט געשריבן אין 1909:

„אין וואָס באַשטייט די ספּעציפישע באַזונדערקייט פון דער פּאָליטיק פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין אַ געגעבענעם מאָמענט? מיר דאַרפן דערהאַלטן און פאַרשטאַרקן די אומלעגאַלע פּאַרטיי — ווי פאַר דער רעוואָ־לוציע. מיר דאַרפן אומאויפהערלעך גרייטן די מאַסן צו אַ נייעם רעוואָלו־ציאָנערן קריזיס — ווי אין די יאָרן 1897—1903. מיר דאַרפן אויף אַלערליי אופנים פאַרשטאַרקן די פאַרבינדונג פון דער פּאַרטיי מיט דער מאַסע, אַנט־וויקלען און אויסנוצן פאַרן סאָציאַליזם אַלערליי אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס."

אויסנוצן פאַרן סאָציאַליזם אַלערליי אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס הייסט אַנווייזן זיי אַ קאַמפּס־ציל, קלאָר מאַכן זיי די נויטווענדיגקייט פון קאַמף, פירן זיי — דורך אייגענעם אָנטייל און דורך ווירקונג אויף די מאַסן מיטגלידער — אין וועג פון פּראָלעטאַרישן רעוואָלוציאָנערן קאַמף. אויף דער שפּראַך פון היינטיגן קאָמוניזם רופט מען דאָס די פּאָליטיק פון אַ פאַראייניגטן פראָנט.

7. אַ פּאַרטיי, וואָס גייט מיט דער פּויערים־מאַסע געגן דער בורזשואַזיע. אין קיין זאַך האָבן זיך

די באָלשעוויקעס ניט אזוי שארק אפּגעטיילט פון די מענשעוויקעס, ווי אין דער באַציאונג צו דער ליבעראַלער בורזשואַזיע. אין דער רעוואָלוציאָנערער קראַפט פון די פּויערים האָבן די מענשעוויקעס ניט געגלויבט. אין דער מעג־לעכקייט צו דערשלאָגן זיך מער ווי א קאָנסטיטוציאָנעלע אָרדענונג מיט א פּאַרלאַמענט, האָבן זיי אודאי ניט געגלויבט. די קראַפט פונעם ארבעטער־קלאַס גופא האָבן זיי ניט הויך געשאַצט. איז אז עס איז געקומען דאָס יאָר 1905 און די ליבעראַלע בורזשואַזיע אין רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן רירן, האָבן די מענשעוויקעס געזאָגט: לאָמיר זיי העלפן, און לאָמיר זיי ניט שרעקן מיט אזוינע פּראָלעטאַרישע פאָדערונגען, וואָס זיינען געגן זייערע אינטערעסן. די „איסקרא", וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אין די הענט פון די מענשע־וויקעס, האָט געשריבן גאַנץ אָפן: „אויב מ'זאָל א קוק געבן אויפן טעאַטער פון קאַמף אין רוסלאַנד, די צאַרישע זעלבסטהערשאַפט און די ליבעראַלע בור־זשואַזיע, וועלכע האָט זיך אָרגאַניזירט און האָט א גרויסע געזעלשאַפטלעכן באַדייט. די ארבעטער־מאַסע, פּאַרקערט, איז צעשטויבט און קען ניט אויפ־טאָן גאָרניט. אַלס זעלבשטענדיגע קראַפט עקזיסטירן מיר ניט, און דעריבער איז אונזער אויפגאַבע צו שטיצן די צווייטע קראַפט — די ליבעראַלע בור־זשואַזיע — צו מוטערן זי און בשום אופן ניט צו שרעקן זי דערמיט, וואָס מיר וועלן אַרויסשטעלן אונזערע אייגענע פּראָלעטאַרישע פאָדערונגען."

דאָס האָט געהייסן זיך אָפּזאָגן פון פּראָלעטאַרישן קאַמף, זיך אינגאַנצן איבערגעבן אין די הענט פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע. דאָס האָט גע־הייסן: צוליב דער האָפענונג צו מאַכן די פּאָליטישע אָרדענונג א ביסל באַקוועמער פאַר דער בורזשואַזיע — זיך אָפּזאָגן פון רופן און פירן די אר־בעטער־מאַסן אין קאַמף פאַר זייערע אייגענע קלאַסן־אינטערעסן.

געגן דעם האָבן די באָלשעוויקעס אַרויסגעשטעלט דעם לאָזונג: „דעמאָ־קראַטישע דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום", — פאַרשטייענדיג אונטער דיקטאַטור פּיי פּירערשאַפט אין דער רעוואָלוציע, סיי אויבערהער־שאַפט נאָכדעם, ווי די רעוואָלוציע וועט זיגן. די באָלשעוויקעס האָבן גע־וואוסט, אז די פּויערים זיינען מערסטנס קליינבירגער, וואָס שטייען פאַר פּריוואַט־אייגנטום, זיי האָבן אָבער געוואוסט, אז די פּויערים ווערן אומ־מענטשלעך עקספּלואַטירט פון די פּאָמיעשטשיקעס און אז זייער האַס געגן די אונטערדריקער מאַכט זיי פאַר א וויכטיגן רעוואָלוציאָנערן עלעמענט, בשעת די ליבעראַלע בורזשואַזיע איז אַלעמאָל גענייגט צו שלום־מאַכן מיט די פּאָמיעשטשיקעס און מיטן צאַריזם. נאָך אין 1905 האָט לענין געשריבן: „צוזאַמען מיט קליינבירגערלעכע עלעמענטן איז אין פּויערטום א מאַסע

האלב־פראָלעטאַרישע עלעמענטן. דעריבער איז דאָס פויערטום וואַקלדיג, דעריבער איז נויטיג, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל זיין פאַראייניגט אין אַ באַזונדערער אויסגעהאַלטענער קלאַסן־פּאַרטיי. אָבער די וואַקלדיגקייט פונעם פויערטום איז גאָר אינגאַנצן אַנדערש, ווי די וואַקלדיגקייט פון דער בורזשואַזיע. אינעם איצטיגן מאָמענט איז דאָס פויערטום ניט אַזוי פאַראינטערעסירט אין פאַרהיטן פּריוואַט־אייגנטום, ווי אין צונעמען די ערד פון די פּאָמיעשטשיקעס, וואָס דאָס איז איינע פון די וויכטיגסטע פאָרמען פון פּריוואַט־אייגנטום. אמת, צוליב דעם ווערט נאָך ניט דאָס פויערטום סאָציאַליסטיש, עס הערט נאָך ניט אויף צו זיין קליינבירגערלעך, אָבער עס איז דורכדעם פעיאיג צו ווערן אַ פולשטענדיגער און זייער ראַדיקאַלער אָנהענגער פון אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.״

דער רוסישער ליבעראַליזם אַלס פּראָגרעסיווע קראַפט איז געשטאָרבן איידער ער האָט אויפגעבליט. דאָס פויערטום, געפירט פון דעם אַרבעטער־קלאַס, האָט געהאָלפן דורכמאַכן ניט נאָר אַ דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע אין פעברואר 1917, נאָר אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע אין אָקטאָבער. די מאַסן עקספּלואַטירטע קליינע פויערים איבער דער גאַנצער וועלט — ניט צו רעדן וועגן פויערשן פּראָלעטאַריאַט — זיינען איצט אויך „וויניגער פאַראינטערעסירט אין פאַרהיטן פּריוואַט־אייגנטום, ווי אין צונעמען די ערד פון די לענדלאָרדס״ און אַראָפּוואַרפן דעם יאָך פון גרויס־קאַפּיטאַל. די פויערים בלייבן די גרעסטע שטיצע פון אַ קומענדיגער סאָציאַלער רעוואָלוציע. לענין האָט דאָס געזען נאָך אין 1905.

8. אַ פּאַרטיי, וואָס פאַראייניגט לעגאַלע און אומלעגאַלע אַרבעט. מיט ציין און נעגל האָבן די באָלשעוויקעס געקעמפט געגן דעם פּלאַן צו ליקווידירן די אונטערערדישע פּאַרטיי, אָבער אומלעגאַלקייט איז ביי זיי ניט געווען קיין פּרינציפּ. די רעוואָלוציאָנערע אַרבעט איז געווען זייער פּרינציפּ, און וויבאַלד זיי האָבן דערזען די קלענסטע מעגלעכקייט אַרויסצוטרעטן אָפן, — האָבן זיי ניט געוואַרט קיין מינוט, אין דער זעלביגער צייט באַהאַלטנדיג דעם אומלעגאַלן אַפּאַראַט. גערעדט פון לעגאַלער אַרבעט אין 1907־1908 האָבן די מענשעוויקעס, אָבער געגרינדעט די ערשטע לעגאַלע פּראָלעטאַרישע צייטונג נאָך אין 1905 האָבן די באָלשעוויקעס. גראָד די „פּראַוודאַ״ האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין אין 1909.

9. אַ פּאַרטיי, וואָס פאַראייניגט מאַסן־קאַמף מיט פּראָלעטאַרישער פּאַרטרעטונג. די באָלשעוויקעס האָבן אַלעמאָל געטאָן מאַסן־אַרבעט צווישן דעם אַרבעטער־קלאַס, אָבער זיי

האָבן זיך ניט אָפּגעזאָגט פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער טריבונע. זיי האָבן ניט געגלויבט, אַז דער פּאַרלאַמענט זאָל ברענגען ישועות דעם אַרבעטער־קלאַס, זיי האָבן אָבער פאַרשטאַנען זיין ווערט, אַלס מיטל פון רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע. דעריבער, ווען דער צאַריזם האָט דורכן געזעץ דעם 3טן יוני געוואַלדיג פאַרשמעלערט דאָס וואַל־רעכט צו דער דומע און אַ טייל פון די באָלשעוויקעס האָבן געפאָדערט ,אַז די פּאַרטיי זאָל צוריקרופן פון דער דומע אירע פאַרטרעטער („אָטזאָוויסטן"), איז לענין מיט דער פּאַרטיי־מערהייט געווען געגן. פאַר לענינ'ען איז דאָס געווען אַ פראַגע פון צוועקמעסיגקייט: צי קענען די עטלעכע באָלשעוויסטישע דעפּוטאַטן אַגיטירן פאַר באָלשעוויזם? אַזוי ווי ער האָט געזען, אַז ס'איז דאָ אַ געוויסע מעגלעכקייט, האָט ער זי געוואָלט אויסנוצן פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס. „די ספּעציפישע באַזונדערקייט פונעם איצטיגן מאָמענט איז דאָס, וואָס די אַלטע סאַמאָדערזשאַוויע האָט געמאַכט אַ פאַרזוך (אָן אומגעלונגענעם פאַרזוך) צו לייזן די אויפגאַבן מיט דער הילף פון אַן אָקטיאַבריסטישער שוואַרץ־מאה'דיגער דומע. דעריבער איז די ספּעציפישע אויפגאַבע פון דער טאַקטיק פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — אויסצונוצן די דומע צוליב אירע אייגענע צילן, צו פאַרשפּרייטן די אידייען פון רעוואָלוציע און סאָציאַליזם", — האָט לענין געשריבן אין 1909.

ווען די פעברואַר־רעוואָלוציע איז געקומען, האָט זי געטראָפן פיר באָלשעוויסטישע דומע־דעפּוטאַטן אין סיביר. זיי זיינען דאָרט געזעסן פאַר זייער אַרבעט אין דומע. משמעות, אַז זייענדיג אין דומע, „האָבן זיי פאַרשפּרייט אידייען פון רעוואָלוציע און סאָציאַליזם", און ניט זיך געשפּילט אין פּאַרלאַמענטאַריזם. פאַרשיקט האָט מען זיי פאַר געגנערשאַפט צום קריג.

10. אַ פּ אַ ר ט ײ פ ו ן ר ע װ אָ ל ו צ י ע. די רעוואָלוציע איז געווען דער ציל פון די באָלשעוויקעס. די מאַרקסיסטישע טעאָריע האָט אָנגעוויזן די אומפאַרמיידלעכקייט פון אַ רעוואָלוציע. די מאַרקסיסטישע טאַקטיק האָט אָנגעוויזן די נויטווענדיגקייט צו פירן דעם אַרבעטער־קאַמף אין דער ריכטונג פון רעוואָלוציע. די באָלשעוויקעס האָבן יעדן טריט זייערן אונטערגענומען מיט אַ בליק צו דער צוקונפטיגער רעוואָלוציע. דאָס וואָס ס'האָט געפירט אויפן וועג פון שטאַרקן דעם אַרבעטער־קלאַס אין באַוואוסטזיין, אָרגאַניזאַציע און אַקטיוויטעט, איז פאַר זיי געווען ריכטיג, כאָטש עס האָט ניט צוגעזאָגט קיין אוממיטלבאַרע ממשות'דיגע רעזולטאַטן. דאָס וואָס ס'האָט אָפּגעשוואַכט דעם אַרבעטער־קלאַס און געשטאַרקט די בורזשואַזיע, האָבן זיי אָפּגעוואָרפן, כאָטש ס'האָט זיך געקענט דאַכטן (און ס'האָט זיך

טאקע געדאכט די מענשעוויקעס), אז דאס וועט ברענגען באלדיגן נוצן (פירערשאפט פון דער ליבעראלער בורזשואזיע, ארבעטער־צוזאמענפאר, ליק־ווידאציע פון אונטערגרונט). די באפרייאונג פון דעם ארבעטער־קלאס וועט קומען ניט אנדערש, ווי דורך א רעוואלוציע, וואו ער וועט שפילן די הויפט־ראלע — דאס איז געווען דער פונדאמענט פון באלשעוויזם. נאך אין 1906 האט לענין געשריבן: „א מארקסיסט שטייט אויפן באדן פון קלאסן־קאמף, ניט פון קלאסן־שלום. אין געוויסע פעריאדן פון שארפע עקאנאמישע און פאליטישע קריזיסן אנטוויקלט זיך דער קלאסן־קאמף אזוי ווייט, אז ער ווערט א בירגער־קריג, ד. ה. א באוואפנטער קאמף צווישן צוויי טיילן פונעם פאלק. אין אזעלכע פעריאדן איז א מארקסיסט פארפליכטעט צו שטיין אויפן שטאנד־פונקט פון בירגער־קריג."

צו וואס דארף מען די רעוואלוציע? האבן געענטפערט די באלשע־וויקעס: צוליב דעם, אז דער ארבעטער־קלאס זאל, מיט דער הילף פון די עקספלואטירטע פויערים, זיך דערשלאגן א מאקסימום פון דעם, וואס ס'איז מעגלעך אין א געוויסן היסטארישן מאמענט, — זיך דערשלאגן פארן אר־בעטער־קלאס און די פויערים, געגן דעם ווילן פון די פריצים און דער בור־זשואזיע. מיר האבן געזען, אז אין 1905 האט לענין נאך גערעדט וועגן א „דעמאקראטישער רעוואלוציע", ד. ה. אזעלכער, וואס זאל ברענגען א מאקסימום דעמאקראטישע דעראבערונגען און פארשטארקן די לאגע פון דעם ארבעטער־קלאס ביז א מאקסימום קראפט, וואס איז נאר מעגלעך אין א בור־זשואזער ארדענונג (אריינגערעכנט די קאנפיסקאציע פון פריצישע מאיאנט־קעס). אין יענער צייט האט ער נאך ניט געזען די מעגלעכקייט פון א סאציאלער רעוואלוציע. אבער שוין אין 1915 האט ער עס שוין געזען.

א פארטיי, וואס האט זיך אזוי ארגאניזירט און אזוי געארבעט און אזוי פארשטאנען די היסטארישע לאגע, איז געווען צוגעגרייט צו אקטאבער.

צו די וואַקלדיגע פריינט

1939.

מיר רעדן ניט צו די פיינט: יענע זוכן יעדע געלעגנהייט צו באַפאַלן דעם לינקן לאַגער. מיר רעדן ניט צו איבערצייגטע פריינט: יענע שטייען פעסט. מיר ווילן זאָגן אַ וואָרט צו די פריינט, וואָס זיינען ביי זיך אומזיכער, וואָס וואַקלען זיך, וואָס זיינען צערודערט, וואָס ס'דאַכט זיך זיי, אַז דער באָדן פאַרשווינדט אונטער זייערע פיס.

מיר פאַרשטייען זייער שטימונג, כאָטש מיר קאָנען מיט זיי ניט סימפּאַטיזירן. מיר ווייסן, אַז ס'איז זיי שלעכט: זיי הערן פון אַלע זייטן די ערגסטע און נידעריגסטע באַשולדיגונגען געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און די קאָמוניסטן. די שטראָמען פון דער פיינטלעכער אגיטאַציע זיינען, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט געווען אַזוי ברייט, אַזוי רוישיג און אַזוי שמוציג, ווי זינט ס'איז אָנגעקומען די נייעס וועגן דעם סאָוועטיש־דייטשן ניט־אָנגריף אָפּמאַך. די שונאים — דער עיקר אויף דער אידישער גאַס — האָבן זיך געשטעלט אַ גאַנץ באַוואוסטזיניגן ציל: פאַרניכטן די קאָמוניסטן, רואינירן זייערע צייטונגען, צערייסן די אָרגאַניזאַציעס, וואו זיי אַרבעטן מיט ניט־קאָמוניסטן, אָפּווישן פונעם פנים פון דער ערד אַלצדינג, וואָס ס'האָט אַ שייכות צו פּאַראייניגטן, פעסטן, קעמפעדישן ווידערשטאַנד געגן רעאַקציע און פאַשיזם. די שונאים האָבן דאָס געטאָן אַלע יאָרן, ביי יעדער געלעגנהייט, ווייל אייגנטלעך זיינען זיי נאָכאַנאַנד אַ טייל פון דעם אַנטי־קאָמינטערן בלאָק. איצט דאַכט זיך זיי, אַז די שעה פון פאַרניכטונג האָט געשלאָגן.

ווירקט דאָס אויף די מוחות פון געוויסע פריינט. נאָך מער ווירקט עס אויף זייערע הערצער. עס איז אַ צייט פון היסטעריקע, און ווען אַ היסטערישע כוואַליע צעגיסט זיך אין דער געזעלשאַפט, ווערן אַ סך אָנגעגריפן געגן זייער ווילן.

פאַרשטייען מיר, אַז אייך איז ניט גרינג. קיינעם פון אונז איז ניט גרינג אין דער איצטיגער שווערער צייט. מיר פאַרשטייען אויך, אַז אייך מאַטערן אַלערליי פראַגן, וואָס איר האָט זיי זיך דערווייל ניט פאַרענטפערט. מיר ווייסן, אַז אייך איז ניט אָנגענעם. וועמען קאָן זיין אָנגענעם אַזאַ לאַגע? ווילן מיר זיך מיט אייך ניט אויס'טענה'ן וועגן דעם, אַז עס פּאַסט בכלל ניט פאַר מענטשן—קעמפער זיך איבערצושרעקן און זיך פאַרלירן. אודאי איז דאָס ניט גוט. אודאי איז בעסער, ווען מענטשן פאַרלירן זיך נישט. אָבער ניט וועגן דעם ווילן מיר דאָ רעדן. מיר וועלן אייך נאָר געבן אַ פריינטלעכע עצה אין אייער איצטיגער פאַרלאָרנקייט.

ווען עמיצער פילט זיך פארלארן, ווען עס דאכט זיך אים, אז ער ווערט געטראגן אויף שטורעמדיגע כוואליעס, ער ווייסט אליין ניט וואוהין, — דארף ער האבן אן אנקער. ווילן מיר אייך, ערשטנס, פארשלאגן אזא אנקער; צווייטנס, ווילן מיר אייך ראטן, אז איר זאלט זיך ניט איילן, איר זאלט ניט נעמען קיין טריט, וואס איר וועט זיי מוזן באדויערן מיט דער צייט.

דער אנקער — דאס איז די צוויי־און־צוואנציג יאריגע געשיכטע פונעם סאוועטן־פארבאנד. איר קענט די געשיכטע. מיר דארפן זיך ניט אפשטעלן אויף אלע אירע פאזן. מיר ווילן אייך נאר דערמאנען די נאציאנאלע פראגע. איבער דער גאנצער בורזשואזער וועלט איז אויפגעפלאקערט א נאציאנאלער האס, א נאציאנאלער קאמף. איבער דער גאנצער וועלט גייט א מורא׳דיגע נאציאנאלע אונטערדריקונג. רוסלאנד האט אמאל געהייסן ביי פראגרעסיווע מענטשן: „די טורמע פון פעלקער". די סאוועטישע רעוואלוציע האט באפרייט אלע פעלקער. די סאוועטישע מלוכה האט געגעבן יעדער נאציע אין די סאוועטישע גרענעצן א מעגלעכקייט צו אנטוויקלען זיך נאציאנאל, קולטורעל, עקאנאמיש, סאציאל. און ווייסט איר, ווער עס איז געווען דער פארפאסער פון די וויכטיגסטע געזעצן וועגן נאציאנאלער באפרייאונג? דער חבר סטאלין, וועלכער האט זיך אנגעהויבן באשעפטיגן מיט דער פראגע וועגן נאציאנאלער זעלבסטבאשטימונג נאך אין יאר 1912. און ווייסט איר, ווער עס האט מער ווי אלע אנדערע טוער דערמוטיגט די אנטוויקלונג פון די נאציאנאלע קולטורן אין סאוועטן־פארבאנד? דער זעלביגער חבר סטאלין. א סך שלעכטס האבן די שונאים געזאגט וועגן סאוועטן־פארבאנד, אבער אפילו די ערגסטע שונאים האבן ניט געקענט זאגן, אז עס איז ניטא קיין נאציאנאלע פרייהייט אונטערן סערפ און האמער.

דאס איז איינס. א צווייטע זאך, וואס איר דארפט געדענקען: דער סאוועטן־פארבאנד, זייענדיג א ריזיגע מלוכה מיט גוואלדאווגע קרעפטן, האט קיינמאל ניט געוואלט קיין פרעמדע טעריטאריע. די ביטערסטע צווישן די סאוועטן־פרעסער האבן ניט געקענט זאגן, אז דער סאוועטן־פארבאנד האט וועלכע ניט איז טענדענצן פון ווילן באהערשן פרעמדע פעלקער און לענדער. פארקערט, ווי נאר עס איז מעגלעך געווען, האט דער סאוועטן־פארבאנד זיך געשטעלט אינעם שוץ פון אונטערדריקטע פעלקער. די שטעלונג פונעם סאוועטן־פארבאנד צו טשעכאסלאוואקיע איז אלעמען באוואוסט. די הילף, וואס דער סאוועטן־פארבאנד האט געגעבן דעם שפאנישן פאלק, איז אויך באוואוסט איבער דער וועלט. די הילף, וואס דער סאוועטן־פארבאנד גיט איצט דעם כינעזישן פאלק, איז אפשר ניט אזוי ברייט באוואוסט, אבער זי

איז אַ פאַקט. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אויסגענוצט זיין שטים אין דער פעלקער־ליג צו פּרוּוון ניט דערלאָזן, אַז איטאַליע זאָל פאַרכאַפּן עטיאָפּיע. אין די אַלע אַקטן האָט די סאָוועטן־רעגירונג ניט געזוכט קיין עגאָאיסטישן נוץ. זי האָט געזוכט צו שיצן די אומאָפּהענגיגקייט פון פעלקער. זי האָט געזוכט צו שטיצן די פרייהייט געגן דעם פאַשיזם.

נאָך איין פּונקט. איר ווייסט, אַז אין די לעצטע יאָרן זיינען די קאָמוניסטן פון דער גאַרער וועלט געווען פאַרנומען מיט קעמפן פאַר אַ פאַראייניגטן פראָנט פון אַלע דעמאָקראַטישע כחות געגן פאַשיזם אין יעדן לאַנד באַזונדער און אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. איר ווייסט, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געווען, דורך די אַלע יאָרן, דער שאַרפסטער געגנער פונעם פאַשיזם.

מיר וועלן ניט אַריינגיין אין אַ סך אַנדערע פּונקטן פון דער סאָוועטישער געשיכטע. געניג צו דערמאָנען אָט די פּאָר פאַקטן, וואָס איר, אַלס פריינט פונעם לינקן לאַגער, זייט מיט זיי באַקאַנט. ווען איר זייט באַקאַנט מיט אַ פריוואַטן מענטשן 22 יאָר און עמיצער קומט צו אייך און זאָגט אייך, אַז דער מענטש איז באַגאַנגען אַ פאַרברעכן, וועט איר זיך ניט איילן אַרויסצוטראָגן אַן אורטייל. איר וועט זיין גענייגט צו גלויבן, אַז דאָס איז אַ רכילות. דער עיקר נאָך, ווען די מיינונג קומט פון אַ פיינט. איר וועט זאָגן, אַז איר וועט צוואַרטן, ביז איר וועט געוואָר ווערן אַלע פאַקטן. איר וועט מסתמא זאָגן, אַז איר ווילט הערן, וואָס אייער פריינט האָט צו זאָגן. עס איז נאַטירלעך, אַז ווען עמיצער קומט און דערציילט אייך אַ שלעכטע זאַך וועגן אַ מענטשן, וועמען איר קענט זייער גוט אין משך פון לאַנגע יאָרן, זאָלט איר גאָר ווערן ברוגז אויפן דערציילער.

טאָ פאַרוואָס זאָלט איר דאָס זעלביגע ניט טאָן מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד? פאַרוואָס זאָלט איר זיך איבערשרעקן? פאַרוואָס זאָלט איר זיך וואַקלען? פאַרוואָס זאָלט איר זיך פילן אומגליקלעך?

קיינער פאָדערט פון אייך ניט, אַז איר זאָלט וויסן אַלע פאַקטן און קענען ענטפערן אויף אַלע פראַגן. ניט אַלע פאַקטן זיינען באַוואוסט. די פראַגן זיינען פאַרבונדן מיט דער הויך־פּאָליטיק פון גרויסע וועלט־מלוכות אין אַ צייט, ווען די קריגס־געפאַר הענגט ווי אַ שווערד איבערן קאָפּ. די פראַגן זיינען בשום אופן ניט אַזוי איינפאַך. מיט דער צייט וועלן זיי אויפגעקלערט ווערן און אַלץ וועט ווערן אַ סך פאַרשטענדלעכער. דער אמת איז, אַז מיט יעדן טאָג ווערט די לאַגע קלערער. איר דאַרפט נאָכפאָלגן די נייעס און זיך באַרייכערן מיט וואָס מער פאַקטן.

אָבער איינס קענט איר זיך זאָגן מיט דער פולער זיכערקייט אָן שום ווייטערדיגער צוגרייטונג: „איך ווייס, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אַ בויער און שטיצער פון סאָציאַלער באַפרייאונג און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, אַ פיינט און באַקעמפער פון אונטערדריקונג, סאָציאַלער, נאַציאָנאַלער און אַנדערע. איך ווייס, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אַ פעסטונג פון דעמאָקראַטיע און אַ ביטערער פיינט פון פאַשיזם.” דאָס, דאַרפט איר זיך זאָגן, איז מיר דערווייל גענוג. דאָס איבעריגע וועל איך שוין געוואָר ווערן מיט דער צייט.

אָט דאָס דאַרף זיין אייער קאָמפּאַס אין דער איצטיגער שווערער צייט. אָט דאָס דאַרף זיין אייער וויכטיגסטער אָנהאַלט.

דאָס איז דער ערשטער פונקט, וועגן וועלכן מיר האָבן געוואָלט רעדן. און דער צווייטער פונקט איז: געדולד. איילט זיך ניט מיט אַלערליי אומגעזונטע שלוסן. געדענקט, אַז איר האָט אַ פליכט ניט נאָר צו דער באַוועגונג, צו וועלכער איר געהערט און וועלכער איר האָט אָפּגעגעבן קרעפטן, נאָר אויך צו זיך אַליין. וואָס פאַר אַ פנים וועט איר האָבן אין עטלעכע וואָכן אַרום אָדער אין עטלעכע הדשים אַרום, ווען די וואָלקנס וועלן זיך האָבן צעשטרייט און איר וועט זיך אַרומקוקן, אַז איר האָט זיך באַנאַרישט? וואָס פאַר אַ דרך־ארץ וועט איר קענען האָבן צו אייער אייגענער פּערזאָן, ווען איר וועט דערזען, אַז ווי נאָר די פיינט האָבן אָנגעהויבן אַ וואַקכאַנאַליע פון פאַרלוימדונג, ווי נאָר זיי האָבן געעפנט די שליוזן פון זייער העצע, ווי נאָר עס איז געקומען אַ וויכטיגער פאַרוויקלטער ענין, וואָס איר האָט אים ניט געקענט אַרומכאַפּן מיט אייער מוח מיטאַמאָל, האָבן די קני ביי אייך אָנגעהויבן ציטערן און איר זייט געוואָרן היסטעריש?

נאָר נישט אַריינפאַלן אין פאַניק. דאָס איז דאָס איינציגע וואָס מיר שלאָגן אייך פאָר. געדענקט, אַז שמוץ־וואַקכאַנאַליעס, מסירה־וואַקכאַנאַליעס, אפילו טעראָר־וואַקכאַנאַליעס זיינען שוין פאָרגעקומען מער ווי איין מאָל. נאָכאַנאַנד האָבן די שונאים געפּרואווט צעשמעטערן דעם לינקן לאַגער. נאָכאַנאַנד האָבן זיי גערעכנט, אַז זייער טאָג איז געקומען. אָבער די שווערע שעה איז אַריבער, דער לינקער לאַגער האָט אויסגעהאַלטן, און שפּעטער האָבן אפילו אַ סך פון די פריער־וואַקלדיגע געמוזט צוגעבן, אַז דער גאַנצער טומל איז געווען אַ בייזווייליגע פאַרשווערונג.

נאָך יעדן אָנפאַל זיינען די קרעפטן פון די לינקע געוואַקסן. נאָך יעדער וואַקכאַנאַליע איז די קאָמוניסטישע פאַרטיי אַרויס מיט פאַרשטאַרקטע קרעפטן. אויך די איצטיגע בייזע מהומה וועט האָבן די זעלבע רעזולטאַטן.

באַפרייטע אידן

אין אַ סאָוועטישער אידישער קאָלאָניע

1931.

דער אוקראַינער אָוונט האָט זיך אָנגעגאָסן מיט פינצטערניש און די קאַרשן־ביימלעך אויף ביידע זייטן וועג זיינען געשטאַנען פאַרנעבלט. אונטער די רעדעס האָבן געקלאַפּט די גרויסע שטיינער פונעם שאָסיי, און אַז דער וואָגן איז אַראָפּגעפאָרן אויף דער זייט וועג, אין ווייטן טיפן שטויב, איז מיט אַמאָל געוואָרן שטיל. פון אַ ווייטן טייכל האָבן זשאַבעס געקראַקעט. אויפן הימל האָבן זיך געצונדן שטערן.

איך בין געפאָרן פון פּאָסטאָוו אין דער קאָלאָניע קאָדלוביצע — אַ שטרעקע פון אַ פּאָר וויאָרסט. איך האָב זיך פאַרהאַלטן אין פּאָסטאָווער ראַיאָן־סאָוועט, און איידער וואָס ווען, איז געוואָרן אָוונט. נו, מילא, סיי־ווי איז קיינער ניטאָ אין קאָלאָניע אין משך פונעם טאָג. ס'איז שניט־צייט. מען קומט אַהיים שפּעט.

די פערד האָבן לאַנגזאַם געטיופּקעט אין שטויב. ביימער האָבן זיך געבויגן איבערן וועג. הויבסט אַ האַנט און רירסט אָן אַ צווייגל, — די בלעטער זיינען שווין פייכט פון טוי. פיטער־גראָז האָט שאַרף געשמעקט. פון די לאָנקעס האָט געבלאָזן אַ וואַרימע פייכטקייט. איך האָב גאָרנישט באַמערקט, ווי מיר האָבן זיך אַריינגערוקט אין דער קאָלאָניע. צוויי רייען הייזער אויף ביידע זייטן שאָסיי. איין גאַס. די הייזער — טונקל. די גאַס — פינצטער. וואו גייט מען?

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער „סעלראַדאַ". די קאָלאָניע ווערט אַדמיניסטראַטיוו פאַררעכנט פאַר אַ דאָרף. דער דאָרפישער סאָוועט הייסט אויף אוקראַיניש „סעלראַדאַ". איך האָב געוואוסט, אַז דער פאָרזיצער פונעם סאָוועט איז חבר דובינסקי. וואו איז ער? מען ענטפערט מיר, אַז ער איז ערגעץ אין קאָלאָניע. גיי זוך.

איך האָב צייט און לאָז זיך גיין איבערן וועג. איך וועל זיך שוין אָנשטויסן אויף עמיצן, וואָס וועט מיך ברענגען צום פאָרזיצער פונעם סאָוועט. איך גיי און הער זיך איין אין די שטימען פון דער נאַכט. איך ווייס, אַז די קאָלאָניע שלאָפט ניט — אָבער וואו זיינען די מענטשן?

רעכטס לעבן איינעם פון די הייזער ברענט אַ לאָמפּ. אין זיין טונקעלן שיין דערקען איך אַ שילד: ס'איז דער קאָאָפּעראַטיוו. דאָס איז מסתמא דער צענטער. אָבער קיין דערוואַקסענע מענטשן געפין איך דאָ אַלץ ניט. עס זיצן

עטלעכע קינדער אויף בענק אין דרויסן. קינדערשע שטימען הערן זיך פון אינעווייניג. איך וויל זיך דאָך אָבער זען מיט די אָנפירער פון דער קאָלאָניע, איך וויל באַקומען אַ בילד פון דעם קאָלעקטיוו. נאָך אין פאָסטאָוו האָט מען מיר געזאָגט, אַז דאָס איז אַ קאָלעקטיווע פאָרם (קאָלכאָז).

די קינדער האָבן מיך דערזען. זיי האָבן מיר אָנגעהויבן פרעגן, ווער איך בין. איך האָב זיך באַנוגנט מיט אַ פּאָר אומבאַשטימטע ווערטער און זיך געלאָזט ווייטער איבער דער גאַס. ס'איז שוין געווען אַרום האַלב נאָך ניין אָדער צען. דער שטויב אונטער די פּיס איז געווען פּייכט פון טוי. נאַכט־בלומען האָבן געשמעקט. איך האָב דערקענט דעם טאַבאַק מיט זיין ווירציגן דופט.

איך בין נישט אָפּגעגאַנגען אַ צוואַנציג טריט ווי איך פיל: מען שלעפּט מיך פאַר דער פּאָלע. אַ קינד פון אַ יאָר ניין איז צוגעגאַנגען אויף באָרוויסע טריט און מיך אָפּגעשטעלט. אַן אומרואיג קול פרעגט: „ווער זייט איר?" איך ענטפער מיט אַ פראַגע: „וואָס דאַרפסטו וויסן?" דער קליינער אַנט־לויפט — און אין צוויי מינוט אַרום האָב איך שוין לעבן זיך דריי קינדער. מען רינגלט מיך אַרום. „איר מוזט אונז זאָגן ווער איר זייט." איך שמייכל. „זאָגט מיר פריער", זאָג איך, „ווער איר זייט?" יענע ענטפערן: „סטייטש, מיר זיינען פּיאָנערן." איך ווער געוואויר, אַז דאָ געפינט זיך אַ קיעווער קינדער־שול אויף זומער; די שול העלפט אַרויס אין דער אַרבעט. עס איז אַ פאַראייניגונג פון זומער־וואַקאַציע מיט אַרבעט. די שילער זיינען אַלע פּיאָנערן.

איידער אונזער געשפּרעך האָט זיך געענדיגט, האָבן די פּיאָנערן מיך שוין איינגעלאַדן אויף אַ מיטינג. זיי האָבן לאַנג שוין פאַרענדיגט זייער אַרבעט. די דערוואַקסענע זיינען נאָך ניט אַלע געקומען פון די פעלדער. איידער וואָס ווען, אַפשר וועל איך זאָגן אַ פּאָר ווערטער?

אדרבא, פאַרוואָס ניט. ס'האָט געבלאָזן דער טרומייט. מען האָט זיך פאַרזאַמלט אין דעם צימער, פון וואַנען איך האָב געהערט קינדערשע שטימען. ס'האָט געברענט אַ קליינער קעראָסין־לאָמפּ און באַלויכטן אַזוינע פערציג־פופציג קינדערשע פּנים'ער, וואָס האָבן געברענט מיט אינטערעס. איך האָב קיינמאָל נאָך אַזוינע הערער ניט געזען. אויגן האָבן געפלאַמט, פויסטן האָבן זיך געדריקט. אויסרופן האָבן פאַרהילכט די לופט. אַרבעטלאָזע... אַרעסטן... הואָווערוווילס... לינטשערייען... סקאָטסבאָראָ...

דער יונגער עולם האָט געבראַוזט. מען האָט געקענט זען, ווי הערצער קלאַפּן. ווען ס'איז פאַרגעשלאָגן געוואָרן אַ רעזאָלוציע פון באַגריסונג צום

פּראָלעטאַריאַט און צו די פּיאָנערן פון די פאַראייניגטע שטאַטן, האָט זיך איין שטורעם־געשריי ארויסגעריסן פון אַלע הערצער. מען האָט מיך געבעטן, איך זאָל דעם גרוס איבערגעבן אין אַמעריקע.

ארומגערינגלט מיט אַ גאַנצער כאָפּטע קליינוואַרג, פון 10 ביז 16־17 יאָר, בין איך אַרויס אין גאַס. די דערוואַקסענע האָבן זיך שוין פאַרזאַמלט. ס'איז שוין געקומען חבר דובינסקי. ס'איז אויך געקומען חבר בריאַלאָווסקי, דער פאַרזיצער פונעם קאָלעקטיוו. עס האָט זיך אָנגעהויבן מיין באַקאַנטשאַפט מיט דער קאָלאָניע.

די קאָלאָניע איז אַן אַלטע. זי האָט עקזיסטירט נאָך פאַר דער מלחמה. אָבער אין דער צייט פון מלחמה און בירגער־קריג איז די קאָלאָניע אינגאַנצן אָפּגעווישט געוואָרן. אין יאָר 1920 איז דאָ געווען אַ פעלד. די ערשטע הייזער האָט אויפגעבויט דער „דזשאָינט", וועלכער האָט אויך געגעבן די ערשטע קי פאַר די קאָלאָניסטן. שפּעטער האָבן זיך די קאָלאָניסטן געשטעלט אויף די פיס. די קאָלאָניע פאַרמאָגט 600 העקטאַר לאַנד (אַן ערך 1600 אַקער), 86 קי, 49 פערד, 54 אָקסן און קעלבער, צוויי טראַקטאָרן, צוויי דרעש־מאַשינען, 5 שנייד־מאַשינען, איין לאָקאָמאָביל, אַ געוויסע צאָל אַקערס און אַנדערע אינסטרומענטן. די מאַשינען באַטרייבן די קאָלאָניסטן אַליין מיט זייערע אייגענע קרעפטן. ארום און ארום איז דאָ אין דער קאָלאָניע 45 הייזער, אין וועלכע עס וואוינען 40 פאַמיליעס מיט 140 נפשות.

אַ קוק געגעבן אויף די קאָלאָניסטן, זיינען זיי פּויערים ווי אַלע אַנדערע פּויערים. ס'איז דאָ די שווערינקייט, די ערדישקייט און די געלאַסנקייט פון אַ פּויער. מ'איז אָנגעטאָן פּונקט ווי די ארומיגע אוקראַינער פּויערים. דער אידיש קלינגט אויך געגנוג פּויעריש. די ארבעט ווערט געטאָן מיט מאַשינען, אָבער עס איז דאָ אויך געגנוג ארבעט פאַר די הענט. די קאָלאָניע איז קאָ־לעקטיוויזירט. די ערד, די מאַשינען, אינסטרומענטן, פערד, קי און אָקסן זיינען קאָלעקטיוויזירט. די היימישע באַלעבאַטישקייטן מיט שטיקלעך גאָרטן זיינען פּריוואַט. פּראָדוקטן באַקומט מען פונעם קאָאָפּעראַטיוו. אַ חוץ דער אַגריקולטור־באַלעבאַטישקייט פאַרמאָגט מען אויך אַ מילך־ווירטשאַפט. ארבעט איז דאָ געגנוג סיי זומער, סיי ווינטער.

די גרעסטע שווערינקייט אינעם לעבן פון אַט דער קאָלאָניע איז—מאַנגל אין ארבעט־קרעפטן. די יוגנט פאָרט אַוועק אין די גרויסע שטעט, אין די פאַבריקן און זאַוואָדן. די יוגנט לערנט זיך אין אוניווערזיטעטן. מען וויל ניט בלייבן אויף דער ערד. דאָס איז, אגב, די פּראָבלעם פאַר אַ סך אידישע קאָלאָניעס, דערהויפּט די ביי־שטאָטישע. קאָלאָניעס, וואָס געפינען זיך

ווייטער פון אינדוסטריעלע צענטערן, האָבן מער בכח איינצוהאַלטן זייער יוגנט.

דער קאָדלוביצער קאָלעקטיוו רופט זיך „רויטער פויער" און איז אָרגאַניזירט געוואָרן צוריק מיט אַ יאָר דריי. זיין פּאָרזיצער, חבר בראַילאָווסקי, איז ניט קיין היימישער: ער שטאַמט פון דניעפּראָפּעטראָווסק, וואו ער האָט געאַרבעט אין אַ שטאָל־גיסעריי אַלס מעטאַליסט. ער איז אַ „פינף־און־צוואַנציג־טויזנטניק" — ד. ה. איינער פון די פּראָלעטאַריער, וועמען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט מאָביליזירט צוריק מיט אַ פּאָר יאָר צו העלפן דער קאָלעקטיוויזאַציע אין דאָרף. חבר בראַילאָווסקי האָט זיך איינגעלעבט אין קאָלעקטיוו, געוואָרן זיין פירער, געוואָרן באַליבט צווישן די קאָלאָניסטן אויף אַזויפיל, אַז מען האָט מיר געזאָגט פון אַלע זייטן: „טאָמער פאָרט ער אַוועק, קען דאָס אונז אַלעמען שאַדן." חבר בראַילאָווסקי וואָלט, פאַרשטייט זיך, געוואָלט פאָרן צוריק אין דער גרויסער שטאָט, וואו ס'איז דאָ אַ ברייטער פּאַרטיי־לעבן, אָבער אַז די פּאַרטיי זאָגט בלייבן, בלייבט מען.

ווי לעבט מען אין דער קאָלאָניע? איך בין געווען אין עטלעכע הייזער, איך האָב גערעדט מיט קאָלאָניסטן. מען באַקלאָגט זיך ניט. ס'איז אַ שווער לעבן, אָבער מען האָט אַ באַדן אונטער די פיס. מען האָרעוועט, אָבער מ'איז באַזאָרגט מיט ברויט. ס'איז דאָ קאָרן־ברויט און אוגערקעס און קאַרטאָפל און אַ הון און אַן איי און אַ גלאָז מילך. ס'איז דאָ אַ הויז און הייצונג. ס'וואָלט געמעגט זיין בעסער. דער קאָאָפּעראַטיוו אַרבעט ניט גוט. אָבער דאָס איז אַ פראַגע פון צייט. דער קאָלעקטיוו האָט דעם זומער עקזיסטירט ערשט דאָס דריטע יאָר. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ווען די קאָלאָניע וואָלט מער געטראַכט וועגן פאַרשענערן איר לעבן, וואָלט די יוגנט מסתמא ניט געאיילט זיך אַזוי צו אַנטלויפן. אָבער אויך דאָס איז אַ פראַגע פון צייט און מיטלען.

אפילו אין איצטיגן צושטאַנד פאַרמאָגט די קאָלאָניע אַ פיר־יאָריגע שול פאַר 40 שילער און האַלט צוויי לערערינס. זי פאַרמאָגט אַ קינדערגאָרטן און אַ לייען־שטיבל. עס איז פאַראַן אויך אַ מין קלוב מיטן נאָמען „דאָס הויז פון קאָלעקטיוויסט". פאַראַן אַ קאָאָפּעראַטיווע עס־שטוב, וואו מען קריגט אַ מיטאָג פאַר 18־20 קאָפּיקעס. אָבער די קולטור־אַרבעט איז, לויט מיין מיינונג, ניט גענוג הויך אַנטוויקלט. אַ סך לעבן האָט אַריינגעטראָגן די קיעווער שול מיט די עטלעכע צענדליג לעבעדיגע יאַטן. נאָר אַ דאַנק אָט דער שול איז מעגלעך געווען אַראָפּצונעמען הײ־יאָר די תבואה.

ס'איז שוין געווען אַרום עלף אין אָוונט, ווען מען האָט געלאָזט ווייסן,

אַז מען רופט די קאָלאָניסטן אויף אַ פאַרזאַמלונג. וואָס אַזוי שפּעט? איז דער ענטפער: בייטאָג האָט מען קיין צייט ניט, און די פראַגע איז דרינגענדיג, מען קען זי ניט אָפּלייגן אויף שפּעטער. עס האַנדלט זיך וועגן ברויט־פאַרגרייטונג. מען האָט געהאַלטן ביים פאַרענדיגן אַראָפּנעמען די תבואה — און די מלוכה האָט געוואָלט וויסן, וויפיל די קאָלאָניסטן קענען איר פאַרקויפן פון דעם הייר־יאָריגן גערעטעניש. זי האָט דאָס געדאַרפט וויסן טאַקע באַלד. דער קאָלעקטיוו האָט געדאַרפט באַשליסן וואָס צו טאָן.

ס'האָט געשיינט די לבנה און ס'האָבן זיך געבויגן די גראָזן אונטער דער מאַסע פון טוי, ווען די פאַרזאַמלונג האָט זיך צונויפגעקליבן אויף אַ שטיקל פּלאַץ הינטער דעם שייער. מ'איז געלעגן אויפן גראָז און געזעסן אויף קלעצער, נאָר דער פּרעזידיום איז געזעסן אַרום אַ הילצערנעם טיש, וואו עס האָט געברענט אַ ליכטל. ס'איז געווען אַזוי שטיל, אַז דאָס פלעמל האָט זיך ניט גערירט.

ס'איז געשטאַנען די פראַגע: וויפיל? די מלוכה צאָלט אַ באַשטימטן פּרייז. דאָס געלט וועט צונויף קומען דעם קאָלעקטיוו. אָבער נאָך בעסער וואָלט אים צונויף געקומען די תבואה. האָבן זיך די קאָלאָניסטן טאָקע איינגעטיילט אין צוויי פּאַרטייען: אייניגע האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף אָפּגעבן נישט ווייניגער ווי 57 פּראָצענט פונעם ווייץ און 40 פּראָצענט פונעם קאָרן. אַנדערע האָבן גערעכנט, אַז מען דאַרף זיך לאָזן מער. עס האָט זיך אַפילו געפונען איינער, וואָס האָט געזאָגט: „לאָמיר אויסרעכענען, וויפיל מיר דאַרפן האָבן ביז איבעראַיאָר נאָך שניט — און וואָס וועט בלייבן, וועלן מיר אָפּגעבן דער מלוכה." זיין רעדע האָט אַרויסגערופן שטאַרקע פּראָטעסטן. מען האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ קולאַקישער צוגאַנג. מען האָט אָנגעוויזן, אַז די מלוכה דאַרף האָבן די תבואה היינטיגן טאָג און אַז מען דאַרף איר געבן וואָס מער. אויב איבעראַיאָר וועט אויספעלן תבואה אַנהויב זומער, וועט מען זיך ווענדן צו דער מלוכה, וועט זי געבן. מען איז דאָך ניט קיין פּריוואַטניקעס. מען איז אַ קאָלעקטיוו!

סוף־כל־סוף איז דורכגעגאַנגען דער באַשלוס פון דעם פּרעזידיום וועגן 57 און 40 פּראָצענט. מען האָט אָפּגעזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל" און מען איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען, ווען עס האָט שוין אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג.

אינדערפרי האָב איך ערשט געזען די קאָלאָניע אין איר ריכטיגער געשטאַלט. ס'וועט נאָך מסתמא דויערן אַ צייט, ביז די אידישע מאַסן וועלן זיך אויסלערנען אויספּוצן זייערע הייזער און אויסבאַווען זייערע קאַרשן־ביימלעך, ווי עס טוען דאָס באַטשבי די אַרומיגע אוקראַינער. אַ מילדע נאַטור, אַ מאַסע

ביימער און גרינסן — און די קאָלאָניע האָט ניט קיין אייגן פּאַרקל, וואו מען זאָל קענען פאַרברענגען אַ שעה. אַ נייע שול־געביידע, מיט גענוג פּלאַץ פאַר אַלע שילער — און די ווענט אינדרויסן זיינען אָפּגעריסן. מיט אַ ביסל אַרבעט און גאַר־ווייניק מיטלען וואָלט מען געקאָנט אַ סך פאַרבעסערן.

פונדעסטוועגן האָט קאַדלוביצע פאַר די לעצטע יאָרן געמאַכט באַדייטנדיגן פאָרשריט. צווישן די עלטערע קאָלאָניסטן איז פאַראַן ניט מער ווי צוויי מיטגלידער פון דער קאָמפּאַרטיי, צווישן דער יוגנט איז אָבער פאַראַן ניין קאָמסאָמאָלצעס.

איך האָב גערעדט מיט חבר מאָשקע מאַרקמאַן, אַ איד פון אַ יאָר אַכציג. ער האָט אַ זון אַ קאָלאָניסט און ער איז אַליין אויך אַ קאָלאָניסט; דריי אַנדערע זין אַרבעטן אין קיעוו, אין פאַבריקן. דער אַלטער האָט געהאַלטן איין אייניקל אויפן אָרעם, דאָס אַנדערע האָט זיך גערדייט ביי זיינע פיס.

דעם אידנ׳ס אויגן האָבן געשמייכלט. זיינע רויטלעכע וואָנצעס האָבן זיך גערירט. די זון האָט געוואַרעמט. פון ערגעץ ווייט האָט זיך דערטראָגן אַ געזאַנג. אויף יענער זייט קאָלאָניע, אויף אַ שטרעקע פון אַ האַלבן קילאָמעטער, איז ווי אַ וואַנט געשטאַנען דער וואַלד.

אידן און ניט־אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד

.1934

איך האָב ניט איין מאָל געטראַכט: וואו אויף דער וועלט איז דאָ אַזאַ גלייכקייט צווישן אידן און ניט־אידן, ווי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד? וואָס פאַר אַ ביישפּיל קען מען ברענגען פאַר די, וואָס זיינען ניט געווען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, כדי זיי זאָלן האָבן אַ פאָרשטעלונג וועגן דער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע?

די נאַציאָנאַלע פראַגע עקזיסטירט מער ניט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס איז דער עיקר. די נאַציאָנאַלע פראַגע עקזיסטירט דאָ, וואו עס איז דאָ אַ נאַציע אַן אונטערדריקערין און נאַציעס אונטערדריקטע. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דאָס ניטאָ — און דעריבער איז די נאַציאָנאַלע פראַגע פאַרשוואונדן. עס זיינען נאָך, אמת, פאַראַן עלעמענטן אין די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס האָבן זיך נישט באַפרייט פון דער אַלטער ירושה פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און נאַציאָנאַלן האַס. עס געפינען זיך נאָך אידן, וואָס קוקן אויפן „גוי" בכלל ווי אויף אַ שונא און וואָס שטאָלצירן מיט „מיר אידן"; עס געפינען זיך נאָך גרויס־רוסן, וואָס האַלטן, אַז די גרויס־רוסישע קולטור דאַרף זיין די הערשנדיגע קולטור אינעם גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָבער דאָס ווערט באַטראַכט ווי רעשטן פון דער קלאַסן־אידעאָלאָגיע פון דער באַזיגטער בורזשואַזיע — און אָט די רעשטן באַשטימען ניט דעם טאָן און כאַראַקטער פון דעם לעבן. אָט די רעשטן ווערן באַקעמפט סיי אידעאָלאָגיש, סיי דורך דער פּראַקטיק פונעם סאָוועטישן לעבן.

אין דעם לעבן האָבן די סאָוועטישע מאַסן, צענדליגער און צענדליגער מיליאָנען, זיך צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד באַשטייט ניט נאָר פון רוסן, נאָר אויך פון אידן און אַנדערע מינאָריטעט־נאַציאָנאַליטעטן, און אַז דער אונטערשייד צווישן זיי איז ניט אין רעכטן און פליכטן, נאָר אין שפּראַך און נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם. פאַר דעם סאָוועטישן אַרבעטער און פויער איז נאַטירלעך צו דענקען, אַז דער איד איז פונקט אַזאַ מענטש ווי דער רוס. עס איז ניטאָ קיין שום סיבה, פאַרוואָס ער זאָל טראַכטן אַנדערש. אַמאָליגע יאָרן האָבן די רוסישע קאַפּיטאַליסטן און פריצים געהעצט די רוסישע מאַסן געגן די אידן מיטן אויסרייד, אַז יעדער איד איז אַן עקספּלואַטאַר; די רוסישע מאַסן האָבן פאַר זיך געזען אידישע קרעמער און

אידישע פאבריקאנטן — און דאס האט געשפּייזט דעם פּאראורטייל נעגן אידן, וואס די נאציאנאליסטישע פּראפּאגאנדע האט אין זיי פארפלאנצט. אין סאוועטן־פארבאנד זעען די רוסישע מאסן, אז די אידישע ארבעטער און די אידישע פּויערים ארבעטן פּונקט אזוי ווי זיי און בויען דאס לעבן ווי גלייכע. די רעגירונג און די גאנצע סיסטעם אונטערשטרייכט די גלייכקייט. דעריבער קאן גאר נישט קומען אויפן געדאנק, דערהויפּט צווישן יונגן דור, אז שפּראך און אפּשטאם זאל זיין א גרונט פאר פיינטשאפט.

גלייכקייט אין סאוועטן־פארבאנד איז ניט נאר א נעגאטיווע זאך: עס איז ניט נאר דאס, וואס עס איז ניטא קיין אונטערדריקונג. גלייכקייט אין סאוועטן־פארבאנד איז א פּאזיטיווע זאך: זי ווערט געבויט דורך דער פּארטיי און דער רעגירונג. עס קען ניט עקזיסטירן קיין גלייכקייט אזוי לאנג, ווי די נאציאנאלע רעפּובליקן זיינען ארימער ווי גרויס־רוסלאנד. די פּאליטיק פונעם סאוועטן־פארבאנד איז נאכאנאנד געווענדט אויף דערהויבן דעם עקאנאמישן און קולטורעלן צושטאנד פון די נאציאנאלע רעפּובליקן. דאס איז א טייל פון דער ארבעט פון דעם סאציאליסטישן אויפבוי. דאס איז אן ארבעט ניט נאר פאר דער רעגירונג — קיין זאך אין סאוועטן־פארבאנד איז ניט קיין ארבעט פאר דער רעגירונג אליין — נאר פאר די ברייטע מאסן פון אלע נאציאנאליטעטן. און די באטייליגונג אין אט דער ארבעט פארשטארקט ערשט די נאציאנאלע גלייכקייט.

ווי אזוי, א שטייגער, דריקט זיך דאס אויס בנוגע די אידן? ביי אונז האט מען געמאכט א געוואלטיגן וועזן פון דעם, וואס די סאוועטן־רעגירונג האט פּראקלאמירט ביראָ־בידזשאן ווי א אידישע אויטאנאמע געגנט. אפילו צווישן די פּראָ־סאוועטישע מאסן אין אויסלאנד איז דאס געווען עפּעס ווי א פּאליטישע סענסאציע. אינעם סאוועטן־פארבאנד האט דאס דערוועקט פרייד — אבער געוואונדערט האט עס ניט קיינעם. די פּראקלאמירונג איז אין דער ליניע פון דער גאנצער נאציאנאלער פּאליטיק פונעם סאוועטן־פארבאנד. אויב דער סאוועטן־פארבאנד האט געקענט אויפבויען אזוי פיל אנדערע נאציאנאלע רעפּובליקן, פארוואס זאל ער ניט בויען ביראָ־בידזשאן ווי א אידישע אויטאָ־נאמע געגנט און שפּעטער ווי א אידישע נאציאנאלע רעפּובליק? אויב מיליאנען און הונדערטער מיליאנען זיינען אויסגעגעבן געווארן אויף צו בויען די אינדוסטריען, די אגריקולטור און די קולטור פון אוזבעקיסטאן, טורקמעניסטאן, טאדזשיקיסטאן, אזערביידזשאן און אנדערע אזוינע רעפּובליקן, וואס ענדיגן זיך יא און ענדיגן זיך ניט אויף „אן", טא פארוואס זאל מען ניט אויסגעבן קיין געלט אויף צו בויען ביראָ־בידזשאן? עס האט גע־

פריִיט. ווי עס פריִיט יעדע נייע דערגרייכונג פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָבער עס האָט לחלוטין ניט געוואונדערט. אַזוי דאַרף זיין.

און עס דאַרף אַזוי זיין, אַז די זאַך פון בויען דאָס אידישע לעבן איז ניט דווקא די זאַך פון די אידן, נאָר פון די מאַסן פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. זאָל מען דערביי געדענקען, אַז דאָס הייסט ניט, אַז מען טוט אימיצן אַ טובה. די אַרבעט ווערט געטאָן ניט אין דער ליניע פון פילאַנטראָפּיע. בויען קאַנאַלן צו באַוואַסערן די קאַטן־געגנטן פון טאַדזשי־קיסטאַן איז ניט קיין ספּעציעלע פילאַנטראָפּישע אונטערנעמונג פאַר דער טאַדזשיקישער רעפּובליק: עס איז נויטיק פאַרן גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד; עס איז אַ שלאָגלער־אַרבעט פון סאָציאַליסטישן אויפבוי. אויפלעבן די יאַקוטישע געגנט אין צפון־מזרח סיביר איז ניט קיין צדקה פאַר די יאַקוטן — עס איז אַ טייל פון דער גרויסער אַרבעט פון אַריינטראָגן אַ ניי לעבן אין די אַמאָל־אָפּגעשטאַנענע געביטן. אַוועקזעצן די אידן אויף ערד, איינאָרדענען דאָס לעבן פון די אידישע מאַסן, וועלכע האָבן מער ווי אַנדערע געליטן אונטערן אַלטן רעזשים, איז ניט קיין נדבה, וואָס אַ רייכער גיט אַן אָרימען; עס ווערט ניט באַטראַכט ווי עפּעס אַזוינס, פאַר וואָס די אידישע מאַסן דאַרפן באַזונדער דאַנקען די געבער. עס ווערט באַטראַכט ווי אַ סאָציאַלע אויפגאַבע, איינע פון די טויזנטער, וואָס דאַרפן דורכגעפירט ווערן, כדי איבערצובויען די געזעלשאַפט אויף נייע יסודות.

איז דעריבער, ווען אַ שטייגער, עס האָט זיך פאַרזאַמלט דער פּלענום פונעם „געזערד" אין מאָסקווע באַלד נאָך דעם, ווי עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די אידישע אויטאָנאָמע געגנט אין בירא־בידזשאַן, איז דאָס בשום אופן ניט געווען קיין ריין־אידישע אונטערנעמונג. עס איז געווען אַ סאָוועטישע אונטערנעמונג. דער „געזערד" אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, זאָל מען געדענקען, איז ניט קיין ספּעציעל־אידישע אָרגאַניזאַציע. אויב איך האָב ניט קיין טעות, איז די צאָל מיטגלידער ניט־אידישע גרעסער ווי אידישע. אָפּטיילונגען פונעם „געזערד" געפינען זיך אין די פאַרשידענע פאַבריקן, קאָלכאָזן און אַנשטאַלטן פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און זיי פונקציאָנירן פונקט אַזוי ווי די „אָסאָוויאַ־כים" (געזעלשאַפט פאַר סאָוועטישער אוויאַציע) אָדער דער „אווטאָדאָר" (געזעלשאַפט פאַר אויטאָמאָביליזם און שאָסעי־בוי). די אויסלענדישע געסט אויפן פּלענום פונעם „געזערד" (אין דער געביידע פון דעם מלוכה'שן אידישן טעאַטער אויף מאַלאַיאַ בראָננאַיאַ גאַס) האָבן זיך געוואונדערט, וואָס דער גרעסטער טייל דעלעגאַציעס פון פאַבריקן און זאַוואָדן זיינען באַשטאַנען פון ניט־אידן. אָבער די סאָוועטישע מענטשן האָבן זיך שוין גאָר ניט געוואונדערט.

טרעט ארויף אויף דער טריבונע א דעלעגאציע פון 12 קאמסאמאלקעס פון א וועבער־פאבריק. צווישן זיי איז איינע א שווארץ־חנ'עוודיגע, וואס מען קען זי פאררעכענען פאר א אידישער מיידל. די איבעריגע זיינען אזוינע „רוסאטשקעס", אז דאס טיפיש־רוסישע שפראצט פון זייערע בלאנדע האר, בלויע אויגן און רויטע באקן פאר א מייל. שטעלן זיי זיך אוועק און דעקלאמירן אין כאר עפעס א ליד ספעציעל פארפאסט פאר דעם „געזערד"־פלענום. די פירערין גיט נאכדעם אפ א באריכט וועגן דעם, וואס די „געזערד"־אפטיילונג האט אויפגעטאן אין דער פאבריק, וויפיל מיטגלידער זי פארמאגט און וואס זי גרייט זיך צו טאן. עס ווייזט זיך ארויס, אז דער גרעסטער טייל ארבעטער פון דער פאבריק געהערן צום „געזערד".

טרעט ארויס א גרופע יונגע פיאנערן — זיינען זיי אויך נים קיין אידן. זיי באגריסן די פראקלאמירונג פון א אידישער נאציאנאלער געגנט. זיי, צווישן די פיאנערן, האבן אויך א „געזערד"־אפטיילונג. זיי האבן פארשפרייט צווישן די קינדער א קלארע פארשטענדעניש וועגן דער נאציאנאלער פאליטיק פון דעם סאוועטן־פארבאנד, וועגן דער אונטערדריקונג פון די מינאריטעט־נאציאנאליטעטן אונטערן צאריזם און קאפיטאליזם, און וועגן דער נייער אידישער טעריטאריע, וואס ווערט אויפגעבויט אין ווייטן מזרח.

עס טרעטן אויף עלטערע ארבעטער פון א מעטאל־פאבריק. אויך זיי פארטרעטן די „געזערד"־אפטיילונג פון זייער פאבריק. זיי דערציילן, וויפיל דיסקוסיעס און לעקציעס עס זיינען דורכגעפירט געווארן אין דער פאבריק וועגן דער נאציאנאלער פראגע בכלל און וועגן דער איינארדענונג פון די אידישע מאסן בפרט. זיי פארשפארן דערציילן, אז עס איז דא פולע גלייכקייט צווישן אידן און ניט־אידן אין זייער פאבריק. דאס איז דאך א זעלבסט־פארשטענדלעכע זאך. דאס איז אויסגעדריקט אין זייער ארבעט.

און פונקט אזוי ווי די מאסן פונעם סאוועטן־פארבאנד, אזוי אויך די פרעסע. פאראן א כלל אין דער סאוועטישער פרעסע, אז מען לאזט ניט דורך קיין איינציגע נייע דערשיינונג אינעם סאציאליסטישן אויפבוי. דער עיקר קוקט מען זיך אום אויף די נייעסן וועגן אויפבוי אין די נאציאנאלע רעפובליקן. בירא־בידזשאן איז אריין אין דער גאנצער פרעסע ווי א גלייכבארעכטיג־טער מיטגליד אין דער משפחה פון נאציאנאלע רעפובליקן און אויטאנאמע געגנטן. דאס, וואס ס'ווערט געטאן אין בירא־בידזשאן, באקומט אן אל־סאוועטישע באדייטונג. מען האט געעפנט די ערשטע לופט־פאסט־ליניע אין בירא־בידזשאן (אויב איך האב קיין טעות ניט, צווישן בירא־בידזשאן און כאבאראווסק). די פרעסע האט וועגן דעם געמעלדעט ווי וועגן א נייער דער־

גרייכונג פון סאָוועטישער אַוויאַציע און סאָציאַליסטישן אויפבוי. מען האָט געעפנט אַ נייעם מלוכה'שן טעאַטער אין ביראָ־בידזשאַן — אויך דאָס איז דעקאָרדירט געוואָרן אין דער גאַנצער פּרעסע. יעדע נייע פאַבריק, יעדע מייל אייזנבאַן, יעדער קאָלכאָז, יעדע שול, יעדער פעלד אין ביראָ־בידזשאַן ווערט אַ זאַך פון גרויס וויכטיגקייט פאַרן גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

נאָכאַמאָל: דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן טובות. דאָ האַנדלט זיך וועגן געמיינזאַמער אַרבעט פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — אַרבעט פון אויפבויען די נייע געזעלשאַפט. דער סאָציאַליזם קען ניט ווערן געבויט, סיידן די גאַנצע מאַסע פונעם פאַרבאַנד, די מאַסע פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן ווערט אויפגעהויבן אויף אַ גאַר הויכער מדרגה פון עקאָנאָמישן וואוילזיין און קולטורעלער אַנטוויקלונג. אַ קייט איז פונקט אַזוי שטאַרק, ווי איר שוואַכסטער רינג. דער פּראָלעטאַריאַט און די קאָלכאָזניקעס פונעם גאַנצן פאַרבאַנד זיינען פונקט אַזוי שטאַרק, ווי זייער שוואַכסטער טייל. דעם שוואַכסטן רינג דאַרף מען אויסשמידן שטאַרקער. דעם שוואַכסטן טייל פון די מאַסן דאַרף מען באַזונדערס באַזאָרגן.

איבעריגנס זיינען די אידישע מאַסן געווען דער שוואַכסטער טייל צוריק מיט יאָרן. איצט איז דאָס שוין ניט אַזוי.

דער איד איז אויפגעריכט געוואָרן

1934.

— די רעוואָלוציע האָט געשאַדט די אידן מער ווי אַנדערע פעלקער, — האָבן געגנער יאָרן גע׳טענה׳ט.

— די רעוואָלוציע האָט געגעבן די אידן מער ווי אַנדערע פעלקער, — קענען מיר איצט זאָגן, ווען מיר זעען דעם אויפבוי פונעם אידישן לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

— די באָלשעוויקעס אונטערדריקן און פאַרפאָלגן די אידן, — האָבן געגנער גע׳טענה׳ט.

— די באָלשעוויקעס האָבן געגעבן די אידן פולע פרייהייט, אַזוינע ווי זיי האָבן קיינמאָל נים געהאַט אין דער געשיכטע, — וועט דערקלערן יעדערער, וועמ עס האָט געזען דאָס לעבן פון די אידישע מאַסן אונטערן סערפּ און האַמער.

:: :: ::

איך האָב געזען די אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אין 1920. גרויסע מאַסן געוועזענע הענדלער, געוועזענע קרעמער, געוועזענע לופט־מענטשן האָבן פשוט געהונגערט. מען האָט געהאַט איבערגעטראָגן די גרויסע איבערקערענישן מיט די שלאַכטן צווישן באָלשעוויקעס און קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן אין אוקראַינע; מען האָט געהאַט איבערגעטראָגן די פוילישע אָקופּאַציע אין ווייס־רוסלאַנד. מען האָט געהאַט איבערגעליטן די פּאָגראָמען. די סאָוועטן־מאַכט האָט זיך אָקאָרשט געהאַט פאַרפעסטיגט סיי אין אוקראַינע, סיי אין ווייס־רוסלאַנד. מען האָט נאָר ערשט געקענט אָנהויבן טראַכטן ווי צו פאַרבעסערן דאָס לעבן פון די מיליאָנען אידן, וואָס האָבן אונטער דער צאַרישער הערשאַפט נים געהאַט קיין עקאָנאָמישן באָדן אונטער די פיס.

אָבער שוין דעמאָלט האָב איך בייגעוואוינט אַ בעראַטונג פון רעגירונגס־פאַרטרעטער מיט אידישע מאַסן־טוער צו באַטראַכטן די פראַגע, ווי אַזוי צו פּראָדוקטיוויזירן די אידישע מאַסן. אין מיטלען איז די רעגירונג נאָך געווען אָרעם; די לאַגע פונעם לאַנד איז געווען אַ שווערע. אָבער שוין האָבן די באָלשעוויקעס און די רעגירונג אוועקגעשטעלט פאַר זיך די אידן־פראַגע אין איר גאַנצער שאַרפקייט.

ווען איך בין געקומען נאָכאַמאָל אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אין 1924, האָט געהערשט די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק מיט פולער מאַכט. דאָ און דאָרטן האָבן זיך געעפנט פריוואַטע פאַבריקן; קאָנצעסיאָנערן האָבן זיך

צעלייגט ווי ביי זיך אין ווייַן־גאָרטן; קרעמער האָבן געמאַכט גוטע געשעפטן; מעקלער האָבן געעפנט קאַנטאָרן. אידן האָבן געהאַוועט און געשמייעט און פאַרדינט א רובל — און א סך האָט זיך אויסגעדאַכט, אז די „אַלטע גוטע צייטן" זיינען דאָ צוריק. דער לופט־מענטש האָט זיך נאָר א ביסל צוגעפּאַסט צו די סאָוועטישע געזעצן — מיטן צוועק צו ברעכן אָט די געזעצן אין זיין יאָגעניש נאָכן רובל.

אָבער שוין דאַן האָט די רעגירונג געוואוסט, און ס'האָבן געוואוסט די קאָמוניסטן, אז אָט די גאַנצע חתונה וועט מוזן אַראָפּ פון דער סצענע. אין קאַמף פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט געגן דער פריוואַטער (דער היסטאָרישער געוועט־קאַמף: „ווער וועמען") האָט געמוזט זיגן די ערשטע. די פראַגע וועגן דער צוקונפט פון די הונדערטער טויזנטער אידישע „פּריוואַט־ניקעס" האָט באַשעפטיגט די פּאַרטיי און די רעגירונג. אידן זיינען ביסלעכ־וויַז אַריינגעצויגן געוואָרן אין פאַבריקן; אידן האָבן פאַרנומען ערטער אין דער שול־סיסטעם און אין דער רעגירונג. אָבער ס'האָט געמוזט בלייבן א גרויסע צאָל דעקלאַסירטע. וואָס וועט פון זיי ווערן?

דער לאָזונג: „אידישע קאָלאָניזאַציע אויף דער ערד", איז אַרויסגערוקט געוואָרן צו לייזן די פראַגע. עס הויבט זיך אָן די אָנגעשטרענגטע סיסטעמאַ־טישע אַרבעט צו פאַרוואַנדלען גרויסע מאַסן אידן אין האָרעפּאַשניקעס פון דער ערד.

ס'איז אַוועק נאָך זיבן יאָר. ווען איך בין געקומען אין סאָוועטן־פאַר־באַנד אין 1931, האָב איך שוין געטראָפן בליענדיגע אידישע קאָלאָניעס אין אוקראַינע, אין קרים און אין ווייס־רוסלאַנד. איך האָב געטראָפן א אידישע באַפעלקערונג, וואָס האָט פאַרנומען א פּראָפּאָרציאָנעל־הויכן פּלאַץ אפילו אין דער שווער־אינדוסטריע. אין די שטעטלעך האָב איך געטראָפן די געווערב־קאָאָפּעראַציע, אָרגאַניזאַציעס פון אידישע באַלמעלאָכעס. איך האָב געפונען, אז געוועזענע הענדלער און מעקלער לערנען זיך אויך צו ווערן באַל־מעלאָכעס. איך האָב געזען אַן אויפגעלעבטע אידישע מאַסע. אָבער דאָך האָט מען דאָ און דאָרטן געקענט געפינען דעם אַלטן טיפּ אידן: דרייער, לויפער, פליער, נעכטיגע טעג.

איצט איז אויך אָט דער עלעמענט כמעט אינגאַנצן פאַרשוואונדן. די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג פאַרנעמט זיך מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט.

די בעסטע און בכבוד'דיגסטע אַרבעטן אין די פאַבריקן. דער ערשטער און צווייטער פינף־יאָר־פּלאַן האָבן געפאָדערט גרויסע מאַסן אַרבעטער. א מענטש מיט גוטע הענט און מיט א קאָפּ אויף די פּלייצעס איז מיט גאָלד

גליך. אידן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין די פאַבריקן. אַ געוועזענער באַל־מעלאָכע איז אודאי געווען ווילקאָמען. אָבער אויך געוועזענע הענדלער און גלאַט מענטשן אָן באַשטימטע פּראָפעסיעס האָבן זיך אַריינגערוקט אין די פאַבריקן. מען האָט וועגן דעם קיין גרויסן ווען ניט געמאַכט. אויב אַ מענטש איז גרייט צו אַרבעטן, לערנט זיך שנעל אויס די מלאכה און איז דערצו נאָך איבערגעגעבן דער אַרבעט, פרעגט מען זיך ניט שטאַרק נאָך אויף זיין אָפּשטאַם. אידן האָבן זיך גענומען צו אַזוינע אַרבעטן, וואָס זיינען פאַר זיי געווען אינגאַנצן ניי. אַ שטייגער, די אַרבעט אין די קוילן־גרובן פונעם דאָנבאַס. אָפטמאָל איז די אידישע יונגעליט אויסגעקומען צו ליידן אומ־צוטרוי פון די אַנדערע קוילן־גרעבער: יענע האָבן ניט געגלויבט, אַז די אידן זאָלן זיך אויסטויגן צו אַזאַ שווערער אַרבעט. ווען אָבער עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די אידן אַרבעטן גוט, האָט די באַציאונג זיך געבעסערט.

אידן אַרבעטן איצט אין אַלע פאַבריקן, אין אַלע זאַוואָדן, אין דער שווער־אינדוסטריע און אין דער לייכטער אינדוסטריע, אויף די אייזנבאַנען, אויף די שיפן, און אונטער דער ערד. אידן פאַרנעמען זיך מיט דער גראָבסטער אַרבעט און מיט דער קאָמפּליצירטסטער הויך־קוואַליפיצירטער אינדוס־טריעלער אַרבעט. פאַראַן מאַסן אידישע אינזשענערן און מעכאַניקער, וואָס זיינען פאַרנומען אין דער פּראָדוקציע. פאַבריק־אַרבעט איז געוואָרן דער הויפּט־קוואַל פונעם לעבן פון די אידישע מאַסן.

דער צווייטער הויפּט־קוואַל איז אַגריקולטור. די אידישע קאָלאָניעס אין די פאַרשיידענע געגנטן פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן דורכגעמאַכט אַ גרויסע אַנטוויקלונג. זיי זיינען איצט אַלע קאָלעקטיוויזירט. זיי באַקומען די זעלביגע שטיצע, וואָס אַלע סאָוועטישע קאָלכאָזן. דער טראַקטאָר און דער גוטער מאָדערנער אַקער, די זיי־מאַשין און שנייד־מאַשין און דרעש־מאַשין זיינען אַ וואָכעדיגע פּראַקטיק אין די אידישע קאָלעקטיוון. אַפילו דער קאָמ־באַיין איז דאָ ניט קיין זעלטענע זאַך. דער וואוילשטאַנד פון די אידישע פּויערים וואַקסט. מען האָט אַריבערגענוג ווייץ און קאָרן און קאַרטאָפל און פּרוכט און גרינסן; מען האַלט אַ קו; מען האָדעוועט הינער און קראָליקעס און חזירים׳לעך — און מען איז פאַרזאָרגט מיט אַלצדינג. די קינדער לערנען אין שול אין דער קאָלאָניע גופא און אַ סך פאָרן אין די אוניווערזיטעטן און טעכנאָלאָגישע אינסטיטוטן. ווען אַזאַ איינער ענדיגט זיין קורס און ווערט אַ ספּעציאַליסט, וויל ער זיך שוין ניט אומקערן אין דאָרף. ער געפינט פּלאַץ אין פאַבריק אָדער אין אַ סאָוועטישער אַנשטאַלט. ווייט־זעענדיגע חברים האָבן גע׳דאגה׳ט און געשפּרעכן מיט מיר: וואָס וועט זיין מיט די קאָלאָניעס

אין דער צוקונפט? אויב די גאנצע אידישע יוגנט וועט אוועק אין די אוני־ווערזיטעטן און איינגעשלונגען ווערן פון די פאבריקן און זאוואדן און סאָ־וועטישע אַנשטאַלטן, טאָ ווער וועט באארבעטן די ערד? אויף דערויף האָבן אַנדערע חברים גענטפערט, אַז מיט דער צייט וועט דאָס לעבן אין דאָרף זיך אויפהויבן אויף נאָך אַ העכערער שטופע — און דעמאָלט וועט שוין די יוגנט ניט האָבן קיין גרונט צו וועלן אוועקגיין אין שטאָט.

אַזוי צי אַזוי — דער דאָזיגער פאקט אַליין באווייזט, וואָס פאר אַ מעגלעכקייטן עס זיינען אָפן פאר דעם יונגן דור פון די אידישע מאסן.

דער דריטער קוואל פון חיונה איז די געווערב־קאָאָפעראַציע. אידן אין די שטעטלעך און אפילו אין די גרעסערע שטעט זיינען פאראייניגט אין פּראָדוציר־געזעלשאַפטן, וואָס רופן זיך אַרטעלן. פאראן אַרטעלן פון שוסטער, שניידער, סטאָליארעס, גארבערס, וואָליקעס־מאַכער, בלעכער, קאָנפעקטן־מאַכער, בעקער, פריזירער א. אז. וו. די מיטגלידער פון אָט די קאָאָפעראַטיוון זיינען אָדער געוועזענע באַלמעלאָכעס, אָדער געוועזענע הענדלער, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט די מלאָכה. דער קאָאָפעראַטיוו איז פאררעכנט פאר אַ טייל פון דער סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק. די מיטגלידער פארמאָגן אָפט מאשינען און אפאראַטן און זייער ארבעט־פלאַץ איז ניט זעלטן אָרגאַניזירט ווי אַ פאבריק. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס די הכנסה פון דער פאבריק ווערט פאַנאַנדערגעטיילט צווישן די מיטגלידער פונעם קאָאָפעראַטיוו.

אין קאָאָפעראַטיוו האָט מען אריינגענומען אַלע, ווער עס האָט נאָר געוואָלט גיין.

די קאָאָפעראַטיוון ארבעטן איצט גוט. זייערע סחורות ווערן אויסגענוצט פאר מאַסן־געברויך. די קאָאָפעראַטיוון שטעלן־צו אַ סך פון די סחורות, וואָס די מלוכה־פאבריקן קענען ניט באַזאָרגן. דער פאקט איז, אַז די מלוכה שטיצט זיך אויף די אַרטעלן ווי אויף אַ קוואַל פון געברויך־אַרטיקלען פאר די מאסן.

יעדע ארבעט פון באַדינען די באַפעלקערונג איז איצט אין סאָוועטן־פארבאַנד אָרגאַניזירט אויף אַן אַרטעל־באַזיס. ציַיטונגס־פארקויפער זיינען ניט קיין „פּריוואַטניקעס״, נאָר מיטגלידער פון אַן אַרטעל. דעסגלייכן שטיוול־פוצער. דעסגלייכן פארקויפער פון סאָדאַ־וואַסער אין גאַס. אַזוי ווי די פארדינסטן פון די אַרטעלן זיינען גוט, לוינט זיך פשוט ניט דעם דע־קלאַסירטן צו פארנעמען זיך מיט פּריוואַטן האַנדל. ער טרעט אַריין אין קאָאָפעראַטיוו און פילט הינטער זיך די מאַכט פון אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט די אָנערקענונג פון דער רעגירונג.

זיינען נאָך ערגעץ פארבליבן „פּריוואַטניקעס״? מיר פערזענלעך איז

שוין נים אויסגעקומען צו באַגעגענען אַט דעם סאָרט באַשעפעניש. מסתמא זיינען זיי נאָך דאָ, אָבער שוין גאָר גאָר אין אַ נישטיגער צאָל. מיט אַנדערע ווערטער: דער לופט־מענטש איז פאַרשוואונדן.

דער פערטער הויפּט־קוואַל איז אָפּיס־אַרבעט. אידן זיינען פון לאַנגע יאָרן געווען אָנגעשטעלטע אין קאַנטאָרן. איצט געפינט מען אידישע אָנגעשטעלטע אין אַלע טיילן פונעם רעגירונגס־אַפּאַראַט, סיי אין זיין אינדוסטריעלן טייל, סיי אין זיין האַנדלס־טייל, סיי אין דער קרעדיט־סיסטעם, סיי אין דעם אַדמיניסטראַטיווען אַפּאַראַט. מיר דאַכט זיך, אַז אין די בענק פון מאָסקווע און כאַרקאָוו און קיעוו און אָדעס איז נאָך דאָ צופיל אידן. אָבער דער סאָוועטן־רעגירונג דאַכט זיך דאָס ניט. יעדער איינער איז פריי צו באַשעפטיגן זיך מיט וואָס ער וויל. די אָנגעשטעלטע קריגן אָפט זייער גוטן געהאַלט. אָבער דורכשניטלעך באַקומען זיי ווייניגער ווי פאַבריק־אַרבעטער און אודאי ווייניגער ווי טעכניקער און אינזשעענרן. דעריבער רייסן זיך די קינדער פון אידישע אָנגעשטעלטע דוקא אין די טעכניקומס און טעכנישע אינסטיטוטן. זיי ווילן פאַרנעמען אַ העכערן פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט. קיינער קען אויף זיי דערפאַר קיין פאַראיבל ניט האָבן.

דער פינפטער הויפּט־קוואַל איז דאָס וואָס מען רופט אינטעליגענטע פּראָפעסיעס. אידן פאַרנעמען אַ באַדייטנדיגן אָרט אַלס לערער, פּראָפעסאָרן און פאַרוואַלטער פון שולן, טעכניקומס, אוניווערזיטעטן, אַקאַדעמיעס, פאָרשונגס־אינסטיטוטן. פאַראַן אַ גרויסע צאָל אידישע שריפטשטעלער, וועלכע שרייבן סיי אויף אידיש, סיי אויף אַנדערע שפּראַכן. פאַראַן אַ סך אידישע דאָקטוירים. פאַראַן אַ גרויסע צאָל אידישע אַקטיאָרן, וועלכע שפּילן סיי אויף רוסיש, סיי אויף אידיש, סיי אויף אוקראַיניש און ווייס־רוסיש. פאַראַן אַ גרויסע צאָל אידישע קינסטלער. די אַלע פּראָפעסיאָנאַלן פאַרדינען גאָר גוט. אין דער אַוויאַציע, אין דעם פלאָט פאַרנעמען אידן אויך אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ.

הכלל, די אידן פאַרנעמען זיך איצט מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט. די לאַגע פונעם לאַנד ווערט אַלץ בעסער, און די לאַגע פון די אידן בעסערט זיך פּראָפּאָרציאָנעל שנעלער. וואונדערן זיך דערויף איז ניטאָ וואָס, ווייל די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידישע מאַסן איז טאַקע געווען זייער שלעכט צוריק מיט אַ יאָר 10־12. יעדע בעסערונג אינעם לעבן פונעם לאַנד גיט די אידישע מאַסן אַ גרויסן רוק פאָראויס.

ווער בויט די אידישע אויטאָנאָמע געגנט?

1934.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אַ פאַרבאַנד פון נאַציאָנאַליטעטן. יעדע נאַציאָנאַליטעט פאַרמאָגט איר אייגענע טעריטאָריע, איר סאָוועט־רעגירונג, איר קולטור, וואָס איז נאַציאָנאַל אין פאָרם און סאָציאַליסטיש אין אינהאַלט. די נאַציאָנאַליטעטן זיינען פריי.

אָבער וואָס הייסט פרייהייט? דאָס הייסט ניט נאָר, אַז די נאַציאָנאַליטעטן האָבן גלייכע רעכט. דאָס וואָלט ניט געווען גענוג. אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָט אַן אַרבעטער „גלייכע רעכט" מיטן קאַפּיטאַליסט צו וואוינען אין גראַמע, שיינע צימערן און צו גיין אין טעאַטער. ער קען דאָס אָבער ניט, ווייל עס איז ניטאָ די עקאָנאָמישע גלייכקייט. די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי באַשטייט ניט נאָר אין געבן פאָרמעלע גלייכע רעכט, נאָר אויך אין העלפן די אָפּגעשטאַנענע פעלקער־שאַפטן צו דערהויבן זיך אויף אַ העכערער עקאָנאָמישער מדרגה, וואָס זאָל זיי אויסגלייכן מיט די פאָרגעשריטנסטע רעפּובליקן.

נאָך אין 1921, צום 4־יאָריגן יובילײ פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָט חבר סטאַלין דאָס פאָרמולירט אין זיין כאַראַקטעריסטישן קורצן און קלאָרן אופן:

„דער עצם פון אָט־דער פּאָליטיק (דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד) קען אויסגעדריקט ווערן אין עטלעכע ווערטער: אָפּזאָג פון יעדער „פּרעטענזיע" אָדער „רעכט" אויף די געגנטן, וואָס זיינען באַפעלקערט פון ניט־רוסישע נאַציאָנאַליטעטן; אָנערקענונג (ניט אין ווערטער, נאָר אין טאָטן) פון דעם רעכט פון אָט די נאַציאָנאַליטעטן צו עקזיסטירן אַלס אומאָפּהענגיגע שטאַטן; פּריווילעגיער מיליטערישער און עקאָנאָמישער פאַרבאַנד פון אָט די נאַציאָנאַליטעטן מיט צענטראַל־רוסלאַנד; הילף פאַר די אָפּגעשטאַנענע נאַציאָנאַליטעטן אין זייער קולטורעלער און עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, אָן וואָס דער אַזוי־גערופענער „גלייכער נאַציאָנאַלער סטאַטוס" פאַרוואַנדלט זיך אין אַ ליידיגער פראַזע; דאָס אַלעס אויפן באַזיס פון אַ פולשטענדיגער באַפרייאונג פון די פויערים און פון אַ קאָנצענטרירונג פון דער גאַנצער מאַכט אין די הענט פון די אַרבעטנדיגע עלעמענטן פון די גרענעצלאַנד־נאַציאָנאַליטעטן, — אָט דאָס איז די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון די רוסישע קאָמוניסטן."

הילף פאר די אפגעשטאנענע נאציאנאליטעטן איז איינע פון די הויפט־ארבעטן פונעם סאוועטן־פארבאנד. דאס איז ניט קיין פילאנטראפישע הילף. דאס איז רעוואלוציאנערע זעלבסט־הילף. דער פראלעטאריאט איז פאר־אינטערעסירט, אז יעדער איינער פון זיינע מיטגלידער, יעדער ארבעטער באַ־זונדער, זאל זיין עקאנאמיש וואס מער געזיכערט און קולטורעל וואס העכער אנטוויקלט. די פראלעטארישע מלוכה איז פאראינטערעסירט, אז יעדער איינער פון אירע מיטגלידער, יעדע נאציאנאליטעט באזונדער, זאל בליען עקאנאמיש און זאל אנטוויקלען א הויכע קולטור. אין דעם פרט ווי אין אנדערע פרטים איז דער סאוועטן־פארבאנד — דער געגנזאץ פון די קאפי־טאליסטישע לענדער. דארט איז איין טייל פון דער באפעלקערונג (די קאפי־טאליסטן) פאראינטערעסירט, אז דער גרעסטער טייל פון דער באפעלקערונג זאל לעבן אין דחקות. דארט איז די הערשנדיגע נאציע — אירע קאפיטאליסטן און רעגירונג — פאראינטערעסירט, אז די מינאריטעט־נאציאנאליטעט זאל עקספלואטירט ווערן ווי א קאלאניע און זאל זיך ניט קענען דערהויבן צום עקאנאמישן סטאטוס פון דער הערשנדיגער נאציע. אין די קאפיטאליסטישע לענדער איז „גלייכהייט" א פוסטע פראזע. אין סאוועטן־פארבאנד ווערט גלייכקייט געבויט. גלייכקייט איז דארט ניט קיין נעגאטיווער באגריף, נאר א פאזיטיווער. עס האנדלט זיך ניט נאר וועגן „לאזן צורו", נאר וועגן „העלפן זיך שטעלן אויף די פיס".

איך וויל איצט דערציילן וועגן דעם „געזערד"־פלענום, וואס איך האב ביגעוואוינט אין מאסקווע סוף יוני.

דער „געזערד" איז די געזעלשאפט, וואס שטעלט זיך פאר א צוועק צו העלפן קאלאניזירן די אידן אויף דער ערד. זי האט זיך געגרינדעט שוין לאנג. זי איז ניט קיין אידישע: זי איז אן אלפארבאנדישע. אין איר גייען אריין סיי אידן, סיי רוסן, סיי אוקראינער, סיי מיטגלידער פון אנדערע נאציא־נאליטעטן. זי איז איינע פון די געזעלשאפטלעכע ארגאניזאציעס, מיט וועלכע דער סאוועטן־פארבאנד איז אזוי רייך. און פונקט ווי יעדע געזעל־שאפטלעכע ארגאניזאציע, — די לופט־פלי געזעלשאפט, דער „מאפר" — האט זי איר באזע אין די פאבריקן. אפטיילונגען פונעם „געזערד" עקזיסטירן אין די וויכטיגסטע אונטערנעמונגען פונעם סאוועטן־פארבאנד, צי דארטן זיינען דא אידן, צי ניט.

איז אז דער פלענום פונעם „געזערד" האט זיך געעפנט, דארפן דאך קומען באגריסער. זיינען געקומען די פאבריקן און זאוואדן דורך זייערע פאר־טרעטער. זיינען די מערסטע פארטרעטער געווען — ניט־אידישע. האט דאס

נאר באשטעטיגט דעם פאקט, אז די זאך פון אויפבויען דאס לעבן פון אלע נאציאנאליטעטן אין סאוועטן־פארבאנד איז די זאך פונעם גאנצן פראלע־טאריאט.

מיט מיר איז געווען אויף דער פייערלעכער זיצונג פונעם „געזערד" אן אמעריקאנישער חבר. די זיצונג איז פארגעקומען אינעם אידישן מלוכה־טעאטער אויף מאלאיא בראנגאיא. אינעם פרעזידיום זיינען געזעסן סיי פירער פונעם „געזערד", סיי פארטרעטער פון דער קאמוניסטישער פארטיי און פון דער רעגירונג. מיין אמעריקאנישער חבר, צום ערשטן מאל אין סאוועטן־פאבאנד, האט זיך גאר געריבן די אויגן.

עס האט געשפילט אן ארקעסטער מוזיק. די שפילער זיינען געווען אנ־געטאן אין אוניפארמען פון דער רויטער ארמיי. דער דיריגענט האט געטראגן אויף זיין אוניפארם די צייכנס פון א רויט־ארמייאישן קאמאנדיר. פרעגט מיך דער חבר: „וואס איז דאס?" — ווייזט זיך ארויס, אז צו דער פייער־לעכער עפענונג פונעם פלענום האט א מיליטערישע שול (אין אמעריקע וואלט מען דאס גערופן: אן אפיצערן־שול) געשיקט איר ארקעסטער. אזוי האט זיך די מיליטערישע שול אויף איר שטייגער פארבונדן מיטן אויפבוי פון ביראָ־בידזשאן.

עס הויבט זיך אן די פארזאמלונג — און עס טרעטן אויף דעלעגאציעס. פויקן קלאפן, א טרומייט טרובעט ערגעץ אין קארידאר, די טיר עפנט זיך — און אין זאל מארשירן אריין א גרופע פון 12-15 ארבעטער מיט א פאנען־טרעגער פאראויס. די פאן איז פון דער „געזערד"־אפטיילונג פון א זאוואד. די דעלעגאציע, מארשירנדיג מיליטעריש, טרעט ארויף אויף דער פלאט־פארמע, שטעלט זיך אוועק אין א ריי ביים ראנד — און דער אנפירער זאגט זיין באגריסונג. מיין חבר רופט אויס, דערשטוינט:

— טו א קוק, ער איז דאך גאר ניט קיין איד! אדער אפשר האב איך א טעות?

ניין, ער איז ניט קיין איד. ער איז דער סעקרעטאר פון דער „געזערד"־גרופע אויף זיין זאוואד. ער פארשטייט די באדייטונג פון דעם פאקט, וואס די רעגירונג האט פראקלאמירט ביראָ־בידזשאן פאר אן אויטאנאמער אידישער געגנט. די ארבעטער פונעם זאוואד פארשטייען דאס אויך זייער גוט.

עס הערט זיך געזאנג. פרויען־געזאנג. אלע דעלעגאטן און געסט דרייען אויס די קעפ צום אריינגאנג. עס באווייזן זיך א פאר צענדליג מיידלעך. זיי זיינען אויסגעפוצט מיט רויטן. זיי מארשירן צוויי־ביי־צוויי און זיי זינגען. אט האבן זיי זיך אויפגעשטעלט אויף דער פלאטפארמע. זיי האבן אזוינע

פלאקסענע האר, אזוינע בלאע אויגן און אזוינע פאריסענע נעזלעך, ווי נאר רוסישע, עכטע רוסאטשקעס קענען האבן. מיין חבר פון אמעריקע פארגעסט, אז מען דארף זיך היטן מיט דער שפראך, און רופט אויס:

— דאס זיינען דאך שיקסעס!

יא, טייערער חבר, דאס זיינען רוסישע מיידלעך, ארבעטערקעס פון דער טריאכגארנאיא טעקסטיל־פאבריק. זיי זיינען א טייל פון דער „געזערד"־אפ־טיילונג אין זייער פאבריק. אנשטאט א באגריסונג, האבן זיי ספּעציעל איינ־גע׳חזר׳ט א ליד, וואס זיי רעציטירן פארן פלענום. זיי האבן זיך פאר דעם איצטיגן אוונט געגרייט א שטיקל צייט. דאס איז א טייל פון זייער געזעל־שאפטלעכער ארבעט אויפן זאוואד — און זיי זיינען מיט איר שטאלץ.

און אט מארשירן אריין פּיאנערן. זיי גייען מיטן פּויק און מיט אויפ־געהויבענע אָרעמס. דאס איז א פּיאנערן־אפּטיילונג פון א פאבריק. זיי האבן צווישן זייערע מיטגלידער סיי אידן, סיי ניט־אידן. זיי זיינען געקומען געבן דעם „געזערד" זייער פּיאנערישן סאלוט. זיי זיינען שטאלץ מיט זייער סאציא־ליסטישן פאטערלאנד, וואס גלייכט אויס דעם סטאטוס פון די מינאריטעט־נאציאנאליטעטן ניט נאר יורידיש, נאר אויך פּאקטיש. זיי פרייען זיך, וואס עס איז צוגעקומען א נייער מיטגליד אין דער משפּחה פון די סאוועטישע אויטאנאמע רעפּובליקן און געגנטן.

אט די ארבעטער און ארבעטער־קינדער, וואס בויען דאס לעבן פון די אמאל־אונטערדריקטע נאציאנאליטעטן, וועלן שוין קיינמאל ניט וויסן פון ראסן־האס און אנטיסעמיטיזם. בויענדיג דאס לעבן, שמידן זיי אויס פון זיך נייע מענטשן — אונטער דער פירערשאפט פון דער קאמוניסטישער פארטיי.

נאַציאָנאַלע באַפרייאונג

1939.

צום 22טן יובילײ פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע *) באַגריסן מיר די פעלקער, די רעגירונג, די פירערשאַפט און דעם לאַנד, אין וועלכן עס איז מער נישטאָ קיין עקספּלואַטאַציע פון איינעם דורכן צווייטן, און אין וועלכן נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג איז פאַרביטן געוואָרן אויף אייניגקייט און ברידערלעכע קאָאָפּעראַציע פון צענדליגער נאַציאָנאַליטעטן, וואָס לעבן אונטערן פּרינציפּ, אַז דער וואוילזיין פון יעדן איינציגן פאָלק איז אַ גאַראַנטיע פאַר דעם גליק פון אַלע פעלקער.

איך געדענק נאָך זייער גוט, ווען דאָס צאַרישע רוסלאַנד איז געווען „די טורמע פון פעלקער". זייענדיג אַליין אַ זון פון איינעם פון די סאַמע אונטערדריקטסטע און פאַרפאָלגטסטע פעלקער אין רוסלאַנד, האָב איך צוגעזען די אכזריות'דיגע אונטערדריקונג פון אידן, אוקראַינער, ווייס־רוסן, טאַטאַרן, טורקמענער, גרוזינער, אַרמענער און אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע מען האָט צום מאָל ניט געגעבן דעם נאָמען „פאָלק", נאָר מיט פאַראַכטונג גערופן „אינאָראָדצי" (פרעמד־געבוירענע). די „אינאָראָדצעס" זיינען באַהאַנדלט געוואָרן ווי קאָלאָניאַלע פעלקער אין דער רוסישער אימפּעריע. זיי זיינען אויסגעזעצט געוואָרן צו אַ שאַרפער עקאָנאָמישער עקספּלואַטאַציע און זיינען נאָך מער באַרויבט געוואָרן פון פּאָליטישע רעכט ווי דאָס גרויס־רוסישע פאָלק. זייערע שפּראַכן און קולטורן זיינען נישט אָנערקענט געוואָרן און פאַר נוצן זייער מוטער־שפּראַך זיינען זיי אָפט באַשטראָפט געוואָרן.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָבן גערעדט וועגן „זעלבסט־באַשטימונג" פון די נאַציאָנאַליטעטן. אָבער ווען די פעברואַר־רעוואָלוציע פון 1917 איז געקומען און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן האָבן געקראָגן די מאַכט דורך דער קערענסקי־

*) די רעדע — די לעצטע רעדע פאַר זיין טויט דעם 22טן נאָוועמבער, 1939 — האָט מ. אָלגין געהאַלטן דעם 13טן נאָוועמבער, 1939, אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן, ניו יאָרק, צו דער יובילײ־פייערונג פון 22 יאָר אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

רעגירונג, האבן זיי פארגעזעצט די אונטערדריקונג איבער העכער 40 פראצענט פון דער רוסלענדישער באפעלקערונג — אין די אינטערעסן פון די רוסישע קאפיטאליסטן און פריצים. ס'איז געווען בלויז איין פארטיי, וואס האט אזוי פרי ווי אין אפריל 1917 אנגענומען א פראגראם, וועלכע האט דערקלערט דאס רעכט פון זעלבסט־באשטימונג, וואס האט געמיינט אמת'ע פרייהייט פאר אלע נאציאנאליטעטן, איינגעשלאסן דאס רעכט זיך אפצוזונדערן, אויב דאס פאלק באשטימט אזוי. די פארטיי איז געווען די באלשעוויסטישע פארטיי אונטער דער פירערשאפט פון לענינ'ען. דער רעוואלוציאנער, וואס האט פארפאסט דעם אפריל־טעזיס וועגן דער נאציאנאלער באפרייאונג, איז געווען יאסיף סטאלין.

ווען די באלשעוויקעס האבן פארכאפט די מאכט, אקטאבער 1917, ווען די סאוועטן זיינען געווארן די רעגירונג פון רוסלאנד, איז דער ערשטער אקט פון דער נייער רעגירונג געווען איינצושטעלן פולע גלייכהייט פאר דער גרויסער צאל פעלקער אין די גרעניצן פון דער סאוועטישער מלוכה.

אזוי ארום איז איינגעשטעלט געווארן א נייער פרינציפ אין די צווישן־באציאונגען פון פעלקער — דער פרינציפ פון פרידלעכן און פריינטלעכן צוזאמענלעבן און מיטארבעטערשאפט צווישן די פארשיידענע נאציאנאלי־טעטן, ניט נאר נישט צו קעמפן איינער געגן דעם צווייטן, נאר אין געגנטייל, צו העלפן איינער דעם צווייטן, סיי קולטורעל און סיי עקאנאמיש. דער סאָ־וועטן־פארבאנד איז געווארן א פעלקער־ליג פאר זיך אליין. און בעת די פעלקער־ליג, וואס איז ארגאניזירט געווארן אין ווערסאל, האט געליטן איין שענדלעכע מפלה נאך דער צווייטער, איז די פאמיליע פון פעלקער, וואס איז איינגעשטעלט געווארן אין דעם סאוועטן־פארבאנד, געוואקסן אין קראפט, אנטוויקלט אירע מיטגלידער מאטעריעל און גייסטיג און ווייזט איצט פאר דער וועלט א ביישפיל ווי עס איז מעגלעך אפצושאפן נאציאנאלע אונטער־דריקונג, ווי עס איז מעגלעך צו לייזן די נאציאנאלע פראבלעם צו דעם געגנ־זייטיגן געווינס פון אלעמען.

דאס איז מעגלעך געווארן בלויז אלס רעזולטאט, וואס עס איז אפ־געשאפט געווארן עקאנאמישע עקספלואטאציע דורך דער אקטאבער־רעוואָ־לוציע. דארט וואו עס איז נישטא קיין הערשנדיגע קלאסן, קאנען אויך ניט זיין קיין הערשנדיגע נאציעס. דארט וואו ס'איז נישטא קיין קאפיטאליזם, קאנען אויך ניט זיין קיין אימפעריאליסטישע טענדענצן, קיין פארלאנג פאר אימפעריאליסטישער באהערשונג — און קיין נאציאנאלע אונטערדריקונג

דאָרט, וואו די פעלקער, די אַרבעטנדיגע מאַסן, די פאַרמערס, אינטעלעקטואַלן, זיינען די באַלעבאַטים פון זייער אייגענעם גורל דורך אַ פריי־אויסגעקליבענער רעגירונג — ווי עס איז דער פאַל אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, דאָרט איז די בליאונג פונעם לעבן פון די אַרבעטנדיגע מאַסן דער געמיינזאַמער הויפּט־ציל, די אויפהויבונג פון עקאָנאָמישן סטאַנדאַרד פון יעדן איינעם איז די קאָלעקטיווע אויפגאַבע אין דאָס קאָן אויפן בעסטן אופן דערגרייכט ווערן ווען די קולטורן פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן און די קולטור פון יעדן איינציגן אַרבעטס־מענטשן אין יעדער נאַציאָנאַליטעט ווערן אַנטוויקלט, ווען יעדער נאַציאָנאַליטעט ווערט געגעבן דאָס רעכט צו לעבן איר אייגן קולטורעל לעבן.

„אַ קולטור וואָס איז נאַציאָנאַל אין פאָרם און סאָציאַליסטיש אין אינהאַלט", איז די פּראָגראַם וואָס איז פאָרמולירט געוואָרן פאַר אַלע נאַציאָנאַליטעטן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד דורך דעם פירער פון די פעלקער, סטאַלין. אַ קולטור, נאַציאָנאַל אין פאָרם און סאָציאַליסטיש אין אינהאַלט, קען צום בעסטן אַנטוויקלט ווערן בלויז דאַן, ווען דער מאַטעריעלער וואוילזיין ווערט פאַרבעסערט. אונטער דער פירערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און חבר סטאַלין, האָט די רוסישע נאַציאָנאַליטעט, זייענדיג מער אַנטוויקלט עקאָנאָמיש ווי אַנדערע אין די ראַמען פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, בייגעשטייערט אירע פינאַנסן און אַנדערע רעסורסן צו העלפן די אַנטוויקלונג פון די פריערדיג־אונטערדריקטע און עקספּלואַטירטע נאַציאָנאַליטעטן.

דער נייער פּרינציפּ, דער סאָציאַליסטישער פּרינציפּ אין די באַציאונגען צווישן נאַציאָנאַליטעטן, איז פריינטשאַפט אַנשטאַט שנאה, געגנזייטיגע הילף אַנשטאַט אונטערדריקונג, גלייכהייט פון אַלע ראַסן אַנשטאַט די צעטיילונג אין „העכערע און נידעריגערע" ראַסן, וואָס ווערט היפּאָקריטיש געפּריידיגט פון די וואָרט־זאָגער פון אימפּעריאַליזם און וואָס ווערט אָנגענומען ווי אַן אָפיציעלע דאָגמע דורכן פאַשיזם.

די אידן זיינען געווען צווישן די סאַמע אונטערדריקטסטע אין צאַרישן רוסלאַנד. די אידן זיינען פאַקטיש געווען באַזייטיגט פון די מערסטע קוואַלן פון פּרנסה. די אידן זיינען באהאַנדלט געוואָרן ווי מצורעים. די אידן זיינען געווען אויסגעזעצט צו פּאָגראָמען. די סאָוועטן־רעגירונג האָט באַדאַרפט דורכפירן אַ גוואַלטיגע איבערבוי־אַרבעט כדי צו פאַרוואַנדלען מיליאָנען אידן אין פּראָדוקטיווע עלעמענטן פון דער געזעלשאַפט. די דאָזיגע אַרבעט איז אָפּגעטאָן געוואָרן מיט אַן אַ שיעור פאַרזיכטיגקייט און איינזעעניש. כדי די

אידן זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען מלוכה׳שאַפט אין דעם סאָ־וועטן־פאַרבאַנד, איז באַשטימט געוואָרן פאַר זיי אַ אידישע אויטאָנאָמע געגנט אין איינער פון די סאַמע פּרוכטבאַרסטע טעריטאָריעס אויפן ווייטן מזרח. די געגנט איז באַקאַנט ווי ביראָ־בידזשאַן. מיט דער צייט וועט זי פאַרוואַנדלט ווערן אין דער א. ס. ס. ר. (אידישע סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק).

יעדער שריט פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ דעם קאַפּיטאַליזם. די פאַרכאַפּונג פון מאַכט איבער אַ זעקסטל פון דער ערד איז געווען מער ווי אַ קלאַפּ. דאָס האָט אָפּגעשאַפט די קאַפּיטאַליסטישע הערשאַפט, קאַפּיטאַליסטישע מיספאַרוואַלטונג, קאַפּיטאַליסטישע בלוטיגע ברוטאַליטעט איבער אַ זעקסטל פון דער וועלט. יעדער ווייטערדיגער אַקט איז געווען אַ נייע מפלה פאַרן וועלט־קאַפּיטאַליזם. סאָציאַליזם איז אַן אומ־מעגלעכקייט, האָבן געזאָגט די „בעסטע" מוחות צווישן די קאַפּיטאַליסטישע טעאָרעטיקער. סאָציאַליזם איז אויסגעבויט געוואָרן און איז אַ פאַקט, וואָס אַפילו די בלינדע מוזן באַמערקן. אינדוסטריעלער פּראָגרעס איז אוממעגלעך אָן די „קאַפּ־מענטשן" פון פּריוואַטע באַלעבאַטים, האָבן געזאָגט די זעלביגע און אַנדערע טעאָרעטיקער.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון סאָוועטן־פאַרבאַנד אונטער דער פירער־שאַפט פון חבר סטאַלין האָט אַרויסגעהויבן רוסלאַנד פונעם צושטאַנד פון דעם סאַמע אָפּגעשטאַנענסטן לאַנד צו דעם סאַמע פאָרגעשריטנסטן אינדוס־טריעלן לאַנד אין אייראָפּע; דאָס צווייטע בלויז פון די פאַראייניגטע שטאַטן. דאָס צווישן פעלקער איז אַ פּרינציפּ פון מענטשלעכער נאַטור, האָבן געזאָגט בורזשואַזע טעאָרעטיקער. די באָלשעוויקעס האָבן געלאַכט פון דעם. די באָלשעוויקעס האָבן געזאָגט, אַז די מענטשלעכע נאַטור קאָן אויך גע־ענדערט ווערן און זיי האָבן זיך גענומען זי ענדערן. נאַציאָנאַלער האַס איז אַ זאַך פון דער פינצטערער פאַרגאַנגענהייט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. נאַציאָ־נאַלער האַס קאָן אַפילו ניט באַגריפן ווערן פון די נייע סאָוועטישע דורות. נאַציאָנאַלע קולטורן בליען־אויף אַזוי ווי ס׳איז גאָר אין ערגעץ ניט באַקאַנט אויף דער וועלט.

יעדער שריט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געווען אַן אַרויסרוף צום אימ־פּעריאַליזם. יעדער קער פון דער סאָציאַליסטישער מלוכה איז באַגעגנט גע־וואָרן מיט פאַרלוימדונג, זידלערייען, אינטריגעס און פאַרזוכן אָפּצושטעלן און אָפּצושוואַכן דעם אַרויסרופער. אַזוי איז דאָס געווען אין משך פון 22

יאָר פון דער עקזיסטענץ פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אזוי איז דאָס היינט־צו־טאָג.

פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אַרויסגעוואַקסן דער סאָוועטן־פאַרבאַנד. פון דער צווייטער וועלט־מלחמה ביז איצט איז אַרויסגעוואַקסן די איינשטעלונג פון סאָוועטן אין אַ טעריטאָריע, וואָס ווערט באַוואוינט פון דרייצן מיליאָן פריער־אונטערדריקטע מענטשן.

די סאָוועטיזירונג פון מערב־אוקראַינע און מערב־ווייס־רוסלאַנד האָט אַרויסגעשטעלט אין דער סאַמע בולט'סטער פאָרם דעם אונטערשייד צווישן קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט און סאָציאַליסטישער פאָלקס־הערשאַפט. דאָרטן — אונטערדריקונג, וואָס ווערט פאַרשטאַרקט דורך קריג. דאָ — באַפרייאונג, דאָרט — דער פאַרזוך צו מאַכן פון באַזיגטע פעלקער שקלאַפן. דאָ — אַלע רעסורסן פון אַ מעכטיג לאַנד ווערט געשטעלט אין באַוועגונג צו מאַכן דאָס לעבן פון די נייע בירגער גליקלעכער, צו עפענען פאַר זיי די גרויסע מעגלעכקייטן, וואָס נאָר אַ סאָציאַליסטישע סיסטעם קאָן געבן.

דאָרט — די בייטש, דער באַיאָנעט, דער קאָנצענטראַציע־קעמפּ, דער פּאָגראָם. דאָ — אַ פריינטלעכע האַנט פון הילף, אַן אויפשוואונג פון קולטורעלע טעטיגקייטן, דערמוטיגונג צום פאָלק צו דענקען, צו אַנטוויקלען, צו רעגירן זיך אין זייער אייגענער שפּראַך, צו גרייכן די העכסטע הויכן פון קונסט, וויסנשאַפט, בילדונג, שעפערישן געדאַנק. מערב־אוקראַינע און מערב־ווייס־רוסלאַנד שטייען אין שיינענדיגן סאָציאַליסטישן ליכט ווי אַ פייער־זייל פאַר דער בלוטנדיגער מענטשהייט. דאָס איז דער אויסוועג. דאָס איז די לייזונג פאַר די פּראָבלעמען, וועלכע דער קאַפּיטאַליזם קאָן בלויז פאַרשאַרפן אָבער קיינמאָל ניט לייזן.

ווען מיר זעען ווי די קאַפּיטאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן רעווען, ווען מיר הערן ווי די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, טראָצקיסטישע, לאַוועסטאָניסטישע לאַקייען פון אימפּעריאַליזם בילן אויף דער נייער אַקטיווער פּאָליטיק פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין וועלט־ענינים; ווען מיר זעען ווי די פּרעסע לאָזט לויז אַ שטראָם פון העצעס געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד; ווען מיר זיינען אַרומגערינגלט פון גיפטיגע פעדערס און גיפטיגע מיילער, פאַרלוימדער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, — זעען מיר בלויז איין ווי שטאַרק דער קאַפּיטאַליזם איז געטראָפן געוואָרן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. די דאָזיגע אַטאַקעס, פריינט און ברידער־אַרבעטער, זיינען דער זיכערסטער באַווייז, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד מאַרשירט פאָראויס, אַז ער ברענגט צו אַלץ מער און מער מיליאָנען די בשורה פון באַפרייאונג, אַז דורך זיין באַפרייען די אוקראַינער, די ווייס־

רוסן און די אידן, וואָס איז געבראַכט געוואָרן דורך זיין גוואַלדיג פאַר־שטאַרקטער מאַכט, ברענגט ער אַ ניי לעבן, אַ נייע האָפענונג אין אַ וועלט, וואָס די אימפעריאַליסטן האָבן אַריינגעוואָרפן אין אַן אָפּגרונט פון בלוט און טרערן. סאָוועטן מאַרשירן. דאָס ליכט פון די סאָוועטן באַהויכט די וועלט. די אַקטן פון די סאָוועטן האָבן געעפנט נייע זון־באַלויכטענע האָרי־זאָנטן פאַר די אויגן פון דער מענטשהייט. זאָלן די שונאים בושעווען, פרייהייט מאַרשירט. נאַציאָנאַלע באַפרייאונג פאַרצייכנט נייע געווינסן.

מיר באַגריסן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. איך בין זיכער, אַז איך רעד ניט נאָר אין מיין נאָמען, נאָר אין נאָמען פון מיליאָנען פון די, וואָס געהערן צו נאַציאָנאַלע גרופּן אין די פאַראייניגטע שטאַטן, ווען איך זאָג:

זאָל לעבן דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, דער באַפרייער פון אונטערדריקטע פעלקער!

זאָל לעבן דער קאָמוניזם!

סאָוועטישע קולטור

סאָוועטישע אינטעליגענטן

1934.

דער פיר־און־צוואַנציג יאָריגער אינזשענער, וואָס נעמט די זון־בעדער אויפן ברעג פונעם ים לעבן מיין זייט, פאַרשטייט אַפּט ניט, וואָס איך רעד. ער איז אַ געבילדעטער יונג, דער אינזשענער. מיט צוויי יאָר צוריק האָט ער געענדיגט דעם אינסטיטוט, היינט איז ער שוין אויף אַ וויכטיגער שטעלע. ער בויט הייזער אין מאָסקווע. ער איז, קענטיג, אַ מענטש מיט גאָר גרויסע פייאיגקייטן. דערצו איז ער אַ מיוחס: אַ זון פון אַן אַלטן רוסישן רעוואָ־לוציאָנער. אין דער היים האָט ער מסתמא גענוג געהערט שמועסן וועגן דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. געלייענט וועגן איר אויך. אָבער איך באַמערק אָפּט, אַז ער פאַרשטייט ניט, וואָס איך רעד. מיינע באַגריפן וועגן אַמעריקע, וועגן דעם לעבן און קאַמף אין דעם גרעסטן קאַפּיטאַליסטישן לאַנד, זיינען אים פרעמד.

איך רעד, למשל, וועגן אַ פאַבריק. ער ווייסט, אַז די פאַבריק געהערט דעם קאַפּיטאַליסט; ער ווייסט אויך וועגן טראַסט; ער ווייסט, אַז דער באַלעבאָס עקספּלואַטירט. אָבער אינמיטן דערינען כאַפּט זיך ביי אים אריין אַ באַמערקונג וועגן פאַבריק־קאָמיטעט. דער סאָוועטישער יונגערמאַן האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז מיר, אין אַמעריקע, האָבן אין יעדער אונטערנעמונג אַ לעגאַל־פונקציאָנירנדיגן פאַבריק־קאָמיטעט. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז לינקע פאַבריק־קאָמיטעטן זיינען אומלעגאַל, האָט ער גאַנץ רואיג באַמערקט: „אָבער די פאַבריק־קאָמיטעטן פון דער אַמעריקאַנישער אַר־בעטער־פעדעראַציע (א. פ. אָוו ל.) זיינען דאָך געוויס לעגאַל." עס האָט מיר געקאָסט מי צו געבן אים פאַרשטיין, אַז די א. פ. אָוו ל. האָט בכלל ניט קיין פאַבריק־קאָמיטעטן, אַז די אַרבעטער האָבן קיין רעכט ניט אַפּצוהאַלטן פאַר־זאַמלונגען אין הויף פון פאַבריק, אַז קיינער פאַרטרעט ניט די אַרבעטער „נאַ פּראָאיזוואָדסטווע" (אויף דער אונטערנעמונג) און אַז די אַרבעטער האָבן קיין שטים־רעכט ניט אין אַלע פראַגן, וואָס קערן זיך אָן מיט דער אַרבעט.

„טאָ ווי אַזוי־זשע קען מען דאָרט אָנפירן מיט דער אַרבעט?" — האָט מיך דער יונג געפרעגט.

אין אַט די ווערטער האָט דער סאָוועטישער מענטש באַוויזן, ווי ווייט אָפּגעשיידט עס איז דער כאָוועטן־פאַרבאַנד פון אונזער וועלט. דער סאָ־וועטישער מענטש קען זיך שוין ניט פאָרשטעלן, אַז די אַרבעטער זאָלן ניט האָבן קיין דעה אין דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס. ער ווייסט פון ביכער און צייטונגען, אַז די פּראָפיטן געהערן דעם באַלעבאָס. ער ווייסט, אַז דער באַלע־באָס האָט אַ רעכט צו פאַרמאַכן די פאַבריק, ווען זיין האַרץ גלוסט. אָבער די אַרבעט גופא — ווי קען מען אַרבעטן, ווען דער אַרבעטער איז שטום?

„איר ווילט זאָגן, אַז איר האָט גאָר ניט קיין פּראָדוציר־באַראַטונגען?" — פרעגט מיך אַן אַנדער יונגער סאָוועטישער אינטעליגענט.

„קיין אַרבעטער־פאַרשלאָגן אויך ניט", — ענטפער איך.

„טאָ ווי אַזוי־זשע ווייזט זיך אַרויס די איניציאַטיווע פון אונטן?" — פרעגט ער דערשטוינט.

„אויף וועלכן שוואַרץ־יאָר דאַרפן די אַרבעטער די פּראָדוציר־איניציאַ־טיווע פון אונטן?" — ענטפער איך מיט אַ פראַגע. „זאָל זיך דער באַלעבאָס שלאָגן קאָפּ אין וואַנט. ניט זייער דאגה."

דער יונגערמאַן עפנט ברייט די אויגן, און עס באַקומט זיך, ווי אַ ליכט וואָלט זיך פאַר אים פּלוצלונג אָנגעצונדן.

„איר זייט גערעכט", — זאָגט ער מיט נאָכדרוק. „די אַרבעטער דאַרפן ניט אַרויסווייזן קיין איניציאַטיווע אין דער פּראָדוקציע. זייער איניציאַטיווע דאַרף זיך אַרויסווייזן אין קאַמף פאַר העכערע שכירות און אַנדערע פאַר־בעסערונגען, וואָס דאָס מוז אָפּט שטערן דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס. ס'איז נאַריש, וואָס איך פרעג אַפילו אַזעלכע פראַגן."

דער אינזשענער פאַרענטפערט זיך. אָבער ס'איז ניט זיין שולד. ער איז ניט אומוויסנדיק. ער האָט געענדיקט אַן אינסטיטוט. ער איז אַ קאָמסאָ־מאָלעץ. ער פירט אָן מיט אַרבעטער־קרייזלעך אין פאַבריקן. ער גרייט זיך אַריינטרעטן אין דער קאָמפּאַרטיי. ער לייענט אַ סך סיי אין זיין אייגענער ספּעציאַליטעט, סיי וועגן זיין סאָוועטישן פאָטערלאַנד בכלל. ער איז אַ פייאיקער יונגער טוער. נאָר וואָס דען — ער האָט פאַר די אויגן די סאָ־וועטישע פאַבריק און די סאָוועטישע אַרבעטער. אין סאָוועטן־לאַנד באַטייליקט אַרבעטער דעם גאַנצן פּלאַן פון זייער פאַבריק. אין סאָוועטן־לאַנד באַטייליקט זיך יעדער אַרבעטער אין באַראַטונגען צו פאַרבעסערן די אַרבעט. יעדער אַרבעטער ווערט אויפגעמונטערט צו מאַכן פאָרשלאָגן, צו אַנטוויקלען איניציאַטיווע, צו פאַרמעסטן זיך מיט אַנדערע וועגן בעסערער אַרבעט. דער אַרבעטער אין פאַבריק איז אַ באַלעבאָס, אַ טייל פון דעם קלאַס, וואָס אי ער

ארבעט, אי ער פארוואלטעט מיטן גאנצן פּראָדוקציע־פּראָצעס און איז פאראינטערעסירט צו פּראָדוצירן וואָס מער. דער סאָוועטישער יונגער מענטש האָט זיך אזוי אריינגעלעבט אין אָט דער לאַגע, אז ער שטעלט זיך ניט פאָר קיין פאַבריק אָן די אַלע זאַכן. דער עיקר: ער שטעלט זיך שוין גאָר ניט פאָר קיין קאַפּיטאַליסטישע פאַבריק. ער האָט זי קיינמאָל ניט געזען. ער ווייסט וועגן איר פון ביכער — אָבער ער האָט וועגן איר ניט קיין בילד.

:: :: ::

מען האָט מיך „פאַרשיקט" אין אַ פּראַכטפולן האָטעל־סאַנאַטאָריום אין קאַווקאַז, אויפן ברעג פונעם שווארצן ים (וואָס איז גאָר ניט שווארץ, נאָר בלאָ און גרין און פּערלדיג); מען „מוטשעט" אונז — עטלעכע הונדערט מענטשן — מיט בעדער ביים ברעג פונעם גלעטנדיגן וואַרימען ים, מיט שוועבל־בעדער, מאַסאַזש, עלעקטרישע באַהאַנדלונג און וואָס עמיצנס געזונט פאָדערט נאָר, אַ חוץ די פאַרגעשריבענע שפּאַציר־גענג אין די אַלייען פונעם גאָרטן, וואו עס וואַקסן פאַלמען און פייגנבוימער און מאַגנאָליעס און באַמבוּר־קוסטעס און מאַסן רויזן; מען האַלט אונז פיר מאָל אין טאָג „פאַרשפּאַרט" אין אַן עס־זאַל פון לויטער פענצטער, אויסגעבויט איבער דעם מחיה'דיגן שוימענדיגן וואַסער. מיר ווערן „געהיט" פון דאָקטוירים און באַרעמהערציגע שוועסטער, וואָס לאָזן פון אונז קיין אויג ניט אַראָפּ, און וואָס זעען, אַז אונזער צייט דאָ אין דעם געבענטשטן לאַנד זאָל ברענגען די בעסטע רעזולטאַטן. דערפאַר האָבן מיר גענוג צייט צו רעדן, צו באַקאַנען זיך איינער מיטן צווייטן, צו טיילן זיך מיט דערפאַרונג.

די עטלעכע הונדערט „רוענדיגע" (אזוי איז דער אָפיציעלער נאָמען: „אָטדיכאַיושטשיע") געהערן צו דער סאָוועטישער אינטעליגענץ: דאָ האָט איר שרייבער, דיכטער, לערער, אַקאַדעמיקער, אינזשענערן, אַרכיטעקטן, שויּ־שפּילער, טענצער, פאַבריק־דירעקטאָרן, זשורנאַליסטן. פאַראַן צווישן זיי מיטליאָריגע, אָבער די מערהייט איז יונג, — אינגער פון 35 יאָר. יעדער איינער וועט דאָ פאַרברענגען 30 טעג.

וואָס זיינען דאָס פאַר מענטשן? לויט זייערע פּראָפעסיעס זיינען דאָס פון דעם זעלבּיגן סאָרט מענטשן, וואָס איר באַגעגנט אין אַן אינטעליגענטישער קאָלאָניע אין קראָטאָן ביים האָדסאָן אָדער אין קאָנעקטיקוט. לויט זייער וועלט־באַנעם און זייער לעבן זיינען זיי — דער שאַרפסטער געגנזאַץ פון יענע מענטשן.

אָנהויבן דערפון, וואָס אַ גרויסער טייל פון אָט־די היינטיגע סאָוועטישע אינטעליגענטן האָבן ערשט ניט לאַנג — צוריק מיט דריי־פיר יאָר — געאַרבעט

אין א פאבריק, אדער קוילן־גרוב, אדער באן. צערעדט זיך מיט אזא מענטשן, דערציילט ער דיר, פארביגייענדיג, אז ער האט א דריי־יאריגן, אדער פינף־יאריגן, אדער צען־יאריגן פאבריק „סטאזש" (רעקארד). ניט אלע שטאמען דא פונעם ארבעטער־קלאס. פאראן זין און טעכטער פון אנגעשטעלטע און פון דער אמאליגער קליין־בורזשואזיע. פאראן מענטשן, וואס האבן אנגעהויבן זייער קאריערע נאך פאר דער רעוואלוציע (כאטש אזוינע איז ניטא א סך). אבער אט דער פראלעטארישער פונדאמענט פון א סך היינטיגע אינטעליגענטן ליגט ארויף א באזונדערן שטעמפל אויף דער גאנצער אינטעליגענץ. עס איז — אין א גרויסן טייל — פראלעטארישע אינטעליגענץ. די פראלע־טארישקייט דריקט זיך אויס ניט נאר אין דעם, וואס אלע ארבעטן פאר דער פראלעטארישער מלוכה: דאס איז דאך אנדערש ניט מעגלעך, און דאס טוען אויך געוועזענע מיטגלידער פון דער בורזשואזיע. די פראלעטארישקייט דריקט זיך אויס אין דעם, וואס די אינטעליגענטן אליין זיינען בלוט און פלייש פון די פאבריקן און זאוואדן.

עס פאדערט זיך אמאל א סך צייט צו דערקענען דעם אונטערשייד צווישן איין אינטעליגענט און א צווייטן. פון אויבן־אויף לאזט עס זיך גאר ניט דערקענען. דער בורזשואזער אינטעליגענט האט זיך — אויסערלעך און טיילווייז אינערלעך — גענוג פראלעטאריזירט. דער פראלעטארישער אינ־טעליגענט האט זיך גענוג ראפינירט. ביידע רעדן איין שפראך. ביידע טוען איין ארבעט. אפשר ווייזט דאס זיך ארויס אין דעם, וואס דער פראלע־טארישער אינטעליגענט איז געזינטער און פילט זיך מער אין דער היים, ווי זיין פראלעטאריזירטער קאלעגע.

אן אנדער שטריך: דער גרעסטער טייל פון אט די מענטשן האט געדינט אין דער רויטער ארמיי. אייניגע זיינען איצט אויך נאך פארבונדן מיט דער רויטער ארמיי אלס אינסטרוקטארן, לעקטארן און אין אנדערע עמטער. די עלטערע פון זיי האבן זיך באטייליגט אין בירגער־קריג (1918—1921), און זיי האבן וואס צו דערציילן וועגן די שלאכטן געגן דעניקינ'ען, פעטלורע'ן אדער די פאליאקן. פאראן אזוינע, וואס האבן זיך באשעפטיגט מיט באַ־פרייען פון די ווייסע טאקע אט דעם טייל פון קאווקאז, וואו אונזער סאנאטאריע געפינט זיך. א קוק טאן אויפן עולם — איז דאס א פרידלעכער ציווילער עולם פראפעסיאנאלן. אבער זאל דאס פאטערלאנד פאדערן — וועלן אט די עטלעכע הונדערט מענער — און פרויען אויך — אנטאן זייערע מונדירן און נעמען די ביקסן אויף די פלייצעס. שיסן קענען אלע. קאַ־מאנדעווען מיט א רויט־ארמייאישן פאלק אדער דיוויזיע קענען א סך.

אוויאַטאָרן איז דאָ ניט ווייניג. טאַנקיסטן אויך. עס וואָלט זיך ניט געפאָדערט מער ווי איין טאָג צו פאַרוואַנדלען אַט די מענטשן אין טיכטיגע עלעמענטן פון אַ טיכטיגער אַרמיי.

זיי האָבן אַלע הינטער זיך אַ רעקאָרד פון אַרבעט — און אַרבעט וואַרט אויף זיי נאָכן אָפּרו. טאַקע דערפאַר איז זייער רו אַזוי אַנדערש, ווי די „וואַקאַציע” פון די אינטעליגענטן אין אַ קאַפּיטאַליסטישן לאַנד.

זיי האָבן ניט קיין דאגה פאַר פּרנסה. יעדער איינער פון זיי האָט אַ שטעלע און יעדער איינער ווייסט, אַז ס'איז דאָ מער שטעלעס, ווי אינטעלי־גענטן. עס קען זיך נאָר האַנדלען וועגן וועלן אַ בעסערע שטעלע; עס קען זיין ביים אָפּערע־זינגער אַן אַמביציע אַריבערצוציען זיך פון כאַרקאָוו קיין מאָסקווע; דער שריפטשטעלער מעג פּלאַנעווען אַ גרעסערע אַרבעט, וואָס וועט אים געבן אַ העכערע שטעלונג אין דער ליטעראַרישער וועלט; דער אינ־זשענער מעג שטרעבן צו קריגן אַ פּלאַץ אין אַ גרעסערן קאָמבינאַט; דער פאַבריק־דירעקטאָר האָפט צו ווערן פאַרוואַלטער פון אַ טראַסט. אָבער דאָס האָט קנאַפּ צו טאָן מיט דאגת פּרנסה. מענטשן זיינען פאַרזאָרגט מיט מיטלען צום לעבן. אפשר האָבן אייניגע ניט קיין סך קליידער — דער עיקר: מאָדנע און טייערע קליידער; אפשר וואוינט מען מאַן און ווייב אין איין צימער; אפשר פעלט דער גרויסער ראַפינירטער לוקסוס פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אָבער דערפאַר איז דאָ זיכערקייט; דערפאַר האָט מען ניט מורא פאַרן „דזשאַב”; דערפאַר האָט מען גוטע און פּרוכטבאַרע אַרבעט, וואָס איז דעם מענטשן צום הארצן; דערפאַר פילט מען, אַז מ'איז נויטיג דער געזעלשאַפט, און דערפאַר האָט מען די באַפרידיגונג צו וויסן, אַז די אַרבעט ווערט אָפּגעשאַצט לויט איר ווערט און אַז גוטע פייאיגקייטן גייען קיינמאָל ניט פאַרלוירן.

דעריבער איז דאָ דאָ אַ רואיגקייט, וואָס מיר, פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, קענען ניט האָבן. די מענטשן זיינען אַזוי גליקלעך, אַזוי אויפן אָרט, אַזוי צופרידן מיט זייער לאַנד, אַזוי שטאָלץ מיט זיין אויפבוי — און די צוקונפט זעט זיך זיי אַזוי לויטער, אַזוי ברייט.

זיי הערן וועגן סאַן־פראַנציסקאָ און וועגן סקאָטסבאָראָ, וועגן סטרייקס און דעמאָנסטראַציעס, וועגן פאַשיסטישן טעראָר און פאַראייניגטן אַנטי־פאַשיסטישן פראָנט; זיי רעגן זיך אויף און פרייען זיך און צאַרענען און באַגריסן. אָבער דאָס אַלעס איז שוין ניט זייער דירעקטע אַרבעט. דאָס זיינען ניט זייערע דירעקטע פּראָבלעמען. דאָס איז ניט זייער סעקטאָר פונעם אַלוועלטלעכן קלאַסן־פראָנט.

וואָס הערט זיך אויף זייער סעקטאָר? וואָס אינטערעסירט זיי? וועגן וואָס רעדן זיי? די אינטערעסן זיינען ברייט און פאַרשיידנאַרטיג, אָבער זיי האָבן אַלע צו טאָן מיט היימישע זאַכן, מיט זאַכן, וואָס פאַרבעסערן דאָס לעבן. די היי־יאָריגע גערעטעניש; דער גאַנג פון שניט; דער גאַנג פון ברויט־זאַמלען פאַר דער מלוכה; דער סאָוועטישער האַנדל; די פאַרבעסערונג אין דער אַרבעט פון די אייזנבאַנען; דער נייער סאָרט שטאָל, וואָס ווערט אויסגעאַרבעט אין מאַגניטאָגאָרסק; דער פאַרמעסט־לויף צווישן די אויס־לענדישע און סאָוועטישע דיזל־מאָטאָרן; דער קאַמף געגן די „געוועזענע מענטשן" אין די קאָלכאָזן; די פּראָגראַם פון די שולן פאַרן נייעם לערן־יאָר; דער ספּאָרט יום־טוב אין מאָסקווע; דער מערקווירדיגער וועג פון די דריי גרויסע סאָוועטישע אייז־שפּאַלטער אין דעם אַרקטישן אָקעאַן: „יער־מאַק", „מאַליגין", „ליטקע"; דער נייער בוך וועגן די טשעליוסקינצעם; דער נייער סאָוועטישער לופט־גיגאַנט „מאַקסים גאָרקי"; דער אַלסאָוועטי־שער שריפטשטעלער־צוזאַמענפאָר; די נייע אַנטדעקונגען אין מעדיצין; דער איבערפאָר פון דער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע פון לענינגראַד קיין מאָסקווע; די פּאַרטיי־רייניגונג אין די פאַרשיידענע געגנטן פונעם גרויסן לאַנד; די נייע סאָוועטישע פילמען. די נייע אָרגאַניזאַציע פון די סאָוועטישע פאַרלאַגן...

יעדער איינער פון אָט די „רועדיגע" האָט אַ שייכות צום דעם אָדער יענעם סעקטאָר פון דער גרויסער אַרבעט. יעדער איינער האָט וואָס צו זאָגן וועגן דער גאַנצער אַרבעט. עס איז זייער לעבן. עס איז אַ טייל פון זייער איך.

גליקלעכע מענטשן.

די שרייבער און זייערע לייענער

.1934

דער לאַזונג איז קודם כל רעאַליזם. דער שרייבער דאַרף זיין אַ מענטש, וואָס שילדערט די ווירקלעכקייט אין איר אמת׳ער געשטאַלט, וואָס שילדערט די ווירקלעכקייט אין איר אמת. דאָס הייסט, ערשטנס, אַז דער שרייבער איז ניט קיין פאָרמאַליסט, אַז ער פאַרנעמט זיך ניט מיט קולטיווירן די פאָרמע אויפן חשבון פונעם אינהאַלט, נאָר ער פאַראַרבעט דעם אינהאַלט פונעם לעבן אין דער פאַסיגסטער פאָרמע — און אַזוי ווי דער אינהאַלט איז אַ נייער, מוז במילא זיך אויסאַרבעטן אויך אַ נייע פאָרמע; צווייטנס הייסט דאָס, אַז דער שרייבער פאַרנעמט זיך ניט מיט „סתם־מענטש" (וואָס אַזוינס איז גאָר ניטאָ), ער גריבלט זיך ניט אין די פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען פון אַ יחיד אָפּגעריסן פון זיין סביבה, נאָר ער גיט דעם מענטשן אין דער סאָציאַלער סביבה, דאָס הייסט ער גיט דעם מענטשן אין זיין צוזאַמענהאַנג מיט דעם קלאַסן־קאַמף, וואָס בילדעט דעם אינהאַלט פון דער געשיכטע.

פאַראַן מענטשן — דערהויפּט אין בורזשואַזן לאַגער — וואָס האָבן זיך איינגערעדט, אַז דער באַשלוס פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פאַרטיי (23טן אַפּריל, 1932) אויפצולייזן דעם פאַרבאַנד פון פּראָלעטאַרישע שרייבער און אָרגאַניזירן אַן אַלסאָוועטישן שרייבער פאַראיין איז געווען אַן אָפּזאָג פון פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. דאָס איז אַ פאַלשער, אויב ניט ביייזוויליגער געדאַנק, — און דאָס ווערט געלייקנט דורך דעם לאָזונג: סאָציאַליסטישער רעאַליזם.

סאָציאַליסטישער רעאַליזם הייסט, אַז דער שרייבער איז דורכגעדרונגען מיט דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער אויפפאַסונג פון דער געזעלשאַפט, אַז ער זעט מענטשן און זייערע פאַרבינדונגען, מענטשן און זייערע צוזאַמענשטויסונגען אינעם ליכט פון דער טעאָריע און פּראַקטיק פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, פון דעם קאַמף פאַר דער דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט, אַז ער שילדערט דעם אויפבוי פון דעם סאָציאַליזם אינעם לאַנד פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. „מען קען ניט ריכטיג שילדערן די רעוואָלוציע", זאָגט מיר אַ סאָוועטישער שרייבער, „ווען מען גלויבט ניט

אין דער רעוואָלוציע און ווען מען זעט ניט אַלע אירע ספּרוזשינעס." דאָס קען מען נאָר זען אַלס קאָמוניסט. די סאָוועטישע ליטעראַטור פאָדערט שרייבער, וואָס שטייען אויפן קאָמוניסטישן שטאַנדפּונקט (אָדער וואָס האַלטן אין איין דערנעענטערן זיך צום קאָמוניסטישן שטאַנדפּונקט).

סאָציאַליסטישער רעאַליזם, ווייטער, הייסט, אַז דער שרייבער העלפט בויען דעם סאָציאַליזם. ווי אַזוי טוט ער דאָס? ער דערוועקט אין דעם לייענער מוט און קראַפט, באַוואונדערונג פאַר די העלדן פון אַרבעט, ליבשאַפט און אַכטונג צו דער גרויסער פירערשאַפט פון דער אויפבוי־אַרבעט, איבערגעגעבנקייט צו די אינטערעסן פונעם אויפבוי, שטאַלץ מיט דער היסטאָרישער זאַך פונעם פּראָלעטאַריאַט אין אַלע לענדער און גרייטקייט אַליין מיטצואַרבעטן אין דער היסטאָרישער זאַך. דאָס איז נאָר מעגלעך דעמאָלט, ווען די ליטעראַטור איז הויך־קינסטלעריש, ווייל נאָר אַזוי קען זי האָבן דעם נויטיגן עפעקט.

סאָציאַליסטישער רעאַליזם הייסט, אַז דער שרייבער דערגרייכט זיין ציל מיט די קרעפטיגסטע און דירעקטסטע מיטלען — און דאָס הייסט, אַז זיין שפּראַך איז איינפאַך, קלאָר, זאַפטיג און ערלעך.

סאָציאַליסטישער רעאַליזם פאָדערט פון דעם שרייבער, אַז ער זאָל זיך אַריינשליסן אין דער גרויסער אַרבעט פון קאַמף פאַר אַ נייער וועלט, און דאָס הייסט, אַז ער אַליין זאָל שטיין אויף דער גרעסטער הויך פון היינטציטיגן וויסן. אָן דעם איז אוממעגלעך צו באַפרידיגן די אויסגעוואַקסענע באַדערפענישן פונעם סאָוועטישן לייענער — און זיי וואַקסן שנעל מיטן געוואַלטיגן וואוקס פון דער סאָוועטישער קולטור.

דאָס לאַנד גיט אַ ברייטע מעגלעכקייט פאַר די שרייבער צו וואַקסן. דער צוזאַמענפאַר איז אַ מיטל צו פאַרשנעלערן דעם וואוקס.

:: :: ::

מאָסקווע איז פול מיטן שרייבער־צוזאַמענפאָר. דאָס גאַנצע לאַנד איז פול מיטן שרייבער־צוזאַמענפאָר. אין יעדער צייטונג דרוקן זיך אָפּהאַנדלונגען וועגן די פראַגן פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. אין יעדער צייטונג און זשורנאַל דערשיינען אַרטיקלען פון די שרייבער גופא מיט באַטראַכטונגען וועגן די אויפגאַבן פונעם צוזאַמענפאָר. אין די פענצטער פון בוכהאַנדלונגען און אַנדערע גרויסע געשעפטן זיינען אַרויסגעשטעלט בילדער פון די פירנדיגע סאָוועטישע שרייבער. איבער די גאַסן פון מאָסקווע זיינען אויסגעקלעפּט פּלאַקאַטן, וואו אַרבעטער האַלטן ביכער אויפגעהויבן אין די הענט אַנטקעגן

דעם שמייכלענדיגן פּנים פון מאַקסים גאָרקי. אויבן די אוישריפט: „אַ גרוס דעם אַלפאַרבאַנדישן שרייבער־צוזאַמענפאָר".

נאָר אינעם לאַנד פון סאָציאַליסטישן אויפבוי איז מעגלעך אַזאַ צו־זאַמענפאָר און אַזאַ ברייטער אָנטייל פון די ברייטסטע מאַסן.

אין לענינגראַד, אינעם פּאַלאַץ פון אַרבעט (הויפּט־פאַרוואַלטונג פון די פּראָפאַראיינען) האָב איך ביַיגעוואוינט אַ באַגעגעניש פון דעם פּאַרטיי־אַקטיוו פונעם וואַסילעאָסטראָווער ראַיאָן מיט די לענינגראַדער שרייבער. עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַ פּאָר הונדערט קאָמוניסטישע טוער און אַ צענדליג שרייבער. פריער האָט די פאַרזאַמלונג אויסגעהערט אַ רעפּעראַט וועגן די אויפגאַבן פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור, נאָכדעם זיינעם אויפגעטראָטן איינער נאָכן אַנדערן די שרייבער. זיי האָבן גערעדט וועגן זייער אייגענער אַרבעט, וועגן דעם, וואָס זיי האָבן אָנגעשריבן און וואָס זיי האַלטן אין שרייבן — און האָבן פאָרגעלייענט קאַפּיטלען פון זייערע ווערק. די־[illegible]ער האָבן דעקלאַמירט גאַנצע פּאָעמעס. צווישן די שרייבער איז געווען מאַרשאַק — איינער פון די באַרימטסטע שאַפער פון קינדער־ליטעראַטור. געווען אוי‍ך דער גוט־באַקאַנטער בעלעטריסט טשומאַנדרין. יעדן איינעם פון די שרייבער האָט די פאַרזאַמלונג אויפגענומען ווי באַקאַנטע מענטשן: מ'האָט זיי גע־שטעלט פראַגן וועגן דער יענער דערציילונג, וועגן דעם אָדער יענעם ליד. עס איז געווען קלאָר, אַז אָט די קאָמוניסטישע אַקטיוויסטן אינטערעסירן זיך ערנסט מיט די שרייבער.

אין מאָסקווע בין איך געווען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אודאַרניקעס (שלאָגלער־אַרבעטער) פונעם קראַסנאָפּרעסנער ראַיאָן, וואו מ'האָט דיס־קוטירט ליטעראַרישע פראַגן. עס איז אויפגעטראָטן אַ ראַיאָן־פאַרטרעטער מיטן נאָמען איוואַנאָוו, אַן אַרבעטער, מיט אַ פאָרטראַג אויף דער טעמע: „וואָס די אַרבעטער דערוואַרטן פון דער ליטעראַטור און וואָס די אודאַרניקעס קענען געבן דער ליטעראַטור." די אַרבעטער, האָט ער געזאָגט, פאָדערן פון דער ליטעראַטור, ערשטנס, דעם אמת. מען דאַרף ניט באַהאַלטן די פאַקטן פונעם לייענער. מען מעג אויך ווייזן, ווי שווער עס איז אַ קולאַק, ווען ער ווערט אָן זיין פאַרמעגן און זיין פּלאַץ אין לעבן. „וואָס איז ווערט", האָט געזאָגט איוואַנאָוו, „די טרער פון אַ קולאַק אַנטקעגן דעם גרויסן בנין פון סאָציאַליסטישן גליק, וואָס עס בויט די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור?" די אַרבעטער פאָדערן, צווייטנס, אַז די ליטעראַטור זאָל זיין אָפּטימיסטיש. „די בורזשואַזיע אין איר יוגנט איז אויך, אַלס קלאַס, געווען אָפּטימיסטיש. איצט קען זי דאָס ניט זיין, ווייל זי גייט צום אָפּגרונט. מיר, אַ נייער קלאַס, וואָס

בויט א נייעם לעבן, פאדערן א ליטעראטור, וואס זאל זיין דורכגעדרונגען מיט לעבנס־פרייד, מיט זיכערקייט, מיט זיגער־קראפט. אונזער קלאס איז פול מיט אפטימיזם אפילו ווען ער האט נאך ניט דעראבערט די מאכט. די געשיכטע פונעם קלאסן־קאמף איז א געשיכטע פון אן אונטערדריקטן קלאס, וואס נעמט זיך איבערבויען א וועלט.״ די ארבעטער פאדערן, דריטנס, אז די ליטעראטור זאל זיך אינטערעסירן מיטן העלד, מיט דער שטארקער און העלער פערזאן, ווען אפילו אט די פערזאן פארנעמט זיך מיט קליינער ארטיגער ארבעט. מיר, ארבעטער, ווילן זיך לערנען פון די העלדן. דער פראלעטאריאט איז ניט געגן העלדן — נאר וואס דען: זייערע העלדן זיינען צוזאמענגעבונדן מיט דער מאסע.

ווען דער רעפערענט האט געענדיגט, האט זיך אנגעהויבן א זייער געניע דיסקוסיע וועגן דעם ארבעטער אין דער סאוועטישער ליטעראטור. איינער נאכן אנדערן זיינען אויפגעטראטן שלאגלער, וואס האבן ארויסגעזאגט זייער מיינונג וועגן דעם אדער יענעם העלד אין די נייעסטע ווערק פון די סאוועטישע בעלעטריסטן. דא האט מען געקענט הערן וועגן די פערזאנען פון שאלאכאוו׳ס „שטילער דאן״ און „צעאקערטע רויערד״, סאבאלעוו׳ס „קאפיטאלער רעמאנט״, אוודיענקא׳ס „איך האב ליב״, לעאנאוו׳ס „סקוטארעווסקי״, גלאדקאוו׳ס „ענערגיע״, קאטאיעוו׳ס „לעבן, פאראוים״, לעווינ׳ס „יונגלינג״ און צענדליגער אנדערע. די רעדנער האבן אנגעוויזן די מעלות און די חסרונות פון די ווערק, די ריכטיגע און אומריכטיגע שטריכן אין דער שיל־דערונג פון פערזאנען, דערהויפט פון ארבעטער אין פאבריקן און זאוואדן. די רעדנער האבן ארויסגעוויזן אן אינטימע באקאנטשאפט מיט דער ליטערא־טור פון זייער לאנד.

דאס זיינען נאר א פאר פאקטן, וואס אילוסטרירן דעם צוגאנג פון דער סאוועטישער פראלעטארישער געזעלשאפטלעכקייט צום ליטערארישן שאפן.

דער שרייבער־צוזאמענפאר איז א געשעעניש, וואס האט אקטיוו פאר־אינטערעסירט דאס גאנצע לאנד. פארזאמלונגען פון ארבעטער זיינען אפ־געהאלטן געווארן כמעט אין אלע פאבריקן, זאוואדן, קוילן־גרובן און אייזנבאן־דעפאס צו דיסקוסירן די פראגע פון ליטעראטור אין פארבינדונג מיטן סאציאליסטישן אויפבוי. נייע קרייזלעך צו שטודירן ליטעראטור זיינען געשאפן געווארן אין הונדערטער פונקטן. ווי ביי יעדער צוגרייטונג צו א גרויסן געזעלשאפטלעכן צוזאמענפאר, איז אויך דא אויסגענוצט געווארן די געלעגנהייט צו סטימולירן דעם אינטערעס פון די מאסן אין דעם געגנשטאנד

פונעם צוזאַמענפאָר. אין דעם איצטיגן פאַל איז אויסגענוצט געוואָרן די געלעגנהייט צו באַוועגן ברייטערע פּראָלעטאַרישע מאַסן צו לייענען די ווערק פון קלאַסישע און מאָדערנע שרייבער, אָריגינעלע און איבערגעזעצטע, צו טראַכטן און רעדן וועגן ליטעראַטור. די קרייזלעך פון פאַבריק־אַרבעטער־שרייבער האָבן פאַרשטאַרקט זייער אַרבעט. אַזוינע קלייזלעך זיינען דאָ אין אַלע גרעסערע פאַבריקן — און זייער צוועק איז צו אַנטוויקלען די יונגע פּראָלעטאַריער, וואָס ווייזן אַרויס אַ טאַלאַנט צום שרייבן. מיט אַנדערע ווערטער: זייער צוועק איז אויסאַרבעטן ליטעראַרישע קאַדרען. אויף אַ צוזאַמענפאָר פון אַזוינע יונגע אָנפאַנגער מיט אַנדערע פּראָלעטאַריער איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין מאָסקווע. יונגע מעטאַליסטן, וועבער, האָלץ־אַרבעטער, בעמיקער האָבן פאָרגעלייענט זייערע לידער און דערציילונגען — און דער עולם האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג. אייניגע פון די ווערק זיינען געווען רוי. אַנדערע האָבן אַרויסגעוויזן אַ הויכע מאָס פון שרייבערישער טעכניק. אין אַלע איז געווען אַן עכטקייט פון צוגאַנג און אַ גרויסע באַקאַנטשאַפט מיט דעם אַרבעטער־לעבן. אַלע זיינען געווען פּראָלעטאַריש, כאָטש ניט אַלע גענוג טאַלאַנטפול. עס איז קלאָר געווען, אַז דאָ וועט זיך מיט דער צייט אַרויסטיילן אַ צאָל גוטע געזונטע שרייבער. צום שרייבער־צוזאַמענפאָר האָבן די מיטגלידער פונעם קרייז געשאַפן נייע ווערק. אָט די צאָלרייכע יונגע קומען צום שרייבער־צוזאַמענפאָר מיט דער פאָדערונג, אַז די עלטערע, מער־דערפאַרענע קינסטלער זאָלן זיי העלפן אויסבילדן זייער טאַלאַנט.

די אויסבילדונג קומט פאָר אין די קרייזלעך, אָבער ערטערווייז אויך אין ספּעציעלע שולן. אין לענינגראַד האָב איך זיך באַקאַנט מיטן ליטעראַרישן אַרבעטער־אוניווערזיטעט אויפן נאָמען פון מאַקסים גאָרקי (גאַגאַרינסקאַיאַ גאַס נומער 2). דער אוניווערזיטעט פאַרמאָגט 147 סטודענטן, וואָס אַרבעטן בייטאָג און לערנען זיך אין אָוונט. די סטודענטן זיינען צעטיילט אין דריי פאַקולטעטן: ראָמאַן און דערציילונג, פּאָעזיע, דראַמע. דאָס לערנען באַשטייט אין אַ גרינטלעכער באַקאַנטשאַפט מיט דער געשיכטע און טעאָריע פון ליטעראַטור, אין אַ שטודיום פון לעניניזם, איינגעשלאָסן דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם, און אין אַנאַליזירן די בעסטע ווערק פון די בעסטע סאָוועטישע שרייבער. אַ חוץ דעם ווערן געגעבן און גרינטלעך אַנאַליזירט די ווערק פון די סטודענטן גופא. אָפט ווערן איינגעלאַדן באַקאַנטע שרייבער בייצוּוואוינען ביים אַנאַליזירן זייערע ווערק און וועגן די פּראָצעסן פון שאַפן.

ניט נאָר די פאַבריק, נאָר אויך די קאָלכאָזן און סאָווכאָזן האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם שרייבער־צוזאַמענפאָר און דורכגעאַרבעט פּראָב־

לעמען פון דער ליטעראַטור. דאָס זעלביגע אין דער רויטער אַרמיי און אין ליטעראַרישע קרייזלעך פון דער רויטער אַרמיי.

און דאָ רעדט זיך ניט נאָר וועגן דער רוסישער ליטעראַטור. עס האַנדלט זיך וועגן דער ליטעראַטור אינעם אַלפּאַרבאַנדישן מאַסשטאַב, און דאָס הייסט אויך וועגן די נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן. כמעט יעדע נאַציאָנאַלע מינדערהייט האָט אָפּגעהאַלטן אַ שרייבער־צוזאַמענפאָר און האָט צוגעגרייט אַ רעפּעראַט פאַרן אַלגעמיינעם צוזאַמענפאָר. עס זיינען אויך פאָרגעקומען קאָנפערענצן פון פאַרשיידענע פאַכן פון דער ליטעראַטור. אַזוי איז ניט לאַנג אָפּגעהאַלטן געוואָרן, אַלס צוגרייטונג צום צוזאַמענפאָר, אַ קאָנפערענץ פון ליטעראַרישע קריטיקער.

:: :: ::

הכלל, די ליטעראַטור איז דאָ ניט אָפּגעטיילט פונעם לעבן. זי איז אַ טייל פונעם לעבן און זי העלפט בויען דאָס לעבן. מיט שטאָלץ זאָגן מיר די סאָוועטישע אַרבעטער, אַז נאָר אַ סאָוועטן־לאַנד, נאָר אונטער דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, איז מעגלעך אַזאַ ליטעראַרישער צוזאַמענפאָר, וואָס זאָל אַרומנעמען פּאַקטיש אַלע שרייבער פונעם לאַנד און וואָס זאָל פאַר־אינטערעסירן מיליאָנען פון די ברייטע מאַסן. דער צוזאַמענפאָר איז אַ געוואַלטיגע געזעלשאַפטלעכע געשעעניש און איר איינפלוס אויף דער סאָ־וועטישער ליטעראַטור מוז זיין קאָלאָסאַל.

„אינזשענערן פון דער מענטשלעכער נשמה"

1934.

איבער דער ברייט פון די גאסן זיינען אויסגעצויגן רויטע פאסן לייוונט. אויף איין פאס איז אנגעשריבן מיט ווייסע בוכשטאבן:

„פראלעטאריש לויט איר אינהאלט, נאציאנאל לויט איר פארם — אזוי איז די אלמעכטיגע קולטור, צו וועלכער עס גייט דער סאציאליזם." (סטאלין).

אויף אן אנדער פאס אין אן אנדער גאס איז אנגעשריבן:

„מיר דארפן אינזשענערן, וואס בויען שמעלץ־אויוונס; מיר דארפן אינזשענערן, וואס בויען אויטאמאבילן, טראקטארס. אבער ניט ווייניגער דארפן מיר אינזשענערן, וואס בויען מענטשלעכע נשמות; איר, שרייבער, זייט די אינזשענערן, וואס בויען די מענטשלעכע נשמות." (סטאלין).

צום שרייבער־קאנגרעס האט זיך מאסקווע אויסגעפוצט, ווי צו גאר א גרויסן יום־טוב. אומעטום, אין יעדער צייטונג, אין די פענצטער פון יעדער בוכהאנדלונג, אויף פלאקאטן און אויף ארויסגעהאנגענע פארטרעטן באגעגנט איר די ווערטער: „א יום־טוב פון דער סאוועטישער קולטור." מאסקווע ווייסט, אז היינט קומט פאר א שרייבער־קאנגרעס! ווען ס'וואלט פארגעקומען א שרייבער־קאנגרעס, לאמיר זאגן, אין ניו יארק (ס'וואלט, פארשטייט זיך, געווען א קאנגרעס פון א טייל, ניט פון אלע שרייבער: אן אמת'ער קאנגרעס פון אלע שרייבער פון א גאנצן לאנד קען נאר פארקומען אין סאוועטן־פארבאנד), וואלט די גרויסע באפעלקערונג־מאסע וועגן אים ניט געוואוסט; אין מאסקווע איז שוין אלעמען באוואוסט, פון די עלטסטע ארבעטער ביז די אינגסטע פיאנערן, אז ס'ווערט אפגעהאלטן דער ערשטער אלפארבאנדישער שריפטשטעלער־צוזאמענפאר, און מיליאנען ארבעטנדיגע גיבן זיך אפ א חשבון וועגן זיין באדייטונג.

ס'איז א געשעעניש פון גאר א גרויסן פארנעם — אין א שטאט, וואס איז ניט זשעדנע אויף קאנגרעסן.

פארן „פראפאראיין־הויז" איז ענג פון מענטשן. א צוויי־טויזנט־קעפיגער עולם שטייט און ווארט געדולדיג ביז ס'וועלן זיך עפענען די טירן. דאס איז א געקליבענער עולם: ארבעטער־דעלעגאטן פון פאבריקן, פון אוניווערזיטאטן, פארטרעטער פון פראלעטארישע ליטעראַרישע קרייזלעך, דעלעגאטן

פון קאַלכאַזן, היינט שריפשטעלער־דעלעגאַטן און געסט. ס'איז אַ קול־טורעלער עולם; ס'איז אַן עולם, וואָס קען די שרייבער. מען ווייזט אָן אויף די פאַרבייגייענדיגע אָדער אַזוינע, וואָס זיינען אַריינגעקוועטשט צווישן עולם: אָט איז טיכאָנאָוו; אָן יענער הויכער מיט די גראָע האָר און יונגן פּנים איז קאָרנעי טשוקאָווסקי.

די געביידע איז אויסגעצירט מיט רויטן. אויף איין גרויסן פּלאַקאַט לייכטן די ווערטער פון לענין וועגן דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור:

„דאָס וועט זיין אַ פרייע ליטעראַטור, וואָרים ניט עגאָאיסטישער פּראָפיט־אינטערעס און ניט קאַריערע, נאָר די אידייע פון סאָציאַליזם און מיטגעפיל צו די אַרבעטנדיגע וועלן ווערבירן נייע און נייע קרעפטן אין אירע רייען."

אויף אַן אַנדערן, איבער דעם טויער, רעדן גאָרקיס ווערטער צו די שרייבער:

„דער אמת פון דער צוקונפט איז פּראָסט און קלאָר. אַ ליטעראַטאָר — אַ פּראָלעטאַריער דאַרף זיך שטעלן פאַר אַ ציל גראָד פּראָסטקייט, קלאָרקייט, בולט'קייט."

עס עפענען זיך די טירן. די מאַסע פילט אָן דעם זאַל פון אויבן ביז אַרונטער. אַלע אויגן קוקן צו דער פּלאַטפאָרמע. דאָרט הענגען דריי מעכטיגע רויטע פאָנען לעבן אַ גרויסן מאַרמאָר־ביוסט פון לענין. לינקס פונעם ביוסט, אויף דער פאָדערשטער וואַנט, אויף אַ הערלעכן רויטן הינטערגרונט — די פּאָרטרעטן פון סטאַלין און גאָרקי. אויף די אַנדערע ווענט זיינען אויפ־געהאָנגען די פּאָרטרעטן פון האָמער, דאַנטע, שעקספּיר, געטע, היינע, פּושקין, גאָגאָל, טשערנישעווסקי, נעקראַסאָוו, בעלינסקי, דאָבראָליובאָוו, שטשעדרין, טאָלסטאָי, טשעכאָוו.

דער גרויסער טיש אויף דער פּלאַטפאָרמע איז עטלעכע מינוט ליידיג. באַלד באַווייזט זיך גאָרקי, און הינטער אים די איבעריגע מיטגלידער פונעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט, וואָס האָט צוגעגרייט דעם קאָנגרעס. דער צוויי־טויזנט־קעפּיגער עולם ווערט אַרומגעכאַפּט מיט אַ פייערדיגן רינג פון באַגייסטערונג. אַלע שטעלן זיך אויף און באַגריסן דעם חבר גאָרקי'ן מיט וואַרימע און רוישיגע אַפּלאָדיסמענטן. גאָרקי שמייכלט. ער האָט אַ גוטמוטיגן פאָטערלעכן שמייכל. ער האַלט זיך באַשיידן און זאַכלעך. עס איז דאָ אַ סך אַרבעט — און די אָרגאַניזירער ווילן ניט אָפּגעבן צופיל צייט אויף דעמאָנסטראַטיווע זאַכן.

דער זאַל איז פּראַכטפול באַלויכטן. ער איז אויסגעבאָדן אין דעם

באַזונדערן פערלדיגן ליכט פון דעם באַרימטן היסטאָרישן קאָלאָנען־זאַל. רויט. ווייס. גאָלד. אויגן־בליץ. פרייד. די גרעסטע טאַלאַנטן פון דעם גרויסן פּראָלעטאַרישן לאַנד באַגריסן דעם פאָטער פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. דאָס האָט ער צוריק מיט דריי־און־דרייסיג יאָר דערקלערט:

„זאָל דער שטורעם שנעלער קומען!“

דאָס האָט ער געוואָרפן אין פּנים אַריין דער אַלטער וועלט זיין מעכטיגן רעוואָלוציאָנער־קינסטלערישן אַרויסרוף.

דאָס האָט ער — צוריק מיט צוואַנציג יאָר! — אָנגעהויבן צונויפזאַמלען די קרעפטן פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, וואָס האָט געמאַכט אירע ערשטע קינדערשע טריט.

דאָס האָט ער געהאָלפן און העלפט אויספאָרמירן און פאַראייניגן די היינטיגע וואַקסנדיגע סאָוועטישע ליטעראַטור.

דאָס איז ער — דער קינסטלער־רעוואָלוציאָנער, וואָס איז אַריבער־געוואַקסן פון פאַר דער ערשטער רעוואָלוציע אין דעם צווייטן פינפיאָר, אין דעם סאָציאַליזם אַריין, און וואָס זעט שוין פאַר זיינע אויגן די קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט.

דאָס איז ער — דער סימבאָל פון דעם שנעלן טעמפּאָ פון דער היינט־צייטיגער געשיכטע: צווישן דעם רוסלאַנד פון זיינע יוגנט־יאָרן און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד פון היינט ליגט, דאַכט זיך, ניט איין לעבנסצייט פון אַ מענטשן, נאָר הונדערטער יאָרן.

גאָרקי עפנט די פאַרזאַמלונג. עס ווערט שטיל. מען קען הערן דאָס קלאַפּן פונעם אייגענעם האַרצן. גאָרקי גיט דעם טאָן דעם גאַנצן קאָנגרעס. ער רעדט דאָס, וואָס אַלע אָנערקענען ווי דעם ריינעם אמת.

אונזער ליטעראַטור איז אייניג. זי איז פילשפּראַכיג, פילפעלקעריש, אָבער לויט אירע צילן און איר אַרבעט איז זי איינע סיי פאַרן פּנים פונעם גאַנצן סאָוועטישן פּראָלעטאַריאַט, סיי פאַרן פּנים פון דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט און די רעוואָלוציאָנערע שריפטשטעלער פון דער גאַנצער וועלט.

אונזער ליטעראַטור איז אייניג, ווייל אונזער ציל איז אייניג. אָבער אונזערע קינסטלערישע מעטאָדן און שטרעבונגען זיינען פאַרשיידן — און אַזוי דאַרף דאָס זיין.

מיר טרעטן דאָ אַרויס ווי די ריכטער פון דער בורזשואַזער וועלט, וואָס איז פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג און וואָס ווערט אַלץ ווילדער און פאַר־

צוויפּלטער אַ דאַנק איר אידעאָלאָגישער מאַכטלאָזיגקייט און סאָציאַלן באַנקראָט.

מיר זיינען פיינט פון פּריוואַט־אייגנטום — אָט דער שרעקלעכער און געמיינער געביט פון דער בורזשואַזער וועלט.

מיר טרעטן ארויס אין אַ לאַנד, וואו דער פּראָלעטאַריאַט און דאָס פּויערטום, אָנגעפירט דורך דער פּאַרטיי פון לענין, האָבן זיך דעראָבערט דאָס רעכט צו אַנטוויקלען אַלע זייערע פעיאיגקייטן און טאַלאַנטן און וואו די אַרבעטער און קאָלכאָזניקעס וויזן יעדן טאָג אויף פאַרשיידענע אופנים, אַז זיי קענען אויסנוצן אָט דאָס רעכט.

מיר טרעטן ארויס אין אַ לאַנד, וואָס איז באַלויכטן מיטן זשעני פון וולאַדימיר לענין, אין אַ לאַנד, וואו עס אַרבעט אומדערמידלעך און וואונדער־שאַפנדיג דער אייזערנער ווילן פון יאָסיף סטאַלין.

אונזער צוועק איז — אָרגאַניזירן די ליטעראַטור ווי אַן איינהייטלעכע קולטור־רעוואָלוציאָנערע קראַפט.

גאָרקי רעדט מיט אַ ניט־הויכער שטים, אָבער די ראַדיאָ מאַכט מעגלעך צו הערן זיינע ווערטער. גאָרקי אין לעבן זעט אויס אינגער, ווי אויף זיינע פּאָרטרעטן. זיינע געדיכטע האָר זיינען געמישט מיט גראָ, אָבער נאָך ניט אינגאַנצן גראָ. זיינע וואָנצעס זיינען רויטלעך. זיינע אויגן זיינען קלאָר, און, ווען ער רעדט, זעען זיי אויס אַ ביסל פאַרטראַכט; דערפאַר ווען ער שווייגט און קוקט אויפן עולם, שמייכלען זיי. אין זיין האַלטן זיך, אין זיינע באַוועגונגען איז דאָ קראַפט.

אַ גאַסט אויפן קאָנגרעס האָט פאַר זיך אַ שווערע אויפגאַבע. ער ווייסט ניט, וואָס ער זאָל טאָן פריער: צי זאָל ער הערן די באַגריסונגען און די באַריכטן, צי זאָל ער קוקן אויף די פּנים׳ער פון די שריפטשטעלער, וועמעס ווערק זיינען אים באַקאַנט, — זיינען באַקאַנט דער גאַנצער וועלט, — נאָר וועמען ער זעט לעבעדיגע צום ערשטן מאָל. צי זאָל ער גאָר פּרואוון זיך באַקאַנען מיט אייניגע און אויספרעגן זיי וועגן זייער אַרבעט — דער עיקר אין די ניט־רוסישע ליטעראַטורן.

ס׳איז דאָך אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס! ס׳איז דאָ פאַרטראָטן די ליטעראַטור פון דרייסיג אָדער פערציג פעלקער — אייניגע פון די ליטעראַטורן האָבן דורכגעמאַכט אַ גרויסע און שנעלע אַנטוויקלונג. דאָ זיינען פאַרזאַמלט ניט נאָר רוסן, נאָר אויך אוקראַינער, ווייס־רוסן, גרוזינער, אוזבעקן, טאַדזשיקן, יאַקוטן, טשערקעסן, אַבכאַזער, און נאָך און נאָך. עס

וואַרפן זיך דורך באַקאַנטע אידישע פּנים'ער: מאַרקיש, פעפער, נוסינאָוו. פעפער און מאַרקיש זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אין די אָנפירנדיגע קער־פּערשאַפטן פונעם צוזאַמענפאָר: פּרעזידיום, סעקרעטאַריאַט און מאַנדאַט־קאָמיסיע (קרעדענשל־קאָמיטע). ס'איז אַ קאָנגרעס, וואָס נאָר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און נאָר אַ דאַנק די דערפאָלגן פונעם סאָציאַליסטישן אויפבוי אין דעם ערשטן און צווייטן פינפיאָר איז ער געוואָרן מעגלעך: דער סאָציאַ־ליסטישער אויפבוי האָט ניט נאָר אַוועקגעשטעלט דאָס לאַנד אויף דעם פונדאַמענט פון אינדוסטריאַליזאַציע און קאָלעקטיוויזאַציע, נאָר אויך די שרייבער האָט ער אַוועקגעשטעלט אויף דעם באָדן פון ארבעט פאַרן סאָציאַ־ליזם האַנט־אין־האַנט מיט די בעסטע ארבעטער און קאָלכאָזניקעס, אונטער דער פירערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַ סך שרייבער האָבן זיך געמוזט איבערבויען, איבעראָריענטירן, איידער דער קאָנגרעס איז געוואָרן מעגלעך.

דריי גרונט־מאָטיוון האָבן געקלונגען דורך אַלע רעדעס אויפן ערשטן אָוונט פונעם קאָנגרעס: אין דעם רעפעראַט פון גאָרקי'ן וועגן דער סאָ־וועטישער ליטעראַטור; אין דער רעדע פונעם חבר זשדאַנאָוו, וואָס האָט באַגריסט אינעם נאָמען פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פון דעם ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן (רעגירונג), און אין אַנדערע רעדעס:

איינס: די קונסט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער דעגענערירט, ווייל דאָס גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע לעבן איז באַנקראָט און גייט באַרג־אַרונטער. דעריבער קען דאָרט ניט זיין קיין אָפּטימיזם, קיין פּאַטאָס פון אידייען־קאַמף, קיין לעבנס־פרייד. נאָר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען געגעבן די מעגלעכ־קייטן פאַר דער גרויסער קונסט, דער גרויסער ליטעראַטור. דאָ ווערן אָפּ־געראַמט די רעשטן פונעם אַלטן שטייגער. דאָ ווערט געבויט אַ נייע וועלט. דאָ דערוועקט זיך אין מענטשן דאָס באַוואוסטזיין, אַז ער איז אַ קראַפט, וואָס ענדערט די וועלט. דאָ קען זיין דער גרויסער אָפּטימיזם, דער ברייטער פאַרנעם. דאָ איז דאָ דער מאַטעריאַל פאַר גרויסע קינסטלערישע ווערק.

צוויי: די סאָוועטישע ליטעראַטור האָט שוין געשאַפן באַדייטנדיגע ווערק און האָט זיך שוין דערהויבן צו אַ באַדייטנדיגער הויך. זי האָט געגעבן — ניט געקוקט אויף חסרונות — די קינסטלערישע געשיכטע פון סאָציאַליסטישער שלאָגלער־אַרבעט, די געשיכטע פון שאַפן אַ נייע סאָציאַ־ליסטישע אינדוסטריע, די געשיכטע פונעם אויפקום פון אַ נייעם טיפּ סאָציאַ־

ליסטישע טוער, די געשיכטע פונעם העראָאישן קאַמף קעגן קולאַקנטום, פאַר דער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפט. די סאָוועטישע ליטעראַטור איז ענג פאַרבונדן מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און די שרייבער פילן זיך ווי דער אַוואַנגאַרד פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור.

דריי: די סאָוועטישע ליטעראַטור דאַרף זיך דערהויבן אויף נאָך אַ העכערער קינסטלערישער מדרגה; זי דאַרף ניט נאָר ניט אָפּשטיין פונעם אויפבוי־טעמפּאָ, נאָר זי דאַרף פירן. אין דער ערשטער ליניע דאַרף זי קענען ווייזן קינסטלעריש דעם פּאָזיטיוון טיפּ, דעם נייעם העלד, דעם נייעם קעמפער פאַר סאָציאַליזם. דער איצטיגער קאָנגרעס דאַרף איר העלפן געפינען דעם וועג צו אַ העכערער שטופע. בעסער פון אַלע האָט דאָס אויסגעדריקט ניקיטאַ איזאָטאָוו, דער בעסטער שלאָגלער־קוילנגרעבער פונעם דאָנבאַס. איזאָטאָוו, אַן אַרבעטער, וואָס איז באַלוינט געוואָרן מיטן לענין־אָרדן פאַר זיין העלדישער אַרבעט, איז געקומען קיין מאָסקווע מיט אַ גרופּע קוילנגרעבער־קאָמסאָמאָלצעס, וואָס פאַרטרעטן סיי די טויזנטער דאָנבאַס־אַרבעטער, סיי די יונגע אַרבעטער־שרייבער. דער קאָנגרעס איז ווילד געוואָרן פון באַגייסטערונג, ווען איזאָטאָוו האָט זיך באַוויזן אויף דער פּלאַטפאָרמע.

איזאָטאָוו, אַליין אַ נייער טיפּ אין סאָוועטן־לאַנד, האָט געזאָגט:

— מיר ברענגען אייך גרוסן פון די פּראָלעטאַריער פונעם דאָנבאַס. אַ גרויסע קולטורעלע רעוואָלוציע קומט איצט פאָר אינעם לאַנד — און איר זייט איר אַוואַנגאַרד. מיר, קוילנגרעבער, שעצן הויך אייער אַרבעט! אין אַלטן דאָנבאַס איז ניט געווען — ניט קיין ביכער, ניט קיין קולטור. מיר האָבן איבערגעמאַכט דעם אַלטן דאָנבאַס, אים פאַרוואַנדלט אין אַ נייעם, אַ סאָציאַליסטישן. מיר בויען הייזער, פּאַרקן, סטאַדיומס, ביבליאָטעקן, לייען־שטיבער; מיר האָבן אַלצדינג, — מיר דאַרפן איצט נאָר דעם בוך, דעם נייעם סאָציאַליסטישן בוך. דער נייער לייענער פאָדערט אַ נייעם בוך, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו אונזער איצטיגער צייט.

:: :: ::

די רעדעס ווערן איבערגעגעבן דורך ראַדיאָ צום טויזנט־קעפּיגן עולם, וואָס שטייט אין גאַס, ווייל ער האָט ניט געקענט אַריין אין זאַל. דער עולם שטייט און הערט מיט טיפן אינטערעס. די זיצונג איז שוין געענדיגט, אָבער ער שטייט נאָך אַלץ: ס'וועלן אַרויסגיין גאָרקי, סעראַפימאָוויטש, טאָלסטאָי, פאַדייעוו, שאָלאָכאָוו, סאָבאָליעוו, לעאָנאָוו, קאַטאַיעוו, סטאַווסקי, ווסע־

וואָלאָד איוואַנאָוו, יאַסענסקי, גלאַדקאָוו, פּאַנפיאָראָוו, ערענבורג . . . מען וויל אויף זיי וואַרפן אַ קוק...

:: :: ::

אין אַ באַגריסונג צו סטאַלינ'ען, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן מיט אַ שטורמישער פרייד, זאָגט דער צוזאַמענפאָר:

„אונזער געווער איז דאָס וואָרט. אָט־דאָס געווער שליסן מיר איין אינעם אַרסענאַל פונעם קאַמף פונעם אַרבעטער־קלאַס. מיר ווילן שאַפן אַ קונסט, וואָס וואָלט דערצויגן די בויער פון סאָציאַליזם, וואָס וואָלט אַריינגעגעבן מוט און זיכערקייט אין די הערצער פון מיליאָנען, וואָס וואָלט פאַר זיי געווען אַ פרייד און וואָלט זיי פאַרוואַנדלט אין אמת'ע יורשים פון דער גאַנצער וועלט־קולטור.

„מיר וועלן קעמפן דערפאַר, אַז אונזער קונסט זאָל ווערן אַ שאַרף און קונציג געווער אין די הענט פונעם אַרבעטער־קלאַס ביי אונז און אין אויס־לאַנד. מיר וועלן שטיין אויף דער וואַך פון דער זאַך פון דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור פון דער גאַנצער וועלט.״

אינעם גייסט פון אָט־דער דעקלאַראַציע קומט פאָר דער קאָנגרעס.

שרייבער און פליער

1934.

וואָס קער זיך אָן דער לופט־פליער מיטן שרייבער?

דעם 18טן אויגוסט איז געווען דער סאָוועטישער טאָג פון לופט־פליעריי — האָט דער שרייבער־צוזאַמענפאָר איבערגעריסן זיינע זיצונגען און דער גאַנצער שרייבער־קאָלעקטיוו איז אַרויסגעפאָרן אויפן עראָדראָם אין טושינאָ, הינטער מאָסקווע. און שפּעטער מיט דריי טעג, אין אָוונט, דעם 21טן אויגוסט, ווען עס איז געגאַנגען אויפן שרייבער־צוזאַמענפאָר אַ הייסע דיס־קוסיע וועגן די ברענענדיגסטע ליטעראַרישע פראַגן, האָט זיך דערהערט אַ טרומייטן־שאַל, עס האָבן זיך באַוויזן פאָנען, און הינטער זיי האָבן אַריינ־געמאַרשירט עטלעכע צענדליג רויט־אַרמייאישע פליער.

יאָ, וואָס קערן זיך אָן די ליטעראַטן מיט די פליער?

מען קען ענטפערן אויף דער פראַגע מיט אַן אַנדער פראַגע: הלמאי וואָס קערן זיך אָן די ליטעראַטן מיט דער פּראָדוקציע פון עלעקטרישע לעמפּלעך און אויטאָמאָבילן? וואָס קערן זיי זיך אָן מיט דער פּראָדוקציע פון ווייץ און קאָרן און קאַרטאָפל? וואָס קערן זיי זיך אָן מיט האַרמאַטן און טענקס פון דער רויטער אַרמיי? וואָס קערן זיי זיך אָן מיט דעם בוי פון דער נייער סאָבוויי?

אָט דאָס איז דאָך טאַקע דער אונטערשייד פון אַ סאָוועטישן שרייבער ביז אַ שרייבער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אַ בורזשואַזער שרייבער איז אַ מענטש, וואָס קער זיך ניט אָן מיט שאַפן דאָס מענטשלעכע לעבן. דער סאָוועטישער שרייבער איז אַ בויער פונעם נייעם לעבן. די סאָוועטישע ליטעראַטור ווערט אַלץ ענגער פאַרבונדן מיט די גרויסע מאַסן אַרבעטער און קאָלכאָזניקעס, וואָס אַרבעטן־איבער די וועלט. די שרייבער האָבן דאָ די גרויסע ערנהאַפטע אויפגאַבע: איבערבויען דעם מענטשן.

אין זיין רעפעראַט אויפן קאָנגרעס האָט גאָרקי געזאָגט:

„די מלוכה פון די פּראָלעטאַריער דאַרף דערציען טויזנטער אויס־געצייכנטע „מייסטערס פון קולטור", „אינזשענערן פון דער נשמה". דאָס איז נויטיג, כדי אומצוקערן דער גאַנצער מאַסע פון דעם אַרבעטער־פאָלק דאָס, וואָס מ'האָט ביי איר אָוועקגערויבט אומעטום אין דער וועלט: דאָס רעכט אויף אַנטוויקלען איר פאַרשטאַנד, טאַלאַנטן, פעיִקייטן... דאָס שטעלט אונז, ליטעראַטן, אַוועק ניט נאָר אין דער פּאָזיציע פון „ריכטער פון דער וועלט און די מענטשן", „קריטיקער פונעם לעבן", וואָס דאָס איז די טראַדיציאָנעלע פּאָזיציע פון דער רעאַליסטישער ליטעראַטור, נאָר דאָס גיט אונז דאָס רעכט צו באַטייליגן זיך דירעקט אין דעם בויען פונעם נייעם לעבן, אין דעם פּראָצעס פון „איבערמאַכן די וועלט"."

אין זיין רעדע אויפן צוזאַמענפאָר האָט לעאָנאָוו געזאָגט:

„די סאָוועטישע ליטעראַטור ווערט איינס פון די וויכטיגסטע געצייגן אין דער אַרבעט פון באַשאַפן דעם נייעם מענטשן. מיר דאַרפן שאַפן זאַכן, וואָס זאָלן ווערט זיין אונזער צייט. אָפט דאַכט זיך, אַז מען דאַרף האָבן צוויי מאָל, צען מאָל אַזוי פיל האַרץ, מוט און מייסטערשאַפט, כדי צו ספּראַווען זיך מיט אָט דער אויפגאַבע.״

לעאָנאָוו, אַליין איינער פון די גרעסטע קינסטלער אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור, פאָדערט פון די סאָוועטישע שרייבער, אַז זיי זאָלן „זיך אויס־לערנען שרייבן אַזוינע ווערטער, וואָס וואָלטן אויפגעריסן אויפן פּאַפּיר, וואָס וואָלטן געוועזן ברען־שטאָף פאַרן מעכטיגסטן מאָטאָר אין אונזער לאַנד — דעם קאָלעקטיוון האַרץ פון די בויער פון סאָציאַליזם״.

און ערענבורג, וועלכער דערקלערט, אַז עס איז אַ פרייד און אַ שטאָלץ צו זיין אַ סאָוועטישער שרייבער, שטרייכט אונטער די גרויסע פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פון די סאָוועטישע שרייבער: „קיינמאָל און אין ערגעץ האָבן שרייבער זיך ניט געפונען אין אַזאַ לאַגע, ווי אונזערע. וואוהין מיר זאָלן ניט קומען, אויף אַ זאַוואָד, אויף אַ ניי־בוי, צום קאָלכאָזניק, — אומעטום באַגעגנט מען אונז מיט ליבשאַפט און, דער עיקר, מיט האָפענונג. פון אונז דערוואַרט מען ריזיגע אַרבעטן, וואָס זיינען נויטיג פאַר די אַלע מענטשן. דער בורזשואַזער שרייבער מעג אָנשרייבן בעסער אָדער ערגער, — דערפון ענדערט זיך גאָר ניט. מיר אָבער — מיר שרייבן ניט גלאַט אַזוי ביכער: מיט אונזערע ביכער ענדערן מיר דאָס לעבן.״

ווי אַזוי ענדערן ביכער דאָס לעבן? אָט איז איין ביישפּיל.

שאָלאָכאָוו האָט אָנגעשריבן אַ בוך „צעאַקערטע רויערד״.

דאָס בוך שילדערט די קאָלעקטיוויזאַציע פונעם סאָוועטישן דאָרף אויף אַ קינסטלערישן אופן. דער בוך ווערט געלייענט פון מיליאָנען פּויערים — און איז באמת געוואָרן אַ מעכטיג געצייג אין קאַמף פאַר סאָציאַליסטישער אַגריקולטור. דער בוך מאָביליזירט די פּויערים צו באַזיגן די רעשטן פונעם קולאַקנטום אין דאָרף, צו גובר זיין דאָס אַלטע אין דער איינגענער פּערזאָן. אַנומלטן זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די פּויערים פונעם דאָרף גאָראָדנאַיאַ ביי דער וואָלגע צו באַטראַכטן פראַגן פון ליטעראַטור. דאָס איז געוועזן אַ געזעלשאַפטלעכע צוגרייטונג צום שרייבער־צוזאַמענפאָר. מ׳האָט דיסקוטירט שאָלאָכאָוו׳ס „צעאַקערטע רויערד״. אין דאָרף איז דאָ טויזנט מיט צוויי און זיבעציג איינוואוינער. צום וואָרט האָבן זיך פאַרשריבן 127 רעדנער. זיי האָבן געלייענט דעם ראָמאַן און געוואָלט אַרויסזאָגן אַ מיינונג.

דאָס זעלביגע מיט דער ארבעט פון בויען פאבריקן. דאָס זעלביגע מיט אַלע צווייגן פון ארבעט. דאָס זעלביגע מיט דער רויטער ארמיי.

:: :: ::

איז אז ס'קומען זיך צונויפֿ די סאָוועטישע פליער, ציווילע און מיליטערישע, צו ווייזן די ארבעטנדיגע מאסן זייערע דערגרייכונגען, איז דאָס ניט נאָר א טאָג פאר פליער, נאָר פארן גאנצן לאנד און, פארשטייט זיך, פאר די שרייבער.

זיינען אַלע שרייבער, אין אויטאָמאָבילן און אויטאָבוסן, ארויסגעפאָרן אויפֿן פעלד צו באגעגענען זיך מיט די פליער און אָפּשאצן זייער ארבעט. די שטאָט האָט זיך דעם טאָג אָנגעטאָן אין יום־טוב'דיגע קליידער. עס האָבן זיך געזען אין די פענצטער פאָרטרעטן פון פליער. באלד זיינען מיר ארויסגעפאָרן אויפֿן לענינגראַדער שאָסיי. באלד איז די ריזיגע גרויס־שטאָט געוועזן הינטער אונז פון ביידע זייטן — פארקן, דאטשעס, איינצלנע פאבריקן, דער לופט־פּאָרט, אַפּרו־הייזער און ווינטער־דאטשעס. די הייזער ווערן קלענער, דיביימער גרעסער. אויף יעדן טעלעפאָן־סלופּ זיינען צוגעקלעפּט הילצערנע ברעטלעך אויסגעשניצט אין דער פאָרמע פון אן עראָפּלאַן. אזוינע עראָפּלאַנעבלעך, געלע, רויטע און גרינע, ציען זיך אויף ביידע זייטן וועג און מאכן דאָס בילד קינדעריש־פרייליך. די בריקן, וואָס באגעגענען זיך אויפֿן שאָסיי, זיינען באהאנגען מיט בלעטער־גירלאנדן. אָפּט הענגען גירלאנדן אויף די פארקנס פון הייזער. דער לופט־טאָג איז א יום־טוב ניט נאָר פון פליען. ס'איז א יום־טוב פון דער גאנצער האַרעפאשנער באפעלקערונג. ס'איז דאָך אונזער לופט־פליערייַ, געשאפן דורכן פראָלעטאריאַט, אונטער דער פירונג פון זיין פאַרטיי.

פאָרן די שרייבער — און ס'ציען זיך הונדערטער טויזנטער צום פליפלאץ. מענטשן אין אויטאָמאָבילן, אין אייזנבאן־צוגן, אין „באָסעס”, אין טראַמוואַיען, מענטשן צו־פוס. וואָס נעענטער צום פלי־פלאץ, אַלץ געדיכטער די מאסע מענטשן ביים וועג. ס'זיינען אָפּגעצאָמט שטיקער פעלד פאר די צושויער. ס'זיינען דאָ „טויערן” פון שטריק, און ס'זיינען דאָ בילעטן פאר יעדן טויער. אָבער ס'איז דאָך ניט וויכטיג, וואו מען שטייט. די לופט איז אָפן פאר אַלע. אויף יענער זייט לופט־פעלד, אפשר א מייל פון דאנען, גייט דורך א באן אויף א הויכן בערגל. האָבן זיך דאָרט, אויף דער זייט פונעם בערגל, אויסגעזעצט אפשר צוואנציג טויזנט מענטשן — און זיי ווען זען די לופט־ארבעט אפשר בעסער, ווי מיר.

וואָס קערן זיך אָן די פליער מיט די שרייבער? און וואָס קערן זיך אָן

די פליער מיט חבר ערנסט טעלמאַן ? אַט הויבט זיך אָן דער אוויאַציע־טאָג מיט לופט־באַלאָנען. פון דער ערד ווערן אַפּגעלאָזט געל־גאָלדענע היפּשע באַלאָנען. צו יעדן באַלאָן איז אויף לאַנגע שטריק צוגעטשעפּעט אַ ריזן־בילד. דאָס ערשטע בילד, וואָס איך דערזע, איז דאָס בילד פון טעלמאַן. ס'טוט אַ קלאַפּ דאָס האַרץ. ס'טוט זיך אַ ריס דאָס האַרץ. אַ גרוס טעלמאַנ'ען! די סאָוועטישע לופט־פליעריי גריסט דעם רעוואָלוציאָנערן קעמפער פונעם דייטשישן פּראָלעטאַריאַט! די סאָוועטישע לופט־פליעריי גריסט די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע! ווערטער זיינען איבעריג. דאָס בילד רעדט הויך איבער דעם ריזיגן פעלד, איבער די הונדערטער טויזנטער אַרבעטער — עלטערע, יוגנט, פרויען. עס שיט זיך איבער אַ פויקעריי פון אַפּלאָדיסמענטן איבערן ריזיגן פעלד. „זאָל לעבן טעלמאַן!"

נייע און נייע באַלאָנען דערהויבן זיך אין דער לופטן. בילדער פון סטאַלין, שמידט, וואָראָשילאָוו, גאָרקי. די לופט־פאָרשטעלונג הויבט זיך אָן. אַ „פּאַקאַז" (ווייזונג) פון הויכער אינדוסטריעלער און הויכער פלי־קונסט. עס פליען אַרויס פינף עראָפּלאַנען צונויפגעבונדן מיט סטענגעס. אויף די סטענגעס זיינען אָנגעזעצט פענדלעך, אַזוי אַז מען קען זיי אָנזען פון דער ווייטנס. די מאַשינען מאַכן מאַנעוורעס. זיי פליען אַרויף און אַראָפּ און מיט דער זייט — און די סטענגעס ווערן ניט צעריסן. דאָס באַדייט, אַז זיי האַלטן זיך אויף דער זעלבער דיסטאַנץ איינע פון דער צווייטער. זיי פליען אַוועק און פאַרשווינדן פון די אויגן, און ווען זיי קערן זיך אום, זיינען פיר נאָך אַלץ פאַראייניגט מיט סטענגעס. די סטענגע צווישן דעם פערטן און פינפטן עראָפּלאַן האָט געפּלאַצט.

— דאָס מאַכט ניט אויס, — דערקלערט מיר מיין שכן. — דאָס איז סיי־ווי אַ הויכער רעקאָרד.

מיין שכן, אַ מאָסקווער זשורנאַליסט, אין אַ מיליטערישער אוניפאָרם מיט צוויי זילבערנע פליגעלעך אויף די קאָלירטע לעפּלעך פונעם קאָלנער, איז ניט נאָר אַליין אַ פליער, נאָר אויך אַ ספּעציאַליסט, וואָס שרייבט וועגן לופט־פליעריי. זיינען באַמערקונגען זיינען פאַר מיר העכסט אינפאָרמאַטיוו — און ער טיילט זיך גערן מיט זיין וויסן.

נאָך און נאָך מאַשינען באַווייזן זיך אין דער לופטן. איצטיגס מאָל זיינען דאָס מיליטערישע עראָפּלאַנען־צעשטערער. דאָס זיינען שנעלע קרעפטיגע מאַשינען, וועמעס צוועק איז נאָכיאָגן דעם שונא. פריער האָבן מיר אַ גרופּע פון פינף, נאָכדעם אַ גרופּע פון צוועלף, נאָכדעם אַ גרופּע פון דריי, נאָכדעם אַ נייע גרופּע פון דריי. מען דאַרף ניט זיין קיין עקספּערט צו דערקענען, אַז

די פליער זיינען אויסגעצייכנטע קינסטלער. זיי האלטן זיך אין דער לופטן ווי איין מאשין. זיי בויען־איבער זייערע רייען אין פראצעס פון פליען און פארמירן נייע קאמבינאציעס. זיי פליען לאנגזאמער און שנעלער — און אלע אין דער גרעסטער ארדענונג.

— אונזער אוויאציע, — זאגט מיר מיין שכן, — איז געווארן א זאך פונעם גאנצן ארבעטער־קלאס. די פליער זיינען די בעסטע זין פונעם ארבעטס־פאלק: א ביישפיל — די טשעליוסקין־העלדן פונעם סאוועטן־פארבאנד. אזוינע העלדן פארמאגט דער פראלעטאריאט אין א גרויסער צאל. עס איז איצט כמעט ניטא קיין גרעסערע פאבריק, וואו עס זאל ניט זיין אן אוויאציע־קלוב — מיט א פאר לופט־מאשינען און אינסטרוקטארן. די ארבעטער לערנען זיך פליען. עס לערנען זיך מענער און פרויען. מיר האבן איצט 112 לופט־קלובן מיט טעלעכע צענדליג טויזנט מיטגלידער: ארבעטער און קאלכאז־ניקעס. די צייט איז ניט ווייט, ווען די לופט־פליעריי וועט ווערן א מאסן־ספארט פון אונזער הארעפאשנער באפעלקערונג.

עס הודזשען מאטארן אין דער לופטן. עס לייכט די זון. אנטי־לופט־הארמאטן שיסן — און אין דער פינקלדיגער לופט בלייבן הענגען גראע, גרינע, בלאע און גאלדענע רויכלעך. די מאסן אויפן פעלד זיינען דורכגעציטערט מיט פרייד. איך הער זיך איין אין די שמועסן: אט די מענטשן ווייסן מער וועגן אוויאציע, ווי אמעריקאנער וועגן אויטאמאבילן. דאס זיינען זייערע אייגענע עראפלאנען, זייער אייגענע אוויאציע.

איצט הויבן זיך אן פאראשוט־שפרינגערייען. איינציגווייז און פארוויז און באלד צענדליגערווייז שפרינגען מענטשן ארויס פון עראפלאנען. פאראשוטן עפענען זיך: גרויסע העלע קאלירנדיגע שירעמס. עס קומט א צייט, ווען די גאנצע לופט איז אנגעפילט מיט אט־די שירעמס.

זאגט א שרייבער ניט ווייט פון מיר:

— אט־די פליער—דאס זיינען דאך נייע מענטשן. זאל די פארטיי זאגן דאס ווארט—און זיי וועלן זיך לאזן אויף העלדישקייטן נאך גרעסערע ווי דער טשעליוסקין־הערואיזם. די דאזיגע מענטשן זיינען א פראדוקט פונעם פינף־יאר פלאן, א פראדוקט פון אונזער צייט. זייער גאנצער וועזן איז ניי. מיר, שרייבער, דארפן זיך ערשט אויסלערנען שילדערן אט־די מענטשן. דא איז א ספעציעלע ערן־אויפגאבע פאר אונזער ליטעראטור.

דאס איז נאר איינע פון די גרויסע אויפגאבן, וואס שטייען פאר דער סאוועטישער ליטעראטור. וועגן די אלע זאכן רעדט דער שרייבער־קאנגרעס.

דער שרייבער און דאָס פאָלק

.1934

מען דערציילט, אַז אין אַלטן גריכנלאַנד זיינען געווען קולטורעלע ימים־טובים, וואו דאָס פאָלק האָט זיך באַהעפּט מיט זיינע דיכטער. אָבער דאָס „פאָלק״, וואָס האָט דעמאָלט געקענט גענימן ליטעראַטור, איז געווען אַ הייפל מענטשן פון די העכערע קלאַסן. די סיסטעם איז געווען געבויט אויף שקלאַפעריי, און דער דיכטער גופא איז געווען אַ באַדינער פון דעם הערשנ־דיגן קלאַס. וועגן קולטורעלע פאָלקס־ימים־טובים האָט אין קלאַסישן גריכנ־לאַנד ניט געקענט זיין קיין רייד. וועגן ליטעראַרישע פאָלקס־ימים־טובים אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז אודאי ניטאָ וואָס צו רעדן.

דער שרייבער־צוזאַמענפאָר אין מאָסקווע האָט באַוויזן, אַז ליטעראַטור אין אַ סאָציאַליסטישן לאַנד איז אַ זאַך פאַר מיליאָנען און צענדליגער מיליאָנען. די וועלט האָט קיינמאָל ניט געזען אַזאַ דערשיינונג, אַז פראַגן פון ליטעראַרישן שאַפן, פראַגן פון ליטעראַרישער קוואַליטעט, פראַגן פון קולטור זאָלן אויפרודערן אַ גאַנץ ריזיג לאַנד פון עק ביז עק. אין אַ משך פון עטלעכע וואָכן האָט דער גאַנצער ארבעטער־קלאַס און מיליאָנען פויערים־קאָלכאָזניקעס געלעבט מיט די פראַגן פון דעם שרייבער־צוזאַמענפאָר. די רעדעס פון די דעלעגאַטן זיינען געווען די גרעסטע נייעס פונעם טאָג. די ציימונגען מיט סטענאָגראַפישע באַריכטן פונעם צוזאַמענפאָר זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין אַ פיל גרעסערער צאָל, ווי אין געוויינטלעכע צייטן. איר פאָרט אין טראַמוואַי און זעט — מענטשן זיינען פאַרגראָבן אין ציימונגען און מערקן ניט, וואָס ס'טוט זיך אַרום זיי. מענטשן זיצן און שטייען און הענגען אויפן „סטראַפּ״ און רייסן די אויגן ניט אָפּ פון דער צייטונג. וואָס לייענט מען? דעם טעקסט פון אַ רעפעראַט וועגן דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור. איר גייט איבער אַ סקווער אינמיטן מינסק. עס זיצן מענטשן, אַרבעטער, סטו־דענטן, אָנגעשטעלטע, שלעכט־געקליידטע און גוט־געקליידטע, און מען לייענט. איך קום שפּעט אין מיין האָטעל: דער נאַכט־וועכטער איז פאַרטיפט אין לייענען אַ צייטונג. ער ווייסט, אַז איך אינטערעסיר זיך אויך מיט פראַגן פון ליטעראַטור. ער ווענדט זיך צו מיר מיט אַ באַגייסטערטער באַמערקונג: „איר'ט געלייענט די רעדע פונעם יאַפּאַנעזישן שרייבער? שוין איין מאָל אַ רעדע!״ טאָג נאָך טאָג אין אַ משך פון וואָכן זיינען הונדערטער אַרבעטער

נעשטאַנען פאַר דער געביידע פון דעם צוזאַמענפאַר, געוואָרט אויף אַ געלעגנהייט זיך אַריינצוכאַפּן כאָטש אומלעגאַל אַ קוק טאָן אויף דער היסטאָרישער פאַרזאַמלונג, אויב ניט איז כאָטש כאַפּן אַ קוק אויף די באַליבטע שרייבער, ווען זיי פאַרלאָזן די זיצונג.

וואו נאָך אויף דער וועלט איז מעגלעך אַזאַ פאַרבינדונג צווישן ליטעראַטור און די מאַסן, ווי דאָס האָט באַוויזן דער שרייבער־צוזאַמענפאָר פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד ?

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געווען אַן ענגע פאַרבינדונג צווישן דער רעגירונג און דעם שרייבער־צוזאַמענפאָר, אַן אינטימע קאָאָפּעראַציע סיי לאָקאַל, סיי אויף אַן אַלגעמיין־מלוכה׳שן מאַסשטאַב. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, די פּאָליט־ביוראָ פונעם צענטראַל־קאָמיטעט, די צענטראַל־קאָמיטעטן פון די קאָמוניסטישע פאַרטייען אין די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן, דער ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן פונעם פ. ס. ס. ר. און פון די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן, די אַפּאַראַטן פון די סאָוועטן אויף די ערטער — זיי אַלע האָבן געלעבט מיט די פּראָבלעמען פון דעם שרייבער־צוזאַמענפאָר, אַזוי אַז ס׳האָט זיך באַקומען איין גרויסער קולטור־יום־טוב, איין ריזיגער מאַכן־„פּעדזשענט” פון קולטור פון אויבן ביז אַרונטער, פון מאָסקווע ביז דעם ווייטן מזרח, פון די הויך־קולטורעלע שיכטן אין די הויך־אַנטוויקלטע טיילן פונעם לאַנד ביז די ניט־לאַנג אָפּגעשטאַנענע געגנטן, וואו עס האָט פאַר דער רעוואָלוציע גאָר ניט עקזיסטירט קיין ליטעראַטור.

ווער האָט געגעבן דעם צוזאַמענפאָר זיין פּראָגראַם ? ווער האָט אָנגעפירט מיט זיין אַרבעט ? די קאָמוניסטישע פאַרטיי האָט דאָ, ווי אומעטום, געשפּילט די פירנדיגע ראָלע. אָבער די פירנדיגע ראָלע פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט אַוועקגעשטעלט די גרויסע מאַכן שריפטשטעלער פּנים אל פּנים מיט די פאָדערונגען פון דעם סאָציאַליסטישן אויפבוי און האָט פאַר זיי מעגלעך געמאַכט אַליין צו דערקענען זייער אויפגאַבע אויף דעם היינטיגן עטאַפּ פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. דורך איר באַשלוס פונעם 23טן אַפּריל, 1932, וועגן אויפלייזן די אַסאָציאַציעס פון פּראָלעטאַרישע שרייבער און וועגן בילדן איין אַלגעמיינעם שרייבער־צוזאַמענפאָר, האָט די פאַרטיי געזאָגט דער ברייטער שרייבער־מאַסע, אַז יעדער שרייבער, וואָס איז גרייט צו דינען מיט זיין טאַלאַנט דער נייער געזעלשאַפט, איז ווילקאָמען, אַז די פאַרטיי טרויט אים, אַז די פאַרטיי וויל פאַראייניגן די פאַרטייאישע און אומפּאַרטייאישע שריפטשטעלער, אַז די פאַרטיי איז גרייט זיי אַלע אַרומצורינגלען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמ־

קייט. די פּאַרטיי האָט מענלעך געמאַכט פאַר דער גרויסער מאַסע שריפט־שטעלער צו דערפילן די באַדייטונג פון ליטעראַטור פאַר דעם סאָציאַליסטישן אויפבוי, פאַר דעם אויפבוי פון דער נייער געזעלשאַפט. און די שריפט־שטעלער האָבן דאָס דערפילט. זיי זיינען געקומען צום אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר איבערגעפילט מיט שעפערישן ענטוזיאַזם. דער צוזאַמענפאָר איז געווען אַ זיג פון באָלשעוויזם, אַ פּראַכטפולער זיג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

דער צוזאַמענפאָר גופא האָט אונטערגעשטראָכן די פאַרבינדונג פון ליטעראַטור און לעבן אין אַזוינע שאַרפע שטריכן, אַז די אַלע נודנע שמועסן וועגן „קונסט צוליב קונסט" און „קונסט וואָס איז אָפּגעשיידט פונעם לעבן" זענען אויס אין פאַרגלייך דערמיט ווי שאָטנס פון געפּלאַצטע זייפן־בלאָזן. וואָס האָבן געזאָגט די מיליאָנען האָרעפּאַשניקעס, וואָס האָבן דירעקט און אומדירעקט זיך געווענדט צום צוזאַמענפאָר? די פּיאָנערישע יאָטן האָבן געזאָגט: גיט אונז ליטעראַטור, וואָס זאָל פון אונז מאַכן בעסערע פּיאָנערן, וואָס זאָל אונז בעסער צוגרייטן אויף איבערצונעמען די אַרבעט פון אונזערע עלטערע ברידער און טאַטעס. די קאָמוניסטן האָבן געזאָגט: גיט אונז ליטעראַטור, וואָס זאָל קלאָרער מאַכן אונזער באַוואוסטזיין, פעסטער מאַכן אונזער ווילן, אויסהאַמערן אונזערע פּערזענלעכקייטן אַזוי, אַז מיר זאָלן בעסער קענען באַהערשן אַלע צווייגן פון דער אַרבעט און בעסער קענען בויען אונזער לאַנד. די רויט־אַרמייער האָבן געזאָגט: גיט אונז אַ ליטעראַטור, וואָס זאָל פון אונז מאַכן בעסערע העלדן, גיט אונז בילדער פון דעם בירגער־קריג, בילדער פון דער רעוואָלוציע, בילדער פונעם רויט־אַרמייאישן לעבן, וואָס זאָלן אונז דערהויבן און שטאַרקן און אין אונז אריינפּלאַנצן אַ זיכער־קייט אינעם זיג פון אונזער געווער אין פאַל פון אַ פיינטלעכן אָנפאַל. די אַרבעטער און קאָלכאָזניקעס האָבן געזאָגט: גיט אונז ליטעראַטור, וואָס זאָל פון אונז מאַכן בעסערע שלאָגלער, בעסערע אַרבעטער, מער פאַרשטענדלעכע מענטשן. די פרויען האָבן געזאָגט: גיט אונז ליטעראַטור, וואָס זאָל ווייזן די פרוי אין איר טעטיגקייט אַלס גלייכע מיטן מאַן, וואָס זאָל העלפן אוועק־שטעלן די פרוי אין די ערשטע רייען אינעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם. זיי אַלע האָבן געזאָגט: גיט אונז אַ ליטעראַטור, וואָס זאָל העלפן דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי אויסשמידן דעם נייעם מענטשן, די נייע סאָציאַליסטישע פּערזענלעכקייט.

מיט מיליאָנען שטימען האָבן געזאָגט די מאַסן פונעם סאָוועטן־פאַר־באַנד, אַז ליטעראַטור איז אַ געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, אַז ליטעראַטור איז

א געוואלטיגער פאקטאר אין בויען דאס לעבן, אז כדי צו פארבעסערן דאס לעבן, דארף מען פארבעסערן די קוואליטעט פון דער ליטעראטור. אין ערגעץ אויף דער וועלט האט מען ניט געשטעלט פאר די שריפטשטעלער אזוינע געוואלטיגע אויפגאבן. אבער אין ערגעץ אויף דער וועלט האט מען זיי אויך ניט געגעבן אזא אנערקענונג, ווי דאס איז געשען דורכן שרייבער־צוזאמענפאר אין מאסקווע. די שרייבער האבן זיך דערפילט, אקוראט ווי ריזיגע הענט דערהויבן זיי אויף א געוואלטיגער הויך. „עס שווינדלט", האבן מיר שרייבער געזאגט. „עס פארכאפט דעם אטעם". אבער אין דער זעלביגער צייט האט עס אין זיי ארייגעגאסן אומגעהויערע שטראמען פון ענערגיע, אומגעהויערן אפטימיזם. אין אזא סביבה, מיט אזא ארומרינגלונג, מיט אזא אויפמערקזאמקייט פונעם לאנד קען מען שאפן גרויסע קונסטווערק.

אין אזוינע באדינגונגען האט ניט געקענט זיין קיין רייד וועגן שארפע טיילונגען אין די רייען פון די שרייבער. אלע, א חוץ נישטיגע אויסנאמען, האבן זיך געשטעלט אויף דער זעלביגער פלאטפארם. אלע האבן אנערקענט די זעלביגע פראגראם פון שעפערישער ארבעט. עס זיינען, פארשטייט זיך, געבליבן שאטירונגען אין די פאראייניגטע רייען פונעם שרייבער־פארבאנד. עס וועט זיך נאך מסתמא פילן א ניט־פולקאמענע אידענטיטעט פון צוגאנג און טאן. עס וועלן זיין מיינונגס־פארשיידנהייטן וועגן שעפערישע מעטאדן. אבער די פונדאמענטאלע איניגקייט איז דא. אלע שרייבער האבן זיך אוועקגעשטעלט אויף דער פלאטפארמע פון שאפן א ליטעראטור, וואס איז דורכגעדרונגען מיט די גרויסע אידייען פון דעם פראלעטאריאט און וואס פארנעמט א פלאץ אין די פאדערשטע רייען אויפן פראנט פון קאמף פאר א סאציאליסטישער געזעלשאפט.

עס איז געווען א קאנגרעס פון דער גאנצער סאוועטישער ליטעראטור, פון דער ליטעראטור, וואס ווערט געשאפן אויף צענדליגער שפראכן. אויך דאס איז א זאך, וואס פאסירט צום ערשטן מאל אין דער געשיכטע. א צוזאמענפאר פון עטלעכע צענדליג נאציאנאלע ליטעראטורן, וואס רעדט די זעלביגע שפראך און שטעלט פאר זיך אוועק די זעלביגע אויפגאבן — וואו אויף דער וועלט וואלט אזוינס געווען מעגלעך? די איינינקייט פון די אויפגאבן פון דער פראלעטארישער רעוואלוציע האט מעגלעך געמאכט די איינינקייט פון די ליטעראטורן פון די פארשיידענע שפראכן. דער גרוזינישער דיכטער פון טפילים שטייט פאר די זעלביגע פראבלעמען, ווי דער אידישער דיכטער פון מינסק. דער דערציילער פון ווייס־רוסלאנד באארבעט דעם זעלביגן קלאסן־מאטעריאל אין זיין אייגענער סביבה, ווי דאס טוט דער

אוזבעקישער דערציילער אין זיין סביבה. די קלאַסן־פיינט פונעם טאַטערישן שריפטשטעלער — נאַציאָנאַליזם אין אַלע זיינע שאַטירונגען אין דער ערשטער ליניע — איז דער קלאַסן־פיינט פון אַלע שריפטשטעלער, פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן. דעריבער האָבן אויפן צוזאמענפאָר געקלונגען פאַרשיידענע שפּראַכן, אָבער איין קלאַסן־אינהאַלט, עס האָבן זיך אָנגעזען פאַרשיידענע סטאַדיעס פון קולטורעלער אַנטוויקלונג, אָבער איין אָריענטאַציע און איין מאַרש פאָראויס.

שעפּן פונעם רייכן קוואַל פון דער היינטיגער סאָציאַלער ווירקלעכקייט און דערפון שאַפן קונסטווערק אין די שטראַלן פון דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער טעאָריע — דאָס איז די ליניע, וואָס דער שרייבער־צוזאמענפאָר האָט אָנגענומען. זיך באַוואָפענען מיט אַ ברייטער און טיפער קענטעניש פון דער פילאָזאָפיע פון קאָמוניזם און דערפון שאַפן בילדער, געשטאַלטן, כאַראַקטערן און פּאַראַלעלגעמיינערונגען, וואָס זיינען שאַרף, קלאָר, לעבעדיג און צוגענגלעך פאַר די מאַסן, — דאָס איז די פאָדערונג, וואָס דער צוזאמענפאָר האָט אַוועקגעשטעלט פאַר יעדן שרייבער באַזונדער און פאַר אַלע צוזאמען.

אַרבעטער לערנען זיך צו ווערן שרייבער

1934.

דער טייך נעווא איז ברייט. די פּאַלאַצן ביים ברעג זיינען פּרעכטיג. די בריקן ציען זיך, ווי מעכטיגע בויגנס. ווען די זון איז נאָך ניט אינגאַנצן פאַרגאַנגען און די שורות עלעקטרישע לאָמפּן האָבן זיך שוין אָנגעבונדן אויף ביידע זייטן וואַסער, איז די נעווא — צעשמאָלצענער פּערלמוטער. די לאָמפּן זעען אויס ווי שנירלעך בריליאַנטן, און די געביידעס הויבן זיך העכער אין דער בלאָער לופט אריין.

אין אזא פּאַרנאַכט בין איך געזעסן אינעם ליטעראַרישן אַרבעטער-אוניווערזיטעט און ארויסגעקוקט אויפן טייך. דער אוניווערזיטעט איז אויפן נאָמען פון גאָרקי און איז פאַרבונדן מיטן פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע שרייבער. עס איז אַ שול, וואו אַרבעטער לערנען זיך די טעאָריע און פּראַקטיק פון ליטעראַטור. די לערן-אַנשטאַלט געפינט זיך אויפן ראָג פון דעם „זשאַרעס-ברעג" ניט ווייט פון דעם ליטעיני בריק.

ווען איך טראַכט וועגן אָט דעם אוניווערזיטעט, מישט זיך ביי מיר צוזאַמען דער פרילינג פאַרנאַכט, די זיידענע נעווא, די יוגנט פון די סטודענטן, די יוגנט פון דער סאָוועטישער רעפּובליק און די שיינקייט פון דער אַרבעט, וואָס איך האָב געטראָפן אין אָט דער סאָוועטישער לערן-אַנשטאַלט.

לאָמיך פונדעסטוועגן באַמערקן, אַז ניט אַלע סטודענטן זיינען יונג. פאַראַן עטלעכע עלטערע מענטשן, אַרבעטער פון אַ יאָר פופציג. פאַראַן איינער, וועגן וועלכן די חברים האָבן מיר געזאָגט מיט שטאָלץ, אַז ער איז אַ פּאַרטיי-מיטגליד פון 1911 אָן. אָבער אַזוי איז שוין דער סאָוועטן-פאַרבאַנד: עלטער אויסגעמישט מיט יוגנט זעט אַליין אויס יונג.

אין אוניווערזיטעט איז פאַראַן 147 סטודענטן, פון זיי 32 פרויען. אַן ערך 100 זיינען אַרבעטער פון די פאַבריקן, די איבעריגע זיינען אָנגעשטעלטע. בייטאָג אַרבעטן זיי, פאַרנאַכט קומען זיי זיך לערנען ווי צו זיין שרייבער.

די שול איז ניט איינע אין סאָוועטן-פאַרבאַנד. פאַראַן אַזוינע שולן אין אַלע גרעסערע צענטערן. איך וויל דאָ געבן אַ באַגריף וועגן דער לענינגראַדער שול.

כדי אַן אַרבעטער זאָל אַריינגענומען ווערן אין דעם ליטעראַרישן אוני-ווערזיטעט, דאַרף ער האָבן אַ טאָפּלטן סטאַזש: ערשטנס, דאַרף ער האָבן

מינדעסטנס מיטלשול־בילדונג, צווייטנס, דארף ער האָבן ליטעראַרישע פּייאיגקייטן.

ווי אזוי ווייסט מען, אז אן ארבעטער האט ליטעראַרישע פייאיגקייטן? דער ארבעטער באטייליגט זיך פריער אין די ליטעראַרישע קרייזלעך אויף דער פאבריק. יעדע פאבריק האט א ליטקרייזל. ארבעטער, וואָס האָבן א פארלאנג צו שרייבן, טרעטן אריין אינעם קרייז. זיי שרייבן זייערע ווערק און לייענען זיי פאר אינעם קרייזל גופא. שפּעטער אין ברייטערע קרייזן, פאר די ארבעטער פון דער פאבריק. זיי שרייבן דערציילונגען און לידער אין דער געדרוקטער פאבריק־צייטונג, וואָס גייט ארוים אויפן אָרט. אייניגע אזוינע צייטונגען גייען זיך פאנאנדער אין צענדליגער טויזנטער עקזעמפּליארן. עס גייט אוועק א שטיקל צייט — און א מענטש רוקט זיך ארוים. ערשט דעמאָלט ווערט ער געשיקט אינעם ליטעראַרישן אוניווערזיטעט.

וואָס טוט מען אין דעם ליטעראַרישן אוניווערזיטעט? אָט איז א צעטל פון די לערער און פון די געגנשטאנדן, וואָס זיי לערנען:

רוסישע שפּראך און סטיל — צוויי לערער.
רוסישע ליטעראטור פונעם 19טן יאָרהונדערט — צוויי לערער.
רוסישע ליטעראטור פונעם 20טן יאָרהונדערט — צוויי לערער.
ליטעראטור פון מערב־לענדער — צוויי לערער.
דראמאטורגיע — צוויי לערער.
לעניניזם און דיאלעקטישער מאטעריאליזם (דריי פארשיידענע קורסן) — דריי לערער.

אָט די שטודיעס זיינען נאָר א טייל פון דער פּראָגראם. דער צווייטער טייל ווערט אָנגערופן שאפונגס־שטודיען. אין אָט די שטודיען באשעפטיגן זיך די סטודענטן דערמיט, וואָס זיי לייענען זייערע שאפונגען פאר די חברים אונטער דער אָנפירונג פון א ליטעראַרישן ספּעציאליסט — און די ווערק ווערן גענוי אנאליזירט. אויף אָנצופירן מיט אָט דער ארבעט פארמאָגט די שול נאָך אכט פּראָפעסאָרן. א חוץ די דרייצן, וואָס גיבן די אויבן־אויס־גערעכנטע קורסן. ארום און ארום נעמט זיך אָן 21 לערער אויף 147 סטודענטן.

די קורסן אין דער געשיכטע פון דער ליטעראטור און אין לעניניזם דארפן געבן די אַלגעמיינע צוגרייטונג. די שאפונגס־שטודיען גיבן די צו־קונפטיגע שרייבער א מעגלעכקייט אויסצופורעמען זייער טאלאנט מיט דער הילף פון ליטעראַרישער טעאָריע. די טעאָריע איז דאָ ניט אָפּגעטיילט פון דער פּראקטיק. אויפן ביישפּיל פון קאָנקרעטע ווערק און פון קאָנקרעטע

פעלערן אין די ווערק ווערט געגעבן אַ טעאָרעטישע באַגרינדונג פון דער טעכנאָלאָגיע פון ליטעראַרישן שאַפן.

די אָנפירער פון אַזוינע שטודיען זיינען זייער פּאָזיכטיג. זיי געפינען אויס די פאַרשיידנקייטן פון יעדן שרייבער. זיי וועלן ניט אַרויפצווינגען אויף איין שרייבער אַזאַ סטיל אָדער אַזאַ מאַניר, וואָס איז ניט פּאַסיג פאַר זיינע פעיאיגקייטן. פאַרקערט, זיי שטרעבן צו אַנטוויקלען די באַזונדערקייטן פון יעדן שרייבער — אויף דער ליניע פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם. זיי גיבן אַ מעגלעכקייט דעם שרייבער צו פאַרשטיין זיך אַליין, זיינע מעגלעכקייטן און זיין וועג.

אין די שאַפונגס־שטודיען ווערן אויך אַנאַליזירט די ווערק פון באַקאַנטע מאָדערנע שריפטשטעלער. דאָס ווערט געטאָן, ערשטנס, כדי צו ווייזן די סטודענטן, ווי אַזוי עס אַרבעט אַ זייער טאַלאַנטפולער שריפטשטעלער; צווייטנס, כדי אָנצואווייזן אויף די חסרונות, וועלכע געפינען זיך אומ־פאַרמיידלעך אין די ווערק אפילו פון גאָר באַקאַנטע שרייבער. ווען די ווערק פון אַ באַקאַנטן שרייבער ווערן אַנאַליזירט, איז אָנגענומען אים איינצולאַדן אויף דער זיצונג. בכלל איז דאָ אַ שטענדיגע פאַרבינדונג צווישן די באַ־וואוסטע שרייבער פון לענינגראַד און דעם ליטעראַרישן אַרבעטער־אוני־ווערזיטעט.

ווען איך בין דאָרט געווען, איז דער קורס לעקציעס שוין געווען פאַר־ענדיגט. די סטודענטן האָבן זיך געקליבן אויף וואַקאַציע. איך האָב אָבער נאָך פאַרכאַפּט איין עקזאַמען אויפן ערשטן קורס (איך האָב פאַרגעסן צו זאָגן, אַז דער אוניווערזיטעט איז אַ צוויי־יאָריגער; מען קלייבט זיך אים פאַרלענגערן אויף דריי יאָר). דער פּראָפעסאָר מאַקסימאָוו־יעווגעניעוו, אַ באַוואוסטער קענער פון דער אַלטער רוסישער ליטעראַטור, האָט עקזאַמינירט זיינע סטודענטן וועגן דער רוסישער קלאַסישער ליטעראַטור.

יונגע מיידלעך, פון 16 ביז 17 יאָר, בלאָנדע, גראָ־אויגיגע, מיט באַ־לעבטע אינטעליגענטן־פּנים׳ער. אינגלעך פון אַ יאָר 18־19, שלאַנקע, דינע, קורץ־געשוירענע, סענסיטיווע, אמת׳ע סטודענטן. זיינען דאָס אַרבעטער? ווייסן זיי, ווי מען באַגייט זיך מיט אַ מאַשין? ווייסן זיי, ווי מען הויבט אַ האַמער? יאָ, דאָס זיינען סאָוועטישע אַרבעטער, וואָס פאַרבינדן אינדוס־טריעלע אַרבעט מיט העכערער בילדונג. דאָס איז דער נייער טיפּ אַרבעטער, וואָס וואַקסט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דערצו זיינען דאָס מערסטנס שאַפנדיגע פּערזענלעכקייטן, דער בעסטער עלעמענט, וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אַרויסגערוקט.

איך וואָלט ניט געוועז קיין מבין, ווען איך קוק אויף זייער פאַבריק־אַרבעט. איך בין אָבער יאָ אַ מבין אויף זייערע ענטפערס וועגן ליטעראַטור. יעדער איינער פון די סטודענטן האָט „דורכגעאַרבעט" איין ווערק פון אַ קלאַסיקער אַלס מוסטער. ער דאַרף קענען דעם גאַנצן קלאַסיקער, אָבער ער דאַרף זיין ספּעציעל באַקאַנט מיט דעם דורכגעאַרבעטן ווערק. איך האָב אַזוי־פיל געהערט אין אַמעריקע, אַז די סאָוועטן הויבן אָן רעכענען די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ערשט פון 1917, אַז דער מאַרקסיזם וואַרפט אָפּ די גאַנצע בורזשואַזע ליטעראַטור, אַז איך האָב מיר געטראַכט: וואָס וואָלטן די שונאים געזאָגט, ווען זיי זיי הערן דעם עקזאַמען. איבעריגנס, שונאים בלייבן שונאים, זיי וועלן שוין אויסטראַכטן טענות. אַ פאַקט איז, אַז מיט די קלאַסיקער אינטערעסירט מען זיך איצט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זייער ערנסט און אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן.

אַ סטודענט האָט צוגעגרייט לערמאָנטאָוו'ס „העלד פון אונזער צייט". דער פּראָפעסאָר פרעגט אים אויס וועגן דעם סטיל פון דעם ווערק, וועגן דער שפּראַך, וועגן אַ פאַרגלייך צווישן דער פּראָזע־שפּראַך פון לערמאָנטאָוו'ן און דער פּראָזע־שפּראַך פון פּושקינ'ען. עס ווערט איינגעשטעלט אַ פאַר־בינדונג צווישן דעם „העלד פון אונזער צייט" און באַיראָניזם.

אַ סטודענטקע האָט דורכגעאַרבעט פּושקינ'ס „יעווגעני אָנעגין". ווידער־אַמאָל אַן אַנאַליז פון דער שפּראַך, דעם פערז, די ענדערונגען אין דעם פערז וועדליג די ענדערונג אין דעם אינהאַלט. עס פעלט אָבער אויך ניט אַ געזעל־שאַפטלעכער אַנאַליז. ווי באַציט זיך פּושקין צום אדל? עס מערקט זיך ביי איר אַ לייכטע איראָניע, אָבער עס איז ניטאָ קיין ערנסטע קריטיק. אין וואָס דריקט זיך אָבער פאָרט אויס דער פּראָגרעסיזם פון פּושקינ'ען אין „יעווגעני אָנעגין"? ער דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס פּושקין שטעלט אַוועק די דאָרפישע אדעליגע טאַטיאַנאַ העכער פון דעם שטאָטישן אדעליגן יעווגעני. דערמיט וויל פּושקין זאָגן, אַז עס איז די פליכט פון דעם בעסערן טייל פון די אדעליגע צו בלייבן אין דאָרף, נאָענט צו דער ערד, און צו באַשעפטיגן זיך מיט פאַרבעסערן די אָרטיגע באַדינגונגען.

איין סטודענט נאָכן אַנדערן ווערט אויסגעפרעגט. עס איז אַן ערנסטער עקזאַמען. טורגעניעוו, נעקראַסאָוו, טשערנישעווסקי, טאָלסטאָי, אָסטראָווסקי... דאָ האָט מען, קענטיג, אַ סך געאַרבעט אַ גאַנץ יאָר. עס איז אַ וויכטיגער טאָג אינעם לעבן פון דער שול און פון די סטודענטן.

דער פּראָפעסאָר קען זיך ניט איינהאַלטן פון צו פרעגן אַ טריק־פראַגע:

„וועלכער גרויסער ענגלישער דיכטער האָט אויסגעאיבט אַ גרויסע ווירקונג אויף אַ גרויסן רוסישן פּאָעט?"

מיט דער פראַגע וויל ער, מסתמא, צופרידנשטעלן זיין אַמעריקאַנישן גאַסט. איך שרעק זיך שוין, טאָמער וועט דער סטודענט ניט קענען ענטפערן און וועט זיך בלאַמירן פאַרן אַמעריקאַנישן גאַסט. אָבער דער סטודענט פאַרלירט זיך ניט. ער ענטפערט זייער לעבעדיק:

„דער גרויסער ענגלישער דיכטער שעקספּיר האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אויף דעם גרויסן רוסישן דיכטער פּושקין. דער עיקר מערקט זיך אָט די ווירקונג אין דער דראַמע „באָריס גאָדונאָוו".

און דער סטודענט לאָזט זיך אָוועק אָנצוגעבן, וועלכע זייטן פון „באָריס גאָדונאָוו" זיינען גענומען פון שעקספּיר'ן אָדער זיינען מינדעסטנס באַאיינפלוסט דורך שעקספּיר'ס דראַמאַטורגישער מעטאָדע.

:: :: ::

עס איז שוין שפּעט, אָבער איך קען ניט זאָגן, אַז לענינגראַד איז פאַרוויקלט אין שאָטנס פון נאַכט. ווען איך גיי אַרויס אויף דעם נעוואַ־ברעג, ליגט איבער דער שטאָט די ווייסע נאַכט. עס איז עלף אַזייגער, אָבער מען קען נאָך לייענען. עס וועט שוין פינצטערער נישט ווערן. אַרום איינס אַזייגער וועט אָנהויבן טאָגן.

אין אַזאַ צייט גייט ניט אַהיים, לייגט זיך ניט שלאָפן. גייט אַראָפּ צום ברעג פון דער נעוואַ, זעצט זיך אַוועק אויף איינעם פון די שיפלעך און פאָרט ביז די זון וועט באַלייכטן די וואַסער. איר וועט עס לאַנג ניט פאַרגעסן.

מענטשן

אַ קינדערשער אינטערנאַציאָנאַל

.1924

ס'האָט געשיינט די פריילעכע אוקראַינער זון און ס'האָבן געשמעקט די לינדן־ביימער, ווען מיר זיינען צוגעפאָרן צום קינדער־שטעטל לעווינסק. דאָס „שטעטל" איז אַ געזעמל פון עטלעכע צענדליג בנינים פאַנאַנדערגעוואָרפן איבער אַ גרויסער שטו־עקע און אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסן פאַרקן. אַמאָל איז דאָ געווען אַ „סיראָטסקי דאָם"—אַ קאַזיאָנע בית־יתומים, וואו טשינאָווניקעס האָבן געקאָמאַנדעוועט איבער קינדער־אַרעסטאַנטן: אַזוינע אַנשטאַלטן זיינען אין צאַרישע צייטן געווען באַרימט מיט זייער אוממענטשלעכקייט און מיט זייער קריפּלען די קינדער. דאַכט זיך, אַז דאָ איז אויך געווען אַ מושב־זקנים. דאָס אָרט איז געווען פאַרפעסטעט מיטן גייסט פון קאַזאַרמע און טורמע. ס'האָט געשמעקט מיט פוילקייט, קרענק, פאַראומערטע יאָרן. היינט איז דאָס אַ קינדערשע קאָמונע.

צווישן איין געביידע און אַ צווייטער ליגן קייטן בלומען, פאַרפלאַנצט פון די קינדער. לעבן די הייזער ליגן קוסטעס מיט אַגרעסן און ווײַנפּערלעך, חנ'עוודיגע פלוימען־בוימלעך און קאַרשן־בוימלעך, אַלטע איינגעבויגענע אַקאַציעס און דעמבעס. די ביימער זיינען אַרומגעשאָרן און ניט אויסגעצויגן אין איין ליניע, ווי סאָלדאַטן. מאַכט דאָס דעם איינדרוק פון נאַטירלעכער היימישקייט און פּראָסטקייט. ס'שמעקט מיט דאָרף. הינטערן „שטעטל" ציען זיך די ליבע גרינע פעלדער פון קיעווטשינע. סעדלעך קרייזלעך זייערע גרינע קעפּ אונטער דער לאָסקע פון אַ לאַכנדיגן הימל. פון אַ נאָענטן בערגל קען מען זען די גרינע, געלע און פּערלמוטערנע דעכער פון קיעוו.

דאָס שטעטל איז אַ גרויסע קינדער־היים, וואו עס לעבן און לערנען זיך טויזנטער קינדער, מערסטנס יתומים. דאָס איז איינס פון די פילע אַנשטאַלטן, וואוהין די רעגירונג האָט אַריינגענומען די פאַרוואָגלטע און פאַרפּייניגטע יונגע נפשות, וועמעס עלטערן זיינען אומגעקומען אין קריג, אין די אָנפאַלן פון דעניקינ'ען, פּעטלוראַ'ן און אַנדערע באַנדעס, אין אומצייליגע פּאָגראָמען. דאָ פּרואווט מען מאַכן פון דעם קינדער־מאַטעריאַל נייע פרייע בירגער פאַר דער צוקונפט פון דער סאָוועט־רעפּובליק.

דאָס שטעטל הייסט לעווינסק און עס איז אַ נייעס אַפילו אינעם לאַנד פון די סאָוועטן: עס איז אַ קינדערשער אינטערנאַציאָנאַל. דאָ וואוינען און

שטודירן אוקראַאינישע, רוסישע, אידישע און פּוילישע קינדער — יעדע נאַציאָנאַליטעט מיט איר שפּראַך. בכלל איז אין אוקראַאינע איינגעפירט, אַז ס'איז דאָ באַזונדערע שולן פאַר אידישע קינדער, באַזונדערע אוקראַאינישע פאַר אוקראַאינער און אַז. וו. דאָ, אינעם קינדער־שטעטל, וואוינען אַלע קינדער צוזאַמען און אַלע זייערע שפּראַכן האָבן גלייכע רעכט. די קינדער ווייסן דאָ ניט, — וואָס הייסט איין שפּראַך איז מער מיוחס ווי די צווייטע.

ווי מאַכט מען דאָס ?

אָט אַזוי. די טויזנט קינדער זיינען איינגעטיילט ניט אין קלאַסן, ווי אין די אַלטע שולן, נאָר אין אַרבעט־גרופּן, לויט דעם געגנשטאַנד, וואָס ווערט דאָרט באַאַרבעט. איין גרופּע פאַרנעמט זיך מיט פלאַנצן, אַן אַנדערע מיט פיש אָדער מיט פויגלען, אַ דריטע מיט כעמישע עקספּערימענטן, אַ פערטע מיט מאָלן אָדער צייכענען, אַ פינפטע מיט געשיכטע פון ליטעראַטור, אַ זעקסטע מיט עקאָנאָמישער געאָגראַפיע, אָדער מיט פּאָליטישער עקאָנאָמיע, אָדער מיט שרייבן אויפזאַצן (קאָמפּאָזיציעס), אָדער גאָר מיט אַסטראָנאָמיע. נו, זיינען פאַראַן, ערשטנס, אַלגעמיינע גרופּן, וואו עס לערנען זיך קינדער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן: איז דאָרטן געוויינטלעך די געמיינזאַמע שפּראַך — רוסיש, אָדער אוקראַאיניש: אַ שטייגער, די גרופּע פון כעמיע, אָדער אַסטראָנאָמיע. ס'זיינען אָבער אויך פאַראַן נאַציאָנאַלע גרופּן, וואָס באַאַרבעטן נאַציאָנאַלע געגנשטאַנדן: פאַר אידישע קינדער זיינען דאָ עטלעכע גרופּן פון אידישער געשיכטע, אידישער ליטעראַטור־געשיכטע, נייער ליטעראַטור, אידישער שפּראַך, אידישע אויפזאַצן, — אין די אַלע גרופּן איז די אונטעריכט־שפּראַך אידיש. די פאַרקער־שפּראַך צווישן די אידישע קינדער אין דער פרייער צייט איז — נאַטירלעך — אידיש. מיט די לערער און אויפזעער רעדט מען כסדר אידיש, סיי אין אַרבעט־צימער (קלאַס), סיי אין עס־זאַל, סיי אויפן שפּיל־פּלאַץ, סיי אין ביבליאָטעק אָדער אין אַנדערע אָפּטיילונגען פונעם שטעטל. דאָס אידישע קינד באַקומט אויף אַ נאַטירלעכן אופן די איבערצייגונג, אַז זיין שפּראַך איז איינע פון עטלעכע שפּראַכן, וואָס מען רעדט און לערנט אויף זיי אין אוקראַאינע. דאָס אייגענע בנוגע די אוקראַאינישע, רוסישע אָדער פּוילישע קינדער. עס פאַרשטייט זיך, אַז די קינדער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן לערנען זיך שנעל איינע דעם אַנדערנ'ס שפּראַך. מ'האָט מיר דערציילט, אַז עס זיינען דאָ אוקראַאינישע קינדער, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט אידיש. מסתמא איז דאָס ניט קיין כלל, נאָר אַן אויסנאַם. אָבער יעדנפאַלס ווערט פאַרפלאַנצט אין דעם געדאַנק פון די רוסישע און אוקראַאינישע קינדער,

אז די אידישע שפראך און די אידישע נאציאנאליטעט זיינען גלייכבארעכטיגט ניט נאר אין געזעץ, נאר אויך אין פראקטישן לעבן.

דאכט זיך, ס'איז ניטא קיין בעסער מיטל אפצושאפן נאציאנאלע אנטאגאניזמען, ווי אוועקזעצן אינאיינעם קינדער פון פארשיידענע נאציאנאליטעטן — יעדערער מיט זיין שפראך און קולטור און מיט א פאקטישער און פראקטישער גלייכקייט פאר יעדער שפראך און קולטור. דאס איז געטאן געווארן אין קינדער־שטעטל לעגינסק.

גייט איר איבערן שטעטל, פון הויז צו הויז, פון עטאזש צו עטאזש, פילט איר זיך ווי אין א גרויסן בינשטאק, וואו עס הודזשעט מיט ארבעט. דא, ווי אין דעם גרעסטן טייל רוסישע שולן, איז אפגעשאפט דאס אלטע סיסטעם, וואו לערער האבן גערעדט און קינדער האבן געהערט און דאס איז געווען דער גאנצער לימוד. דא ארבעט מען — און דער לערער איז נאר אן אנווייזער, אן אנפירער, א דערפארענער עלטערער חבר.

דאס לערן־סיסטעם שטאמט דווקא פון אמעריקע, פון א פעדאגאג דאלטאן. אבער דאס דאזיגע סיסטעם איז ניט פארשפרייט אין אמעריקע. אפשר האט מען עס אנגעווענדט אין איניגע אויסדערוויילטע פראגרעסיווע שולן — אין גאר א קליינער צאל. אין רוסלאנד איז דאס אלגעמיינע פראקטיק. ווי געזאגט: די שילער זיינען איינגעטיילט אין גרופן, יעדע גרופע ארבעט איבער אן אויפגאבע, וואס זי דארף מאכן אין א וואך אדער צוויי. די אויפגאבע איז א פראקטישע: זי האט א שייכות צו אוממיטלבארן לעבן. כדי צו מאכן די אויפגאבע מוזן די קינדער לעזן, נאכפרעגן, נאכדענקען, ארבעטן. דאס טוען זיי בשותפות, באקומט זיך קאלעקטיווע ארבעט. דער לערער קליבט נאר אויס די אויפגאבן און העלפט די שילער אין זייער ארבעט.

למשל: אין איין גרופע שטייט די אויפגאבע — באשרייבן און קלאסיפיצירן די שעדלעכע אסעלניעס (קאטערפילארס), וואס עסן די בלעטער פון דיביימער אין קיעוו. די קינדער דארפן זיך באקענען מיט דער אנאטאמיע און פיזיאלאגיע פון די זומער־פליגעלעך, מיט זייער פארוואנדלונג אין האריגע ווערים (אסעלניעס), מיט דעם אופן, ווי זיי שעדיגן די פלאנצן. מוזן זיי טאקע גיין אין גארטן, אויסגעפינען וואו די באשעפענישן וואוינען, באטראכטן זייערע געננג. נאכדעם זיי צונויפזאמלען, אונטערזוכן אונטער א פארגרעסערגלאז, אויסמאלן איניגע אויף פאפיר, אנדערע פרעזערווירן פארן שול־מוזיי. פארשטייט זיך, אז אלעמאל לויפט מען צום לערער, מען פרעגט אים אן עצה. ווען מ'האט שוין באארבעט די אויפגאבע, בלייבט דער מאטעריאל אין זכרון.

אדער אן אנדער ביישפיל פון געזעלשאפטלעכן לעבן. ס'איז ארום דער

געזעץ וועגן דעם לאנד־אפצאל, וואס די פויערים וועלן היינטיגס יאר דארפן צאלן דער רעגירונג. עס שטייט די אויפגאבע: ווי אזוי וועט דאס געזעץ זיך אפשפיגלען אויף דעם פויערטום פון אוקראינע? די קינדער מוזן, ערשטנס, גוט דורכשטודירן דאס געזעץ, נאכדעם נעמען א בוך פון סטאטיסטיק און אויסגעפינען, וועלכע קאטעגאריעס פויערים עס זיינען דא אין אוקראינע, נאכדעם נעמען די ציפערן פונעם פאראיאריגן גערעטעניש און די פארשיידענע גרופן, נאכדעם געוואר ווערן די אויסזיכטן אויף היינטיגס יאר אין פארגלייך מיט פאראיארן — און נאכדעם ערשט קומען צום באשלוס, וויפיל אן ערך אוקראינע וועט צאלן. אזא אויפגאבע גיט די קינדער אן ארייננפיר אין דער פראקטיק פון וויסנשאפטלעכער אונטערזוכונג. פארשטייט זיך, אז אזוינס קען מען נאר פראקטיצירן מיט עלטערע קינדער, וואס שטודירן סאציאלע פראגן.

איך האב פארבראכט א שטיקל צייט אין דער גרופע פאר אידישער ליטעראטור. די ווענט פונעם צימער זיינען געווען באהאנגען מיט פארטרעטן פון אידישע שרייבער און דיכטער — אלץ געמאלן פון קינדערשע הענט. אינעם קינדער־שטעטל איז א כלל, אז אלע פארצירונגען פון די צימערן ווערן געמאכט אויפן ארט: מען האלט ניט פון פאבריק־זאכן, מע וויל אלצדינג זאל זיין שעפעריש־ארטיסטיש, זאל אויסדריקן דעם גייסט פון די קינדער. אזוי קענט איר זען דעם צימער פון דער עקאנאמישער גרופע באהאנגען מיט פארביגע דיאגראמען, מיט צייכענונגען פון פאבריקן, מיט פארשיידענע פיגורן, וואס אילוסטרירן די אדער יענע עקאנאמישע פראבלעמע. אין די נאטור־וויסנשאפטלעכע גרופן זיינען פאראן גאנצע קליינע מוזייען, געזאמלט פון די קינדער. פראסטע מעכאניזמען, געצייג, אפאראטן ווערן אויך געשאפן אין שטעטל. פאנען, פלאקאטן, אויפשריפטן, קאלירנדיגע בענדער, קאריקאטורן באגעגענען זיך אויף שריט און טריט. די קינדער ווייסן: ס'איז זייער היים און זיי זיינען דארט די באלעבאטים.

אויף די ווענט, א חוץ פארטרעטן, האבן זיך געזען ציטאטן פון אידישע דיכטער, בילדלעך־אילוסטראציעס צו באקאנטע אידישע לידער, א דיאגראמע, וואס ווייזט די אנטוויקלונג פון דער אידישער ליטעראטור. אויף דער וואנט איז אויך געהאנגען די אויפגאבע פון די ערשטע צוויי וואכן אין יוני: „אשר שווארצמאן אלס פראלעטארישער דיכטער.“ די ווערק פון אשר שווארצמאן זיינען אקארשט ניט לאנג ארויסגעגאנגען אין איין באנד — און דער לערער האט אויסגענוצט די געלעגנהייט צו שטעלן דעם דיכטער אויף דער טאג־ארדענונג פון דער גרופע. פון געשפרעכן מיט די שילער — אינגלעך

פון 13-12 יאָר — בין איך געוואָר געוואָרן, אַז זיי האָבן געלייענט אַשר שוואַרצמאַנ׳ען, געפּרוּווט פאַרשטיין דאָס כאַראַקטעריסטישע אין זיין שאַפן, פאַרגליכן אים מיט אַנדערע נייע דיכטער, וואָס זיי האָבן געלייענט, און קלאָר געמאַכט זיין פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער. אין דער גרופּע האָט געהערשט אַ פרייער חבר־גייסט. מענטשן האָבן גערעדט און דעבאַטירט און ציטירט לידער אויף אויסנווייניג, און עס האָט אויסגעזען מער ווי אַ פאַרווייִלונג, איידער דער ערנסטער לימוד, כאָטש געוואוסט האָבן די חבֿרה גאַנץ פיין. גערעדט האָבן די קינדער אַ גאַטירלעכן דרומדיגן אידיש: אָן דעם האַרטן אויס־לענדישן אַקצענט, וואָס מיר הערן אַ שטייגער ביי די קינדער פון די אידישע שולן אין אַמעריקע.

פון געביי צו געביי, פון זאַל צו זאַל האָב איך געוואַנדערט. אומעטום האָב איך געפונען פאַראינטערעסירטע לעבעדיגע אַרבעט. אָט איז די שלאָסעריי. אָט איז דער סטאָליער־וואַרשטאַט, אָט איז די טעפּעריי, וואו מען מאַכט אַלערליי קינסטלערישע כלים, וואַזעס, פיגורקעס. אָט איז אַ גרופּע שילער פאַרנומען אויף אַ שטיקל ערד צווישן צוויי הייזער: מען פאַלעט די קאַרטאָפליעס („פּאַלן״ הייסט אויסרייסן מיטן וואָרצל די ווילדע גראָזן). אָט שפּילט זיך אַ גרופּע אויף אַ פרייען פּלאַץ. אָט זיצט אַ חבֿרה צוציקעס פון זעקס־אַכט יאָר אויף קליינע בענקלעך אין אַ זאַל און מען רייבט ברויט מיט פּוטער אויף וואָס די וועלט שטייט! דאָס זיינען שוואַכערע קינדער, וואָס מוזן באַקומען מער שפּייז, ווי די איבעריגע: גיט מען זיי עפּעס קייען צווישן פרישטיק און מיטאָג. אָט זיינען די שלאָף־זאַלן: אָרעם, אָבער ריין, גראַם און לופטיג. קיין לוקסוס איז ניטאָ, קיין פיל באַקוועמלעכקייטן איז אויך ניטאָ, אָבער צוריק מיט אַ יאָר איז געווען אַ סך ערגער.

אין איין צימער שטוים איך זיך אָן אויף אַ גרופּע יונגע לענינצעס־פּיאָנערן. זיי דיסקוטירן עפּעס אונטער דער אויפזיכט פון אַ „פּירער״ — אַ קאָמוניסטקע פון אַ יאָר אַכצן. איך וויים, אַז יונגע לענינצעם פאַרפליכטן זיך צו אַ שטרענגערער דיסציפּלין, צו אַ בעסערער פירונג, צו ערנסטערן לערנען. זיי דאַרפן זיין אַ מוסטער פאַר זייערע חבֿרים. פרעג איך: וועגן וואָס רעדט מען דאָ? ווייזט זיך אַרוים אָט־וואָס. אַ טייל לערער וועלן באַלד אוועקפאָרן אויף קאַניקול. די לימודים וועלן כמעט אָפּגעשטעלט ווערן אויף אַ פּאָר חדשים. ווען עס וועט זיין ווייניגער לערער, וועט זיין ווייניגער וועד עס זאָל אַכטונג געבן אויף די קינדער. שמועסן איצט די יונגע לענינצעס, אַז מיטגלידער פון זייער גרופּע — קינדער פון צען, צוועלף, פערצן יאָר — זאָלן אויף דעם זומער איבערנעמען אַ טייל אויפזיכט איבער די קלענערע

יאטן. קאמוניסטן געוואוינען זיך פון קינדווייז אן צו געזעלשאפטלעכער פאראנטווארטלעכער ארבעט.

:: :: ::

דאס „שטעטל" גיט ארויס א זשורנאל מיטן נאמען „לענינסק". דער זשורנאל ווערט געשריבן, רעדאקטירט, געזעצט און געדרוקט דורך די קינדער פון די עלטערע קאלעקטיוון. פאר מיר ליגט דער זעקסטער נומער, פארן ערשטן מאי 1924. דער נומער איז געווידמעט דעם ערשטן מאי, דעם אנדענק פון לענינ'ען און דעם יובילײ פונעם שטעטל. אין זשורנאל זיינען דא ארטיקלען אויף רוסיש, אוקראיניש, אידיש און פויליש. ס'איז דא ארטיקלען, פעליעטאנען, לידער, אילוסטראציעס אויף אונזער גורל, אויפן גורל פון דער יוגנט. אין אן אוקראינישן לייט־ארטיקל לייענען מיר: „אונזער קינדער־שטעטל איז אלט איין יאר. פאר דעם יאר זיינען מיר אוועק פארויס. אנשטאט א ניט־ארגאניזירטע מאסע זיינען מיר איצט באמת געווארן א טעטיג שטעטל. נאך א סך ארבעט האבן מיר צו טאן, אבער אפגעטאן האבן מיר אויך שוין ניט ווייניג. מיר ווייסן, אז מיר וואקסן. מען קען ניט פארגלייכן דאס, וואס מיר זיינען געוועזן צוריק מיט זעקס חדשים, צו דעם וואס אונזערע קינדער זיינען איצט. זאל וועגן דעם א ביסל דערציילן דער יובילײ־נומער פון אונזער זשורנאל."

אזוי שרייבן פאראנטווארטלעכע מענטשן.

פון די אידישע ארטיקלען ציטיר איך צוויי. איינס איז פון א יונג מיטן נאמען חיים און לייענט זיך אזוי:

„ערשטנס זיך לערנען, צווייטנס זיך לערנען, דריטנס זיך לערנען.

„דאס, וואס די ארעמע שפראך פון דעם מענטשן האט געקענט זאגן, איז געזאגט געווארן. די וועלט פארענדיגט איר טרויער (נאך לענינ'ען — רעד.). עס איז געקומען דער פעריאד פון פראקטישער ארבעט; דא מוזן מיר ערנסט א טראכט טאן, אז עס איז געבליבן א גרויסע ירושה און אויף אונזער גורל, אויפן גורל פון דער יוגנט, איז אויסגעפאלן יורשים צו זיין. א דור שטארבט . . . עס וואקסט א נייער, וועלכער איז מחויב, וועלכער קען ניט א טראט טאן פאראויס, ניט וויסנדיג די געשיכטע פונעם אלטן דור, ניט וויסנדיג ווי האט ער געקעמפט און ווי האט ער געזיגט. ניט אומזיסט האט לענין, ווי שטענדיג, דער ערשטער דאס פאראויסגעזען און אויפן פינפטן צוזאמענפאר פון דעם קאמוניסטישן יוגנט־פארבאנד געזאגט, אז איינע פון די וויכטיגסטע אויפגאבן, וועלכע שטייען פאר דער יוגנט — דאס איז זיך לערנען. און מיר ווילן זאגן: זיך לערנען ביי לענינ'ען! געוויס איז דאס

א חסרון און באַזונדערס ביי דער יוגנט, וואָס אָפטמאָל גייען מיר אריין אין אַזאַ מין עקסטאַז, אַז מיר פאַרגעסן, אַז מיר זיינען אין קייט פון שונאים, אין א ראָד פון וועלף און מיר קענען ניט א טראַכט טאָן, ניט ווייסנדיג אַלע זייערע באַוועגונגען, מיאוס'ע שטיק.

„דערוויילע, געפינענדיג זיך אין די פרייע וועגט, האָבנדיג די פולע מעגלעכקייט, מוזן מיר זיך לערנען און די גוזעלשאַפט האָט דאָס פולע רעכט צו פאָדערן מיר זאָלן זיך לערנען. דער וועג איז ווייט, באַוואָרפן מיט שפּיזן, באַגאָסן מיט בלוט, וואו ס'איז געגאַנגען דער אַלטער דור, אַלע זיינע טעות'ן, אַלע שוועריגקייטן, אַלע מעלות. מיט איין וואָרט — וויסן די געשיכטע פון דער קולטור. אָן וויסן בכלל האָבן מיר ניט קיין קאָמוניזם. און לאָמיר געדענקען וואָס לענין האָט געזאָגט, אַז פאַר אונז שטייען דריי אויפגאַבן: ערשטנס זיך לערנען, צווייטנס זיך לערנען, דריטנס זיך לערנען.

„מיר זיינען יונג, פריש, פול מיט שטרעבן צום לעבן, לאָמיר דאָס איינזאַפּן אין זיך, טיף פאַרבאַהאַלטן אין זכרון און דורכפירן אין לעבן. דורכפירנדיג דאָס אין לעבן, שטעלן מיר לענינ'ען די העכסטע מצבה, קריצן מיר אים אויס דעם ליכטיגסטן אָנדענק."

סאָניע שטראַסבערג דערציילט ווי אַזוי זי האָט איבערגעלעבט לענינ'ס טויט. די באַשרייבונג ווייזט אַרויס אומצווייפלדיגע ליטעראַרישע פייאיגקייטן.

„א פרימאָרגן

(פון מיין טאָג־בוך)

„ס'קלאַפּט דער זייגער 7. אין דרויסן איז נאָך פינצטער, אָבער ס'שלאָפט זיך ניט.

„ס'קלינגען אין מוח די ווערטער: לענין איז געשטאָרבן...

„אין קאָפּ פליען דורך פאַרשיידענע געדאַנקען, ס'שטייט די גיגאַנטישע פיגור פאַר מיינע אויגן און שמייכלט אַזוי ליבלעך.

„ס'טאָגט שוין. אַרויס אויפן גאַס, גיבן זיך א וואָרף אין די אויגן די רויטע און שוואַרצע פאָנען, וועלכע דערציילן אַזויפיל...

„גרופּקעסווייז שטייט מען אַרומגעשטעלט אַרום די סטאָלבעס און מען לייענט דעם בולעטין וועגן דעם טויט פון אונזער איליטש.

„כ'שפּאַן ווייטער. אין די גאַסן איז אַזוי טרויעריג, גאָר ניט ווי אַלע טאָג. עפּעס פעלט, עפּעס רופט...

„אריין אין ספּאַרטאַקאָווער קלוב — פאַלט אָן א שרעק. די ווענט זיינען באַהאַנגען מיט לאָזונגען, בילדער אַרומגעהאַנגען מיט שוואַרצן. מער פון אַלץ וואַרפט זיך אין די אויגן לענינ'ס ווינקל.

„אין קלוב איז א רעש, מ'מאָלט, מע קלעפּט לאָזונגען, מ'לאָזט אַרויס א ציטונג געווידמעט דעם טויט פון חבר לענינ'ען.

„אין אַ ווינקל לעבן דער הרובע האָט זיך צונויפגעקליבן אַ גרופּע חברה און מ׳דערציילט ווי אַזוי די חברה האָט זיך דערוואוסט וועגן טויט פון לענינ׳ען.

„מ׳ווייזט אויך אָן וואָס ס׳שטייט אונז פאָר ווייטער צו טאָן. צייטנווייז לאָזט זיך אויך הערן אַ שטיקל געוויין...

„דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם (ראַיאָן־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי) מעלדעט, אַז אין אַ שעה אַרום וועט זיין אַ זיצונג פון ראַיקאָם.

„ס׳איז שוין שפּעטלעך. איך לאָז זיך גיין אין יונגנט־היים. אויפן הארצן איז טרויעריג...״

:: :: ::

איך פאַרלאָזט דאָס „שטעטל״ איינגער ווי איך זייט געקומען. אין די אויערן קלינגען נאָך אַלץ די פרישע קינדערשע שטימען. צוריק מיט אַ יאָר־צוויי האָבן פילע פון זיי זיך געוואַלגערט אין די גאַסן, אין שמוץ, אין ווערים, אין הונגער. איצט איז מען אַ קאָמונע, וואָס לערנט זיך און אַרבעט און גרייט זיך צו אַ סימבאָל פון גאַנץ רוסלאַנד אין 1924.

גרישקע פּיאָנער

.1924

גרישקע האָט אַ רירעוודיג פּנים מיט אַ ברייט מויל און אַ פאַרריסן קיילעכיג נעזל. די אויערן שטייען־אָפּ פון זיין גלאַט־געשוירענעם קאָפּ, און דער האַלז איז צו־לאַנג. דערפאַר האָט גרישקע אַ פּאָר ממזרישע לאַכנדיגע אויגן, וואָס אַז ער טוט מיט זיי אַ שאָס ווערט פריילעך אויפן הארצן.

גרישקע איז אַלט צוועלף יאָר און אַרבעט אין זאַוואָד. ס'הייסט, ער האָט ליב צו זאָגן: „ראַבאָטאַיעם" — מיר אַרבעטן — אָבער אין אמת'ן איז ער אַ שילער אין פאַבזאַוואוטש (פאַבריטשנאָ־זאַוואָדסקאָיע אוטשעני־טשעסטוואָ). דער פאַבזאַוואוטש איז אַ טעכנישע שול ביים זאַוואָד, פאַר די קינדער פונעם זאַוואָד. אין שול לערנט גרישקע אי נאַטור־וויסנשאַפט, אי געשיכטע, אי מאַטעמאַטיק. אָבער ער לערנט זיך אויך אַ מלאכה. ער זאָגט: ער וועט זיין אַ שלאָסער. גרישקע איז אַ פּייאיג איינגל און פאַרשטייט די לימודים, אָבער פאַבריק־אַרבעט געפעלט אים בעסער. די שילער פאַרברענגען אַ האַלבן טאָג אין קלאַס־צימער, אַ האַלבן אין זאַוואָד צווישן די מאַשינען. קיין סך אַרבעט טוט מען ניט, אָבער מען באַקענט זיך מיט די פּראָצעסן און אַפּאַראַטן, מען געוואוינט זיך צו די עלעמענטן פון טעכנישער אַרבעט. גרישקע פילט זיך אין זאַוואָד ווי אַ פיש אין וואַסער. ער זאָגט: ער וואָלט שוין געקענט שטיין ביים וואַרשטאַט ווי אַ גרויסער.

נאָך בעסער פילט ער זיך אין קלוב פון די יונגע פּיאָנערן. דאָ איז ער שוין ניט קיין שילער. דאָ איז ער אַ קאָמאַנדיר. דאָ טראָגט ער פליכטן. דאָ מוין ער אָנפירן מיט גאַנצע אַכצן יונגע חברים.

די גרופּע יונגע פּיאָנערן איז איינגעטיילט אין דריי רינגען (זוועניאַ), איינער פון פופצן, איינער פון זיבעצן, איינער פון אַכצן קינדער. יעדער רינג האָט אַ באַזונדער פירער. אַלע דריי פירער זיינען פאַראַנטוואָרטלעך צו דעם עלטערן פירער, חבר וואַסילי, וואָס קאָמאַנדעוועט איבער דער גאַנצער גרופּע (אָטריאַד). גרישקע'ס רינג איז דער גרעסטער — און גרישקע איז ניט אומזיסט אַ מיטגליד פון דעם פּיאָנערסקן סאָוועט (עקזעקוטיווע): ער ווייסט וואָס עס פאָדערט זיך פון אַ טוער.

דער קלוב געפינט זיך אין אַ גראַמען צימער לעבן דעם „זאַווקאָם" (זאַוואָדסקאָי קאָמיטעט), און אַז גרישקע טרעט אַריבער די שוועל, מוזן אויף

אים שוין וואַרטן די חברים פון דעם רינג. גרישקע האָט ליב אָרדענונג. ער זאָגט, אַז אַ יונגער לענינעץ מוז זיין אַ מוסטער פאַר אַנדערע קינדער, און אַז מיר וועלן, זאָגט ער, „לאַדירניטשאַיען", באַלאַמוטשען, טאַ וואָס וועלן מיר אויסוואַקסן פאַרא קאָמוניסטן?

קומט גרישקע אַריין אין קלוב, אַזוי רינגלען אים אַרום זיינע יאַטן און עס הויבט זיך אָן די אַרבעט. מ'האָט נאָך ניט אויסגעלערנט אויף אויסנווייניג דאָס נייע ליד פון די פּיאָנערן. מען דאַרף איינ'חזר'ן די רעלן פאַרן ספּעקטאַקל, וואָס מען וועט שטעלן דעם קומענדיגן יום־טוב. מען דאַרף איבערלייענען דעם אַרטיקל אינעם נומער פון דעם חודש־זשורנאַל „פּיאָנער". מ'האָט נאָך ניט געענדיגט אויספּוצן דאָס לענין־ווינקעלע אינעם קלוב־צימער. מען דאַרף צוגרייטן מאַטעריאַל פאַר דער אייגענער וואַנט־צייטונג: חבר וואַסילי וויל אים האָבן וואָס גיכער. היינט האָט מען נאָך ניט אַלץ פאַרטיג געמאַכט פאַר דער ערשטער זונטאָגדיגער עקסקורסיע. ס'איז דאָ אַ פּלאַן, אַז מ'זאָל אַרויסגיין שבת בייטאָג און איבערנעכטיגן אין וואַלד ביי אַ טייכל. דאַרף מען זיך פריער באַקענען מיטן פּלאַץ פון דער געגנט, מיט דעם וועג, מיט די נעמען פון די דערפער, וואָס מ'וועט פאַרבייגיין. ס'איז דאָ אַ פאָרשלאָג, אַז מ'זאָל אָנהויבן זאַמלען זשוקעס און זומער־פייגעלעך פאַר דער קאָלעקציע פונעם קלוב. אַניט וואָס טויג די עקסקורסיע?

הכלל, אַרבעט איז דאָ איבערן קאָפּ און גרישקע איז ניט קיין פּראָמאַך. שוין די ערשטע מינוט, ווי ער גייט אַריין אין קלוב, דערזעט ער וואו עפּעס איז ניט אין אָרדענונג. סאַשקע ראַבאַי האָט אַ צעקרעלטן פּנים, ביי מיטקע שטשור איז אָפּגעריסן אַ שטיקל אַרבל. גרישקע ווייסט וואָס דאָס הייסט. מסתמא זיך ווידער געשלאָגן. אָן אַקט מיט די יאַטן. רק זיי רייסן זיך ווי די קעץ. גרישקע וואָרנט זיי: „הערט, חברה, אויב ס'וועט וויטער אַזוי אָנגיין, וועלן מיר דאָס מוזן אַריינשטעלן אין וואַנט־צייטונג. איך האָב שוין צוגעגרייט אַ לידל." און גרישקע נעמט אַרויס פון דער קעשענע אַ פאַרשמאָלצעוועט פּאַפּירל און לייענט עטלעכע גראַמען. חברה שיסט אויס אַ געלעכטער. סאַשקע ראַבאַי און מיטקע שטשור זיינען רויט ווי די בוראַקעס. גרישקע זאָגט: „אין אונזער גרופּע טאָרן ניט זיין אַזוינע זאַכן." חברה טומלט און מען נעמט זיך צו דער אַרבעט.

אין אַ שיינעם פאַרנאַכט זיצט מען ניט אין צימער. מען גייט אַרויס אין הויף, מען פאַרקלייבט זיך אויף דער פּלאָשטשאַדקע (ספּאָרט־פּלאַץ);

אַניט גייט מען גאָר אַוועק אין פעלד, הינטערן זאַוואָד. אָבער מען גייט ניט אַרום ליידיג. מען טוט די נויטיגע פּיאָנערסקע אַרבעט. מען טוט זי קאָלעקטיוו. און אַזוי ווי די אַרבעט איז אַליין האַלב־שפּיל, באַמערקט מען ניט ווי ס'גייט די צייט.

גרישקע אַרבעט גלייך מיט אַלעמען. שפּילט זיך מיט דעם זעלבן פאַר־געניגן ווי אַלע. זיין קיילעכדיג נעזל פאַרקריכט נאָך העכער אויפן פּנים; דאָס מויל מיט די שאַרפע ווייסע ציין האַלט אין איין לאַכן. די אויגן פינקלען און די הענט קענען קיין רו ניט געפינען. אָבער אין דער זעלביגער צייט האָט ער אין זינען אַלע חברים פון זיין רינג. די קליינע לענקע דאַרף האָבן שיך: זי איז צו קליין צו גיין באָרוועס אויף דער עקסקורסיע. נאַטאַשע האָט געזאָלט אויפנייען דער חברה דריי פאָר ספּאָרט־הויזן: ס'איז שוין צייט, מ'וועט זיך שוין באַלד קענען באָדן; גרישקע דאַרף איר דאָס דער־מאָנען. און וואַנעק כוואַט באַרימט זיך נאָר, אַז ער וועט האַלטן אַ רעדע אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דעם ראַיאָן: מ'וועט מיט אים דאַרפן איינ'חזר'ן די רעדע. בעסער פון אַלצדינג, אַז ער זאָל פריער אָנשרייבן, וואָס ער וויל זאָגן. אַ חוץ דעם וועט מען דאַרפן אַרבעטן אויף דער דיאַגראַמע פון דעם זאַוואָד: סיאָמקע דאַרף ברענגען די פאַרבן, ער זאָגט, אַז ער קען זיי באַקומען פון זיין פעטער דעם פאַרבער. מען דאַרף אים פרעגן, וואָס הערט זיך מיט די פאַרבן.

אַזוי, אין שפּיל און אַרבעט, אין זאָרג פאַרן קאָלעקטיוו און אין דיס־קוטירן די פראַגן פונעם קאָלעקטיוו, גייט אַוועק די צייט פון פינף ביז זיבן און אַכט. חברה צעגייט זיך אַהיים. גרישקע דאַרף ערשט גיין אויף אַ זיצונג פונעם פּיאָנערסקן קאַוועט. גרישקע איז אַ פירער.

היינטיגן זומער איז גרישקע אַריין אין אַ ציטונג פון „גרויסע". די „פּראַוודאַ" האָט געשריבן, אַז מען דאַרף גרישקע'ן פאַרצייכענען אויפן רויטן טאָוול. די מעשה איז געווען אַזוי. חברה האָבן זיך אַרויסגעקליבן אין לאַגער. די זונטאָגדיגע עקסקורסיעס זיינען געווען אַזוי געשמאַק, אַז ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן קאַניקול (וואַקאַציע), האָט דער גאַנצער אָטריאַד באַשלאָסן צו פאַרברענגען די צוויי חדשים אונטערן פרייען הימל. מ'האָט מיטגענומען לייוונט אויף געצעלטן, אויסגעגראָבן אַן אויוון, געמאַכט אַן ערדענעם טיש מיט ערדענע בענק, דורכגעפירט אַ הילצערנע רער פונעם טייכל צום לאַגער, כדי מ'זאָל פאַרשפּאָרן צו שלעפּן וואַסער אין עמערס. האָט מען אָנגעהויבן טראַכטן: וואָס טוט מען מיטן דאָרף? דאָס דאָרף איז אָנדערהאַלבן וויאָרסט

פונעם לאגער. אין דארף איז דא א סך שקאצים. דאס דארף איז ניט ארגאני־זירט. ניטא ניט קיין קאמסאמאלסקע (יונגע קאמוניסטן), ניט קיין פיאנערסקע גרופע. די פיאנערן דארפן דאס דארף ארגאניזירן. אבער ווי אזוי?

חברה איז געגאנגען אין דארף, געפּראוווט רעדן מיט אלטע און יונגע. עס איז גארנישט געווארן. די עלטערע פויערים האבן געקוקט אויף די שטאטישע יאטן ווי אויף פוליאקעס און לײדינגייער, וואס לעבן א זומער אין ראסקאש. די דארפישע אינגלעך האבן געקוקט אויף זיי ווי אויף א בייז־וואונדער, געטײטלט אויף זייערע רויטע האלז־טיכלעך און געלאכט אין די קולאקעס. הכלל, עס איז געווען שלעכט. און דא איז די צייט קורץ, מען דארף דורכפירן די סמיטשקא (פארבינדונג צווישן שטאט און דארף).

פאלט גרישקע אויף אן עצה און לאזט וויסן אין דארף, אז די פיאנערן קענען פארריכטן אייזערנע און בלעכענע כלים. פון אנהויב האבן די פויערים ניט געגלויבט. אבער ס'האט זיך געפונען אן אלמנה, וואס האט געבראכט אין לאגער אן אלטן געלעכערטן עמער און א צעשפאלטענעם קעסל. חברה האט ניט אומזיסט געארבעט אין זאוואד. די נויטיגע געצייגן האבן זיי געהאט מיט זיך. דערהויפט האט זיך אויסגעצייכנט גרישקע, וואס האט גוט גע־וואוסט ווי אזוי מען טוט אן ארבעט. מ'האט פארריכט די כלים. נאכדעם האבן זיך א לאז געטאן פויערים מיט קאסעס און סערפּעס און אנדערע געציינן. חברה האט געארבעט. די פויערים האבן פאר דער ארבעט געבראכט מילך און אייער און קעז און פלעצל. און אזוי איז איינגעשטעלט געווארן א פארבינדונג צווישן דעם דארף און די פיאנערן. די פיאנערן זיינען געווארן אנגעלייגטע געסט אין די פויערשע הייזער. די דארפישע יונגען האבן אנ־געהויבן גיין אין פיאנערסקן לאגער. גרישקע איז געווען אויפן פלאץ. ער האט אויפגעקלערט די דארפישע יונגען, וואס איז אזוינס לעניניזם, וואס איז די נייע ארדענונג, וואס עס ווילן די קאמוניסטן און פארוואס די יוגנט דארף זיך גרייטן צו בויען די רעפּובליק. די דארפס־יונגען האבן אנגעהויבן פאר־ברענגען מיט די פיאנערן, לערנען און לייענען און דיסקוטירן מיט די פירער. שפּעטער האט מען ארגאניזירט א באזונדערע דארפישע פיאנערסקע גרופע „אינעם נאמען פון קארל ליבקנעכט" מיט עטלעכע און פערציג מיטגלידער. איצט האלט זיך דארט אין גרינדן א קאמסאמאלסקע גרופע. די חברה פונעם זאוואד שיקן אפט אין דארף אריין צייטונגען און זשורנאלן. מען שמועסט, אז היינטיגן ראזשדעסטווא (קריסטמעס) זאל מען שיקן גרישקע'ן אין דארף אריין האלטן א לעקציע וועגן רעליגיע. גרישקע גרייט זיך צו דער לעקציע און האט שוין איבערגעלייענט א פאר אנטי־רעליגיעזע ביכלעך. חברה קוקט

אויף אים מיט אַפּשיי, און איינינגע וואָרענען אים און זאָגן: „סמאָטרי, גרישא, ניע פּאָדגאָדיאַי" (זע, גרישע, מאַך ניט קיין תל פונעם עסק).

און גרישקע טוט אַ שאָקל מיטן גלאַט-געשווירענעם קאָפּ און שמייכלט אַזוי, אַז זיין נעזל קריכט אין דער הויך:

— ניטשעוואָ, נישקשה. ס'וועט שוין זיין רעכט.

אַ גאַנצע וואָך איז גרישקע פאַרנומען, און ער האָט ליב די אַרבעט. מען דאַרף אָבער זאָגן דעם אמת, אַז מער פון אַלצדינג האָט ער ליב מאַרשירן מיט דער חברה. ניט לאַנג האָט ער זיך אויסגעלערנט קלאַפּן אין פויק. מאַרשירן מיטן פויק — קען מען זיך מאָלן עפּעס בעסערס?

די זון שיינט. די האַלז-טיכלעך זיינען רויט. חברה האָט זיך אַרומגעוואַשן, אַרומגערייניקט די קליידער, אָנגעטאָן שיך — ווער ס'האָט שיך, זיך אויסגעשטעלט אין אָרדענונג, צוויי אין אַ ריי. גרישקע וואַרפט דעם לעצטן קוק אויף זיין גרופּע, הייסט ליזע'ן אויסגלייכן דעם רוקן, זאָגט אָן סיאָמקע'ן, ער זאָל ניט ברעכן די ליניע. שטעלט אַריבער דעם קאַראַפּוזיק טיאָשאַ אויף אַ בעסערן פּלאַץ, נאָכדעם שטעלט ער זיך אַוועק אין שפּיץ פון דער קאָלאָנע, ציילט: „איינס, צוויי, איינס, צוויי", טופּענדיג אויף איין אָרט. פּלוצלונג גיט ער אַ קלאַפּ אין פויק — מאַרש! — די חברה לאָזט זיך גיין.

גרישקע גייט פאָראויס. גרישקע פויקט. גרישקע ציילט די טריט. מען גייט אַריבער די בריק. מ'גייט צום צענטער פון דער שטאָט. די גאַסן ווערן גלאַטער, די הייזער העכער. גרישקע'ס האַרץ וואַקסט. גרישקע'ס האַרץ קלאַפּט שנעלער פון זיין פויק. אָט עפענען מענטשן טיר און פענצטער. אָט קוקט מען נאָך די קינדער. אָט הערט זיך אַן אויסגעשריי: „זאָלן לעבן די פּיאָנערן!" חברה ענטפערט: „הורא!" גרישקע'ס פּנים איז געוואַלדיג ערנסט, גרישקע'ס ליפּן זיינען צונויפגעפּרעסט ווי אין ווייטאָג. אָבער גיין גייט ער ווי אין דער לופטן. די ערד איז ווייכע סאַמעטענע כוואַליעס אונטן. די הייזער וויגן זיך, בויגן זיך, שמייכלען. די הייזער גלאַנצן מיט טויזנט לאַכנדיגע מיילער. גרישקע קלאַפּט געמאָסטן אין פויק: — איינס — צוויי, איינס — צוויי.

צוויי געשעעענישן האָבן געמאַכט אויף גרישקע'ן דעם גרעסטן איינדרוק פון זיין לעבן. דאָס ערשטע איז געווען די דעזשורסטווע פון זיין גרופּע אויף דער זיצונג פון מאָסקווער גובערנסקי סאָוועט. די פּיאָנערן זיינען אַריינגעקומען אין זאַל מיט פויקן-קלאַפּ; מ'האָט זיי אַרויפגעלאָזט אויף דער טריבונע. גרישקע האָט געהאַלטן אַ באַגריסונג-רעדע און דער פּאָרזיצער

האָט אים געענטפערט. דער גאַנצער עולם דערוואַקסענע, אַלץ באַוואוסטע רעוואָלוציאָנערן, האָט זיך אויפגעשטעלט און אַפּלאָדירט. נאָכדעם האָט די גרופּע פּיאָנערן זיך פּאַנאַנדערגעשטעלט אין פאַרשיידענע ווינקעלעך פונעם זאַל — צו דעזשורעווען, דערלאַנגען דעם פּאָרזיצער צעטעלעך פון די דעלעגאַטן, אָנווייזן יעדן דעם ריכטיגן פּלאַץ. גרישקע איז געשטאַנען אויף דער טריבונע ביים פּרעזידיום און דערפילט „אַ מאָסע טעכנישע ארבעט", ווי ער האָט נאָכדעם דערציילט אין זיין באַריכט פאַר דער גאַנצער זאַוואָדסקער גרופּע.

און דאָס צווייטע געשעעניש איז געווען — וואָס זיין פאָטער האָט זיך פאַרשריבן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. גרישקע האָט אַזוי לאַנג „גענזעגט" און דערקוטשעט דעם פאָטער, אים אַזוי פיל אָנגעדערציילט וועגן לענינ'ען און די קאָמוניסטן, אַז דער פאָטער האָט געזאָגט:

— זאָל שוין זיין ווי דו ווילסט. עס איז דאָך אייער צייט.

און אַז גרישקע האָט אַריינגעפירט דעם פאָטער פאַר אַן ארבל אין ביוראָ פון דער יאַטשעיקע (קעמערל) און אויף דער פראַגע פונעם סעקרעטאַר געזאָגט מיט אַ געמאַכט־רואיגער שטים: „אָט, איך האָב געבראַכט דעם באַטקע זיך פאַרשרייבן אין דער פאַרטיי", — איז קיין גליכן צו אים ניט געווען.

איצט האָט שוין גרישקע באַשלאָסן איבערצוביין זיין נאָמען. „גרישקע", „גרינגאָרי", זאָגט ער, דאָס זיינען צערקאָוונע נעמען, גלח'ישע נעמען. דאָס שמעקט מיט דער אַלטער צייט. אַ פּיאָנער דאַרף האָבן אַ נייעם נאָמען. גרישקע ווייסט נאָר ניט, צי זאָל ער זיך רופן ספּאַרטאַק, צי סקראַם — וואָס דאָס איז מאַרקס אויף דער לינקער זייט.

דער יונגער אַלטער

1924.

וואו האָט זיך ביים 65־יאָריגן חבר דימיטרי גענומען דער כח צו לויפן אַרויף און אַראָפּ איבער די טרעפּ פון דעם פילשטאָקיגן הויז? און ווער האָט דאָס אויסגעגאָסן אויף זיין ברייטן פּנים אַזאַ מינע פון שיינענדיגן פאַרגעניגן?

דאָס הויז איז געווען אַן אָפּטיילונג פון מאָסקווער סאָוועט. אינעם הויז איז געווען אַ סך קאָרידאָרן מיט אַ סך טירן פון רעכטס און אויף לינקס. הינטער די טירן האָבן עטלעכע הונדערט מענטשן געערדט און געשריבן און געקלונגען אין טעלעפאָן. דאָס הויז האָט געזשוזשעט ווי אַ גאַזאָלין־מאָטאָר. פון אַ טיר פלעגט אַלע ווײַלע אַרויסלויפן אַ מענטש מיט אַ פּאַקעט אָדער אַ פּאַפּיר אין האַנט און זיך לאָזן איבער דעם גלאַט־קײַלעכדיגן פּאָל פון דעם לאַנגן קאָרידאָר. דער פּאָל האָט געגלאַנצט ווי טונקל אייז, און עס האָט אויסגעזען, אַז דער לויפנדיגער גליטשט זיך איבער אַ געקעסטלטן שפּיגל. ס'איז געווען אַ סך טירן מיט אַ סך איילנדיגע מענטשן, און אַלע האָבן געהאַט אַ פאַרטראָגנעם און אַ פאַרהאַוועטן אויסדרוק. איין דמיטרי איז געווען פרייליך, קאָנטענט. „ער זעט אויס ווי אַן אימעניניק" (ווי ס'וואָלט געווען זיין געבורטסטאָג), זאָגט מען אויף אַזוינע אין רוסלאַנד.

— ס'איז ניט צו לעבן אויף דער וועלט — האָט ער איינמאָל אַ זאָג געטאָן, פאַרביילויפנדיג מיט אַ בינטל נייע זשורנאַלן.

— וואָס איז?

— וואָס רעדט איר? עס ברענט דאָך אונטער די הענט!

און ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער לינקער האַנט ערגעץ אין דער ווייטקייט אַריין, און זיין לאַנגע רויטלעך־גרויע באָרד האָט אַ טאַנץ געטאָן אויף זיין ברייטער ברוסט.

אַן אַנדער מאָל קום איך אין דעם בנין און געפין אים גייענדיג פון די טרעפּ. אָנגעטאָן איז ער אין אַ ברוינער בלוזע מיט אַ רימענעם פּאַסעק. די ברוסט און די פּלייצעס זיינען ברייט און שפּאַרן פון אונטער דער בלוזע. די באָרד דערגרייכט שיר ניט ביזן גאַרטל. די הויכע שטיוול וועגן אפשר אַ פּוד. ער גייט און דער שווייס רינט פון זיינע באַקן, פון זיין פליישיגער נאָז,

פון דעםברייטן פליכעוואטן שטערן, און זיינע באוועגונגען זיינען לייכט, ווי ביי א איינגל.

— איר ווייסט? — זאגט ער מיר און שטעלט זיך אפ אויף א מינוט — שוין דערגרייכט 6748.

— עקזעמפליארן?

— מאכט ניט קיין שפאס. מיר האבן שוין דערגרייכט מיט אונזער וואכנבלאט 6748 דערפער אין מאסקווער ראיאן אליין. איר הערט? דערפער! דאס וואכנבלאט איז נאך ניט אלט קיין האלב יאר.

און חבר דימיטרי לאזט זיך אוועק אין אן אויסרעכענונג, וויפיל ס'פארשפרייטן זיך אין פויערטום טעגלעכע צייטונגען, וויפיל וואכנבלעטער, וויפיל חודש־זשורנאלן, וויפיל ביכער און בראשורן. חבר דימיטרי ווייסט אלע ציפערן אויף קלאר. חבר דימיטרי איז אויסגעבונדן מיט דער גאנצער ליטעראטור פארן דארף. חבר דימיטרי האט אן אויפזיכט ניט נאר אויף דער פארשפרייטונג פון געשריבענעם ווארט. ער האט אויך א דעה ווי אזוי מען זאל דאס שרייבן. ער איז א טייל פון עפעס גאר א וויכטיגן קאמפליצירטן מעכאניזם.

— עך! ס'איז דא א פעלד אן א ברעג! א ברייט פעלד, א רייך פעלד. מען דארף עס נאר צעאקערן און פארזייען. וואו נעמט מען נאר די כחות?

א קוק געבן אויף דימיטרי'ן, פעלט אים ניט קיין כח. ער איז זאפטיג, מונטער, פלינק. ער לעבט מיט יעדן אבר. ער פרעסט צונויף א האריגן קולאק און טוט מיט אים א מאך אין דער לופטן, פילט איר, אז דאס קען נאך דערלאנגען א קלאפ. חבר דימיטרי זעט אויס ווי א געזונטער אלטער איזוואסטשיק, ניט ווי א שרייבער. חבר דימיטרי ארבעט א גאנצן טאג און שפעט אין דער נאכט.

— איך אליין, — זאגט ער, — קען זיך ניט באקלאגן. איך טו וויפיל איך קען. אנדערע טוען אויך. אבער ס'איז אלץ ווייניג. דאס דארף איז ווי א תהום. ס'שלינגט און ווערט ניט זאט. וואס מיר אלע טוען איז ווי א טראפן וואסער אויף א הייסן שטיין.

און חבר דימיטרי לאזט זיך ווייטער גיין. די ארבעט ווארט ניט. פון אויבן לויפט שוין עפעס א יונגער בחור. „חבר דימיטרי, קומט, מען דארף אייך האבן. די קאלעגיע האט זיך שוין פארזאמלט."

חבר דימיטרי שפאנט איבער די טרעפ מיט לייכטע יונגע טריט. זיין הויכער קערפער הויבט זיך ווי א מאסיווער טורעם. חבר דימיטרי געזעגנט

זיך דורך אַ שאָקל מיטן קאָפּ און אינגאַנצן איז ער איין שטיק צונויפ־געפּרעסטע פרייד.

וואָס מער איך קום אין דעם בנין, וואָס מער איך זע חבר דימיטרי'ן, אַלץ שטאַרקער איז דער איינדרוק פון זיין טעטיגן גליקלעכן געמיט. חבר דימיטרי האָט ליב די אַרבעט. חבר דימיטרי איז פאַרליבט אין דער אַרבעט. חבר דימיטרי'ן איז יעדער ביכל איינגעבאַקן אין האַרצן. חבר דימיטרי האָט ליב מיט אַ פּאַטערלעכער ליבשאַפט אַלע ווייטע אומבאַקאַנטע פּויערים, וואָס וועלן לייענען דאָס ביכל. אַזוי איז מען נאָר פאַרליבט אין דער יוגנט, ווען דער שוך און די פּאַטשיילקע און דאָס קנעפּל פונעם ראָק פון דער געליבטער זיינען אַ הייליגער אוצר. חבר דימיטרי זעט אויס ווי אַ יונגער, נאַרישער פאַנטאַסט, וואָס האָט אַנטדעקט די פרייד פון ליבע צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן.

איך האָב אים דאָס איינמאָל אַרויסגעפּלאָפּלט אין אַ גוטמוטיגער מינוט, האָט זיך אַ צייכן פון שוואַרצקייט געלייגט אויף זיין שטערן, און ער האָט געזאָגט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קול:

— רעדט בעסער ניט. כ'וועל זיך קיינמאָל ניט פאַרגעבן, וואָס איך האָב אַזויפיל יאָרן פאַרבראַכט אין ניוועץ.

איך האָב אים דעמאָלט ניט געוואָלט פרעגן, וואָס ער מיינט, אָבער שפּעטער האָבן מיר זיך באַגעגנט איינס אויף איינס און זיך צערעדט. געווען איז דאָס האַלב צוויי פאַרטאָג, לעבן טייך מאָסקוואַ. ס'האָט זיך געגליטשט אויף ווייסלעכע זעגלען די מאָסקווער זומער־נאַכט, וואָס קען ניט שלאָפן. איך בין געזעסן אויף אַ באַנק לעבן וואַסער. לינקס האָבן די גאָלדענע קעפּ פונעם קרעמל שוין געכאַפּט דעם ערשטן לייכטן אָנזאָג פון דער נאָענטער זון. רעכטס האָט דער טייך זיך געררוקט צו אַ הורבע אָנגעוואָרפענע נעבלען אַרום די וואָראָביאָווע בערג. ערשט ניט לאַנג איז אויסגעלאָשן געוואָרן דער לעצטער רויט־גליענדיגער פּאַס אין מערב. איצט האָט דער מזרח שוין געגלאַנצט אין אַ גרינעם גאָלד, איבערגעמישט מיט פּערל. אַ ריח פון בלעטער האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן. מאָסקווע האָט לייכט געאָטעמט. געווען די צייט, ווען אַלע פאַרבן ווערן גראַלעך און אַלע מענטשן זעען אויס ווי גייסטער.

איך האָב ניט באַמערקט ווי חבר דימיטרי איז צוגעגאַנגען און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער זעלביגער באַנק. אַ צייט האָבן מיר געשוויגן.

— מיר דאַכט, — האָב איך באַמערקט, — אַז די מאָסקוואַ איז ניט שמעלער און ניט ווייניגער שיין, ווי די סענע אין פּאַריז. אָבער זעט, ווי

בארימט ס'איז די לעצטע און ווי וויניג מען ווייסט פון דער ערשטער.

חבר דימיטרי האָט אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך האָט ער שטיל אַרויס־גערעדט:

— ביים טייך סענע האָב איך אויסגעבראַכט אין ניוועץ פינף פון די בעסטע יאָרן פון מיין לעבן.

— אלס עמיגראַנט?

— אלס אַנטי־באָלשעוויק.

ס'איז ווידער געוואָרן שטיל. פּלוצלונג איז אויף דימיטרי'ן אָנגעקומען יענער אָנפאַל פון רוסישער אָפּנהאַרציגקייט, ווען אַ מענטש דעקט אויף זיינע טיפסטע טיפענישן אַפילו פאַר אַן אומבאַקאַנטן.

— איך בין געווען ניט נאָר אַ מענשעוויק, נאָר אַ מענשעוויסטישער ליטעראַט, ד. ה. אַ מענטש, וואָס האָט פאַרטיידיגט אַ זאַך מיט דער פען. איר ווייסט: דאָס פאַרפליכטעט. איך האָב געלעבט מיט דער עמיגראַנטישער אידעאָלאָגיע. איך האָב געזוכט אין די רוסישע רעוואָלוציאָנערע צייטונגען נאָר דאָס ערגסטע. מיר האָבן זיך אַלע אויפגעבויט אַ קינסטלעכע וועלט, און מיר האָבן צוגעטראָגן אַ ציגל נאָך אַ ציגל, כדי זי צו פאַרשטאַרקן. איך בין געווען ניט פון די לעצטע. מיר האָבן זיך געוואָלט פאַרבלענדן. מיר האָבן געהאַט אונזערע אייגענע טעאָרעטיקער, אונזערע סטראַטעגן, אונזערע שטאַטסלייט, אונזערע נביאים. מיין גליק איז געווען, וואָס איך שטאַם פון פּויערים־שטאַנד. מיין פאָטער האָט באַאַרבעט די ערד. איך אַליין האָב מיין יוגנט פאַרבראַכט אויף דער ערד. אין מיר איז געבליבן אַ שטיק אָנהאַנג צו דער נאַטור, צו רעאַליטעט, צום נאַקעטן אמת. איך האָב זיך איינמאָל אַרומגעזען, אַז איך לעב אַן אויסגעטראַכט לעבן. און ווייסט איר, ווי דאָס איז געשען? ניט דורך ביכער, ניט דורך פּראָגראַמען. איך האָב באַגעגנט אַ מענטשן. קיין פּאַריז געקומען אַ רוסישער באָלשעוויק צו באַזאָרגן עפּעס אַ ווירטשאַפטלעכן ענין. איך האָב אים צופעליג באַגעגנט. ער האָט מיך ניט געוואָלט איבערצייגן. אָבער פון זיין גאַנצן וועזן, פון זיין באַנעמונג, פון זיינע צופעליגע ווערטער האָט אויף מיר אַ ווייע געטאָן מיט אַזאַ נייעם ווירקלעכן פילזייטיגן לעבן, אַז מיין אייגענע וועלט האָט אָנגעהויבן אויסזען ווי אַ זייפן־בלאָז.

חבר דימיטרי האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ וויש געטאָן זיין לאַנגע ווייכע באָרד, אַ גלעט געטאָן דעם הויכן שטערן (געגאַנגען איז ער אָן אַ הוט), אַ קוק געטאָן אויף יענער זייט טייך, וואו די ערשטע מענטשן האָבן זיך גע־טונקען אין מאָרגן־גאָלד, און ווייטער דערציילט.

— עס קומט פאַר מיר אַ צייט פון איבערברוך. איך לעב צווישן מיינע פריינט און איך פיל זיי מער ניט. איך רעד זייערע ווערטער און ניטאָ אין זיי קיין טעם. איך הער זייערע טענות און אַלצדינג איז איבערטריבן, קינדעריש, אומבאַגרינדעט. איך לעב ווי אָן לופט. איך בין דאָ און איך בין ניטאָ. דערביי בין איך שוין ניט קיין אינגל, בין ניט אַזוי בויגיג, ווי אין דער יוגנט. שווער אָנצוהויבן אויפס ניי. נאָך שווערער צוצוגעבן, אַז מ'איז געווען אַ נאַר, אַ שלעכטער נאַר... ס'קומען פאַר מיר שווערע צייטן, איך בין כמעט ניט ביים זינען. איך גיי אויף רעפעראַטן פון עמיגראַנטן און ס'דאַכט זיך מיר, אַז דער רעדנער איז אַ סאַטיריקער, וואָס מאַכט נאָך מענשעוויסטישע רעפערענטן. איך רעד מיט מענטשן און מיר דאַכט זיך, אַז דאָס זיינען מתים. איך שלאָף ניט נעכט. איך קען ניט לייענען. איך ווער מאָגער. איך באַוועג זיך קוים. איך ווער באַטראַכט פאַר אַ קראַנקן. איך האָב ליב צו טראַכטן וועגן זיך ווי וועגן אַ קראַנקן. אָבער אינעווייניג ווייס איך, אַז דאָס איז נאָר אַן אויסרייד, אַז אַזוי וויל איך זיך ארויסדרייען פון אַ קלאָרן ענטפער: וואָס זאָל איך טאָן? עס דערגייט צו אַ סאַנאַטאָריום. איך בין אָרעם, אָבער מענטשן לייגן זיך צונויף און שיקן מיך אוועק צווישן די בערג, אין אַ הייל־אַנשטאַלט „צו־רעכט צו מאַכן די נערוון”.

חבר דימיטרי טוט אַ שמייכל — דאָס ערשטע מאָל זע איך אים שמייכלען מיט חוזק. די פויגלען אינעם בוים איבערן קאָפּ הויבן אויף אַזאַ צוויטשעריי, אַז אַ פּאָר מינוט איז שווער צו רעדן.

אַ ווײַלע שפּעטער פרעג איך:

— נו, און וואָס איז געוואָרן דער סוף?

דימיטרי טוט זיך אַ בויג פאָרויס מיט זיין גאַנצן מאַסיוון קערפּער און אַ ליכט צינדט זיך אָן אין זיינע אויגן אונטער געדיכטע רויטלעך־גרויע אַראָפּגעהאַנגענע ברעמען. ער רעדט אַרויס מיט אַ מונטער קול:

— וואָס איז געוואָרן? איר זעט דאָך! איך בין געקומען אַהיים. איך בין געוואָרן אַ מיטגליד פון דער ר. ק. פּ. די אַלטע פריינט רופן מיך פאַר־רעטער. וואָס ווייסן זיי! איך בין געקומען אַהיים. איך האָב געפונען ארבעט. איך האָב געפונען זיך אַליין! ווייסט איר, וואָס דאָס הייסט: געפינען זיך אַליין?

חבר דימיטרי רוקט צו זיין פּנים גאָר נאָענט צו מיר. איך פיל דעם ריח פון זיין באָרד. איך זע גרויסע, יונגע, בלויע אויגן, וואָס שיטן אַ הייסן פייער.

אין עס הימל שטייט שוין די זון. מאַסקווע איז דורכגעשאָסן מיט פײַלן פון ליכט. מאַסקווע הויבט אָן אַ נײַעם טאָג.

:: :: ::

אין אַ וואָך אַרום האָב איך באַגעגנט דימיטרי'ן מיט אַ יונגן מאַן, פונקט אַזאַ הויכן ווי ער, אָבער מיט אַ שטײַפערן געגאָלטן פּנים. ביידע זײַנען געגאַנגען איבער מאַכאָוואַיאַ, און ס'איז געווען מאָדנע, וואָס דער אַלטער דימיטרי האָט געהאַלטן דעם יונג בײַ דער האַנט, ווי אַ קינד.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מינוט. דימיטרי האָט געזאָגט מיט אַ פריילעך קול:

— מײַן זון. אַ באָלשעוויק.

דער זון האָט זיך פאַרנויגט און אָפּגעטראָטן אָן אַ זײַט, כדי צו לאָזן אונז רעדן אומגעשטערט.

דימיטרי האָט זיך צוגעבויגן צו מיר און הײם געפּליסטערט אין מײַן אויער:

— ער איז די גאַנצע צײַט געווען אין רוסלאַנד. געווען אַ פּאַרטיי־מאַן פון 1917 אָן. ער איז געוואַלדיק שטאָלץ מיט זײַן נײַ־געפונענעם פאָטער.

אין דימיטרי'ס אויגן האָט געלייכט דער יונגער אָנשטעקנדיקער פײַער פון פרייד. ער האָט זיך אומגעקערט צום זון און אים ווידער גענומען פאַרן האַנט. שוין גייענדיק אין דער ריכטונג צום אוניווערזיטעט, האָט ער זיך אויסגעקירעוועט און מיר אַ וואָרף געטאָן פון ווײַטן:

— ס'איז גוט צו לעבן אויף דער וועלט, האַ?

מען לערנט

1931.

די חבר'טע נאָוויקאָווא איז אַלט 23 יאָר. זי איז די טאָכטער פון אַן אַרבעטער און האָט צו זעכצן יאָר אָנגעהויבן אַרבעטן אין פאַבריק. צוריק מיט אַ יאָר האָט מען זי אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט און אַריינגעזעצט אין דער קולטור־אָפּטיילונג פון דעם פאַבריק־קאָמיטעט. די פאַבריק הייסט „רויטער ריז" („קראַסני באָגאַטיר") און פאַרמאָגט זיבן טויזנט אַרבעטער, מערסטנס פרויען. צווישן די פרויען זיינען דאָ אַ סך אָפּגעשטאַנענע, אַ סך פויערטעס, וואָס זיינען ערשט ניט לאַנג געקומען פונעם דאָרף. די חבר'טע נאָוויקאָווא האָט געהאָלפן פאַרשפּרייטן צווישן זיי קולטור. צום אַלעם ערשטן האָט זי געדאַרפט אויסלערנען עטלעכע הונדערט עלטערע פרויען לייענען און שרייבן. זי האָט אָרגאַניזירט אַ קולטור־אַרמיי פון אַכציג יונגע אַרבעטערינס, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער פרייע צייט צו לערנען די אַנאַלפאַבעטן. איינינע האָט מען געדאַרפט לערנען אינדיווידועל, ביי זיי אין דער היים. אין דער זעלבינער צייט האָט די חבר'טע נאָוויקאָווא זיך אינטערעסירט מיט אַלע אַנדערע טיילן פון דער קולטור־אַרבעט אין פאַבריק. זי איז אַ טוערין אין קלוב. זי האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן דעם טעאַטער. זי האַלט אַן אויג אויף דער קינדער־שול. זי איז אַ מיטגליד פון דער בילדונגס־אָפּטיילונג ביים ראַיאָן־סאָוועט. זי האָט אָנגעפילט אירע טעג און נעכט מיט אַן אומגעהויערער מאַסע אַרבעט.

היינטיגן פרילינג האָט זי דערלעבט צו זען, אַז איר פאַבריק איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן רויטן טאָוול אַלס איינע פון די בעסטע אין פּרט פון ליקווידירן דעם אַנאַלפאַבעטיזם. וועגן דעם איז געשטאַנען אויף דער ערשטער זייט פון דער סאָוועטישער גרויסער פרעסע. ניט נאָר האָט מען אויסגעלערנט יעדע עלטערע פרוי לייענען און שרייבן, נאָר מ'האָט זיי געגעבן אין די האַנט אַריין אַ צייטונג און אַ בוך. מען גיט אַכטונג, אַז זיי זאָלן אויסנוצן זייער לייענען וואָס ברייטער. איינינע פון די פרויען האָבן אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינטלעכע פיִאיגקייטן און מען האָט זיי אַרויסגערוקט אויף פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלעס. די געשעפטס־פאַרוואַלטערין פונעם האָספּיטאַל איז איינע אַזאַ „אַרויסגערוקטע" עלטערע פרוי. אין דער ביבליאָטעק אַרבעט אַן אַנדערע פון אָט די ניי־דערוואַכטע מענטשן.

איך האב גערעדט מיט דער חבר'טע נאוויקאווא. זי האט גראע אומ־שולדיגע אויגן, א בלאס־געלבלעכן פנים און א דינע פיגור. זי איז א פאר מאל געווען קראנק אין די לעצטע יארן, און דריי חדשים האט מען זי געהאלטן אין א פראפילאקטאריום — א מין הייל־אנשטאלט פאר אפגעשוואכטע צו פארהיטן זיי פון א קראנקהייט. איך רעכן ניט, אז זי איז זייער שטארק אין געזונט. היינטיגן זומער האט זי געבעטן מען זאל זי אפלאזן אויף א חודש, האבן די חברים געזאגט: מען דארף זי האבן; מען קען זיך אן איר ניט באגיין. איז זי געבליבן.

זי האט מיר א סך דערציילט וועגן לעבן פון דער פאבריק (מען פאב־ריצירט דארט קאלאשן), וועגן ענדערונגען אין דער קולטור־ארבעט, וועגן דער ראלע פון דער פרוי אין די פארשיידענע זייטן פון דעם לעבן. צום סוף האט זי זיך א ביסל צערעדט וועגן זיך אליין. זי וויל זיך לערנען. זי וועט מסתמא גיין אין אוניווערזיטעט. דערווייל העלפט זי ארויס אן אלטן טאטן, וואס לעבט אין דארף.

חבר'טע נאוויקאווא איז א וויכטיגע קולטור־קראפט, אבער אליין האט זי זייער ווייניג בילדונג. זי מאכט אפט א טעות אין גראמאטיק. דאס שטערט איר ניט זיין א בויערין פון דער נייער ארדענונג. אזוינע נאוויקאוואס זיינען דא אין די הונדערטער טויזנטער. זיי זיינען א געוואלטיגע קולטור־קראפט.

:: :: ::

חבר'טע פאנקראטאווא איז די טאכטער פון א פויער, נאר זי איז עלטער פון חבר'טע נאוויקאווא מיט צען יאר. חבר'טע פאנקראטאווא האט זיך פרי אנגעהויבן לערנען; זי האט געארבעט צו פארדינען זיך אויפן לעבן — און געלערנט אין די פרייע מינוטן. זי איז פרי צוגעשטאנען צו דער באלשעוויס־טישער פארטיי און ווען די רעוואלוציע איז געקומען, האט זי זיך עטלעכע יאר אקטיוו באטייליגט אין בירגער־קריג. שפעטער האט זי זיך ערשט גענומען צום לערנען. זי האט דורכגעמאכט דעם אינסטיטוט פון רויטער פראפעסור און זיך דערווארבן א סאלידן באגאזש פון וויסן. צוויי מאל האט מען זי געשיקט קיין אויסלאנד צו שטודירן ספעציעלע פראגן. איצט איז זי א מיט־גליד פון דער קאמוניסטישער אקאדעמיע און רעדאקטאר פון אן ערנסטן וויסנשאפטלעכן זשורנאל וועגן דער געשיכטע פונעם ארבעטער־קלאס אין רוסלאנד. זי שרייבט אליין גרויסע וויסנשאפטלעכע אונטערזוכונגען און זי פארבעסערט די ארבעטן פון אנדערע אונטערזוכער.

איך בין געזעסן אין חבר'טע פאנקראטאווא'ס קאבינעט. א קליינער צימער אין אן ארעמער מאסקווער גאס אויף דער טאגאנקע. ביכער אין דריי

שפּראַכן אומעטום — אויף פּאַליצעס, אויף טישן, אויפן פּאָל. קאַרעקטורן פון נאָך ניט אָפּגעדרוקטע בויגנס. אַן אַטמאָספערע פון אָנגעשטרענגטער, עקשנות׳דיגער אַרבעט. און אַ קוק געבן אויף חבר׳טע פּאַנקראַטאָוואַ, וואָלט מען צווישן איר און נאַוואָקאָוואַ ניט געפונען קיין גרויסן אונטערשייד. די זעלביגע מאַנירן. די זעלביגע וואַרימע פּשוט׳קייט. דאָס זעלביגע פאַרגעסן וועגן זיך. דאָס זעלביגע פלאַמען אין פּראָצעס פון אַרבעט. פון דער חבר׳טע פּאַנקראַטאָוואַ, וועלכע האָט אַזוי פיל איבערגעלעבט אין די לעצטע פערצן יאָר, ווייעט מיט אַזאַ פרישקייט, דירעקטקייט, אָפנהערציגקייט, וואָס מיר אין אַמעריקע ווייסן גאָר ניט דערפון. זי איז ביי זיך פונקט אַזאַ חשוב, ווי אַ גוטער שלאָסער אָדער קעסל-הייצער אָדער מאַשיניסט. ס׳איז אַרבעט! ס׳איז גוטע, לעבעדיגע, ניצלעכע און אינטערעסאַנטע אַרבעט. עס פאַרכאַפּט. עס מאַכט לייכט דאָס לעבן.

דעריבער קען חבר׳טע פּאַנקראַטאָוואַ לאַכן אַזוי הילכיג און זיך באַציען צו מענטשן אַזוי פריינטלעך, ווי דאָס האָט קיינמאָל ניט געקענט זיין דער פאַל מיט אַ דייטשישן אָדער אַמעריקאַנישן פּראָפעסאָר. זי ווייסט מער פון זיי. זי קען צו-נישט מאַכן זייערע טעאָריעס, זייערע אויספירן, זייער גאַנצע קלאָפּערגעצייג. אָבער זי אַליין איז ניט אויפגעבלאָזן, ניט זעלבסטבאַוואוסט. זי איז אַ חבר׳טע. זי רעדט צו מענטשן מערסטנס אויף „דו" און אַלע, באַקאַנטע און אָפטמאָל אומבאַקאַנטע, זאָגן איר אויך „דו". ביי אונז ווייסט מען ניט פון אָט דעם נייעם טיפּ מענטשן. ער איז אַ סאָוועטישער פּראָדוקט. ער איז אַן איבערגאַנג צו אַ נייער געזעלשאַפט. ס׳איז דער טיפּ פון אַ פּראָלעטאַרישן הויך-געבילדעטן געלערנטן, וואָס שטייט מיט ביידע פיס אין דער טאָג-טעגלעכער אויפבוי-אַרבעט און וואָס נוצט זיין קענען צו אויסבעסערן און פאַרבעסערן אָט די אַרבעט. ס׳איז אַ מענטש, וואָס אַרבעט מיט די געצייגן פון וויסנשאַפט, ווי דער קוילן-גרעבער אַרבעט מיט זיין לאָם און האַק, ווי חבר׳טע נאַוויקאָוואַ אַרבעט מיט איר קנאַפּן וויסן. ס׳איז אַ טייל פון אַ קאָלעקטיוו, וואָס שטעלט דעם צוועק פון קאָלעקטיוו העכער פונעם פּערזענלעכן לעבן און וואָס איז דעריבער שטענדיג פריי, שטענדיג זיכער, שטענדיג פול מיט דער פרייד פון שאַפן.

:: :: ::

אי לערנען זיי זיך!

מען גראָבט זיך אַריין מיט די שאַרפע ציין אין די האַרטסטע וויסנשאַפטלעכע שטאָפן. מען פאַרהאַלט זיך צום לערנען פונקט אַזוי ווי צו דער

פראגע פון פארענדיגן די פיאטילעטקא (פינף־יאר־פלאן) אין פיר אדער פערט־האלבן יאר. מען ווייזט ארוים א מורא'דיגע ענערגיע, אן איבערמענטשלעכע עקשנות.

דער סאוועטן־פארבאנד איז דאס איינציגע לאנד, וואו אזא זשורנאל, ווי „אונטער דער פאן פון מארקסיזם", ווערט פארקויפט אין גאס, אין קיאסקן (סטענדס). דאס איז א זשורנאל פון דריי־פיר הונדערט זייטן גרויס־פארמאט אנגעפילט מיט שווערע וויסנשאפטלעכע אפהאנדלונגען וועגן פילאזאפישע און עקאנאמישע פראגן. דער זשורנאל ווערט פארקויפט אין א מאסע עקזעמ־פליארן. מען צעכאפט אים.

נאר א קלאס, וואס שטייט אויף פון קנעכטשאפט צו פרייהייט, נאר א קלאס, וואס ווערט דער בויער פון זיין אייגן לעבן און דער איינפירער פון א נייער סאציאלער ארדענונג, קען זיך אזוי לערנען.

ארבעט און לערנען! לערנען און ארבעט! אויף די צוויי זיילן שטייט דער סאציאליזם.

אי ארבעטן זיי!

נאר דאס איז שוין ווידער אן אנדער געשיכטע.

:: :: ::

קום איך אין אוונט צו מיינעם א פריינט, א סאוועטישן קולטור־טוער. לאזט מען מיר וויסן, אז פאשא, די הויז־ארבעטערין, גייט זיך קוואליפיצירן.

פאשא איז צוריק מיט א שטיקל צייט געקומען פונעם דארף. ווי א סך פון אירע חבר'טעס, האט זי זיך פארדונגען צו ארבעטן אין א הויז. קיין „דינסטן" איז אין סאוועטן־פארבאנד ניטא. ס'זיינען דא מיטגלידער פון דער יוניאן (פראפאראיין), וואס שטייען אונטער דער שוץ פון פראלעטארישן געזעץ און וואס טוען הויז־ארבעט לויט פעסט־אויסגעארבעטע כללים און לויט א באשטימטן טאריף. ארבעטן ארבעט מען פיר טעג — דער פינפטער איז פריי. וועגן „באלעבאסטעס" און „מענטשן" קען דא שוין ניט זיין קיין רעדע, פונדעסטוועגן איז הויז־ארבעט פארעכנט פאר איינעם פון די איינ־פאכע פראפעסיעס און ווערט נידעריג באצאלט. האט זיך אונזער פאשא מישב געווען: זי וועט גיין אין פאבריק. זי וויל ניט אנדערש ווערן א מעטאליסטקע. זי האט שוין וועגן דעם אריינגעגעבן א מעלדונג אין א פאבריק. זי וועט באלד קריגן א פלאץ, זי וועט אונטערהארעווען א שטיקל צייט ביז זי וועט זיך אויסלערנען די מלאכה, דערפאר וועט זי זיין א קוואליפיצירטע פראלעטארקע, א מעטאליסטקע, אן ארבעטערין, וואס שטייט אין די ערשטע

רייען פונעם אַרבעטער־קלאַס. זי וועט זיך אויפהויבן העכער אין דער פּראָלעטאַרישער וועלט.

:: :: ::

די יוגנט. זי איז פול מיט שטורעם־קרעפטן, מיט אומגעהויערן אימפּעט. זי ברענט. זי איז אָרגאַניזירט, געזונט, קלאַפּ־פייאיג, זי אַרבעט — און זי פרייט זיך מיט אַ ליכטיגער, פאַרכאַפּנדיגער פרייד.

געווען אויף אַ פאָרשטעלונג פונעם „טראַם" (טעאַטער ראַבאָטשעי מאָלאָדיאָזשי — טעאַטער פון דער אַרבעטער־יוגנט). דער שפּילער־קאָלעקטיוו רופט זיך: „קינסטלערישער אַגיטפּראָפּ ביים קאָמסאָמאָל" און באַשטייט פון יונגע אַרבעטער, וואָס בייטאָג אַרבעטן זיי און ביינאַכט שפּילן זיי טעאַטער. זיי מאַכן אַליין די פּיעסן און דעקאָראַציעס — און זיינען פריש, פריילעך און איידל־קרעפטיג. וועגן דעם טעאַטער וועלן מיר נאָך האָבן אַ געלעגנהייט צו רעדן — אָבער טוט אַ קוק אויפן עולם.

אַלע בענקלעך אויבן און אונטן באַזעצט מיט יוגנט. אַרבעטער־יוגנט! קאָמסאָמאָלקעס. פאַבריק־יוגנט. סטודענטיש־פּראָלעטאַרישע יוגנט. די באַוועגונגען — פריי, נאַטירלעך. דער שמועס — ליכט, אומגעצוואונגען. שטיפעריש, אָבער קולטורעל, געצאַמט, אָרגאַניזירט. אַ שטראָם פון לעבן. אַן ענערגיע, וואָס גיט זיך איבער די ברעגן. אַ בויגיגקייט אין האַלטונג, אַן אימפּעט אין אויסדרוק. און דערביי לוסטיג!

האָט זיך געענדיגט דער אַקט, איז מען אַרויס אין ברייטן קאָרידאָר — און דאַוואַי זינגען! האָט זיך געבילדעט אַ כאָר פון אפשר צוויי הונדערט שטימען. האָט מען געזונגען הויך, פריי און האַרמאָניש. האָבן אַ ביסל ווייטער אַנדערע גרופּן געשמועסט עפּעס אַזאַ וויכטיגס און פאַרכאַפּנדיגס. האָט אין אַ דריטן פונקט זיך געפורעמט אַ קרייז — און אינמיטן האָט אַ פּאָרל געטאַנצט צום טאַקט פון אַ פריילעכן זמר'ל און פּלעסקעריי. נאָך דער פאָרשטעלונג האָט מען זיך אַ שאָט געטאָן אין דער ליכטיגער מאָסקווער נאַכט אַריין, האָבן די גאַסן אָפּגעקלונגען מיט אַזוינע הילכיגע קלאָרע קולות, האָט מען זיך אַוועקגעלאָזט אין אַלע זייטן — האָט זיך געפילט, אַז דאָ גייען די איינגנטלעכע באַלעבאַטים: ס'איז זייער מאָסקווע, ס'איז זייער מאָרגן, ס'איז זייער סאָציאַליזם; זיי שטעקן שוין מיטן קאָפּ אין ליכט פונעם נייעם טאָג.

באַגעגעניש ן

1931.

װערא

װערא איז אַ פּראָלעטאַרקע. נאָך מער — זי איז אַ פאַבריק־אַרבעטערין. נאָך מער — זי איז אַ קאָמסאָמאָלקע. איך װײס ניט, װער איר טאַטע איז געװען, אָבער איר מאַמע קען איך גוט. איר מאַמע איז אַן עלטערע פרױ, װאָס איז אױסגעשטאַנען גענוג עלנט. דער מאַן איז געשטאָרבן און האָט זי איבערגעלאָזט אַן אַלמנה מיט 7 קינדער. די רעװאָלוציע האָט זי געטראָפן אין ריגע. פון ריגע איז זי מגולגל געװאָרן קיין סאַראַטאָװ, פון סאַראַטאָװ קיין טאַשקענט, פון דאָרט קיין אָדעס און פון אָדעס קיין מאָסקװע. ניט גרינג איז איר אָנגעקומען צו דערציִען די קינדער. זי האָט זײ אָבער אַלע „געמאַכט פאַר מענטשן". זײ אַרבעטן אין פאַבריקן און אַנשטאַלטן. אײניקע זײנען קאָמוניסטן. װערא איז די אינגסטע.

װערא איז קלײנגעװאַוקסיג. זי האָט קלאָרע טונקעלע אױגן און אַ געשניצט אײדל פּנים'ל. אַ קוק טאָן אױף איר — איז זי גאָר אַ קינד. זי זאָגט אָבער מיט שטאָלץ, אַז זי איז שױן באַלד 18 יאָר אַלט. אין פאַבריק אַרבעט זי שױן צװײ יאָר. די פאַבריק פּראָדוצירט פײנע אינסטרומענטן, װאָס װערן געברױכט אין לאַבאָראַטאָריעס. די אַרבעט פאָדערט פּינקטלעכקײט און אַ געװיסע שטופע קולטור.

די מײדל האָט זיך אױסגעצײכנט. ס'האָט אַמאָל געטראָפן, אַז דער אױפזעער (פאָרמאַן) איז ניט געקומען אין שאַפּ. דער גאַנצער שאַפּ איז געבליבן װי אָן אַ קאָפּ. דער אױפזעער האָט אָלעמען אַרױסגעגעבן אַרבעט און געװיזן װי דאָס צו טאָן. װערא האָט געזאָגט, אַז זי װעט פאַרנעמען זײן אָרט. זי האָט פונקציאָנירט װי אַן אױפזעער עטלעכע טעג. פון דעמאָלט אָן װערט זי פאַררעכנט פאַר אַ געהילף־אױפזעער און די אַרבעטער באַציִען זיך צו איר מיט אַכטונג. צװישן די אַרבעטער זײנען דאָ יונגען פון 30 און 40 יאָר, װאָס זײנען צװײ מאָל גרעסער פון איר.

אַלס קאָמסאָמאָלקע באַטײליגט זיך װערא אין מיליטערישע איבונגען אײן מאָל אַ װאָך. זי טוט אָן אַ גראָ מיליטעריש קלײדל און אַ העמדל מיט מיליטערישע קנעפּ. זי איז די קלענסטע אין דער ראָטע און ס'איז איר שװער

צו האַלטן טריט מיט די בחורים אויפן רעכטן פלאַנג. אָבער זי איז אַ גוטע קעמפערין און זי האַלט זיך גוט אין סטראָי.

איינמאָל באַגעגן איך זי אין גאַס. איך האָב זי אייגנטלעך ניט דער־קענט, ווייל זי האָט געטראָגן אַ גרויסע ביקס, וואָס האָט פאַרשטעלט אַ טייל פון איר פּנים. זי האָט מיך אָפּגעשטעלט, מיך אָנרופנדיג ביים נאָמען.

— וואו גייט איר? — פרעג איך זי.

— איר זעט דען ניט? איך גיי זיך לערנען שיסן.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז געווען שיס־טאָג ביים קאָמסאָמאָל. די גאַנצע דערשיינונג האָט געמאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק: אַ קליין מיידעלע מיט אַ גרויסער ביקס. עס האָט אויסגעזען, אַז די ביקס איז גרעסער פון דער מיידל. נאָר נישקשה, מען וועט שיסן. אַזוינע ווערא'ס וועלן געוויס צונוץ קומען אין פאַל פון מלחמה.

יענעם טאָג האָט מיר ווערא דערציילט אַ נייעס: זי גייט אין אוני־ווערזיטעט. די פאַבריק האָט זי אַרויסגערוקט, ד. ה. די פאַבריק האָט זי רעקאָמענדירט, אַז זי טויג זיך צום לערנען. ווען זי וועט ענדיגן, וועט זי דאַרפן זיין אינזשענער טאַקע אין דער זעלביגער פאַבריק.

איך האָב זיך באַקענט מיט ווערא'ס שוועסטער און ברידער. אין זייער הויז האָב איך געטראָפן אַן איטאַליענישן חבר, וואָס האָט געאַרבעט אין דער אונטערערדישער איטאַליענישער פאַרטיי אונטער פאַשיסטישער הערשאַפט און איז נאָכדעם אַנטלאָפן פון אַ זיכערן טויט. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז ער אַ פּאָליטעמיגראַנט, וואָס געניסט דעם שוץ און אַלע פּריווילעגיעס פון דער סאָוועטישער מלוכה. דער חבר האָט זיך אויסגעלערנט רוסיש און ער אַרבעט אין דער זעלביגער פאַבריק, ווי ווערא. איך האָב ניט געדאַרפט האָבן קיין סך שאַרפזין צו דערקענען, אַז דאָ וועט זיין אַ שידוך. דער בחור, אַ מאַן פון אַ יאָר 34, האָט געגעסן ווערא'ן מיט די אויגן. ווערא האָט זיך גערויטלט אונטער זיינע בליקן.

חבר נאָום

חבר נאָום האָט אַ פול מויל מיט גאָלדענע ציין. פון אָנפאַנג פלעגן זיי מיך אַרן, נאָכדעם האָב איך זיך צוגעוואוינט און זיי שוין ניט באַמערקט. חבר נאָום איז אַ „טשעקיסט", ד. ה. ער איז דער עלטסטער פון דער „גע־פע־או" אין אַן אוקראַינישן ראַיאָן. ער איז אַ אידישער בחור פון אַ יאָר 30, אַ הויכער, אַ קרעפטיגער און מיט אַ מיליטערישן אויסזען.

איך האָב זיך מיט אים צערעדט וועגן בירגער־קריג און ער האָט מיר דערציילט, וואָס ס'איז געשען מיט זיינע ציין.

ס'איז געווען אין דער צייט פון בירגער־קריג. חבר נאָום האָט געדינט אין דער רויטער אַרמיי. מען האָט געמאַרשירט אויף וואַרשע און ער איז אַריינגעפאַלן אין פּוילישער געפאַנגענשאַפט. מען האָט אים דריי טעג גע־האַלטן פאַרשפּאַרט אין אַ לאָך אָן עסן, נאָכדעם האָט מען אים מיט נאָך עטלעכע רויט־אַרמייער גענומען צום פאַרהער. ס'איז געשטאַנען אַ פּוילישער פּאָלקאָווניק מיט עטלעכע פּוילישע אָפיצערן און יעדן רויט־אַרמייער האָט מען אויסגעפרעגט זיין אָפּשטאַם. צו פּויערים האָט מען זיך פאַרהאַלטן בעסער ווי צו אַרבעטער. פאַרדעכטיגע קאָמוניסטן האָט מען אָפּגעפירט אָן אַ זייט — און שפּעטער איז מען געוואויר געוואָרן, אַז מען האָט אַ טייל פון זיי דער־שאָסן. נאָום איז געשטאַנען און זיך צוגעקוקט צו דער פּראָצעדור. ווען ס'איז דערגאַנגען צו אים, האָט ער זיך פאַרשטעלט, אַז ער פאַרשטייט ניט — ניט פּויליש און ניט רוסיש. „איך האָב זיך פּשוט געמאַכט פאַר אַ תם", האָט ער מיר געזאָגט.

דער פּאָלקאָווניק איז געווען אָנגעצונדן ווי אַ פייער. די אָפיצערן האָבן געטופּעט מיט די פיס. מען האָט אים געשטורכעט אין זייט און געקלאַפּט איבער דער מאָרדע, אָבער ער האָט אַלץ גערעדט אויף אידיש. אידן האָט מען ניט ליב געהאַט אין פּוילן; מען האָט זיי איצט אויך ניט ליב: אָבער איינס האָט נאָום זיך דערשלאָגן מיט זיין אידיש — מען האָט אים ניט פאַר־דעכטיגט אין באָלשעוויזם. מען האָט געשיקט נאָך אַ אידישן איבערזעצער, אַ פּויליש־אידישן סאָלדאַט, און יענעם האָט חבר נאָום דערציילט אַלערליי נישט־געשטויגענע־נישט־געפלויגענע מעשיות, ווי אַזוי די באָלשעוויקעס האָבן אים פאַרכאַפּט מיט געוואַלט, ווי אַזוי זיי האָבן אים געצוואונגען אַריינצו־טרעטן אין דער רויטער אַרמיי און ווי אַזוי ער וויל קיין זאַך ניט, נאָר אומ־קערן זיך אַהיים קיין באַרדיטשעוו, „צו דער מאַמען".

— עס וויַיזט אויס, — זאָגט מיר חבר נאָום, — אַז זיי האָבן מיך פונ־דעסטוועגן אַלץ ניט גענוג געגלויבט. עפּעס בין איך זיי ניט געפעלן. אָבער זיי האָבן גאָרנישט ניט געקענט מאַכן. דער פּאָלקאָווניק האָט געהייסן מיך אָפּפירן אין תפיסה. איך האָב גערעכנט: איך בין אָפּגעקומען מיט אָט די פּאָר קלעפּ. אָבער דאָס איז ערשט געווען אַן אָנהויב.

מען האָט געשיקט מיט נאָום'ען אַן אָפיצער — און יענער האָט אים אָפּגעפירט אָן אַ זייט און גענומען שלאָגן. ער האָט אים צעקיילט און צעביילט,

ביז ער איז געפאַלן פון די פיס. דער אָפיצער האָט גערופן אַ פּאָר סאָלדאַטן, מען האָט אים אויפגעהויבן, אָפּגעגאָסן מיט וואַסער און ווידער געשלאָגן. ווען מען האָט אים שוין געבראַכט צו דער סאַמע טיר פון דעם מיליטערישן קאַר־צער, האָט דער אָפיצער גענומען זיין שווערד און מיטן שיידל געקלאַפּט נאָום'ען איבערן מויל. אַט אַזוי האָט ער אים אויסגעזעצט אַלע ציין.

— נאָכדעם, — זאָגט מיר חבר נאָום, — בין איך געוואויר געוואָרן, אַז דאָס איז אויך געווען צום גוטן. איך האָב אַזוי שטאַרק געבלוטיגט, אַז מען האָט מיך פאַרנומען אין שפּיטאָל. דאָרטן זיינען געווען אַ פּאָר דאָקטוירים, וואָס האָבן מיך באַהאַנדלט מענטשלעך. פון די אַרעסטירטע זיינען נישט קיין סך געבליבן ביים לעבן.

חבר נאָום האָט זיך אָפּגעוואַלגערט אין שפּיטאָל עטלעכע חדשים און נאָכדעם, ווען דער פרידן מיט פּוילן איז געשלאָסן געוואָרן, האָט ער זיך אומ־געקערט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. פון דעמאָלט אָן האָט ער פאַרנומען פאַר־שיידענע שטעלעס אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד. די גאָלדענע ציין האָט ער באַקומען אַ מתנה פון דער מלוכה.

— ווי געפעלט אייך דער דינסט אין דער גע־פּע־או? — האָב איך אים געפרעגט.

— דער דינסט איז גויטיג, און אונזער עקאָנאָמישע לאַגע איז נים שלעכט. איינס אָבער איז נים גוט: די נערוון זיינען צופיל אָנגעשטרענגט. עס איז אַ דינסט, וואָס פאָדערט יעדן טראָפּן ענערגיע און יעדן ברעקל ווילנס־קראַפט. עס מאַטערט אויס.

— און וואָס וואָלט איר געטאָן אין פאַל פון מלחמה?

— אָ, דאָס איז גאָרנים קיין פראַגע. אודאי וואָלט איך געגאַנגען אין קריג. איבעריגנס, זיינען מיר, טשעקיסטן, שטענדיג אין אַ צושטאַנד פון קריג. מיר זיינען מאָביליזירט געגן קלאַסן־שונא און מיר האַלטן מלחמה געגן פאַרראַט.

חבר נאָום'ס גאָלדענע ציין האָבן געגלאַנצט. אין זיינע אויגן איז געווען שטאָל. איך האָב געוואוסט, אַז חבר נאָום וועט גיין אין קאַמף און וועט שטאַרבן פאַר דער אַרבעטער־זאַך, אויב דאָס וועט פאָדערן זיין פליכט.

אַריינקומענדיג צו נאָום'ען אין צימער, האָב איך דערזען אויפן טיש אַ זשורנאַל וועגן מוזיק און אַ בוך נאָטן פון מאָדערנע קאָמפּאָזיטאָרס. איך האָב זיך פאַרוואונדערט.

— ווי קומט דאָס צו אייך? — האָט זיך ביי מיר ניט־ווילנדיג ארויס־געכאַפּט.

א שמייכל האָט צעעפנט חבר נאָום׳ס גאָלדענע ציין.

— איך אינטערעסיר זיך מיט מוזיק, — האָט ער א ביסל א פארשעמטער געזאָגט, — און איך שפּיל אַליין אויך א ביסל אויף דער פּיאַנאָ.

אין זיין יוגנט איז חבר נאָום געווען א בערשטער.

חבר׳טע אַננאַ

ווען חבר׳טע אננא האָט מיך ארומגעפירט איבער די פאַבריק־צעכן, האָט זי מיר אַלעמאָל אָנגעוויזן אויף די מאַשינען מיט איר רעכטער האַנט. אויף דער האַנט האָב איך געזען א רינגל מיט א מאָדנעם שטיין. דער שטיין איז געווען א רויטלעכער, און אינעם פייער פון די שמעלץ־אויוונס האָט ער גע־פינקלט מיט א גאָלד־גלאַנץ. איך האָב זיך בכלל געוואונדערט, וואָס חבר׳טע אננא טראָגט א רינג. צירונג איז ניט פארשפּרייט צווישן קאָמוניסטן, דער־הויפּט נאָך קאָמסאָמאָלקעס.

ווען מיר זיינען נאָכדעם געזעסן אין דעם קליינעם זייט־צימערל ביים פאַבריק־קאָמיטעט און חבר׳טע אננא האָט מיר געגעבן ציפערן וועגן דער פּראָדוקציע פון די שטאָל־אַפּאַראַטן, „סטאַנאָקעס“, וואָס ערשט צוריק מיט א יאָר האָט מען זיי אָנגעהויבן פּראָדוצירן אין סאָוועטן־פארבאַנד, האָב איך זי געפרעגט אויך וועגן דעם רינג.

— איר וועט מיר אַנטשולדיגן, — האָב איך געזאָגט, — וואָס איך מיש זיך אין אייערע פּריוואַטע זאַכן. איך וויל דאָך וויסן ניט נאָר וועגן דער גאַנצער סאָציאַלער אָרדענונג אין פ. ס. ס. ר., נאָר אויך ווי עס לעבן מענטשן. איבעריגנס איז דאָך דאָס לעבן פונעם קאָמוניסט בכלל ניט קיין „פּריוואַט־זאַך“.

חבר׳טע אננא האָט א הויב געטאָן אירע קאַרשן־אויגן און א לייכטע רויטקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט אונטער דער אַליוון־פארב פון אירע באַקן. זי האָט אויפגעהויבן די האַנט, א קוק געטאָן אויפן רינג, און ערשט איצט האָב איך באַמערקט, ס׳אַרא לאַנגע חנ׳עוודיגע פינגער זי האָט פאַרמאָגט. די נעגל זיינען געווען ראָז־פארביג, כאָטש איך בין זיכער, אז אננא האָט זיי ניט געפאַרבט.

— אָך, מיין פריינט, — האָט זי געזאָגט, — ווען איר וואָלט נאָר וויסן, וואָס פאַר מיר איז פאַרבונדן מיט אָט דעם רינג. איר זעט אָט דעם שטיין? ער שטאַמט דאָך פון מיין דערפל נישט ווייט פון סאַמאַרקאַנד. דער שטיין איז געווען אין דער בראָשקע, וואָס האָט געהאַלטן צונויפגעשפיליעוועט מיין שלייער, ווען איך בין געווען אַ פאַרהייראַטע פרוי.

און חבר'טע אננאַ האָט מיר דערציילט די געשיכטע פון איר יונגן, אָבער שטורעמדיגן לעבן. זי הייסט גאָרניט אננאַ. איר נאָמען פון דער היים איז כאַדזשיענטאַנאַ. זי איז געבוירן געוואָרן אין אַן „אַאול" — אַ דערפל אין צענטראַל־אַזיע, אין דער פאַמיליע פון אַ רייכן פאָטער. מען האָט זי פאַר־קנאַסט צו ניין יאָר. צו צוועלף יאָר האָט מען זי חתונה געמאַכט פאַר אַן אַלטן „בעי" — אַ פירשט מיט אַ סך קעמלען, אַ סך פערד, אַ סך דינער און עטלעכע ווייבער. זי איז געווען די איינגסטע. זי האָט אים פיינט געהאַט און זי האָט געבענקט נאָך פרייהייט. זי האָט געוואוסט, אַז אין דער שטאָט סאַמאַרקאַנד זיינען דאָ פרייע מענטשן, וואָס רופן זיך באָלשעוויקעס, און אַז די באָלשעוויקעס האָבן באַפרייט אויך די מאַכמעדאַנישע פרויען. אָבער זי איז געווען אַ קינד. זי האָט ניט געהאַט קיין מיטלען צו ווערן זיך געגן „איר" בעי. דער מאַן האָט צו איר צוגעשטעלט דינער, וואָס האָבן געהיט אירע טריט. זי האָט ניט געקענט אַרויסגיין פונעם הויז אָן אַ שמירה. זי האָט ניט געקענט רעדן מיט פרעמדע מענטשן, און שטענדיג האָט זי געמוזט טראָגן דעם שלייער, וואָס האָט פאַרשטעלט איר פּנים. דער שלייער איז געווען פאַר־שפיליעוועט מיט אַ בראָשקע. אין דער בראָשקע האָט געשטעקט אַן איידל־שטיין — אַ ירושה פון דעם מאַנ'ס עלטער־זיידע.

— מיט דער צייט, — זאָגט מיר חבר'טע אננאַ, — האָב איך אָנגעהויבן פיינט האָבן דעם שטיין פונקט אַזוי ווי איך האָב פיינט געהאַט דעם שלייער און דעם אַלטן פליכעוואַטן בעי. איך האָב געוואָלט לעבן. איך האָב געוואָלט זיין אַ מענטש צווישן מענטשן. ווען איך בין אונטערגעוואַקסן, איז מיט מיר אויך געוואַקסן מיין אומגעדולד — און פונקט אַזוי איז געוואַקסן אַרום מיר די וואַך. מיין אָנגעשטרענגטקייט, מיין בענקשאַפט, מיין צאָרן זיינען געווען אַזוי גרויס, אַז איך פלעג אָפט ביי מיר אין צימער אַרונטעררייסן פון מיין פּנים דעם שלייער, אַרויסרייסן די בראָשקע און זי טרעטן מיט די פיס. אָבער דאָס שטיק צירונג איז געווען געגוג שטאַרק. דערצו האָב איך געטראָגן שיך מיט ווייכע זוילן. די פרויען טראָגן ביי אונז שיך מיט ווייכע זוילן. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מיין גאַנצער צאָרן האָט זיך קאָנ־

צענטרירט אויף דעם שטיקל צירונג, אַקוראַט ווי דאָס וואָלט געווען דער שולדיגער פון מיין געפאַנגענשאַפט.

חבר'טע אַננאַ דערציילט מיר נאָכדעם אַ געשיכטע, וואָס קלינגט צו ראָמאַנטיש פאַר אייראָפּע און אַמעריקע, וואָס פּאַסט אָבער צו דער אַלגעמיינער לאַגע אין אָריענט. עס קומט אין זייער דאָרף אַריין אַ יונגער אוזבעק, וואָס מען זאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ קאָמוניסט. דער אוזבעק וויל ניט אויסזאָגן, אַז ער איז אַ קאָמוניסט, ווייל דאָס איז געפערלעך פאַר זיין לעבן: די בעיעס מיט די גלחים זיינען אַזוי שטאַרק, אַז זיי קענען אים לייכט אַפּראַמען פונעם וועג. דער אוזבעק פירט די אַרבעט געהיים. ער קאָנצענטרירט אַרום זיך די יוגנט. ער האַלט אָפּ געהיימע פאַרזאַמלונגען. ער גיט זיי פאַרשטיין די באַדייטונג פון דער סאָוועטישער אָרדענונג. ער מאָביליזירט דערהויפּט די אומפאַרמעגלעכע האַלב־פּראָלעטאַרישע פויערשע יוגנט. אַננאַ הערט־אונטער אַ געשפּרעך פון איר מאַן מיט זיינע פריינט וועגן דעם „אומגעבעטענעם גאַסט". זי ווענדט זיך צו אים נאָך הילף. זי טוט דאָס אויפן באַקאַנטן אָריענטאַלישן שטייגער. זי וואַרפט אים אַראָפּ אַ צעטעלע, ווען זי שטייט אויפן פלאַכן דאַך פון זייער הויז און יענער גייט פאַרביי. דער בחור העלפט איר אַנטלויפן. ווען זי גייט אַוועק פון איר מאַנ'ס הויז, נעמט זי ניט מיט קיין זאַך, נאָר דאָס פאַרהאַסטע שטיקל צירונג — פאַר אַן אָנדענק.

ניט אַזוי לייכט איז איר אָנגעקומען די באַפרייאונג. זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ נאָענטן דאָרף אינעם הויז פון אַ סאָוועטישן מענטשן גאַנצע עלף טעג. דער מאַן אירער האָט מאָביליזירט רייטער און מען האָט געהיט אַלע וועגן און שטעגן אויף אַ שטרעקע פון צענדליגער מייל. כדי פאָרט אַרויסצוגיין אומבאַמערקט פון יענער געגנט, האָט זי זיך אָנגעטאָן אין צעריסענע בעטלער־קליידער, זיך אויסגעטאָן באָרוועס, גענומען אַ פּעקל אויף די פּלייצעס און אַן אויסגעשמירטע, אַן איינגעבויגענע, זיך געלאָזט גיין איבער די וועגן. „אין אַזאַ געשטאַלט וואָלט מיך מיין אייגענע מאַמע ניט דערקענט", האָט זי מיר געזאָגט.

זי איז אָנגעקומען קיין סאַמאַרקאַנד איינע אַליין, אָן באַקאַנטע און אָן פריינט. זי האָט אַפילו מורא געהאַט זוכן באַקאַנטע. זי האָט צוויי יאָר אָפּגעדינט אַלס הויז־אַרבעטערין אין אַ פּריוואַטער פאַמיליע און דערביי אויסגענוצט די אָוונטן צו באַזוכן אַ שול. זי האָט זיך אויסגעלערנט רוסיש, האָט געלייענט ביכלעך, האָט באַקומען אַ פּאָליטישע אויפקלערונג — און איז סוף כל סוף אָנגענומען געוואָרן אויף אַ פאַבריק.

פון דאָרט איז דער וועג שוין געווען לייכט. מען האָט זי „אַרויסגערוקט"

אויף קאָמסאָמאָלישער אַרבעט. מען האָט זי געשיקט קיין מאָסקווע. אין פֿאַבריק איז זי „צוגעפֿעסטיגט" אויף אַ צייט. זי איז צופֿרידן מיט איר לעבן — און איר „הייראַט" קומט איר איצט אויס ווי אַ בייזער חלום.

— נו, און דער שטיין? — האָב איך זי דערמאָנט.

אַננאַ האָט זיך ווידער פֿאַררויטלט.

— איך מוז זיך דאָ מודה זיין אין אַ שוואַכקייט, — האָט זי געזאָגט. — מיר האָט זיך ניט געוואָלט שיידן מיטן עדות פֿון מיין פֿאַרשקלאַפֿונג. דאָס ערשטע מאָל, ווען איך בין אַוועק פֿון דעם בעי'ס הויז, האָב איך קודם גענומען אַ שטיין און געוואָלט צעברעכן די בראָשקע. עס האָט אָבער ניט געהאָלפֿן. דאָס גאָלד איז צעברעקלט געוואָרן, דער שטיין איז געבליבן. אַ פֿעסטער שטיין. איך האָב אים מיטגענומען מיט זיך. ווען איך בין געקומען אַהער, האָב איך צו אים אָנגעהויבן פֿילן אַ צערטלעכקייט, ווי מען פֿילט אַמאָל צום אָנדענק פֿון פֿאַרגאַנגענע ליידן. איך האָב אים איינגעפֿאַסט אין אַ רינג. זאָל ער בלייבן. זאָל ער מיר דערציילן ווי אַזוי די סאָוועטן באַפֿרייען אונזערע פֿרויען.

ס'איז געווען אַ שטאָלץ אין אַננאַ'ס רייד און, קוקנדיג אויף איר, האָב איך זיך דערמאָנט וועגן די טויזנטער און טויזנטער אָריענטאַלישע פֿרויען, וועמען די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור האָט געוויזן דאָס ליכט פֿון פֿרייהייט.

באַפרייטע פרויען

1934.

חבר'טע אַניסימאָוואַ

די חבר'טע אַניסימאָוואַ איז די פאָרזיצערין פון אַ קאָלכאָז מיט 230 מיטגלידער. איר קאָלכאָז, כאָטש ניט זייער קיין גרויסער, איז פאַררעכנט צווישן די בעסטע. פאַרוואַלטן מיט אַ קאָלכאָז איז ניט קיין סך לייכטער, ווי פאַרוואַלטן מיט אַ פאַבריק. דער קאָלכאָז (קאָלעקטיווע פאַרם) איז אַ גרויסע באַלעבאַטישקייט, מיט אַ סך בערד, מיט אַ סך קי און חזירים, מיט פאַרשיידענע פעלדער און גערטנער, מיט אַלערליי מאַשינעס, מיט אַ גאַנצן שטאַב אָנגעשטעלטע ספּעציאַליסטן: אַן אַגראָנאָם, אַ וועטערינאַר אַ מאַשיניסט, אַ בוכהאַלטער. אין קאָלכאָז איז דאָ אַ ד־יאָר־־ע שו־, אַ ביבליאָטעק, אַ לייען־שטיבל, אַ קלוב, אַ קינאָ, וואוהין עס קומען אויך באַזוכער פון די שכנ'ישע קאָלכאָזן. הכלל, ווי זאָגט די חבר'טע אַניסימאָוואַ: „מען דאַרף האַלטן אַן אויג אויף אַלצדינג."

די חבר'טע אַניסימאָוואַ איז אַ פויערטע פון אַ יאָר 39, מיט אַ גרויסן גראָב־געשניטענעם פּנים, מיט אַן עכט־רוסישער פאַררייסענער נאָז, מיט גלאַט־צוריקגעקעמטע זאַמד־בלאָנדע האָר, וואָס זי פאַרוויקלט הינטן אין אַ קובליק, מיט צוויי לענגלעכע טונקעלע אויגן. איר פּנים איז אַ ביסל פלאַך, אָבער די אויגן באַלעבן אים. אירע ליפּן זעען אויס טרוקן, און ווען זי רעדט, פּרעסט זי זיי שטאַרק צונויף.

די חבר'טע אַניסימאָוואַ דערציילט מיר, אַז צוריק מיט זיבן יאָר איז זי נאָך געווען „בעזגראַמאָטנע": זי האָט ניט געקענט לייענען און שרייבן. אויף אַן אמת לייענען האָט זי אָנגעהויבן ערשט צוריק מיט אַ יאָר פינף, אָבער קוים האָט זי דערפילט, אַז זי קען שוין „דורכקריכן" אַ בוך, האָט זיך אין איר דערוועקט דער פאַרלאַנג צום לערנען. מסתמא האָט זי זייער גוטע פיאַיגקייטן, ווייל אין אַ פּאָר יאָר האָט זי געענדיגט אַ קורס, וואָס איז גלייך צום קורס פון אַ האַי־סקול אין אַמעריקע. צוזאַמען מיט דער פּאָליטישער אויפקלערונג, וואָס זי האָט באַקומען, איז זי געוואָרן אַ געבילדעטע פרוי. זי האָט זיך געוואָלט ווייטער לערנען, זי האָט זיך געריסן אין אוניווערזיטעט, אָבער דאָ זיינען אונטערגעקומען די געשעענישן אינעם קאָלכאָז. זי האָט

זיך אַריינגעצויגן אין דער אַרבעט פֿונעם קאָלכאָז. זי איז געוואָרן אַן אַק־טיוויסטקע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט די פֿייאיקייט צו אָרגאַניזירן.

ווי אַזוי, אַשטייגער, האָט זיך דאָס אַרויסגעוויזן? זי טוט אַ שמייכל און אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: עך, קליינינקייטן, ניטאָ פֿון וואָס צו רעדן. מען האָט זי מיט אַנדערע פֿרויען געשטעלט גראָבן קאַרטאָפֿל. ס'איז ניט קיין שווערע אַרבעט און יעדע פֿויערטע האַלט זיך דאָ פֿאַר אַ ספּעציאַליסטקע. די חבר'טע אַניסימאָוואַ האָט אָבער איינגעזען, אַז ווען מען שטעלט זיך אויס אויף אַ געווויסן אופֿן און מען צעטיילט דערביי די אַרבעט, אַזוי אַז די וואָס גראָבן פֿאַרשפּאָרן אַרויסנעמען די קאַרטאָפֿל פֿון דער ערד און די וואָס נעמען זי אַרויס פֿאַרשפּאָרן זי טראָגן צו דער קופּע, און בכלל ליגט מען גאָר ניט צונויף די קאַרטאָפֿל אין אַ קופּע, נאָר מען האָט אַ פֿאַרטיגן וואָגן, אין וועלכן מען שיט זי אַריין, פֿאַרשפּאָרט דאָס אַ סך אַרבעט. ס'איז אַ קליינינקייט, אָבער דורך אַזוינע „קליינינקייטן" פֿאַרבעסערט מען די אַרבעט און מען באַקומט אַ גרעסערע גערעטעניש. פֿון אַזוי קליינינקייטן וואַקסן אויס גאָר גרויסע רעזולטאַטן.

נו, האָט מען די חבר'טע אַניסימאָוואַ אינגיכן געמאַכט פֿאַר אַ בריגאַדיר, ד. ה. אַן אָנפֿירערין פֿון אַ גרופּע פֿון דרייַ צענדליג פֿויערטעס. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איר בריגאַדע אַרבעט גוט. די חבר'טע אַניסימאָוואַ האָט געוואוסט, ווי צו דערמונטערן „אירע" פֿויערטעס, ווי צו שאַפֿן אַ לעבעדיגע שטימונג און טאַקע פֿאַנאַנדערשטעלן יעדע פֿרוי אויף דעם ריכטיגן פּלאַץ און מיט די ריכטיגע געצייגן. באַלד איז איר בריגאַדע געוואָרן די ערשטע אין קאָלכאָז. אויף איינעם פֿון די ימים־טובים פֿאַראיאָרן הערבסט האָט מען די בריגאַדע פּרעמירט: מען האָט איר געגעבן ניט נאָר אַ פֿאָן, נאָר יעדער מיטגליד האָט באַקומען אַ מתנה, — ווער אַ שאַל און ווער אַ פּאָר שיך. די חבר'טע אַניסימאָוואַ האָט באַקומען אַ „סעט" לענינ'ס ווערק (זי קלאָגט זיך נאָר, אַז, צום באַדויערן, האָט זי קיין צייט ניט צו לייענען אָט די אַלע בענד, אָבער פֿאַרלאָזט זיך אויף איר — זי וועט שוין „אַריינכאַפּן" ווי ניט איז).

ווייטער גייט שוין דער אויפֿשטייג פֿון דער חבר'טע אַניסימאָוואַ גאָר שנעל. זי ווערט פֿריער „זאַווכאָז" — פֿאַרוואַלטערין איבער דעם אינווענטאַר פֿון דער פֿאַרם, און שפּעטער ווערט זי אויסגעקליבן אַלס פֿאָרזיצערין. זי ווערט די אמת'ע באַלעבאָסטע איבער דער גאַנצער באַלעבאַטישקייט און פֿאַר־אַנטוואָרטלעך פֿאַרן דערפֿאָלג פֿון דער גאַנצער אונטערנעמונג.

די חבר'טע אַניסימאָװאַ איז אָנגעלאָדן מיט אַרבעט ביז איבערן קאָפּ. מען דאַרף ניט נאָר פאַרװאַלטן — מען דאַרף זײַן „אַפּ טו דהי מינוט" אין אַלע פראַגן פון דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק. מען מוז װיסן אַלע באַשלוסן פון דעם צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַלע באַשלוסן פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט און דעם פּאָליט־ביוראָ נאָכן צוזאַמענפאָר. מען מוז האָבן געלייענט און דורכגעאַרבעט די לעצטע פאַראָרדענונגען פונעם קאָלכאָז־צענטער. מען דאַרף נאָכפאָלגן, װאָס עס טוט זיך אין אַנדערע קאָלכאָזן און אין דער לאַנדװירטשאַפט בכלל. דערבײַ איז חבר'טע אַניסימאָװאַ אַ מיטגליד פונעם דאָרף־סאָװעט און אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער „יאַטשעיקאַ" (נוקלעוס). איר אַרבעט ברענגט זי אָפט אין דעם ראַיאָן־צענטער און װײַטער אויך. זי איז שוין איינמאָל געװען אויף אַ צוזאַמענפאָר אין מאָסקװע.

איך דערמאָן דאָס אַלעס, כדי מיר זאָלן קענען פאַרשטיין דאָס פאַמיליען־לעבן פון דער חבר'טע אַניסימאָװאַ.

זי איז פאַרהייראַט שוין 22 יאָר. פּויערשע מיידלעך פלעגן חתונה האָבן זייער יונג. איר מאַן איז עלטער פון איר מיט אַ יאָר פיר. ער איז אַ געזונטער, שיינער, הויכער פּויער, מיט רױאיגע בלויע אויגן אונטער אַ טשופּרינע בלאָנדע האָר און מיט לאַנגזאַמע באַװעגונגען. זיי האָבן צוזאַמען פיר קינדער, פון װעלכע דער עלטסטער יונג איז 18 יאָר אַלט. דער מאַן האָט זיך ניט אַזוי שנעל אַנטװיקלט, װי זײַן פרוי. דער אמת איז, אַז ער איז אַן אָפּגעשטאַנענער. און דער אמת איז אויך, אַז ער איז גאָר ניט שטאַרק צופרידן מיט דעם אויפשטײַג פון זײַן פרוי. זי איז אַרױס פון זײַן רשות. זי איז אים אַריבערגעװאַקסן. אַ סך פרויען אין אַזאַ לאַגע פאַרלאָזן זייערע מענער: זיי קענען מיט זיי מער ניט לעבן. זיי האָבן ניט מיט װעמען צו טיילן זייער נײַעם לעבן. די חבר'טע אַניסימאָװאַ איז אָבער צוגעבונדן צו איר מאַן. זי האָט אים ליב. ער זי אויך. מיט די קינדער לעבט מען זייער גוט. נאָר װאָס דען — דער חבר'טע אַניסימאָװאַ קומט אויס נאָכאַנאַנד צו קעמפן פאַר איר פרײַהייט און פאַר איר פּערזאָן.

עס האַנדלט זיך דאָ ניט װעגן דער אַרבעט. דער מאַן יאַקאָװ מישט זיך נישט אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פון זײַן פרוי. ער מישט זיך אָבער אין היימישע זאַכן. עס באַקומט זיך אַזוי, אַז אויב ער קען ניט האָבן קיין איינפלוס אויסער דער שטוב, װײַל ער כאַטש באַלעבאַטעװען אין שטוב. דאָס געפעלט אים ניט און דאָס איז אים ניט צום האַרצן און דאָ איז די קו ניט אָנגעפּאָיעט (די קאָלכאָזניקעס מעגן האָבן פּריװאַטע קי) און דאָ איז די שטוב ניט צוגעראַמט.

נו, האט די חבר'טע אניסימאווא לעצטנס פארגעשלאגן אזא מין מאדוס. אזוי ווי ער און זי זיינעןביידע גלייכבארעכטיגט, אזוי ווי זיי האבן יעדער איינער זיין ארבעט און דאס הויז האבן זיי בשותפות, דעריבער זאל דער מאן זיין אזוי גוט און נעמען אויף זיך פונקט א העלפט פון דער הויז־ארבעט. זי רופט דאס: ארגאניזירן די ארבעט אויף א געזונטן באזיס. זי זאגט, אז אויב דער מאן קען ניט נייען און קען זיך ניט אזוי שנעל אויסלערנען פאר־צירעווען זאקן אדער פארריכטן א קלייד, קען ער אבער קאכן און ראמען און פוצן און אכטונג געבן אויף דער קו און קעמען און וואשן די קלענערע קינדער. זי זאגט, אז מען קען אויסרעכענען און פארטיילן די ארבעט אויף גלייך.

אויף איר קוקנדיג, האבן די אנדערע פויערטעס אויך גענומען פאדערן מער פרייהייט פון זייערע אמאליגע „ברויטגעבערס". די פויערים זיינען געווארן אויס ברויטגעבערס. יעדע פויערטע ארבעט פאר זיך. זי איז פונקט אזא פארדינערין ווי דער מאן. אירע ארבעטס־טעג ווערן געציילט און באלוינט פונקט ווי די ארבעטס־טעג פון דעם מאן. טא פארוואס זאל זי מוזן שלעפן א גרעסערע לאסט פון הויז־ארבעט, איידער איר שותף?

די פאמיליע אניסימאוו ווערט איצט איבערגעבויט אויף נייע יסודות — די יסודות פון גלייכהייט. מאן און פרוי — שותפים אין געמיינזאמען לעבן. מאן און פרוי האבן יעדערער זיין ארבעט און זיינע אינטערעסן. עס קען פאסירן, אז זיי ארבעטן אין דער זעלבינער אנשטאלט אדער באשעפטיגן זיך מיט דער זעלבער ספעציאליטעט. קענען זיי ארויסהעלפן איינער דעם אנדערן אויך אין אט דער ארבעט. עס קען אבער אויך פאסירן, אז איינער איז א מאשיניסט און דער אנדערער איז א לערער, איינער א טראקטאר־פירער און דער אנדערער א בוכהאלטער. דעמאלט איז שוין איינעמס ארבעט אפגעטיילט פונעם צווייטנס. געמיינזאם בלייבט דאס לעבן אין הויז. גע־מיינזאם בלייבן די קינדער און דאס גאנצע פאמיליען־לעבן. קיין סך צייט אין הויז פארברענגט מען ניט. עסן עסט מען מינדעסטנס איין מאל אין טאג אין דער אנשטאלט, וואו מען ארבעט. די קינדער לערנען זיך אין שול. קלענערע קינדער גיט מען אוועק אין קינדערגארטן. אויף זומער ווערן די קינדער אוועקגעשיקט אין א קאלאניע (קעמפ). אבער דאס פאמיליען־לעבן איז ניט אפגעשאפט. דער פאמיליען־בונד איז גענוג שטארק. די עלטערן מיט די קינדער בילדן איין „איינס". אין אט דעם „איינס" האבן הונדערטער יארן געהערשט די מענער. היינט איז איינגעפירט גלייכהייט. די פרוי האט צום ערשטן מאל אין איר געשיכטע באקומען אמת'ע פרייהייט.

ס. עלגין

חבר'טע מוסלימאָוואַ

פון הינטער מאָסקווע ביז טאַשקענט, אין אוזבעקיסטאַן, איז אַ ווייטע שטרעקע. אָבער פונעם לעבן פון דער חבר'טע אַניסימאָוואַ ביז דעם לעבן פון חבר'טע נוראַכאַן מוסלימאָוואַ איז די שטרעקע שוין גאָר ניט אַזוי גרויס. נוראַכאַן איז אַ פרוי פון אַ יאָר 33. די הויט פון איר פּנים איז ברוין, די האָר שוואַרץ, די קינבאַקן שטעקן אַרויס. די אויגן זיינען דורכגעשניטן אַזוי, אַז זיי בילדן אַ ווינקל איינער צום אַנדערן. דאָס מויל איז איידל געפורעמט און פעסט. סיי דאָס אויסזען פונעם פּנים, סיי די גאַנצע פיגור גיבן דעם איינדרוק פון קאָנצענטרירטער ענערגיע, פון שלאָג־קראַפט. די חבר'טע נוראַכאַן רעדט נאָך אַ געבראָכענעם רוסיש — צוריק מיט צוויי יאָר האָט זי גאָר קיין רוסיש ניט געקענט — און איר שפּראַך איז מיר ניט אַלעמאָל פאַרשטענדלעך. באַקאַנט האָבן מיר זיך אינעם קאָמוניסטישן אוניווערזיטעט פון די האַרעפּאַשניקעס פון מזרח (קוטוו) — און ס'האָבן זיך געפּאָדערט עטלעכע באַגעגענישן, ביז איך בין געוואָר געוואָרן איר ביאָגראַפיע.

זי שטאַמט פון אַ פּויערים־פאַמיליע הינטער טאַשקענט. איר פאָטער איז געווען אַן אָרעמער פּאַסטוך. זייער לעבן איז געווען פול מיט נויט. קליינערהייט האָבן די קינדער קיינמאָל צו־זאַט ניט געגעסן. קיין מילך האָבן זיי קיינמאָל ניט פאַרזוכט. קיין אייגענע פי האָבן זיי ניט געהאַט. דער פאָטער האָט זיך געמוזט פאַרדינגען צו רייכע לייט, און די פאַרדינסטן זיינען געווען אַזוי נישטיג, אַז אַ חוץ דעם, וואָס ער האָט אַליין געגעסן ביים באַלעבאָס, איז פאַר דער פאַמיליע כמעט גאָרניט געבליבן. די פאַמיליע האָט אָבער געהאַט אַן אויסזיכט אויף אַ גרויסן פאַרדינסט: די מיידעלע נוראַכאַן. ווייזט אויס, אַז זי איז געווען אַ שיינע. ווען זי איז אַלט געוואָרן 13 יאָר, האָט זי דער פאָטער פאַרקויפט אַ רייכן מאַן פאַר אַ ווייב. דער רייכער מאַן איז אַלט געווען אַ יאָר 50, און אַ חוץ פעלדער און הייזער און גרויסע סטאַדעס פערד האָט ער פאַרמאָגט אויך פיר ווייבער. נוראַכאַן איז געווען די פינפטע.

— האָט איר אים ליב געהאַט? — האָב איך געפרעגט.

נוראַכאַן טוט אַ בליץ מיט אירע שוואַרצע אויגן און שמייכלט:

— ווי האָב איך אים געקענט ליב האָבן, אַז ער וואָלט געקענט זיין מיין זיידע. ער איז געווען אַ לאַנגער און אַ דינער מיט אַ בלאַסן פּנים און אַ ווייסער באָרד און לאַנגע הענט מיט לאַנגע פינגער. ווען ער פלעגט מיך אָנרירן מיט די פינגער, איז אַ ציטער פון עקל דורכגעגאַנגען דורך מיין גאַנצן יונגן קערפּער.

דאָס איז ניט געווען אַלעס. נוראַכאַן איז געווען די אינגסטע פון די ווייבער. די איבעריגע ווייבער האָבן אויף איר געקוקט מיט קנאה און פיינט־שאַפט. זיי האָבן זי געפּייניגט. מען האָט זי אָפט אַרויסגעוואָרפן פון הויז — און זי האָט מורא געהאַט זיך קלאָגן. פאַר וועמען זאָל זי זיך קלאָגן? פאַרן אַלטן פאַרהאַסטן מאַן מיט דער לאַנגער באָרד און לאַנגע פינגער? די עלטערע פרויען האָבן פאָרט געהאַט אַ זיכערע פּאָזיציע אינעם הויז. די עלטסטע פון זיי איז געווען פאַרהייראַט שוין 20 יאָר, און זי האָט אויף זיך געקוקט ווי אויף דער גאַנצער באַלעבאָסטע. די יונגע נוראַכאַן פלעגט אָפט אַנטלויפן צום פּאָטער. אָבער אויך דער פּאָטער האָט איר קנאַפּ וואָס געקענט העלפן.

דער מאַן איז געווען אַ ריכטיגער אַזיאַטישער דעספּאָט. די פרויען האָבן זיך גערעכנט פאַר שקלאַפן. איז געקומען אַ גאַסט, האָבן אים די פרויען געדאַרפט באַדינען. די פרויען זיינען קיינמאָל ניט געזעסן מיטן מאַן ווי גלייכע מיט גלייכע. די מענער פלעגן זיך צונויפקומען, טרינקען ווייַן, ליגנדיג אויף די דיוואַנעס, רויכערן לאַנגע ליולקעס און שמועסן — און די פרויען האָבן געדאַרפט שטיין ביים טיר, גרייט אַ וואָרף צו טאָן זיך אויספּאָלגן דעם קלענסטן וואונק פון דעם מאַן דעם באַלעבאָס.

איז געקומען די רעוואָלוציע — אָבער אויך זי האָט ווייניג געענדערט אינעם לעבן פון די אוזבעקישע מאַסן אין די ערשטע יאָרן. דער קולאַק איז געווען באַלעבאָס. די אָרעמע פּויערים — „דעקכאַנעס" האָבן געאַרבעט פאַר די רייכע. דער מולאַ (גלח) האָט געפירט די גרענדע. די פרוי איז געווען פאַרשקלאַפט. אַלע פרויען האָבן געמוזט האָבן אַזוינע פאָרהענגלעך איבער זייערע פּנים'ער (פּאַראַנדזשעס). קיין מענטש האָט ניט געטאָרט זען דאָס פּנים פון אַ פרוי, אַ חוץ איר פּאָטער און איר מאַן.

נוראַכאַן איז געווען פון די ערשטע פרויען, וואָס האָבן געקעמפט פאַר זייער באַפרייאונג. די סאָוועטישע מאַכט האָט זיך איינגעפעסטיגט. די אָרטיגע סאָוועטן האָבן אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די אָרעמע געגן די רייכע. נוראַכאַן האָט דערפילט, אַז דער סאָוועט קען איר העלפן. מען האָט געגרינדעט אַ שול פאַר דערוואַקסענע. נוראַכאַן איז אַוועק זיך לערנען. איר מאַן איז געווען געגן. ער איז געקומען מיט זיינע מענטשן און זי אַרויסגעשלעפּט פון די קלאַסן און זי געבראַכט אַהיים. אָבער זי איז ווידער געגאַנגען זיך לערנען. דער מאַן האָט זי באַשטראָפט (ווי אַזוי — דערציילט ניט נוראַכאַן). זי איז אַוועק אין סאָוועט זיך קלאָגן. דער סעקרעטאַר פון דעם בילדונגס־אָפּטייל פון סאָוועט האָט אַרויסגערופן דעם אַלטן און אים געזאָגט, אַז היינט זיינען

אַנדערע צייטן, אַז אַ פֿרוי האָט אַ רעכט זיך צו לערנען, און קיינער טאָר זי ניט באַשטראָפֿן. דער אַלטער האָט זיך באַליידיקט. אים, אַ בכּבֿוד'יקן רייכן און זאַדעליקן מענטשן, זאָל עפּעס דאָרט אַ קרעציקער פּויער געבן באַפֿעלן! אָבער נוראַכאַן איז געבליבן ביי אירס. זי האָט זיך געלערנט.

פֿון דער שול צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז דער וועג ניט געווען לאַנג. נוראַכאַן ווערט אַ מיטגליד פֿון דער פּאַרטיי. נוראַכאַן הייבט זיך אָן אינטערעסירן מיט אַלע געזעלשאַפֿטלעכע פֿראַגן. זי איז טעטיק. זי איז איינע פֿון די, וועלכע העלפֿן דורכפֿירן די קאָלעקטיוויזאַציע אין איר געגנט. זי איז איינע פֿון די אַקטיוויסטן, וואָס ווערן אַרויסגערוקט קעגן די קולאַקעס. איך האָב פֿון איר ניט געקענט אַרויסבאַקומען קיין גענויע אינפֿאָרמאַציע, ווי אַזוי זי האָט זיך באַטייליקט אין „דעקולאַקיזירן" (מאַכן פֿאַר אויס קולאַק) איר אַלטן מאַן. אָבער אַ פֿאַקט איז, אַז מ'האָט אים געמאַכט אויס קולאַק. די אָרעמע פּויערים האָבן אים עקספּראָפּריאירט.

איבעריקנס איז נוראַכאַן שוין דעמאָלט ניט געווען זיין פֿרוי. זי האָט אַרונטערגענומען די פּאַראַנדזשע — דעם דעק־טוך פֿונעם פּנים — און האָט זיך געגט מיטן מאַן. זי איז געוואָרן פֿריי. זי האָט גענומען שטייגן אויף דעם געזעלשאַפֿטלעכן לייטער. אין דער זעלביקער צייט האָט זי זיך געלערנט אויף וויפֿיל עס איז מעגלעך געווען — פֿריער אין דאָרף, שפּעטער אין טאַשקענט.

ווען אַראָפּנעמען די פּאַראַנדזשע האָט מען מיר דערציילט זייער פֿיל. די פּאַראַנדזשע איז אַן אינסטיטוציע פֿון הונדערטער יאָרן. אַראָפּנעמען די פּאַראַנדזשע איז געווען פֿאַררעכנט אין יענע געגנטן פֿאַר אַ גרעסערן פֿאַרברעכן, ווי פֿאַר אַ פֿרומען אידן אַמאָליקע יאָרן זיך שמד'ן. די רעוואָלוציע אין אוזבעקיסטאַן איז געקומען ניט נאָר אין דער פֿאָרמע פֿון איינפֿירן סאָוועטן, ניט נאָר אין דער פֿאָרמע פֿון אַרויסטרייבן די אַלטע צאַרישע טשינאָווניקעס און די גרויסע פּריצים, ניט נאָר שפּעטער אין דער פֿאָרמע פֿון עקספּראָפּריאירן די קולאַקעס און קאָלעקטיוויזירן די לאַנדווירטשאַפֿט, ניט נאָר אין דער פֿאָרמע פֿון באַזיגן די „באַסמאַטשעס" — באַנדיטן, וואָס זיינען געווען דער אַוואַנגאַרד פֿון דער קאָנטער־רעוואָלוציע און אינטערווענציע — נאָר אויך אין אַראָפּנעמען די פּאַראַנדזשע. דאָס, וואָס די פֿרוי האָט אָפּגעדעקט איר פּנים, איז געווען פֿאַר דער בורזשואַז־געשטימטער מאַסע און אַפֿילו פֿאַר אַ טייל „פּראָגרעסיסטן" — אַן אומדערהערטער אַקט פֿון חוצפּה, אויסגעלאַסנקייט, ווילדקייט. עס האָט פֿאַר זיי באַדייט שיר ניט דער סוף פֿון יעדער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג און יעדער מאָראַל.

ווען איך האָב זיך באַקאַנט מיט נוראַכאַן, האָט זי שוין פאַרנומען אַ גאָר הויכן פּאָסטן אין איר לאַנד. זי איז אַ מיטגליד פונעם צענטראַל-קאָמיטעט און פונעם פּאָליט-ביוראָ פונעם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער אוזבעקיסטאַני־שער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. זי איז מיטגליד פון דעם צענטראַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט (ציק) פון די סאָוועטן פון אוזבעקיסטאַן. זי איז, קענטיג, אַ פירערין פונעם ערשטן ראַנג.

געקומען איז זי קיין מאָסקווע אין דעם קאָמוניסטישן אוניווערזיטעט פון די אַרבעטנדיגע פונעם מזרח, כדי זיך טעאָרעטיש צו פּאַרטיפן. זי האָט באַקומען אויף דערויף אַן אויפטראַג פון איר פּאַרטיי און איר רעגירונג.

וואָס הערט זיך איצט מיט איר פאַמיליען-לעבן? זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ צווייטן מאַן, אין אירע יאָרן, אַ מענטשן שוין אַ היינטיגן, אַן אָנהענגער פון די סאָוועטן. ער פאַרנעמט עפּעס אַ שטעלע אין דינסט פונעם סאָוועט. זי האָט אים ליב. אָבער . . . די חבר'טע נוראַכאַן וויל קיין סך ניט רעדן. איך מוז זי פרעגן אַ פּאָר מאָל, ביז איך ווער געוואָר, אַז דאָס לעבן איז ניט גלאַט. די הויפּט-שטרויכלונג איז די פּאַראַנדזשע. דער מאַן, טאָקע אַ היינט־וועלטיגער, קען ניט שלום מאַכן מיט דעם פאַקט, וואָס זיין פרוי טראָגט אַ נאַקעטן פּנים. דאָס נאָגט אים. זי פון איר זייט קען אים ניט פאַרגעבן אַזאַ צוריקגעשטאַנענקייט. ווידער איז זי אָוועקגעפאָרן אויף פיר יאָר קיין מאָסקווע. אמת, זי פאָרט אַלע יאָר אַהיים אויף וואַקאַציע אויף צוויי חדשים. אָבער ער פילט זיך דערנידעריגט, באַליידיגט. עס גלויבט זיך אים אויך ניט, אַז זי זאָל אין מאָסקווע ניט האָבן קיין געליבטן (אַ פרוי, וואָס האָט אַראָפּ־גענומען די פּאַראַנדזשע, דאַכט זיך אים, איז פייאיג אויף אַלצדינג). זיין אָריענטאַלישע פאַנטאַזיע מאָלט אים אַלערליי בילדער. ער איז אייפערזיכטיג. הינטער דעם אַלעם לויערט דאָס באַוואוסטזיין, אַז איר לעבן איז אינגאַנצן אויסער זיין קאָנטראָל.

— מען וועט דאַרפן ווי ניט איז איינרעגולירן דאָס לעבן, — זאָגט חבר'טע נוראַכאַן.

איינרעגולירן דאָס לעבן — דאָס הייסט שאַפן נייע באַציאונגען צווישן מאַן און פרוי, שאַפן אַ נייעם צוגאַנג צו דער ליבע און צום פאַמיליען-לעבן. דאָס ווערט איצט געטאָן אין סאָוועטן-פאַרבאַנד. דאָס איז נויטיג פאַר דער נייער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, וואָס ווערט געבויט.

ליבע צווישן גלייכע

.1934

פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין סאָוועטן־פאַר־באַנד, האָב איך ניט באַמערקט קיין גראָבקייט אין דער באַציאונג צווישן מאַן און פרוי. איך בין געווען אין די גרויסע שטעט, און איך בין געווען אין די קלענערע שטעט און אין דערפער, — און אומעטום, אין גאַסן און פּאַרקן, אין טעאַטערס און רעסטאָראַנען, אין מוזייען און אין קלובן און אין די ערטער, וואו מענטשן אַרבעטן, אין פאַבריקן און אויף די פעלדער, איז מיר ניט אויסגעקומען צו באַמערקן, אַז אַ מאַן זאָל זיך ווענדן צו דער פרוי מיט דעם פּאַסקודנע גלעכטערל און מיט די ציניש ווערטעלעך, מיט וועלכע דער מאַנסביל ווענדט זיך אָפּט צו דער פרוי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. איך האָב זיך ניט באַנוגנט מיט מיינע אייגענע באַאָבאַכטונגען. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט ביי מענטשן אין פאַרשיידענע ערטער. די שמועסן האָבן באַשטעטיקט מיין איינדרוק. עס איז דאָ אַ נייע באַציאונג צווישן מאַן און פרוי.

צוויי זאַכן האָבן געשאַפן די נייע באַציאונג: די העכערע מדרגה פון קולטור און די עקאָנאָמישע גלייכהייט פון דער פרוי. מענטשן פון אַ העכערער קולטור אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער זיינען אָפּט ניט בעסער אין זייער באַציאונג צו דער פרוי, ווי אומקולטורעלע מענטשן. די סאָוועטישע קולטור איז אָבער אַנדערש. זי לערנט דעם מענטשן צו באַציען זיך צו אַנדערע ווי צו גלייכע. זי לערנט אַכטונג פאַר דער מענטשלעכער פּערזאָן. און דער עיקר: זי שטעלט אַוועק סיי פאַרן מאַן, סיי פאַר דער פרוי אַן אידעאַל, וואָס באַלעבט זייער אַרבעט. זי גיט דעם מענטשן אַ ניי לעבנס־געפיל. במילא מוז שוין זיין ביי די סאָוועטישע מענטשן אַן אַנדער באַציאונג צווישן מאַן און פרוי. אָבער די דאָזיגע באַציאונג וואָלט ניט געווען דאָס, וואָס זי איז איצט, ווען ניט דער פאַקט, וואָס די פרוי הענגט ניט אָפּ פונעם מאַן.

אמת, עס זיינען דאָ אַ סך פאַלן, וואו דער מאַן איז דער „ברויטגעבער". עס איז נאָך דאָ די פרוי, וואָס פאַרנעמט זיך נאָר מיט הויז־אַרבעט אין איר פאַמיליע. אָבער דאָס איז דער אויסנאַם און ניט דער כלל. די צאָל פון אַזוינע פרויען ווערט אַלץ קלענער, ווייל אַפילו די אָפּגעשטאַנענע פרוי וויל מער ניט זיצן אין דער היים און זיין אַ קעכין פאַר איר מאַן מיט די קינדער, ווען זי קען זיך אונטערלערנען און ווערן אַ מענטש מיט לייטן גלייך. די גרעסטע מערהייט אַפילו פאַרהייראַטע פרויען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַר־דינט זיך אַליין אויפן לעבן. אומפאַרהייראַטע פרויען זיינען אַלע זעלבסט־שטענדיג.

דערפון נעמט זיך, אַז הייראַט פאַר דער פרוי איז ניט קיין מיטל צו באַפרייען זיך פון דעם שאַפ, ווי מיר זעען דאָס אַזוי אָפט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אודאי איז די הייראַט ניט קיין מיטל צו דערגרייכן אַ „תכלית", ווי דאָס איז דער פאַל מיט די בורזשואַזע פרויען. אמת, אַ יונגע אינטעליגענטקע קוואַפּעט זיך נאָך איצט אויך צו הייראַטן אַן עלטערן פּראָפעסאָר, וועלכער פאַרדינט גוט, און האָט אַ גוטע שטעלע. עס טרעפט נאָך אַמאָל, אַז די יונגע סעקרעטאַרקע זאָל הייראַטן דעם פאַרוואַלטער פון דער אָפּטיילונג, וועלכער איז עלטער פון איר מיט פופצן אָדער צוואַנציג יאָר — נאָר דערפאַר, וואָס ער איז אַן אָנגעזעענער מענטש און פאַרנעמט אַ הויכע שטעלע. אָבער דאָס זיינען שוין ניט קיין טיפּישע דערשיינונגען. דאָס זיינען זאַכן, וואָס באַגעגענען זיך אַלץ וויניגער. דער כלל איז, אַז יונגט הייראַט יוגנט. מען טראַכט דערביי זייער ווייניג וועגן דער עקאָנאָמישער זייט פונעם לעבן. ער פאַרדינט, זי פאַרדינט — וועט מען זיך דורכשלאָגן. עס פּאַסירט, אַז ער פאַרדינט און זי לערנט — זי קריגט דערביי געוויינטלעך אַ סטיפּענדיום פון 200-150 רובל אַ חודש: קען מען לעבן. עס פּאַסירט, אַז זי פאַרדינט, און ער לערנט — ווערט דאָס אויך פאַררעכנט פאַר נאָרמאַל.

איז דערמיט שוין פאַרענטפערט די פראַגע פון פאַמיליען-לעבן? דער פאַקט איז, אַז די פאַמיליע געפינט זיך נאָך אין אַן איבערגאַנג-צושטאַנד. די אַלטע פאָרמען פון דער פאַמיליע, וואָס מען האָט גע'ירשנ'ט פון דער בורזשואַזיע, האַלטן אין פאַרשווינדן. די נייע פאָרמען פון דער פאַמיליע, געבויט אויף גלייכהייט און געגנזייטיגער אַכטונג, ווערן ערשט געשאַפן. ווי עס וועט אויסזען די פאַמיליע פון דער צוקונפט — און צי וועט בכלל זיין אַ פאַמיליע, וואָס דערמאָנט אָן די „אַלטע גוטע צייטן" איז אַ פראַגע, אויף וועלכער מען קען נאָך איצט ניט ענטפערן מיט באַשטימטקייט. אָבער דאָס, וואָס ס'איז שוין געשאַפן געוואָרן, איז אַ רעוואָלוציע אין די באַציאונגען צווישן די געשלעכטער.

מיר איז באַקאַנט אַ יונגע מיידל אין סאָוועטן-פאַרבאַנד, וועלכע האָט אַ קינד און האָט ניט קיין מאַן. דאָס קינד לעבט מיט איר. זי איז די דערציערין. ווען מען פאַרשרייבט אַ קינד אין די ביכער, דאַרף מען אָנגעבן דעם נאָמען און דעם טאַטנ'ס נאָמען. די יונגע מוטער האָט אָנגעגעבן איר אייגענעם נאָמען. קיינער קוקט אויף איר ניט ווי אויף אימיצן, וואָס איז באַגאַנגען עפּעס אוממאָראַלישס. קיינעם וועט ניט איינפאַלן טראַכטן וועגן קינד ווי וועגן אַן „אומגעזעצלעך" קינד. יעדער קינד איז געזעצלעך אין סאָוועטן-פאַרבאַנד. קיינער טראַכט ניט (אַ חוץ אַ בורזשואַזיש-געשטימטע

נישטיגע מינדערהייט פון „געוועזענע מענטשן", וועלכע קענען זיך ניט באַפרייען פון אַמאָליגע באַגריפן), אַז ס'איז דאָ „געזעצלעכע" ליבע און „אומגעזעצלעכע" ליבע. דאָס הייראַטן אינעם פאָרמעלן זין פונעם וואָרט — ד. ה. דאָס פאַרשרייבן זיך אין „זאַגס" (ביוראָ פון רעגיסטראַציע) שפּילט ניט קיין באַזונדערע ראָלע. אויב מענטשן ווילן, פאַרשרייבן זיי זיך אָפיציעל ווי מאַן און ווייב, אויב זיי ווילן ניט און לעבן צוזאַמען, וועט קיינער ניט קוקן אויף זייער ליבע ווי „אוממאָראַליש".

דעריבער הערט מען זעלטן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד דאָס וואָרט „געליבטע" אָדער „געליבטער" — און אָנשטאָט דעם הערט מען די ווערטער „מאַן" און „ווייב". ווען צוויי מענטשן לעבן צוזאַמען, זיינען זיי מאַן און ווייב און רופן זיך מאַן און ווייב, צי זיי האָבן זיך פאַרשריבן אין „זאַגס" צי ניט. אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער טרעפט אָפט, אַז אַ מאַן פאַרמאָגט אי אַ פרוי, אי אַ געליבטע, און אַ פרוי פאַרמאָגט אי אַ מאַן, אי אַ געליבטן: דער מאַן און דאָס ווייב זיינען דער „פונדאַמענט", דער „תכלית", די אָנערקענטע פון דער געזעלשאַפט; דער געליבטער און די געליבטע זיינען דער סענטימענט, דער „ראָמאַנס". אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אָט די צעטיילונג אין אַ גרויסער מאָס אָפּגעשאַפט.

ווי לאַנג לעבט מען צוזאַמען? עס איז פאַרשפּרייט אַ מיינונג, אַז מאַן און ווייב שיידן זיך זייער שנעל אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַז, ווי מען דריקט זיך אויס וואולגאַר, „מענער בייטן אָפט זייערע פרויען און פרויען בייטן אָפט זייערע מענער". מען דערקלערט עס דערמיט, ערשטנס, וואָס די פראַגע פון פרנסה, די עקאָנאָמישע פראַגע, האָט כמעט אויפגעהערט שפּילן אַ ראָלע, צווייטנס דערמיט, וואָס עס איז לייכט צו גט'ן זיך, ווייל עס פאָדערט זיך די דעקלאַראַציע בלויז פון איין צד. דער אמת איז, אַז וועדליג מיינע באַאָבאַכטונגען, איז די פאַמיליע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אַ סך מער סטאַביל, ווי מען שטעלט זיך עס פאָר. עס איז, אמת, ניטאָ דער אייגנטום־פונדאַמענט פון דער בורזשואַזער פאַמיליע. עס איז אָבער דאָ דער מאָמענט פון געגנזייטיגער אַכטונג. אחוץ דעם איז דאָ די געזעלשאַפטלעכע מיינונג.

די געזעלשאַפטלעכע מיינונג שפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע אין באַשטימען די אויפפירונג פון די סאָוועטישע מענטשן, דער עיקר פון די קאָמוניסטן און קאָמסאָמאָלצעס. די געזעלשאַפטלעכע מיינונג ווערט געשאַפן דורך דער פּאַרטיי אַפילו אין אַזוינע פראַגן, ווענן וועלכע עס איז ניטאָ קיין באַשטימטער באַשלוס, זי ווערט געשאַפן דורך דעם קאָמסאָמאָל, דורך דער פרעסע, דורך דער ליטעראַטור און טעאַטער. די געזעלשאַפטלעכע מיינונג אין סאָוועטן־

פארבאנד איז געגן „פליער", געגן לייכטזיניגן שיידן זיך מיט דער פרוי אדער מיטן מאן.

א וויכטיגער מאמענט זיינען די קינדער. עס איז נאטירלעך פאר דעם מאן און דער פרוי, אז זיי זאלן וועלן דערציען זייער קינד געמיינזאם. אמת, ווען מאן און פרוי שיידן זיך און דאס קינד בלייבט ביי איינעם פון די עלטערן, איז דאס ניט אזא גרויסע טראגעדיע, ווי אין די קאפיטאליסטישע לענדער. די געזעלשאפטלעכע מיינונג באטראכט ניט דאס קינד פון א גע'גט'ן פאר־פאלק מיט אנדערע אויגן, ווי דאס קינד, וועמעס עלטערן לעבן צוזאמען. אבער דאך איז די פראגע פון קינדער־דערציאונג א מאמענט, וואס בינדט צוזאמען דעם פאטער און די מוטער. דער רעזולטאט איז, אז די פאמיליע עקזיסטירט, און כאטש עס זיינען ניטא קיין ציפערן וועגן דער צאל גט'ן, קען מען זאגן אויפן גרונט פון באאבאכטונגען און נאכפראגן, אז די צאל שיידונגען איז בערך ניט גרויס. מעגלעך, אז זי איז ניט גרעסער, ווי אין איניגע קאפיטאליסטישע לענדער.

די פראגע ווי אזוי אויפצובויען דאס פאמיליע־לעבן איז נאך ניט גע־לייזט. דער מאן ארבעט אין איין אינסטיטוציע; די פרוי ארבעט אין אן אנדער אינסטיטוציע. דער מאן איז פארנומען איניגע אוונטן אין וואך; די פרוי איז פארנומען אין אנדערע אוונטן. דער מאן האט זיין „געזעל־שאפטלעכע אנלאדונג" — געזעלשאפטלעכע ארבעט, וואס ער דארף טאן אויסער זיין געוויינטלעכער ארבעט; די פרוי האט אירע. עס קען טרעפן, אז טעג נאכאנאנד זאלן זיי זיך זען נאר שפעט אין אוונט. וואס בלייבט זיי? דער אפרו־טאג, איינער אין זעקס טעג, ווען אלע זיינען פריי און אלע קענען פארברענגען צוזאמען.

דאס האט זיינע פאזיטיווע זייטן. ווען צוויי גלייכבארעכטיגטע מענטשן באגעגענען זיך נאך זייער ארבעט אויפן באדן פון געגנזייטיגער אנערקענונג און צוציאונג, איז דאס א געזונטע און פרייליכע באגעגעניש. עס פעלט דארט די שוידערלעכע לאנגווייליגקייט פון דער בורזשואזער פאמיליע; עס פעלט דאס, וואס מענטשן דערעסן זיך אין דער בורזשואזער פאמיליע אזוי שטארק, אז זיי האבן שוין ניט וואס צו רעדן איינער צום צווייטן. דאס אליין, וואס מענטשן קומען אהיים מיט א סך אפגעטאנענער ארבעט און וואס זיי קענען זיך טיילן מיט די איינדרוקן פון זייער ארבעט און זייער לעבן, העלפנדיג איינער דעם אנדערן מיט ראט און סימפאטיע, איז א גרויסע דערגרייכונג.

א מענטש, וואס איז געקומען פון די קאפיטאליסטישע לענדער, וואונ־דערט זיך אפט אויף דעם ארט צוזאמענלעבן פון מאן און ווייב אין סאוועטן־

פארבאנד. עס קומט וואקאציע. די פרוי קען נעמען וואקאציע אין איין חודש, דער מאן אין א צווייטן חודש. די פרוי באקומט א „פוטיאווקע" (אנווייזונג) אין איין סאנאטאריום, דער מאן אין א צווייטער. איך האב באגעגנט חברים, וואס האבן פארבראכט זייער וואקאציע אין דער זעלביגער געגנט פון קאווקאז אדער קרים, אבער אין פארשיידענע ערטער. ווען איך האב זיך געוואונדערט פארוואס דאס איז אזוי, האבן די חברים זיך גע־וואונדערט אויף מיין וואונדערן זיך. ביי זיי איז דאס אויסגעקומען נארמאל.

און דאס גלייכן מיט די קינדער. קינדער פארברענגען דעם טאג אין שול אדער אין קינדערגארטן. אין אוונט קומען זיי אהיים. זומער פארברענגען זיי אין קינדער־לאגער (קעמפ). פרייע צייט פארברענגען זיי מערסטנס אין דער פיאנערן־ארגאניזאציע, אדער טוענדיג אנדערע קינדעריש־געזעלשאפט־לעכע ארבעט. ביי זיי אנטוויקלט זיך א גייסט פון זעלבשטענדיגקייט, אן אייגענע איניציאטיווע. זיי קוקן ניט אויף זייערע עלטערן ווי אויף הערשער, באפעלער און באלעבאטים. אין א קאמוניסטישער פאמיליע און בכלל אין סאוועטישע היינטיגע פאמיליעס קענען טאטע־מאמע זיין נאר עלטערע פריינט פון זייערע קינדער. אויך דא איז איינגעפירט א גלייכקייט.

די בורזשואזיע האט זיך שטארק „געזארגט" וועגן דער מאראל פונעם סאוועטן־פארבאנד. עס איז מיין איינדרוק, אז דער סאוועטן־פארבאנד איז דאס מאראלישסטע לאנד אין דער וועלט. דער גרויסער ליגן פון דער בור־זשואזער פאמיליע האלט אין פארשווינדן. די נייע פאמיליע שיילט זיך ארויס פון דעם טומל און נערודער פון א נייער וועלט, וואס ווערט שנעל געבויט. ערלעכקייט צווישן מאן און פרוי, אויפריכטיגקייט, געגנזייטיגע אכטונג פאר־נעמען דעם פלאץ פון נארעריי, צבוע'קעריי און באהערשונג. א געזונט לעבן שפראצט אויף די חורבות פון דעם אלטן.

פונקט ווי אלע קולטורעלע פראגן האבן איצט אנגעהויבן אינטערעסירן די סאוועטישע מאסן טיפער ווי פריער, אזוי איז איצט די פראגע פון ליבע און פאמיליע ערנסטער אוועקגעשטעלט אויף דער טאג־ארדענונג. און וואס די נייע געזעלשאפט אונטער דער פירערשאפט פון דער קאמוניסטישער פארטיי שטעלט אויף איר טאג־ארדענונג, דאס ווערט אין גיכן געלייזט אויף א שעפערישן אופן.

איינס זעט מען באלד, אויב מען האט נאר אויגן: עס לעבט זיך זיי בעסער אין זייער פאמיליען־לעבן, ווי וואו ניט איז אין די קאפיטאליסטישע לענדער. די סאוועטישע יוגנט לערנט זיך אלץ מער ווי צו לעבן א מענטשלעך לעבן, און אין דעם לעבן שפילט די ליבע און די פאמיליע א גרויסע ראלע.

קינדער אין מאָסקווער פּאַרק

.1934

עס איז גוט צו קוקן, ווי גאָלד שמעלצט זיך אויף בלעטער פון ביימער אין אַ פּאַרק זומער בייטאָג. עס איז גוט צו קוקן, ווי גאָלד גיסט זיך אַראָפּ אין דינע שנירעלעך און שפּרייט זיך אויס ווי אַ קרוינדל איבערן קאָפּ פון אַ בלימל אונטן. עס איז גוט צו הערן דעם קאָנצערט, וואָס רופט זיך איבער פון בוים־שפּיץ צו קוסט און קייקלט זיך אַוועק אין דעם העלן, ברייטן לופטן־רוים. עס איז אַ פרייד צו זען, ווי די שטאַמען וויגן זיך פּאַוואָליע אונטערן אָנשפּאַר פון אַ ווינטל, וואָס פילט זיך קוים, אָבער וואָס ציט מיט קראַפט. עס איז גוט צו זיין אין פּאַרק זומער בייטאָג.

עס איז גוט זיך אויסציען אויפן גראָז מיטן פּנים אַרויף, פאַרלייגן די הענט אונטערן קאָפּ און גלאַט קוקן. דאָס גראָז איז גרין און קיצלט די אויערן און די האָר. איין גרעזל איז לענגער און הויבט זיך אין דער לופט אַריין מיט אַ בעזימל קליינע זאַנגען. דער הימל איז דורכגעשטראָכן מיט צווייגלעך און בלעטער. דער הימל איז אַ בלאָער, אָבער איבער אים שווימען ווייסע וואָלקנס. אויב דו ליגסט רואיג און קוקסט אויף די וואָלקענדלעך, הויבט זיך דיר אָן דאַכטן, אַז די ביימער שווימען, דו אַליין שווימסט צוזאַמען מיט דער ערד, אויף וועלכער דו ליגסט. עס איז גוט צו ליגן אויפן גראָז און צו פילן די מאַכט פון דער ערד אונטער דיר.

אַז איך פאַרקליב זיך אינעם פּאַרק פון קולטור און אָפּרו ניט ווייט פונעם מאָסקוואַ־טייך און צי זיך אויס אויף אַ שטיקל גרינעם גראָז און קלייב זיך לייענען אַ נייעם אָקאָרשט־אַרויסגעגאַנגענעם סאָוועטישן ראָמאַן, און ווייס, אַז קיין סך וועל איך ניט לייענען, ווייל עס איז דאָ צופיל וואָס צו זען און הערן — איז ווער איז צו מיר גליך. די לופט איז קלאָר. דער טאָג איז שיין. די ביימער — הויך. דאָס גראָז — געדיכט. ווען איך הויב זיך אויף אויפן עלנבויגן, קען איך זען דעם טייך — און ער איז אַ בלאָ־באַוועג־לעכער, אַ פליסנדיגער, ווי געקנייטשטע זייד. פון דערווייטנס שפּילט אַ ראַדיאָ־הויכריידער עפּעס אַ מאָטיוו. אָבער עס איז גענוג ווייט; די מוזיק שטערט ניט; פאַרקערט, זי גיסט זיך אַריין אין דעם אַלגעמיינעם שטראָם פון קלאַנגען: פייגל־פּישטשעריי, בוים־הודזש, וואַסער־רויש, ווייטע גלעקע־לעך פון טראַמוואַיען. גוט צו ליגן אַזוי און טראַכטן וועגן אַלץ און וועגן גאָרניט.

אז עס רייסט זיך אַריין אין דער שטילקייט אַ כּאַליאַסטרע קינדער, פיל איך זיך ניט געשטערט. ווי קענען קינדער שטערן אין אַזאַ לאַנד, אין אַזאַ אָרט?

אָבער לאָמיר זיך פריער אַנטשולדיגן פאַרן וואָרט „כּאַליאַסטרע". דאָס איז ניט קיין פּאַסיגער אויסדרוק. די קינדער וואָלטן פאַר אים פאַראיבל געהאַט. כּאַליאַסטרע — דאָס איז כּמעט אַזוי ווי „מאָב": אומאָרגאַניזירטע, אומפאַרבונדענע מענטשן, וואָס געפינען זיך צופעליק אין איין אָרט. ווענן אַט די קינדער האָט מען דאָס ניט געקענט זאָגן. ס'איז געווען אַ פּיאָנערן־גרופּע, אַ פּיאָנערן־ריננ: אַ פּאָר צענדליק קינדער, וואָס זיינען, ווי איך בין שפּעטער געוואָר געוואָרן, געקומען מיט אַ באַשטימטן צוועק. דאָ האָבן זיי זיך אָוועקגעזעצט אָפּרוען און איבערכאַפּן דעם אָטעם.

איך האָב זיך מיט זיי צערעדט. עס איז מיר ניט שווער צו פאַרבינדן אַ געשפּרעך מיט סאָוועטישע קינדער אָדער מיט סאָוועטישע דערוואַקסענע. איך דאַרף נאָר וויַיזן, אַז איך קום פון אויסלאַנד, פון אַמעריקע. דער אינ־טערעס איז באַלד דערוועקט. באַלד הויבט מען אָן פרעגן פראַגעס. די פאַרבינדונג איז דאָ.

מיט אונזערע קינדער איז די זאַך געווען גאָר איינפאַך. אין עטלעכע מינוט האָבן זיי שוין געוואוסט, ווער איך בין, וואָס איך טו אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און ווען איך קלייב זיך פאָרן צוריק. זיי, פון זייער זייט, האָבן מיר דערציילט, אַז זיי זיינען אַ גרופּע פון אַ זאַוואָד הינטער מאָסקווע, אַז זיי שטייען אין אַ לאַגער, נאָר געקומען זיינען זיי אין שטאָט אַריין אויף אַ פּאָר טעג און אַז דער באַזוך אין פּאַרק פון קולטור און אָפּרו איז אַן עקסקורסיע מיט אַ בילדונג־צוועק.

איך באַטראַכט די קינדער. זיי זיינען ניט אָנגעפּאַשעט, אָבער געזונט. די פּנים'ער — פאַרברוינט פון דער זון. די אויגן ליכטיג. די זומערדיגע קליידער — וויַיס און ריין. די קעפּ — מערסטנס גלאַט געשוירן. דער אויסדרוק — ענערגיש, לעבעדיג, נייגעריג, פריי. איך טראַכט מיר, אַז דאָ האָב איך אַ געלעגנהייט צו מאַכן אַן אינטערוויו. איך האָב שוין אַזוי פיל מאָל אינטערוויוירט דערוואַקסענע. לאָמיך אינטערוויוירן דאָס קליינוואַרג.

דאָס איז אַן אָרגאַניזירטע חברה. ווען איך לאָז זיי וויסן, אַז געוואויר ווערן איינצלהייטן וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אַ טייל פון מיין פּאַרטיי־אַרבעט, זיינען זיי גרייט זיך צו לאָזן אויספרעגן. מיר באַשטימען, אַז יעדער איינער, וועמען איך וועל פרעגן, זאָל ענטפערן פאַר זיך, און די איבעריגע זאָלן אים ניט העלפן.

איך פרעג:

— ווער פון אייך האָט געזען אַ פאַבריקאַנט?

קיינער ענטפערט נים. קיינער עפנט נים אַ מויל. איך זע אפילו אַן אויסדרוק פון פאַרוואונדערונג אויף זייערע פּנים'ער. עס איז זיי מאָדנע, וואָס איך פרעג אַזאַ פראַגע.

איך פרעג איינעם, אַ בלאָנדן מיט פינקלדיגע אייגעלעך און גרויסע אויערן:

— קענסטו מיר דערקלערן, וואָס איז אַזוינס אַ פאַבריקאַנט?

אודאי קען ער:

— אַן עקספּלואַטאַטאָר.

— וועמען עקספּלואַטירט ער?

— די אַרבעטער.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס אַלץ?

— מיר האָבן דאָס געלערנט אין שול.

דאָ וויל איך מיר דערלויבן אַ שפּאַס. איך פרעג:

— קענסטו מיר אפשר אויסמאָלן, ווי עס זעט אויס אַ קאַפּיטאַליסט?

יענער טראַכט גאָר ווייניג. ער מאָלט מיט דער האַנט אַ גרויסן בויך.

— זיינען דאָ קליינע קאַפּיטאַליסטן אין סאָוועטן-פאַרבאַנד?

דאָס איז אַ פראַגע, וואָס שטעלט אַלעמען אין פאַרלעגנהייט. שטערנס קנייטשן זיך. פּנים'ער שטרענגען זיך אָן. אַ מיידעלע פון אַ יאָר 13, מיט צוויי דינע פאַרפלאָכטענע צעפּעלעך, וואָס זיינען אויפן עק פאַרבונדן מיט בלאָע סטענגעלעך, ווייסט דעם ענטפער.

— ביי אונז אין גאַס איז פאַראיאָרן געווען אַ פאַרקויפער פון ביכער אויף אַ שטעלכל. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז דאָס איז דער לעצטער פון די קאַפּיטאַליסטן. ער האָט נאָך געהאַנדלט מיט פריוואַטן קאַפּיטאַל.

— און וואָס איז פון אים געוואָרן? וואו איז ער איצט?

— ער האָט זיך אַנגעשלאָסן אין אַן אַרטעל.

דער געשפּרעך גייט אַריבער צו פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פראַגן. וויסן זיי, וואָס ס'איז אַזוינס אַרבעטלאָזיגקייט? אודאי וויסן זיי. זיי לייענען אין די צייטונגען וועגן אַרבעטלאָזיגקייט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. זיי וויסן, אַז אין אַמעריקע איז דאָ 12 מיליאָן אַרבעטסלאָזע. אָבער האָבן זיי ווען-ניט-איז געזען אַן אַרבעטלאָזן? דאָס נים. ביי זיי איז קיין אַרבעט-לאָזע ניטאָ. וויסן זיי, וואָס ס'איז אַזוינס אַ „מוזשיק"? אויך דאָס וויסן זיי. אַזוי פלעגן אַמאָל די פּריצים רופן די פּויערים. אָבער היינט איז שוין

ניטאָ קיין מוזשיקעס. היינט איז שוין ניטאָ קיין קריעסטיאַנעס אויך. היינט איז דאָ — קאָלכאָזניקעס.

אָבער דאָ הויבן זיי זיך אָן בייטן מיט די ראָלן און הויבן אָן אינטער־וויואירן דעם אַמעריקאַנער. צי איז טאַקע אמת, אַז אין אַמעריקע איז ניטאָ קיין סאָציאַלע פאַרזיכערונג? צי איז טאַקע אמת, אַז אין אַמעריקע וואַרפט מען אַרבעטער אַרויס פון די וואוינונגען? צי איז טאַקע אמת, אַז אין אַמעריקע באַפאַלט מען דעמאָנסטראַנטן אין די גאַסן? צי וועט אַמעריקע מלחמה האַלטן געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד?

אין יענעם שיינעם זומער־בייטאָג האָב איך זיך פלוצלונג אַרומגעקוקט, אַז איך האַלט אַ לעקציע פאַר אַ גאַר יונגער אוידיטאָריע, אַ לעקציע וועגן די סאָציאַלע קרעפטן אין די פאַראייניגטע שטאַטן. מיט פלאַמיגן אינטערעס זיינען די קינדער געזעסן און געהערט מיין באַריכט. מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב קיינמאָל אַזוינע אויפמערקזאַמע הערער ניט געהאַט. איך בין זיכער, אַז איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט אַזאַ פאַרגעניגן פון אַ פאָרטראָג.

צום שלום האָבן די פּיאָנערן מיך געבעטן, איך זאָל איבערגעבן „די אַמעריקאַנישע חברים" זייער גרוס. איך טו דאָס.